מַהֲדוּרַת ווַעבֶּערמַאן

## סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## חֵלֶק ח'

### אִידִישׁ

שֵׁיינֶע הֶערְלִיכֶע בְּרִיוְון גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, פוּל מִיט הִתְחַזְּקוּת וִוי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנַאם קֶען זוֹכֶה זַיין מַצְלִיחַ צוּ זַיין אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וֶועלְכֶע מַצָּב עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, מִיט עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת אוֹיפְ'ן טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן.

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּ'ין,

אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵינוּ וְרַבֵּנוּ

**רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

**רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵייעֶר תַּלְמִיד וָואס הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט

זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

**כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

גֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, וּכְתוּבִים,

אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן דִי גְמָרָא

אוּן מִדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ.


אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב

עִיר הַקֹּדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם תובב"א

מכון עצתו אמונה

הוצאת ספרי רבינו זכותו יגן עלינו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש

**וויליאמסבורג**

**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש

**בארא פארק**

**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש

**קרית יואל**

**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש

**קרית יואל**

**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש

**בלומינגראוו**

**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש

**מאנסי**

**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש

**ירושלים**

**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש

**בני ברק**

**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

**נדפס ע"י**

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**

**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**

**212.444.9169**

סדר ועימוד, כריכה ושערים:
**א.י.ש. אשדוד**
08-8650078
0527627127

# לזכר עולם יהיה צדיק

לִכְבוֹד נִשְׁמַת מְאוֹר עֵינֵינוּ חִיּוּת נַפְשֵׁנוּ,

אֲשֶׁר נָשָׂא אוֹתָנוּ עַל לִבּוֹ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק, לְהַחֲיוֹתֵנוּ כְּהַיּוֹם הַזֶּה, לְהַטְעִימֵנוּ מִצּוּף עֲרֵבוּת נְעִימוּת, יְדִידוּת, זִיו הֶאָרַת שְׁכִינַת עֻזּוֹ יִתְבָּרֵךְ, וְהֶחְדִּיר בְּרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל בְּכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ - אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזֻכֶּכֶת בּוֹ יִתְבָּרֵךְ, וְקֵרֵב אַלְפֵי נְשָׁמוֹת אֶל הַחֵן וְהַיֹּפִי אֲשֶׁר בַּנַּחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה שׁוֹרֶה, הוּא נִיהוּ הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק, אִישׁ הָאֶשְׁכּוֹלוֹת - שֶׁהַכֹּל בּוֹ, הֶחָסִיד הָאֲמִתִּי עוֹבֵד ה' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מָסַר נַפְשׁוֹ אֵלָיו יִתְבָּרֵךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם מִיּוֹם עָמְדוֹ עַל דַּעְתּוֹ, וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו, רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן וְקֵרְבָם אֵלָיו יִתְבָּרֵךְ, הֶעֱמִיד תַּלְמִידִים רַבִּים, יִרְאֵי ה' וְחוֹשְׁבֵי שְׁמוֹ, בַּעַל הַמְחַבֵּר סִפְרֵי שׁוּ"ת 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', וְסֵפֶר 'שְׂפַת הַנַּחַל' פֵּרוּשׁ עַל הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. וְקִבֵּץ וְלִקֵּט סְפָרִים רַבִּים וְנִכְבָּדִים מִדִּבְרֵי רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ מוֹהֲרַ"ן מִבְּרֶסְלֶב, וְתַלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ מוֹהַרְנַ"ת - זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. וְהֵפִיצָם בְּכָל קַצְוֵי תֵּבֵל, וּבִפְרַטִיּוּת הַקּוּנְטְרֵסִים הַמְּפֻרְסָמִים שֶׁהֶחֱיוּ אֲלָפִים וְרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וְחִזְּקוּ אוֹתָם לַחֲזוֹר בִּתְשׁוּבָה.

עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ, נֵזֶר תִּפְאַרְתֵּנוּ, הַמַּלְאָךְ הַנִּצָּב עַל רֹאשׁ דֶּרֶךְ, עַמּוּד הָאֵשׁ אֲשֶׁר לִפְנֵי הַמַּחֲנֶה, מוֹרֶה דֶּרֶךְ וּמְשׁוֹבֵב נְתִיבוֹת

מוֹרֵנוּ וּמְאוֹרֵנוּ

## רַבִּי אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה זצוקללה"ה

בֶּן הַגָּאוֹן רַבִּי מְנַחֵם זְאֵב זַצַ"ל

הָרַב מִטּאֹקַאי וּבַעַל הַ'מִּנְחַת זְאֵב' וְעוֹד

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל**

בְּחַד קְטִירָא אִתְקַטִּיר לִישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה

לְהִתְלוֹנֵן בְּצֵל צַח הַצַּדִּיקִים אֲשֶׁר בְּגַן עֵדֶן

י"ז שְׁבָט תשע"ה

**תְּהֵא נִשְׁמָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים**

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מורינו **ראש הישיבה** שליט"א

וזוגתו

**אסתר גיטל** תחי',

וילדיהם

**שלמה** ומשפ',

**אלחנן חיים** ומשפ',

**מרים העניא זיסל** ומשפ',

**שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**

**רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל**

הקדוש ברוך הוא ימלא

את כל משאלות לבם לטובה

ויתברכו מפי עליון

בבני חיי ומזוני רוויחא

ויזכו לרות רוב נחת דקדושה

מכל יוצאי חלציהם

אמן כן יהי רצון

# אַ וָוארְט פוּן דִי אַרוֹיסְגֶעבֶּער

מִיר קֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן גְרוֹיסְן צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, צוּ בַּאלַייכְטְן אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן עֵצוֹת. וָואס מִיט זֵיי קֶען יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנַאם, פוּנֶעם קְלֶענְסְטְן בִּיזְ'ן גְרֶעסְטְן, זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּקוּמֶען צוּ דִי מֶערְסְטֶע וָואס מֶען קֶען נָאר צוּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן שנ"ח): "מִיט יֶעדֶע תּוֹרָה אָדֶער שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ זָאג, קֶען מֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַזוֹי וִוי אִיךְ וֵוייס וָואס עֶס מֵיינְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", ווייל יֶעדֶע תּוֹרָה אוּן שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קֶען צוּנִיץ קוּמֶען סֵיי פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק וָואס עֶר קֶען פוּן דֶעם אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין מַדְרֵיגָה; אוּן עֶס קֶען אוֹיךְ צוּנִיץ קוּמֶען פַאר'ן נִידְרִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ, עֶס וֶועט אִים אוֹיךְ וַוייזְן אַ וֶועג אִין זַיין מַצָב, וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ר"ט) אַז דִי אַלֶע תּוֹרוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, זֶענֶען נִישְׁט גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן נָאר פַאר זַיין דוֹר, נָאר אוֹיךְ פַאר דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע דוֹרוֹת. אוּן דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי אַלֶע תּוֹרוֹת אוּן עֵצוֹת אוֹיךְ פַאר דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ עַד סוֹף כָּל הַדוֹרוֹת. אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם) מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע בְּרֶען דֶעם פָּסוּק (דְבָרִים ד, ט) "וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ וְלִבְנֵי בָנֶיךָ" - "אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטָאן!"

נָאךְ דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט זַיין בַּאלִיבְּטֶער תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זִיךְ וַוייטֶער מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶן אִין דִי וֶועלְט דִי הֵיילִיגֶע לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, עֶר פְלֶעגְט אַרוּמְפָאָרְן אוּן רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן אוּן מְחַדֵּשׁ זַיין חִידוּשֵׁי תוֹרָה, אַלֶעס נָאר גֶעבּוֹיעֶט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס תוֹרוֹת, וָואס פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת", אוּן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ וַוייטֶער אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין עִיקָר צִיל אִין לֶעבְּן. זַיין מִיה אוּן פְּלָאג אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אוּמְזִיסְט, בָּרוּךְ ה', נָאר דוּרְךְ אִים אִיז גֶעבְּלִיבְּן דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן אוּן עֶס וֶוערְט וַוייטֶער צוּשְׁפְּרֵייט אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר, הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהַרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אוּן בְּרִיוו וָואס זֶענֶען מְחַיֶּ' אוּן מְחַזֵּק הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזֶענְטֶער אִידְן אִיבֶּער אַלֶע עֶקְן וֶועלְט. דִי סְפָרִים זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חָכְמָה אוּן שֵׂכֶל, זִיךְ אַרָאפְּצוּלָאזְן צוּ יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אִין וֶועלְכֶע מַצָּב עֶר זָאל נָאר זַיין, אוּן אִים אוֹיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, אִים מְחַיֶּ' אוּן מְחַזֵּק זַיין, אַז עֶר קֶען נָאךְ אוֹיךְ צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַ שִׂמְחַת הַחַיִּים, אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן, מֶען זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט מִיט גֶעשְׁמַאק, צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מְקַיֵּים זַיין זַיינֶע מִצְוֹת מִיט פְרֵייד.

אִין דֶעם בִּיטֶערְן טָאג י"ז שְׁבַט תשע"ה לפ"ק, הָאבְּן מִיר פַארְלוֹירְן דִי גְרוֹיסֶע אֲבֵידָה שֶׁאֵין לָהּ תְּמוּרָה, וֶוען כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהַרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא. מִיר הָאבְּן פַארְלוֹירְן מוֹהַרָא"שׁ, דָאס אִיז אַ בִּיטֶערֶע אֲבֵידָה וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שִׁעוּר, מוֹהַרָא"שׁ הָאט אוּנְז אָבֶּער אִיבֶּערְגֶעלָאזְט זַיינֶע סְפָרִים אוּן זַיינֶע

לְמוּדִים מִיט וָואס מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער שְׁטַארְקְן אוּן אָנְגֵיין, מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן מִיט דֶעם, מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער פִירְן אִין דִי וֶועגְן וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אוּן דַאן וֶועט זַיין אַזוֹי וִוי עֶר לֶעבְּט נָאךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) אַז דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק לִיגְט אִין זַיינֶע סְפָרִים, אוֹיב לֶערְנְט מֶען דִי סְפָרִים אוּן מֶען פְּרוּבִּירְט מְקַיֵים צוּ זַיין וָואס דָארְט שְׁטֵייט, דַאן אִיז דָאס אַזוֹי וִוי דֶער צַדִיק אִיז נָאךְ דָא צְוִוישְׁן אוּנְז.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת שְׁלוּחִין, הֲלָכָה ה', אוֹת י"א-י"ב) אוֹיף דֶעם וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן (דְבָרִים ל"א, כ"ט) "כִּי יָדַעְתִּי אַחֲרֵי מוֹתִי כִּי הַשְׁחֵת תַּשְׁחִתוּן, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן אַז זֵיי וֶועלְן זִיךְ אָפְּקֶערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְדֶעם וָואס עֶר וֶועט שְׁטַארְבְּן, זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ"י אַז מִיר זֶעעֶן דָאךְ אַז דִי אִידְן זֶענֶען יָא גֶעוֶוען ווֹאויל אוּן עֶרְלִיךְ אוֹיךְ נָאכְדֶעם וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, נָאר פוּן דֶעם לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס אַז וִוי לַאנְג דֶער תַּלְמִיד לֶעבְּט, אִיז דָאס נָאךְ אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי לֶעבְּט. וִוי לַאנְג דֶער תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן הָאט גֶעלֶעבְּט, אִיז דָאס גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַלֵיין הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט. פְרֶעגְט אוֹיף דֶעם רֶבִּי נָתָן וִוי אַזוֹי קֶען מֶען בִּכְלַל זָאגְן אַז אַ צַדִיק אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן? חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ (בְּרָכוֹת י"ח.) "צַדִיקִים בְּמִיתָתָן נִקְרָאוּ חַיִים", אֲפִילוּ וֶוען אַ צַדִיק גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, אִיז עֶס נָאךְ אַזוֹי וִוי עֶר לֶעבְּט.

נָאר דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (פָּרָשַׁת תְּרוּמָה, קע"ד) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְבָרִים ל"ד, ה') "וַיָמָת שָׁם מֹשֶׁה עֶבֶד ה'", וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן? נָאר בֶּאֱמֶת אִיז עֶר טַאקֶע נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן, נָאר בַּיי אוּנְז אִיז עֶס אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן. דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז בֶּאֱמֶת שְׁטַארְבְּט אַ צַדִיק קֵיינְמָאל נִישְׁט, זַיינֶע תּוֹרוֹת אוּן לִמוּדִים בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג; נָאר אוֹיב מִיר לֶערְנֶען נִישְׁט זַיין תּוֹרָה, מִיר גֵייעֶן נִישְׁט אִין זַיינֶע וֶועגְן, דַאן אִיז עֶס אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן בַּיי אוּנְז. וִוי לַאנְג עֶס

לֶעבְּט אָבֶּער אַ תַּלְמִיד וָואס עֶר גֶעבְּט וַוייטֶער אִיבֶּער דָאס וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, עֶר אִיז מְעוֹרֵר אוּן מְחַזֵק אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן מִיט דִי לִמּוּדִים פוּנֶעם צַדִיק, דַאן לֶעבְּט דֶער צַדִיק וַוייטֶער בַּיי אוּנְז. אוּן דֶערִיבֶּער, וִוי לַאנְג דֶער תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן הָאט גֶעלֶעבְּט, אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אוּן מְחַזֵק גֶעוֶוען דִי אִידְן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן צוּ דֶעם וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אִיז דָאס גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נָאכְאַלְץ גֶעלֶעבְּט.

זָאגְט דָארְט וַוייטֶער רֶבִּי נָתָן אַז דָאס אִיז נִשְׁט נָאר גֶעוֶוען אִין יֶענֶעם דוֹר, נָאר דָאס גֵייט וַוייטֶער אָן בִּיז'ן הַיינְטִיגְן טָאג, אַז אֲפִילוּ וֶוען דֶער צַדִיק אִיז שׁוֹין אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, דַארְף מֶען גְלֵייבְּן אַז ס'אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן אֵיינְס אָדֶער מֶערֶערֶע תַּלְמִידִים פוּנֶעם צַדִיק, וָואס זֵיי הָאבְּן דֶעם כֹּחַ וַוייטֶער אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן דִי לִמּוּדִים פוּנֶעם צַדִיק. דִי אֱמֶת'עֶ תַּלְמִידִים פוּנֶעם צַדִיק, זֶענֶען אַזוֹי וִוי עֶר אַלֵיין (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ז'), אוּן וֶוען זֵיי גֶעבְּן וַוייטֶער אִיבֶּער דִי תּוֹרָה פוּנֶעם צַדִיק, אִיז דָאס אַזוֹי וִוי דֶער צַדִיק אִיז דָא מִיט אוּנְז, עֶר וֶועט נִתְלַבֵּשׁ אִין דֶעם תַּלְמִיד'ס דִיבּוּרִים, אוּן עֶס אִיז מַמָּשׁ וִוי דֶער צַדִיק לֶעבְּט מִיט אוּנְז אוּן רֶעדְט צוּ אוּנְז, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת צ"ז:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ס"א, ה') "אָגוּרָה בְאָהָלְךָ עוֹלָמִים", אַז וֶוען מְ'זָאגְט נָאךְ אַ דְבַר הֲלָכָה פוּן אַ תַּלְמִיד חָכָם, רֶעדְן מִיט זַיינֶע לִיפְּן אִין קֶבֶר.

אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז אוֹיפְצוּזוּכְן דֶעם תַּלְמִיד וָואס קֶען אוּנְז אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי לִמּוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, וָואס קֶען אוּנְז וַוייטֶער מְחַזֵק זַיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין צוּ זַיין צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת, מִיט דִי אַלֶע גֶעוַואלְדִיגֶע אוּן הֵיילִיגֶע עֵצוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

אִין יָאר תשס"ט לפ"ק אִיז גֶעעֶפְּנְט גֶעוָוארְן דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה "יְשִׁיבָה תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה", דוּרְכְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה הרה"ג מוה"ר יוֹאֵל רָאטְה שְׁלִיטָ"א,

דֶער תַּלְמִיד חָבִיב פוּן כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מִיטְ'ן צִיל אַז דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה זָאלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי לִמּוּדִים אוּן עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

כָאטְשׁ וָואס אִין אָנְהוֹיבּ אִיז דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען פִילֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן, הָאט זִיךְ עֶס אָבֶּער צֶעוָואקְסְן אוֹיף גָאר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פַארְנֶעם, נִישְׁט נָאר אִין דִי רַאמֶען פוּן דִי יְשִׁיבָה לֶעבְּן דִי בָּחוּרִים מִיט דִי לִמּוּדִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, נָאר עֶס הָאט זִיךְ אוֹיךְ אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, פוּן אִיבֶּערָאל הֶערְט מֶען דִי דְרָשׁוֹת וָואס וֶוערְן גֶעזָאגְט אִין יְשִׁיבָה, טוֹיזְנְטֶער אִידְן אִיבֶּער דִי גָארֶער וֶועלְט שֶׁעפְּן הִתְחַזְקוּת פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע דְרָשׁוֹת. בַּיי דִי דְרָשׁוֹת זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בְּלוֹיז אִיבֶּער דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן לוֹיט וִוי מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, נָאר עֶר בְּרֶענְגְט עֶס מֶער אַרָאפּ אַז ס'זָאל זַיין פַּאסִיג פַארְ'ן הַיינְטִיגְן דוֹר, מִיט דִי הַיינְטִיגֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן שְׁוֶועריִקֵייטְן, וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין יֶעדְן מַצָב, וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ קֶענֶען בַּאנוּצְן מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אִין אוּנְזֶער הַיינְטִיגְן לֶעבְּן.

אַזוֹי וִוי דֶער נָאמֶען פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז צֶעשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן אִיבֶּער דִי וֶועלְט, הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוּמֶען בְּרִיוו פוּן אִיבֶּעראל אָנְצוּפְרֶעגְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט שְׁאֵלוֹת, וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן אִין פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט מַצָבִים, מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דִי בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט הָאט זִיךְ אוֹיךְ גָאר שְׁטַארְק צֶעשְׁפְּרֵייט אוּן וֶוערְן גֶעלֵיינְט דוּרְךְ טוֹיזְנְטֶער אִידְן, וֶועלְכֶע גֶענִיסְן דֶערְפוּן גָאר אַסַאךְ הִתְחַזְקוּת אוּן הַדְרָכוֹת.

עֶס אִיז גְרוֹיס אוּנְזֶער פְרֵייד אַז מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף הָאבְּן מִיר צוּזַאמְגֶענוּמֶען דִי אַלֶע בְּרִיוו, אוּן עֶס אָפְּגֶעדְרוּקְט אוֹיף אַ שֵׁיינֶעם

פָּארְמַאט, אַז יֶעדֶער אִיד זָאל זִיךְ קֶענֶען מְחַיֶ' זַיין דֶערְמִיט. דֶער סֵפֶר וֶועט זִיכֶער אַרוֹיסְהֶעלְפְן אוּן מְחַזֵק זַיין פִילֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער. מִיר הָאבְּן אוֹיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט דִי שְׁאֵלוֹת אוֹיף יֶעדְן בְּרִיו, כְּדֵי מֶען זָאל בֶּעסֶער פַארְשְׁטֵיין אוֹיף וָואס דִי תְּשׁוּבוֹת בַּאצִיעֶן זִיךְ. כָאטְשׁ וָואס דִי בְּרִיוְו זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן פַאר פְּרִיוַואטֶע מֶענְטְשְׁן, יֶעדֶע בְּרִיוְו אִיז גֶעשְׁרִיבְּן לוֹיט דִי פְּרַאגֶע וָואס יֶענֶער הָאט אָנְגֶעפְרֶעגְט, אִיז עֶס אָבֶער גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן אוֹיף אַזַא וֶועג אַז יֶעדֶער אִיד וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַן עֶנְלִיכְן מַצָב זָאל קֶענֶען טְרֶעפְן זַיין עֵצָה אוּן הִילְף וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן אִין זַיין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, אַז דֶער סֵפֶר זָאל טוּן דִי רִיכְטִיגֶע פְּעוּלָה, אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגְן אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז יֶעדֶער זָאל וִויסְן, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אוֹיף דֶער וֶועלְט קַיין שׁוּם עֵצָה, נָאר צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אַלֶע פְּרָאבְלֶעמֶען וָואס מֶען הָאט, אוּן נָאר אַזוֹי וֶועט מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע סָארְט צָרוֹת אוּן פְּרָאבְלֶעמֶען, אוּן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז מִיר וֶועלְן שׁוֹין בְּקָרוֹב גֵיין קֶעגְן מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

**הַמּוֹצִיאִים לָאוֹר**

# תּוֹכֶן הָעִנְיָנִים


תשה וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זַיין אַלֶעמָאל פְרֵיילִיךְ?........יז

תשו וִוי אַזוֹי הַאלְט מֶען זִיךְ רוּאִיג מִיט אַזֶעלְכֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע נַייעֶסְן?........כ

תשז אִיךְ זֶע דָאךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס שְׁנַיידְן יָא דִי בָּארְד?........כג

תשח פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט פָארְן אִין פֶעלְד מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת?........כה

תשט אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן נָאר אוֹיף עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה?........ל

תשי וִוי אַזוֹי וֶוער אִיךְ נָאנְט מִיט מַיין זוּן, וֶועמֶען אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעשְׁלָאגְן אוּן פַארְשֶׁעמְט?........לג

תשיא וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי מִדָּה פוּן כַּעַס?........לז

תשיב וָואס זָאלְן מֵיידְלֶעךְ טוּן אַנְשְׁטָאט דִי סְגֻלָּה פוּן מַסֶּכֶת תַּעֲנִית?........מ

תשיג וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי וַוייבּ הֶערְט נִישְׁט אוֹיף שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער? מב

תשיד קֶען מֶען מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת בְּלוֹיז מִיט דִי מַחְשָׁבָה?........מה

תשטו אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ מִיט נַפְשִׁיוּת'דִיגֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?........מח

תשטז אִיז גֶענוּג בְּלוֹיז צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער?........נא

תשיז פַארְוָואס הָאט מוֹהֲרַ"אשׁ גֶעמַאכְט דֶעם בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר שְׁטֶעטְל יַבְנְאֵל אַזוֹי וַוייט?........נח

תשיח מַיין מַאן ווִיל פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה........סג

תשיט עֶס אִיז מִיר שְׁווַארְץ אוּן פִינְסְטֶער, פַארְוָואס זָאל אִיךְ נָאךְ בְּלַייבְּן לֶעבְּן?...סו

תשכ וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִי פַאנְצֶער?........ע

תשכא דִי שִׁעוּרִים גֶעבְּן מִיר לֶעבְּן........עד

תשכב וֶועלְכֶע חוּמְרוֹת זֶענֶען ווִיכְטִיג אוּן וֶועלְכֶע נִישְׁט?........עח

תשכג אִיךְ לֶערְן תּוֹרָה, פַארְוָואס וֶוער אִיךְ נָאכְאַלְץ אִין כַּעַס?........פא

תשכד וָואס הָאט מוֹהֲרַ"אשׁ גֶעהַאלְטְן אִיבֶּער דִי "דוֹר יְשָׁרִים" טֶעסְט?........פו

תשכה קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף מַיין זַייט, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?...פט

תשכו וֶועלְכֶע בְּרֶסְלֶב'עֶר סְפָרִים זָאל אִיךְ לֶערְנֶען?........................ צא
תשכז פַארְוָואס זֶענְט אִיר חוֹשֵׁד בָּחוּרִים אַז זֵיי רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה?................צג
תשכח פַארְוָואס הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט וָואס אִיךְ דַארְף טוּן?. צח
תשכט ווי אַזוֹי קֶען מֶען לֶערְנֶען אוֹיפְן דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, אוֹיף תּוֹרָה דַארְף מֶען זִיךְ דָאךְ פְּלָאגְן?........................................................................ ק
תשל ווי אַזוֹי קֶענֶען מִיר הָאבְּן שְׁלוֹם בַּיִת, אֲפִלּוּ וֶוען דִי פַּרְנָסָה טוֹיג נִישְׁט?. קד
תשלא זָאל אִיךְ טוֹישְׁן מַיין לְבוּשׁ פוּן חַבַּ"ד צוּ בְּרֶסְלֶב?.......................קז
תשלב מֶעג אִיךְ אָפְּזָאגְן אַ שִׁדּוּךְ ווייל יֶענֶער אִיז נִישְׁט חֲסִידִי'שׁ?..........קי
תשלג אִיךְ וויל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, וָואס טוּ אִיךְ אָבֶּער אַז מֶען צִיט זֵייעֶר לַאנְג?..קיג
תשלד אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט מַיין תְּשׁוּבָה, וֶוען אִיךְ ווייס זִיכֶער אַז אִיךְ גֵיי צוּרִיק גֵיין צוּ עֲבֵירוֹת?.................................................... קטז
תשלה וָואס טוּ אִיךְ אַז עֶס וֶועט זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר מַיין ווייבּ וֶוען אִיךְ פָאר קַיין אוּמַאן?............................................................. קכ
תשלו ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה טוּן?......................... קכג
תשלז אִיז דָא נָאךְ סְגוּלוֹת אַ חָתָן צוּ וֶוערְן?.........................קכו
תשלח קֶען אִיךְ מִיטְנֶעמֶען מַיין ווייבּ קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?...........קלא
תשלט וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ וויל גֶעפֶעלְן פַאר פְּרֶעמְדֶע בָּחוּרִים?............קלד
תשמ אִיךְ פַאל כְּסֵדֶר, זָאל אִיךְ פָארְן קַיין אוּמַאן?.......................קלז
תשמא דִי פַארְאַיָארִיגֶע קַבָּלוֹת הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַיינְגֶעהַאלְטְן, וָואס טוּ אִיךְ דָאס יָאר? . קמ
תשמב וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ וויל נִישְׁט פַארְפַּאסְן מַיינֶע בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן?......קמד
תשמג אֶפְשָׁר גֶעבְּט אִיר מִיר חִזּוּק צוּ נֶעמֶען נָאר אַ אִידִישֶׁע שִׁדּוּךְ?.......... קמז
תשמד אִיךְ בִּין טִיף אִין תְּהוֹם, ווי אַזוֹי זֶע אִיךְ זִיךְ אַרוֹיס פוּן דָארְט?.........קנ
תשמה ווי אַזוֹי קֶען מֶען ווִיסְן וואוּ עֶס אִיז דֶער אֱמֶת'עֶר פְּלַאץ צוּ וואוּ מֶען דַארְף גֵיין?........................................................ קנד
תשמו זָאל אִיךְ אָפְּלָאזְן מַיין אַלְטֶע חֲסִידוּת, אוּן קוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב?......... קנח
תשמז אֵיינֶער וָואס הָאט מְטַמֵּא גֶעוֶוען אַנְדֶערֶע, ווי אַזוֹי קֶען עֶר תְּשׁוּבָה טוּן?....קסב
תשמח וָואס אִיז ווִיכְטִיגֶער, נֶעמֶען גֶעסְט אָדֶער מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער?........קסה
תשמט ווי שְׁטַארְק דַארְף מֶען זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן צוּם מַאן?.................... קסז
תשנ אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר גֶעבְּן מֶער שִׁעוּרִים פַאר פְרוֹיעֶן?.................. קע

תשנא מֶעג מֶען גֶעבְּן צְדָקָה בַּיינַאכְט?..................................קעב
תשנב ווי אַזוֹי קֶענֶען דַאוֶוענֶען אַשְׁכְּנַזִים און סְפַרְדִים צוזַאמֶען?...............קעה
תשנג אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף טְרַאכְטְן פון מֵיידְלֶעךְ, ווי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה?.קעח
תשנד אַ מַחְשָׁבָה נָאךְ תְּפִלָּה, אִיז אַ סִימָן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?.............קפב
תשנה ווי אַזוֹי גֵייט מֶען וַוייטֶער נָאכְן מְסַיֵּם זַיין שַׁ"ס?............................ קפו
תשנו מַיין בָּחוּר קוּמְט אַהֵיים פוּן יְשִׁיבָה, ווי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אִים?.קפח
תשנז וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ אִיז נִישְׁט מַסְכִּים צוּ מַיין בַּאשְׁלוּס אוֹיפְצוּהֶערְן קוּקְן מָאווִיס?...........................................קצא
תשנח וֶוען דַארְף מֶען לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער?..............................קצה
תשנט וָואס טוּט מֶען מִיט אַ חוּצְפָּה'דִיג קִינְד?............................ קצז
תשס מֶעג מֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה בַּאקְוֶועמֶערְהֵייט?.............................קצט
תשסא הָאט מַיין עֲבֵירָה גֶעבְּרֶענְגְט דִי צָרָה?................................. רא
תשסב ווי אַזוֹי שַׁאפְט מֶען חֲבֵרִים זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִינְאֵיינֶעם?...............רג
תשסג ווי אַזוֹי טְרֶעפְט מֶען דֶעם וֶועג אַרוֹיס פוּן בְּלָאטֶע?....................רו
תשסד ווי אַזוֹי מַאכְט מֶען אַ גֶעשְׁמַאקֶע אַטְמָאסְפֶער אִינְדֶערְהֵיים? ..............רי
תשסה קֶען מֶען אוֹיךְ פּוֹעֵל'ן אַ זִוּוּג שֵׁנִי אִין יַבְנְאֵל?..............................ריב
תשסו ווי אַזוֹי הַאלְט מֶען זִיךְ פְרֵיילִיךְ אִין שְׁוֶוערֶע צַייטְן?..................רטו
תשסז ווי אַזוֹי קֶענֶען מִיר אַוֶועקְשְׁלֶעפְן אוּנְזֶער בָּחוּר פוּנֶעם סְמַארְטְפָאוֹן?..... ריז
תשסח וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ ווִיל אֲפִילוּ נִישְׁט אָפְּלָאזְן מַיינֶע עֲבֵירוֹת?..........רכא
תשסט זָאל אִיךְ זִיךְ עֲקְשְׁנְ'עֶן נִישְׁט צוּ בַּאקוּמֶען טֵייעֶרֶע צִירוּנְגֶען?.............רכה
תשע ווי אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?......................................רכז
תשעא ווי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט דִי וַוייבּ?.......................רלא
תשעב ווי אַזוֹי טְרֶעפְט מֶען אַ שִׁדּוּךְ בַּיי דִי פֶערְצִיג יָאר?........................ רלד
תשעג ווי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ נָאךְ קִינְדֶער? ....................................רלז
תשעד ווי אַזוֹי גֵייט מֶען זִיךְ אוּם מִיט חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער? ..............רלט
תשעה ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן בַּיי דִי אַרְבֶּעט? ....................רמב
תשעו ווי אַזוֹי דֶערְהַאלְט אִיךְ זִיךְ וֶוען מַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ?.............רמה
תשעז מֶעג מֶען מַאכְן נְדָרִים אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם? ..................................רמח
תשעח וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר פְרוּם?.................................רנ

תשעט אִיךְ הֶער אַסאךְ רֶעדְן קֶעגְן מוֹהֲרָא"שׁ, וִוי אַזוֹי דֶערְהַאלְט אִיךְ זִיךְ?......רנב
תשפ מַיין מַאן אִיז נָאר פַארְנוּמֶען מִיט מָאוִויס, זָאל אִיךְ אִים אָפְּלָאזְן?.......רנה
תשפא אִיז נָאךְ דָא אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת?................ רנח
תשפב פַארְוֶועם גֶעבְּט מֶען יָא צְדָקָה, און פַאר וֶועם נִישְׁט?..............רסא
תשפג וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר שִׁדּוּךְ?..............רסד
תשפד וִוי אַזוֹי אִיז מֶען מְיַיחֵד יִחוּדִים?................................רסז
תשפה רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ הֶפְסֵק?............................ ער
תשפו פַארְוָואס דְרוּקְט מֶען נָאר דִי נַייעֶ סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים?............רעו
תשפז עֶנְדֶערְשׁ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ לוֹיפְן צוּ אַ הַצָּלָה רוּף?.....רעט
תשפח דַארְף מֶען רֶעדְן אַ גַאנְצְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? ..................רפא
תשפט דַארְף אִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן מַיין מַאמֶע?..............................רפב
תשצ וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וֶוערְן אַ תַּלְמִיד חָכָם דוּרְכְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד? .......רפה
תשצא וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מִתְגַבֵּר אוֹיף נִסְיוֹנוֹת פוּן כַּעַס?..............רצא
תשצב וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז מַיין וַוייבּ זָאל נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף מִיר? ..........רצג
תשצג וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען פָּטוּר פוּן פַּאנִיק אַטַאקֶעס?......................רצה
תשצד וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז מַיין מִשְׁפָּחָה זָאל מִיךְ צוּרִיק אָנְנֶעמֶען?....... ש
תשצה זָאל אִיךְ דַאוֶוענֶען אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ קֶען נִישְׁט אִינְזִין הָאבְּן? ........... שג
תשצו וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּגֵיין צוּ מַיין חֲתֻנָּה מִיט אַ פַארְשְׁמִירְטֶע מֹחַ? ....... שז
תשצז וִוי יוּנְג קֶען מֶען אָנְהוֹיבְּן מִתְפַּלֵּל צוּ זַיין פַאר אַ שִׁדּוּךְ?............ שי
תשצח וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּגֵיין צוּ מַיין חֲתֻנָּה מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט? ...........שיג
תשצט מוּז אַ פְרוֹי גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען?..............................שטו
תת וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעט מֶען אוֹיף שִׂמְחָה? ..............................שיז
תתא הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָנְגֶענוּמֶען מַיין תְּשׁוּבָה? ...................שכ
תתב וֶועלְכֶע צָרוֹת הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעהַאט? ..............................שכג
תתג וָואס טוּ אִיךְ וֶוען מַיינֶע עֶלְטֶערְן מִישְׁן מִיךְ אַרַיין אִין זֵייעֶר מַחְלוֹקֶת? . שכו
תתד וִוי אַזוֹי וֶועט מֶען מִיךְ אָנְקוּקְן נָאכְן זִיךְ גֶטְ'ן צְוֵויי מָאל?............ שכח
תתה וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ חֲבוּרַת "הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ" אִין מַיין שְׁטָאט?......שלב
תתו דֶער מְלַמֵּד הֶערְט נִישְׁט אוֹיף שְׁלָאגְן מַיין אִינְגְל, וִוי אַזוֹי רַאטֶעוֶוע אִיךְ אִים? שלה

תתז וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים בַּיים אָפְּשֶׁערְן אַ אִינְגְל?............... שלז
תתח מֶעג מֶען לֶערְנֶען פַארְן גֵיין אִין מִקְוֶה?.......................... שלט
תתט וְוי אַזוֹי זֶעט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן אַ מַחְלֹקֶת?....................... שמב
תתי וָואס טוּט מֶען וָוען מֶען וֶוערְט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן דוּרְךְ תְּפִלָּה?......... שדמ
תתיא וֶועלְכֶע קָאלִירְן פוּן קְלֵיידֶער זֶענֶען נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג?............שמז
תתיב וְוי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען אוֹיס קִינְדֶער זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן?............. שמט
תתיג אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת?..........................שנא
תתיד מֶעג מֶען זִיךְ שֵׁיין מַאכְן בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט?........................ שנד
תתטו וָואס טוּ אִיךְ אַז קֵיינֶער טְרָאגְט נִישְׁט אָן קַיין שִׁדוּכִים?.............שנז
תתטז וְוי אַזוֹי מַאכְט מֶען אַז אַלֶע קִינְדֶער אִין קְלַאס זָאלְן זִיךְ שְׁפִּירְן אֵיינִיג?.שס
תתיז מֶעג אַ פְרוֹי זִיךְ שֵׁיין אַהֶערְשְׁטֶעלְן פַארְן מַאן אִינְדֶערְהֵיים?............שסג
תתיח זָאל אִיךְ וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט שַׁדְכָנוּת?..............................שסו
תתיט וְוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיכֶער מַאכְן אַז מַיין גֶעלְט זָאל מִיר נִישְׁט פַארְלוֹירְן גֵיין? שסט
תתכ וְוי אַזוֹי אִיז מֶען מְחַנֵּךְ קִינְדֶער?...................................שעב
תתכא וָואס שְׁמוּעֶסְט מֶען בַּיים שַׁבָּת טִישׁ?.......................... שעה
תתכב קֶענְט אִיר אוּנְז מְחַזֵּק זַיין אוֹיף הִלְכוֹת הַרְחָקוֹת?................. שעח
תתכג בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה דַארְף מֶען לֵיינֶען אַלֶע דְרֵיי פַּרְשִׁיּוֹת?... שפא
תתכד אוֹיף וָואס זֶענֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מַקְפִּיד בַּיים קוֹיפְן נֵייעֶ תְּפִלִּין?........שפג
תתכה וְוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְחַזֵּק נָאךְ דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע שִׁיסֶערֵיי אִין דְזְשֶׁערְסִי סִיטִי? שפה
תתכו זָאל אִיךְ מַאכְן לֵייף אִינְשוּרֶענְס?............................. שפח
תתכז וְוי אַזוֹי קְרִיךְ אִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיינֶע עֶקְלְדִיגֶע תַּאֲווֹת?............שצ
תתכח פַארְוָואס וֶוער אִיךְ נִישְׁט גֶעהָאלְפְן אֲפִלוּ נָאכְן בֶּעטְן?............... שצד
תתכט פַארְוָואס הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעלִיטְן אַזוֹיפִיל צָרוֹת?..................שצז
תתל דַארְף אִיךְ עֶפֶּעס טוּן וָוען אִיךְ הֶער וְוי דֶער שָׁכֵן קְרִיגְט זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים?.. תב
תתלא אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר מִיט נִסְיוֹנוֹת, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין חַתֲנָה הָאבְן?.........תה
תתלב וֶועלְכֶע שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן קְרִיאַת שְׁמַע אוּן תִּקוּן חֲצוֹת לָאזְט מֶען אוֹיס שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב?............................................................. תח
תתלג וָואס עֶנְטְפֶער אִיךְ פַאר מַיין זוּן וָואס פְרֶעגְט וֶועגְן קְדֻשָּׁה?...........תיא

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## חלק ז

# תשה[א]

## ווי אַזוי קֶען איך זַיין אַלֶעמָאל פְרֵיילִיך?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

איך הֶער אַייעֶרע שִׁעוּרִים כִּמְעַט יֶעדְן טָאג, און עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק.

איך וויל פְרֶעגְן ווי אַזוי אִיך קֶען צוּקוּמֶען צוּ זַיין אַלֶעמָאל פְרֵיילִיך, וַוייל עֶס קוּמְט אַסַאךְ מָאל שְׁוֶוערֶע צַייטְן וָואס עֶס אִיז בֶּאֱמֶת שְׁוֶוער צוּ זַיין דֶעמָאלְט פְרֵיילִיך, ווי אַזוי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיך?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַ וֶועג ווי אַזוי צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצה): אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים ד, ב): "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי, 'הַיְנוּ, שֶׁגַּם אֲפִלּוּ בְּהַצָּרָה בְּעַצְמָהּ, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מַרְחִיב לָנוּ", מִיט דֶעם פָּסוּק דַאנְקְט דָוִד הַמֶּלֶךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי צָרוֹת וָואס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג

---

א. מֶער אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, וַוייטֶער אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תשסו.

גֶעטְרָאפְן גְרוֹיסֶע חֲסָדִים אִין דִי צָרוֹת. "כִּי אִם יִסְתַּכֵּל הָאָדָם עַל חַסְדֵי הַשֵּׁם יִרְאֶה שֶׁאֲפִלּוּ בְּעֵת שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מֵצֵר לוֹ, גַּם בְּהַצָּרָה בְּעַצְמָהּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מַרְחִיב לוֹ וּמַגְדִּיל חַסְדּוֹ עִמּוֹ", וַוייל אַז מֶען קוּקְט גוּט זֶעט מֶען ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַז דִי צָרָה זָאל זַיין מִיט גְרוֹיסֶע חֲסָדִים. דָאס זָאגְט דָוִד הַמֶּלֶךְ: "'בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי', הַיְנוּ אֲפִלּוּ בְּתוֹךְ הַצָּרָה בְּעַצְמָהּ נָתַתָּ לִי הַרְחָבָה בְּתוֹכָהּ", אִין דִי צָרָה גֶעבְּסְטוּ מִיר אַזוֹיפִיל גוּטְס, "מִלְּבַד מַה שֶּׁאָנוּ מְצַפִּים שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹשִׁיעֵנוּ בְּקָרוֹב מִכָּל הַצָּרוֹת וְיֵיטִיב עִמָּנוּ מְאֹד, אַךְ אֲפִלּוּ גַּם בְּהַצָּרָה בְּעַצְמָהּ מַרְחִיב לָנוּ", פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מִיר וַוארְטְן, הָאפְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - עֶר זָאל אַוֶועק נֶעמֶען אִינְגַאנְצְן דִי צָרוֹת אוּן עֶס זָאל אוּנְז אִינְגַאנְצְן גוּט וֶוערְן, אָבֶּער מִיט דֶעם אַלֶעם, ווִילַאנְג מֶען הָאט נָאךְ דִי צָרָה - אִיז דָא גְרוֹיסֶע חֲסָדִים.

אַז מֶען מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן ווִיפִיל גוּטְס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אוּנְז - וֶועלְן מִיר זֶען אַז מִיר קֶענֶען נִישְׁט אָנְהוֹיבְּן אִים צוּ לוֹיבְּן אוֹיף זַיינֶע פִילֶע חֲסָדִים. מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵק זַיין מִיר זָאלְן גֵיין כְּסֵדֶר אִין שְׁפִּיטָאל בַּאזוּכְן חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל אוּן מְקַיֵם זַיין דִי מִצְוָה פוּן בִּיקוּר חוֹלִים, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים לט:): "כָּל הַמְבַקֵּר אֶת הַחוֹלֶה נִצּוֹל מִדִּינָהּ שֶׁל גֵּיהִנֹּם", וֶוער עֶס אִיז מְבַקֵּר חוֹלֶה וֶוערְט נִצוֹל פוּן גֵיהִנוֹם; פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"ש זָאגְן אַז אוֹיסֶער דִי מִצְוָה וָואס מֶען אִיז מְקַיֵם בַּיים בַּאזוּכְן אַ חוֹלֶה פַארְדִינְט מֶען דֶערְפוּן אַז מֶען וֶוערְט פְרֵיילִיךְ, מֶען הוֹיבְּט אָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

אַז מֶען אִיז גֶעזוּנְט, מֶען קֶען גֵיין אוּן קוּמֶען, מֶען קֶען עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען וְכוּ' וְכוּ', אוּן מֶען הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הוֹיבְּט אָן זֶען אַז דִי שְׁוֶועריקַייטְן וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער אִיז נָאךְ מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים, אוּן דִי צָרָה אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ; מֶען וֶוערְט פְרֵיילִיךְ אַז מֶען אִיז גֶעזוּנְט.

**אַז** דוּ וֶועסְט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר - וֶועט אַרַיינְגֵיין אִין דִיר אַזַא שִׂמְחָה, אַז דוּ וֶועסְט גֵיין אַ טֶענְצְל יֶעדְן טָאג, אַזוֹי וִוי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ; צוּ טַאנְצְן אַפָּאר מָאל אַ טָאג.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעהֵייסְן פַּאר אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ עֶר זָאל טַאנְצְן יֶעדְן טָאג (סֵפֶר מְקוֹר הַשִּׂמְחָה שִׂיחוֹת וְסִפּוּרִים, סִימָן לט). רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן לח): "וֶוער עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ וֶועט נִישְׁט זֶען דֶעם פָּנִים פוּן גֵיהִנוֹם", סַיי דֶער גֵיהִנוֹם אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דֶער גֵיהִנוֹם אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# תשו

## ווי אַזוֹי הַאלְט מֶען זִיךְ רוּאִיג מִיט אַזֶעלְכֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע נֵייעֶסְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ' מִיט דִי שִׁעוּרִים אוּן בְּרִיוו, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ אַ זַאךְ וָואס נֶעמְט מִיר מַמָּשׁ צוּ דִי מְנוּחָה. אִיךְ לֵיין דִי נֵייעֶס יֶעדֶע וָואךְ שַׁבָּת, אוּן אִיךְ זֶע אַז דֶער מַצָּב אוֹיף דִי וֶועלְט וֶוערְט מֶער אוּן מֶער אָנְגֶעצוֹיגְן צְווִישְׁן אַלֶע לֶענְדֶער, אוּן אִיךְ צִיטֶער אוֹיבּ עֶס וֶועט חַס וְשָׁלוֹם אוֹיסְבְּרֶעכְן אַ מִלְחָמָה, וָואס עֶס קֶען חַס וְשָׁלוֹם גֶעשֶׁען. אַסַאךְ מָאל קֶען אִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן פַאר נֶערְוֶועזְקֵייט, טְרַאכְטְנְדִיג וָואס וֶועט זַיין מָארְגְן; אִיז דָא עֶפֶּעס אַן עֵצָה פַאר דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**קֹדֶם כָּל זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז עַל פִּי הֲלָכָה טָאר מֶען נִישְׁט לֵיינֶען שַׁבָּת קַיין צֵייטוּנְג, אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט** (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן שז, סְעִיף טז; עַיֵּן מִשְׁנָה בְּרוּרָה סְעִיף קָטָן סג). **וּבִפְרַט אַז דָאס מַאכְט דִיר דֶערְשְׁרָאקְן אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מֶען טָאר נִישְׁט** (מִשְׁנָה בְּרוּרָה סִימָן שז, סְעִיף קָטָן ג).

**אֲפִלּוּ** אִין דִי וָואכְן טֶעג זָאלְסְטוּ נִישְׁט לֵיינֶען קַיין צֵייטוּנְגֶען ווייל עֶס נֶעמְט צוּ דֶעם מֹחַ מַחְשָׁבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אוּמְזִיסְטִיגֶע פְּחָדִים וְכוּ'. דֶער הֵיילִיגֶער מִנְחַת אֶלְעָזָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק פוּן דִי תּוֹכָחָה (וַיִּקְרָא כו, לו): "וְהֵבֵאתִי מֹרֶךְ בִּלְבָבָם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אוֹיב מֶען וֶועט נִישְׁט גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה - וֶועל אִיךְ בְּרֶענְגֶען אַ מוֹרָא אִין עֶנְק, "וְרָדַף אֹתָם קוֹל עָלֶה נִדָּף", אִיר וֶועט אַנְטְלוֹיפְן פַאר שְׁרֶעק פוּנֶעם קוֹל וָואס דִי בְּלֶעטְלֶעךְ גֶעבְן אַרוֹיס וֶוען דִי ווִינְט בְּלָאזְט אוֹיף דֶעם, טַייטְשְׁט עֶר (בְּסֵפֶר חַיִּים וְשָׁלוֹם, פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא) אַז דֶער "עָלֶה נִדָּף", מֵיינְט מֶען דֶעם פַארְשְׁטוּנְקֶענֶעם בְּלֶעטְל פוּן אַ צֵייטוּנְג וָואס דֶערְשְׁרֶעקְט טָאג אַיין טָאג אוֹיס, פוּן מִלְחָמוֹת, וְכַדוֹמֶה.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה בְּרֶענְגֶען (תּוֹרַת כֹּהֲנִים, ז) רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן קָרְחָה הָאט דֶערְצֵיילְט: "פַּעַם אַחַת הָיִינוּ יוֹשְׁבִים בֵּין הָאִילָנוֹת", אֵיינְמָאל זֶענֶען מִיר גֶעזִיצְן צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער, "וְנָשְׁבָה הָרוּחַ וְהִטִּיחוּ הֶעָלִים זֶה בָּזֶה", אִינְמִיטְן הָאט אַ ווִינְט צֶעבְּלָאזְן דִי בֵּיימֶער אוּן דִי בְּלֶעטְלֶעךְ הָאבְּן זִיךְ גֶעשָׁאקְלְט אֵיינֶע אוֹיפְן צְוֵייטְן אוּן אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ קוֹל, "עָמַדְנוּ וְרַצְנוּ וְאָמַרְנוּ 'אוֹי לָנוּ שֶׁמָּא יַדְבִּיקוּנוּ הַפָּרָשִׁים'" מִיר זֶענֶען אַנְטְלָאפְן פוּן פַּחַד אַז מֶען גֵייט אוּנְז הַרְגְ'עֶנֶען, "לְאַחַר זְמַן נִפְנִינוּ אַחֲרֵינוּ, וְרָאִינוּ שֶׁאֵין בְּרִיָּה", נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעזֶען אַז קֵיינֶער יָאגְט נִישְׁט אוּן קֵיינֶער לוֹיפְט אוּנְז נִישְׁט נָאךְ, הָאבְּן מִיר גֶעוֵויינְט אַז עֶס אִיז מְקֻיָּם גֶעוָוארְן בַּיי אוּנְז דָאס וָואס שְׁטֵייט: "וְרָדַף אֹתָם קוֹל עָלֶה נִדָּף"; אַזָא פָּנִים הָאבְּן דִי

וָואס לֵיינֶען צֵייטוּנְגֶען, מֶען וֶוערְט דֶערְשְׁרָאקְן אוּן צֶעמִישְׁט. מֶען קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן פוּן פַּחַד, בִּשְׁעַת קֵיינֶער יָאגְט נִישְׁט אוּן קֵיינֶער רוֹדְפְ'ט נִישְׁט.

**תַּלְמִידֵי** הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ נֶעמֶען נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם צֵייטוּנְג אוּן קַיין שׁוּם מַאגַאזִין; דֶער גַאנְצֶער צֵייטוּנְג אִיז אֵיין שְׁטִיק לֵיצָנוּת אוּן אֵיין גְרוֹיסֶער בְּלָאף. דִי צִיל פוּן אַ צֵייטוּנְג אִיז נָאר צוּ וַוייזְן (צְפַנְיָה ב, טו): "אֲנִי וְאַפְסִי עוֹד", אִיךְ, אִיךְ אוּן נָאכְאַמָאל אִיךְ, אוּן עוֹלָם גוֹלָם שְׁטֵייט אוּן לֵיינְט דָאס, בִּשְׁעַת מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ טָאג נָאךְ אַ טָאג, אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ, אוּן מֶען הָאט גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן, דָאס אִיז חוּץ פוּן דֶעם וָואס עֶס נֶעמְט אַוֶועק דָאס יִרְאַת שָׁמַיִם פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

**אִיךְ** דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלָאזְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם צֵייטוּנְג; שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א נָאר לֶערְנֶען אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט בִּכְלַל אַז עֶס אִיז דָא צֵייטוּנְגֶען בִּיז אִיךְ בִּין גֶעפָארְן לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה וואוּ אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דָאס רַחֲמָנוּת פוּן דִי וָואס לֵיינֶען שָׁעוֹת אוֹיף דֶעם נַארִישְׁן צֵייטוּנְג[א].

**שַׁבָּת** אִיז אַ צַייט פוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק א) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קלט, טז): "'יָמִים יֻצָּרוּ וְלוֹ אֶחָד בָּהֶם', זֶה יוֹם שַׁבָּת לְיִשְׂרָאֵל;

---

א. זֶע מֶער אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן אִין סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ד', מִכְתָּב רצא.

אַף עַל פִּי שֶׁאַתֶּם עוֹשִׂים מְלָאכָה כָּל שִׁשָּׁה יָמִים", אֲפִלּוּ אַ מֶענְטְשׁ אַרְבֶּעט אַ גַאנְצֶע וָואךְ, "יוֹם הַשַּׁבָּת יַעֲשֶׂה כּוּלוֹ תּוֹרָה", זָאל עֶר אוֹיסְנוּצְן שַׁבָּת אוֹיף לֶערְנֶען תּוֹרָה, "מִכָּאן אָמְרוּ, לְעוֹלָם יַשְׁכִּים אָדָם וְיִשְׁנֶה בְּשַׁבָּת, וְיֵלֵךְ לְבֵית הַכְּנֶסֶת וּלְבֵית הַמִּדְרָשׁ, יִקְרָא בַּתּוֹרָה וְיִשְׁנֶה בַּנְּבִיאִים, וְאַחַר יֵלֵךְ לְבֵיתוֹ וְיֹאכַל וְיִשְׁתֶּה, לְפִי שֶׁאֵין לוֹ מְנוּחָה לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אֶלָּא עִם עוֹשֵׂי תּוֹרָה בִּלְבַד", דֶערְפַאר זָאל אַ מֶענְטְשׁ אוֹיפְשְׁטֵיין שַׁבָּת צוּפְרִי, אוּן גֵיין אִין שׁוּל לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען, אוּן נָאכְדֶעם אַהֵיים גֵיין מַאכְן דִי סְעוּדָה, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט קֵיין נַחַת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ נָאר וֶוען עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה.

**אַז** דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער, דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט אַרַיינְקוּקְן אִין צֵייטוּנְגֶען וְכַדּוֹמֶה - וֶועט דִיר גוּט זַיין בָּזֶה וּבַבָּא.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## תשז

### אִיךְ זֶע דָאךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס שְׁנַיידְן יָא דִי בָּארְד?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אַסַאךְ בַּיי דִי שִׁעוּרִים ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ בָּארְד, נִישְׁט צוּ צוּרִירְן אוּן נִישְׁט שְׁנַיידְן דִי

בָּארְד. לְמַעֲשֶׂה זֶע אִיךְ אָבֶּער בַּיי גֶעוִויסֶע קְרֵייזְן, וָואס זֵיי זֶענֶען בֶּאֱמֶת עֶרְלִיכֶע אִידְן און זֵיי שְׁנֵיידְן יָא דִי בָּארְד; וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעט דָאס? אִיז דָאס אַ פְּרָאבְּלֶעם אָדֶער נִישְׁט?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַנְשְׁטָאט** קוּקְן אוֹיף דֶעם און אוֹיף יֶענֶעם, קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת גִּילּוּחַ הֲלָכָה ג', אוֹת ב'): "עִקַּר הַדָּת יִשְׂרָאֵל וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת", דִי בָּארְד און פֵּאוֹת אִיז אַן עִקָּר פוּן אַ אִיד און פוּן דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט, "וּבָהֶם נִכָּר הַיְהוּדִי כִּי הוּא מִזֶּרַע בֵּרַךְ הַשֵּׁם, מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל", און מֶען דֶערְקֶענְט אַ אִיד דוּרְךְ זַיין בָּארְד און פֵּאוֹת אַז עֶר אִיז אַ אִידִישׁ קִינְד. "וּמִי שֶׁרוּחַ אַחֶרֶת עִמּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, וְרוֹצֶה לְכַפֵּר, חַס וְשָׁלוֹם, בֶּאֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל", און וֶוער עֶס וִויל חַס וְשָׁלוֹם לֵייקֶענֶען אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "תְּחִלַּת הַכְּפִירָה הוּא, שֶׁמַּשְׁלִיךְ חַס וְשָׁלוֹם מֵעָלָיו הַזָּקָן וְהַפֵּאוֹת", דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ נֶעמְט עֶר אַרָאפּ זַיין בָּארְד און פֵּאוֹת, "כִּי בֶּאֱמֶת כָּל דַּת יִשְׂרָאֵל הַקָּדוֹשׁ הוּא תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת", וַוייל דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם בָּארְד און פֵּאוֹת; קוּק אַרַיין דָארְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער מֶער בַּאֲרִיכוּת.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן הַשְׁמָטָה, תְּחִלַּת חֵלֶק שֵׁנִי) אוֹיפְן פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל לג, כד): "אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם", אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְויבַּאלְד עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיין אוּן נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קֵיינֶעם, עֶר הָאט נָאר גֶעטוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט; וואוּיל אִיז דֶעם וָואס קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, עֶר טוּט נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוּן זַיין אִידִישְׁקֵייט אִיז נִישְׁט גֶעבּוֹיט אוֹיף וְויפִיל מֶענְטְשְׁן טוּעֶן דֶעם רְצוֹן הַשֵּׁם. אֲפִלּוּ עֶר זָאל בְּלַייבְּן אֵיינֶער אַלֵיין - וֶועט עֶר אוֹיךְ זַיין שְׁטָאלְץ מִיט זַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ (יְשַׁעְיָה סד, ג): "עַיִן לֹא רָאֲתָה אֱלֹקִים זוּלָתְךָ יַעֲשֶׂה לִמְחַכֵּה לוֹ".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# תשח

**פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט פָארְן אִין פֶעלְד מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת?**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אֵיידֶער אִיךְ פְרֶעג מַיין שְׁאֵלָה וִויל אִיךְ זִיךְ קוֹדֶם בַּאדַאנְקֶען אוֹיף אַלֶע שִׁעוּרִים אוּן חִזּוּק, אִין זְכוּת פוּן דִי שִׁעוּרִים בִּין אִיךְ בָּרוּךְ ה' זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אַ בְּלַאט גְּמָרָא בַּבְלִי אוּן יְרוּשַׁלְמִי מִיט אַ פֶּרֶק תּוֹסֶפְתָּא, אוּן נָאךְ שִׁעוּרִים, אוּן אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ לִכְבוֹד דֶעם אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין מַיין שְׁטוּבּ, בַּיי יֶעדֶע זַאךְ זָאגְט מֶען "בָּרוּךְ ה'", "בְּעֶזְרַת ה'", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

יֶעצְט צוּ מַיין שְׁאֵלָה, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט כְּסֵדֶר אַז בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים טוּעֶן אַלֶעס וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אָן קַיין חָכְמוֹת. פַארְוָואס וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט קְלָאר (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רכז, צח) אַז עֶס זָאל זַיין אִין פֶעלְד צְווִישְׁן דִי גְרָאז; פַארְוָואס פִּינְקְט בַּיי דֶעם זָאגְט מֶען אַז עֶס מֵיינְט נִישְׁט דַוְקָא אִין פֶעלְד, נָאר מֶען קֶען אִיבֶּערָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז מֶען קֶען זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן וִוי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אַ וַואלְד, אוּן דִי גוֹיִם זֶענֶען דִי חַיּוֹת, וְכַדוֹמֶה[ב]. פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט מְקַיֵּם זַיין בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת דִי הַנְהָגָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין פֶעלְד, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט?

אִיךְ פְרֶעג נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם לְקַנְטֵר, אִיךְ ווִיל בֶּאֱמֶת פַארְשְׁטֵיין, תּוֹרָה הִיא וְלִלְמוֹד אֲנִי צָרִיךְ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

### אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס וואוֹינֶען צְווִישְׁן פֶעלְדֶער אוּן וֶועלְדֶער זֶענֶען טַאקֶע מְקַיֵּם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען זָאל

ב. אִין אַ מִכְתָּב יוֹמִי פוּן זוּנְטָאג פַּרְשַׁת יִתְרוֹ תשע"ז שְׁרַייבְּט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:

וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעפָארְן צוּזַאמֶען מִיט מוֹהֲרָא"שׁ דִי לֶעצְטֶע צְווֵיי יָאר פוּן מוֹהֲרָא"שׁ'ס לֶעבְּן קַיין אוּמַאן, זָאגְט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ אִין עֶירְפָּארְט: "וָואס דַארְפְסְטוּ - אַ וַואלְד? שְׁטֶעל דִיךְ פָאר אַז דָא, דִי עֶירְפָּארְט - אִיז אַ וַואלְד, דַארְפְסְט חַיּוֹת? דָא הָאסְטוּ חַיּוֹת", אוּן מוֹהֲרָא"שׁ וַוייזְט מִיר אוֹיף אַלֶע נִישְׁט אִידְן; "פַארְוָואס דַארְף מֶען וַוארְטְן אוֹיף לֵיל שִׁשִּׁי צוּ פָארְן מִיט אַ טֶענְדֶער אִין פֶעלְד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אִיבֶּערָאל", אוּן אִיךְ זֶע וִוי מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק אוּן פַארְמַאכְט דִי אוֹיגְן, אוּן דִי מוֹיל הוֹיבְּט זִיךְ אָן שָׁאקְלֶען אוּן עֶר אִיז שׁוֹין בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין צְווִישְׁן דִי גְרָאז; עֶס אִיז דָאךְ גָאר אַנְדֶערְשׁ דָאס הִתְבּוֹדְדוּת וָואס מֶען מַאכְט אִין פֶעלְד צְווִישְׁן דִי גְרָאז - ווי דָאס הִתְבּוֹדְדוּת אִין שְׁטָאט. אַזוֹי ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט בִּשְׁעַת עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר מִיט אַ תַּלְמִיד אוּן זַיין טָאכְטֶער שָׂרָה: "וֶוען דוּ וָואלְסְט וֶוען זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן דָאס גֶעזַאנְג פוּן דִי גְרָאז וָואלְסְטוּ גֶעהֶערְט ווי יֶעדֶע גְרָאז זִינְגְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; ווי גוּט אוּן ווי אַנְגֶענֶעם אִיז צוּ הֶערְן ווי זֵיי זִינְגֶען זֵייעֶרֶע לִידֶער, אוּן ווי ווָאוֹיל אִיז זִיךְ צוּ מִתְבּוֹדֵד זַיין צְווִישְׁן זֵיי" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קסג); מִיר הֶערְן נִישְׁט דִי שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת פוּן דִי גְרָאז אָבֶּער מִיר שְׁפִּירְן עֶפֶּעס אַן אַנְדֶערֶע טַעַם בִּשְׁעַת מֶען אִיז צְווִישְׁן זֵיי.

**הֱיוֹת** נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז זוֹכֶה צוּ וואוֹינֶען צְווִישְׁן פֶעלְדֶער אוּן וֶועלְדֶער, אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וואוֹינֶען אִין שְׁטָאט, אִין פְּלֶעצֶער וואוּ עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פֶעלְדֶער - דַארְף מֶען זֵיי מְחַזֵק זַיין זֵיי זָאלְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד וואוּ אִימֶער מֶען גֶעפִינְט זִיךְ; דָאס לֶערְנְט אוּנְז מוֹהֲרָא"שׁ, מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיטְן מְצִיאוּת.

**מוֹהֲרָא"שׁ** הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט צוּ לֶעבְּן אִין ווִירְקְלִיכְקֵייט (רֶעאַלִיטֶעט), אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, מֶען זָאל נִישְׁט אָפְּשְׁטוּפְּן דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף סְפֶּעצִיעֶלֶע גֶעלֶעגְנְהֵייטְן, וֶוען מֶען וֶועט הָאבְּן אַ פֶעלְד וְכוּ'; נָאר וואוּ מֶען גֶעפִינְט זִיךְ - זָאל מֶען זִיךְ פוּן דָארְט מְקַשֵׁר זַיין אוּן זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבּ'עֶר חָסִיד אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר, אַמָאל הָאט מֶען אִים גֶעטְרָאפְן זִיצְן אִין גַאס וֵויינֶען, אִיז מֶען צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעפְרֶעגְט: "וָואס גֵייט פָאר? פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ? וָואס הָאט פַאסִירְט?" קֹדֶם הָאט עֶר זִיךְ פְּרוּבִּירְט אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן אוּן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, אָבֶּער וֶוען מֶען הָאט אִים אַסַאךְ גֶעמוּטְשֶׁעט הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט, נִישְׁט מֶער אוּן נִישְׁט וֵוינִיגֶער: "אִיךְ וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ דָא אִין גַאס? גֵיי אַרַיין אִין שׁוּל, דָארְט אִיז דִי פְּלַאץ פוּן תְּשׁוּבָה אוּן תִּקּוּן הַמַּעֲשִׂים!" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי נָתָן נָאכְזָאגְן פוּן רֶבִּי'ן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קכד): 'לִפְעָמִים מַגִּיעַ לָאָדָם הִרְהוּר תְּשׁוּבָה וְהִשְׁתּוֹקְקוּת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּאֵיזֶה מָקוֹם', וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה זָאל עֶר דָאס נִישְׁט אָפְּשְׁטוּפְּן אוֹיף שְׁפֶּעטֶער, נָאר עֶר זָאל בְּלַייבְּן דָארְט וואוּ עֶר שְׁטֵייט, 'שֶׁצָּרִיךְ שָׁם בְּאוֹתוֹ הַמָּקוֹם דַּיְקָא, לְהִתְחַזֵּק בְּזֶה הַהִרְהוּר תְּשׁוּבָה וְהַהִשְׁתּוֹקְקוּת, כְּגוֹן לְדַבֵּר שָׁם אֵיזֶה דִּבּוּרִים שֶׁל תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת אוֹ דִּבְרֵי הִשְׁתּוֹקְקוּת בַּפֶּה וּבַלֵּב כְּפִי הָעִנְיָן', אוּן פוּן דָארְט זָאל עֶר אַרוֹיסְזָאגְן אַפָאר וֶוערְטֶער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'וְלֹא יַמְתִּין וְלֹא יָזוּז מִמְּקוֹמוֹ', עֶר זָאל נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף שְׁפֶּעטֶער אוּן נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, 'אַף עַל פִּי שֶׁאֵין זֶה הַמָּקוֹם מוּכָן לְכָךְ, כְּגוֹן שֶׁלֹּא בִּמְקוֹם קְבִיעוּת לְתוֹרָה וּתְפִלָּה, רַק בְּדֶרֶךְ הִלּוּכוֹ וְכַיּוֹצֵא', אֲפִלּוּ דִי פְּלַאץ אִיז נִישְׁט גֶעאֵייגְנְט פַאר תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, עֶר אִיז אוּנְטֶערְוֶועגְנְס

וְכַדוֹמֶה, 'כִּי כְּשֶׁיָּזוּז מִמְּקוֹמוֹ, יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁיִּפְסֹק', וַוייל אויב וֶועט עֶר דָאס אָפְּשְׁטוּפְּן - וֶועט אַוֶועק גֵיין זַיין הִתְעוֹרְרוּת, 'וְכֵן מִמֶּנּוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּעַצְמוֹ רָאִינוּ עִנְיָן כָּזֶה כַּמָּה פְּעָמִים', און אַזוֹי הָאבְּן מִיר גֶעזֶען בַּיים רֶבִּי'ן אַסאךְ מָאל", עַיֵּן שָׁם.

**אִיךְ** וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס דוּ טְרַאכְטְסְט אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען דָאס נִישְׁט מְקַיֵּם, בִּשְׁעַת עֶס זֶענֶען פַארְהַאן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער בְּרִיוו פוּן מוֹהֲרָא"ש גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס וואוֹיעֶנֶען אִין 'יַבְנְאֵל עִיר בְּרֶסְלֶב', אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוֹיף דִי בֶּערְג און אוֹיף דִי פֶעלְדֶער פוּן יַבְנְאֵל. עֶפְן דֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל וֶועסְטוּ זֶען בְּרִיוו נָאךְ בְּרִיוו וִוי מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט: "גֵיי אַרוֹיף אוֹיפְן בַּארְג יֶעדְן טָאג און שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה".

**מוֹהֲרָא"ש** הָאט אַוֶועק גֶעמַאכְט דָאס וָואס חֲבֵרִים נֶעמֶען זִיךְ צוּזַאם און מֶען פָארְט צוּזַאמֶען אִין פֶעלְד וְכַדוֹמֶה מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת וְכוּ', וַוייל שְׁלֵמוּת הִתְבּוֹדְדוּת אִיז וֶוען מֶען גֵייט אֵיינֶער אַלֵיין - בַּד בְּבַד יִהְיֶ' קוֹדֶשׁ; מֶען זוּכְט אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, וואוּ קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט און קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ מֶען גֶעפִינְט זִיךְ, מֶען גֵייט אַלֵיינְס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן און מֶען גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ. דָאס אִיז וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן טוּן. מַה שֶּׁאֵין כֵּן וֶוען מֶען גֵייט צוּזַאמֶען אִיז דָאס אַ שְׁפִּיל;

דֶער שְׁרֵייט הויךְ, קוּמְט דֶער צְוֵוייטֶער אוּן שְׁרֵייט נָאךְ הֶעכֶער, קוּמְט דֶער דְרִיטֶער וְכוּ'.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## תשט

### אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ פָאהְרְן קַיין אוּמַאן נָאר אוֹיף עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שׁוֹין אַ שֵׁיינֶע שְׁטִיק צַייט וָואס אִיךְ הֶער דִי שִׁעוּרִים פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן פוּן לְהַבְדִיל בֵּין חַיִּים לְחַיִּים דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן אִיךְ שֶׁעפּ אַסַאךְ חִזּוּק אוּן חִיּוּת פוּן דִי דִבּוּרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז מִיר יֶעצְט אוֹיף דִי מִינוּט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ דָאס צוּ טוּן, אִיךְ הָאף אַז אֵיין טָאג וֶועל אִיךְ קֶענֶען פָארְן אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ דְרָשָׁה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז עֶר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעפָארְן דִי עֶרְשְׁטֶע יָאר קַיין אוּמַאן, ווַייל אַזוֹי הָאט עֶר שְׁפֶּעטֶער יָא גֶעקֶענְט פָארְן, אוּן דָאס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַסַאךְ חִזּוּק, זֶעעֶנְדִיג אַז עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ אַז אֵיינֶער וָואס אִיז מְקוּשָׁר צוּם רֶבִּי'ן, שֶׁעפְּט חַיּוּת פוּן רֶבִּי'ן, זָאל אָבֶּער נִישְׁט הָאבְּן דֶערְוַוייל דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן.

אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"ש אַז דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן

זַיין בַּיי אִים עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַז "אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים וָואלְטְן זִיךְ גֶעוואוּנְטְשְׁן צוּ הָאבְּן אַזַא רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ווִי עֶס אִיז בַּיי אִים עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה"; הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס הָאט אַ פְּשַׁט פַאר אֵיינֶעם וָואס קֶען דֶערְוַוייל נָאכְנִישְׁט פָּארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - אַז עֶר זָאל כָאטְשׁ פָּארְן אוֹיף עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה; דָאס מֵיינְט - אַזַא יָאר ווִי דִי יָאר - צוּ זַיין אִין אוּמַאן אוֹיף שַׁבָּת אוּן זָאגְן סְלִיחוֹת "זְכוֹר בְּרִית" מוֹצָאֵי שַׁבָּת בַּיי חֲצוֹת, זָאגְן תִּקּוּן הַכְּלָלִי בַּיים צִיּוּן אוּן כַאפְּן אַ פְלִיגֶער צוּרִיק קַיין נְיוּ יָארְק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אִיז דָאס בִּכְלַל אִינְטֶערֶעסַאנְט? אָדֶער זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ וַוארְטְן בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר הֶעלְפְן אוּן אִיךְ וֶועל קֶענֶען גֶעהֶערִיג פָּארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעהֵייסְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף 'עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה', דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה זֶעלְבְּסְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט מִיט דִי גְרֶעסְטֶע לְשׁוֹנוֹת אַרוֹיס צוּ בְּרֶענְגֶען ווִי שְׁטַארְק עֶר ווִיל מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים. עֶר הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכ): "וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, קַיין גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען"; נָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תה): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה,

שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אַז אִיךְ וֵויים וָואס אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט בַּאקוּמֶען בִּירֻשָּׁה פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן נָאר אִיךְ הָאבּ דָאס בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "לֹא מִבָּעֲיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִלּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", אוּן נִישְׁט נָאר אִיר זֶענְט אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דוּ פְרֶעגְסְט צִי עֶס אִיז בִּכְלַל אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף 'עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה'? אַוַדַּאי אִיז וֶוערְד דָאס קוּמֶען קַיין אוּמַאן! אַ גַאנְץ יָאר - נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶועלְכֶע צַייט - וֶוען מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דִי הַבְטָחָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה), אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן אוּן זָאגְן דֶעם תִּקּוּן הַכְּלָלִי [דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים - טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת, אֲפִלּוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת: "וֶועל אִיךְ זִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן; בַּיי דִי פֵּאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית".

אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועסְטוּ זֶען בְּחוּשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אַמָאל נָאכְן זָאגְן סְלִיחוֹת עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שה): "אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים וָואלְטְן זִיךְ גֶעווּאוּנְטְשְׁן צוּ הָאבְּן אַזַא רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ווִי בַּיי מִיר עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה"; עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים צִיּוּן אִין

אוּמַאן אִיז אַ גֶעשֶׁעֶנִיש וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דֶעמָאלְט קוּמֶען אַלֶע צוּם צִיּוּן וואוּ מֶען וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אוּנְז אָנְשְׁרַייבְּן אַ גוּט יָאר אוּן מִיר זָאלְן שׁוֹין אַרוֹיסְגֵיין פוּן אוּנְזֶער גָלוּת; טַייכְן טְרֶערְן וֶוערְן פַארְגָאסְן בַּיים צִיּוּן שׁוֹין פוּן לֵיל זְכוֹר בְּרִית, יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ זַיין גוּט דֶעם נֵייעֶם יָאר, מֶען זָאגְט דֶעם תִּקּוּן הַכְּלָלִי מִיטְן הָאפֶענוּנְג אַז מֶען וֶועט אַלֶעם פַארְרֶעכְטְן.

קֹדֶם קוּם אוֹיף שַׁבָּת אוּן אוֹיף עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אֶפְשָׁר וֶועסְטוּ פַארְשְׁפֶּעטִיגְן וְכוּ' - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ בְּלַייבְּן אִין אוּמַאן אוּן בַּאקוּמֶען דִי אַלֶע הַבְטָחוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תשי

**וִוי אַזוֹי וֶוער אִיךְ נָאנְט מִיט מַיין זוּן, וֶועמֶען אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעשְׁלָאגְן אוּן פַארְשֶׁעמְט?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ נֵייעֶם בְּלִיק אִין לֶעבְּן אִין אַלֶע עִנְיָנִים, עֶס הָאט מִיר פִיל גֶעהָאלְפְן אִין אַלֶע עִנְיָנִים אִין לֶעבְּן.

איך וויל וויסְן וָואס אִיךְ קֶען טוּן, אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ לֵיידֶער נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וִוי אַזוֹי מְחַנֵּךְ צוּ זַיין דִי קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעטוּן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בַּיי מַיין טַאטְן; שְׁלָאגְן, צִיפְּן, שְׁטוּיסְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס הָאט גֶעמַאכְט אַז מַיין זוּן זָאל וֶוערְן זֵייעֶר דֶערְוַוייטֶערְט פוּן מִיר.

נָאכְן אָנְהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁעוּרִים, הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעכַאפְּט וִוי נִישְׁט רִיכְטִיג אִיךְ הָאבּ גֶעהַאנְדְלְט; פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן מַיין זוּן, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה שְׁפִּירְט עֶר זִיךְ נָאךְ זֵייעֶר דֶערְוַוייטֶערְט פוּן מִיר.

וויל אִיךְ וויסְן וָואס פַאר אַ הִשְׁתַּדְּלוּת אִיךְ קֶען טוּן צוּרִיק צוּ מְקָרֵב זַיין מַיין זוּן, אַז מִיר זָאלְן וֶוערְן צוּרִיק בְּאַהֲבָה וְאַחֲוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**פוּן** יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס; אַז אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס עֶרְנְסְט, עֶר וִויל אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים - קֶען עֶר אַלֶעס מְתַקֵּן זַיין. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט טוּן שְׁלֶעכְטְס גְלֵייבּ אוֹיךְ אַז דוּ קֶענְסְט פַארְעֶכְטְן.

**וְויסְן** זָאלְסְטוּ, דוּ הָאסְט אַ נֵס אַז דַיין זוּן הַאלְט זִיךְ נָאךְ בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה, וַוייל בְּדֶרֶךְ כְּלַל וֶוען אַ קִינְד כַאפְּט אַרַיין אַזֶעלְכֶע זַאכְן פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן, אַזוֹי וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט: "שְׁלָאגְן, צִיפְּן, שְׁטוֹיסְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען" - גֵייט עֶר אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה הַשֵּׁם יְרַחֵם. אַלֶע בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס גֵייעֶן אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה - רֻבָּם כְּכוּלָם זֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן שׁוּלְדִיג אִין דֶעם, נָאכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען דִי קִינְדֶער דוּרְךְ שְׁלָאגְן, צִיפְּן, שְׁטוֹיסְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען; זֵיי הָאבְּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי קִינְדֶער אַ שִׂנְאָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה.

**וָוען** מֶען טְרַאכְט אַרַיין זֶעט מֶען אַז דִי וֶועג פוּן שְׁלָאגְן, צִיפְּן, שְׁטוֹיסְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חִנּוּךְ; וֶוען מֶען שְׁלָאגְט אַ קִינְד אִיז דָאס נָאר אוֹיסְצוּגֶעבְּן דִי אֵייגֶענֶע נֶערְוְון. מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער; סֵיי עֶס הֶעלְפְּט נִישְׁט אוּן סֵיי עֶס וֶוערְט נָאר עֶרְגֶער וְכוּ'.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְּלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן פַארְן רֶבִּי'ן יֶעדֶע זַאךְ בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת פוּן זַיין לֶעבְּן אוּן פְרֶעגְן צִי עֶר הָאט גוּט גֶעטוּן אָדֶער נִישְׁט, אַמָאל הָאט רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט פַארְן רֶבִּי'ן: "מַיין זוּן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיינְקוּמֶען שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה צוּם טִישׁ זִיצְן נֶעבְּן דֶעם גַאסְט וָואס אִיךְ הָאבּ אַהֵיימְגֶעבְּרֶענְגְט, וַוייל עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן אִים אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ וְכוּ', הָאבּ אִיךְ אִים גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ אַז עֶר זָאל פָאלְגְן אוּן אַרַיינְקוּמֶען צוּ דִי סְעוּדָה", וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען?!" פוּן דֶעם דִיבּוּר אִיז

שוין גֶעבְּליבְּן אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מֶען שְׁלָאגְט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער.

**וָוער** רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן גְרוֹיסֶע קִינְדֶער, דָאס אִיז אַ בְּפֵירוּשׁ'עֶ הֲלָכָה (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמ, סְעִיף כ), גְרוֹיסֶע קִינְדֶער טָאר מֶען נִישְׁט שְׁלָאגְן, מֶען אִיז עוֹבֵר אוֹיף (וַיִקְרָא יט, יד): "וְלִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשֹׁל"; וַוייל זֵיי קֶענֶען צוּרִיק שְׁלָאגְן אוּן אִיבֶּערְלָאזְן דָאס אִידִישְׁקֵייט; ווי מֶעג אַ אִיד שְׁלָאגְן, צִיפְּן, שְׁטוֹיסְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען דִי קִינְדֶער? ווי קֶען אַ אִיד אוֹיפְהֵייבְּן אַ הַאנְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אִיד?! אַ נִישְׁט-אִיד שְׁלָאגְט וְכוּ'.

דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער מְקָרֵב זַיין דַיין זוּן; עֶס וֶועט נֶעמֶען אַ שְׁטִיק צַייט ווי לַאנְג עֶס וֶועט זִיךְ פַארְהֵיילְן זַיין וֵוייטָאג פוּן דִי קְלֶעפּ אוּן פַארְשֶׁעמוּנְגֶען וָואס עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אוּן פַארְשֶׁעמְט גֶעוָוארְן פוּן דִיר הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשִׂים, אוּן מִיט תְּפִלָּה וֶועט עֶס אַרוֹיסְגֵיין פוּן אִים.

**נֶעם** זִיךְ אוּנְטֶער צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיף חִנּוּךְ הַיְלָדִים; סֵיי דִי אִידִישֶׁע קוּנְטְרֵסִים: "גֶעדוּלְד צוּ קִינְדֶער", "צוּשְׁנַייד מִיךְ נִישְׁט", אוּן "אִידִישׁ נַחַת", אוּן סֵיי דִי קוּנְטְרֵסִים אוֹיף לָשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ וָואס זֶענֶען צוּזַאמְגֶענוּמֶען אִין "אוֹצַר חִנּוּךְ הַיְלָדִים", צוּ רַאטֶעוֶוען נָאךְ קִינְדֶער פוּן וֶוערְן דֶערְמָארְדֶעט פוּן דִי עֶלְטֶערְן. אִין דֶעם זְכוּת וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר מוֹחֵל זַיין.

# תשיא

## ווי אַזוי קֶען מֶען זיך שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי מִדָּה פוּן כַּעַס?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁעוּרִים וָואס זֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק מְחַזֵּק. אִיךְ הוֹיבּ נָאר אָן הֶערְן אַ שִׁעוּר און עֶס צִיט מִיר ווִי אַ מַאגְנֶעט דָאס אוֹיסְצוּהֶערְן בִּיזְן סוֹף, און אִיךְ מוּז שׁוֹין הֶערְן נָאךְ אַ שִׁעוּר...

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי מִדָּה פוּן כַּעַס. עֶס שְׁטֶערְט מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק, עֶס שְׁטֶערְט אַלֶע מֶענְטְשְׁן אַרוּם מִיר און ווִיפִיל אִיךְ פְּרוּבִיר זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן - גֵייט עֶס מִיר נִישְׁט.

אֶפְשָׁר הָאט אִיר עֶפֶּעס אַן עֵצָה פַאר מִיר?

נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן בְּכֵפֶל כִּפְלַיִם אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיר הָאט מִיר שׁוֹין גֶעהָאלְפְן מִיט אַייֶערֶע שִׁעוּרִים.

## תְשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**כַּעַס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה; עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא עֶקְלְדִיגֶע מִדָּה ווִי דִי מִדָּה פוּן כַּעַס, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּכַעַס - דֶערְצֵיילְט עֶר פַאר אַלֶעמֶען וֶוער עֶר אִיז. אַזוֹי**

וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפד): "בְּהַחֹטֶם יְכוֹלִים לְהַכִּיר הַנּוֹאֵף", מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען אַ נוֹאֵף דוּרְךְ זַיין נָאז; מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז דָאס מַסְבִּיר אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף כַּעַס, אֵיינֶער וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג נֶערְוֶועז - אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ נוֹאֵף. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לח, ז): "וַיְהִי עֵר בְּכוֹר יְהוּדָה רַע בְּעֵינֵי ה'", פְרֶעגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמט): פַארְוָואס שְׁטֵייט: "'רַע' בְּעֵינֵי ה'" - עֶר אִיז גֶעוֶוען שְׁלֶעכְט אִין דִי אוֹיגְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין: "'רָשָׁע' בְּעֵינֵי ה'? נָאר וַוייל וֶוער עֶס טוּט דִי עֲבֵירָה פוּן עֵר וְאוֹנָן, עֶר אִיז פּוֹגֵם בַּבְּרִית, וֶוערְט אַ 'רַע', - אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ; עֶר שְׁרֵייט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, עֶר שְׁרֵייט אוֹיף אַלֶעמֶען אַרוּם אִים; אַלֶע זֶעעֶן אוּן וֵוייסְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ בַּעַל עֲבֵירָה, מֶען וֶוערְט גֶעווּאוֹיר זַיין גַאנְצֶע עָבַר וְכוּ'.

**אַז** דוּ ווִילְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן כַּעַס - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן וֶוערְן אִין כַּעַס, זָאלְסְט נִישְׁט פַארְלִירְן דַיין אֱמוּנָה; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - רֶעגְט עֶר זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר ווִיל, אַז מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף אִיז אַ סִימָן אַז עֶס פֶעלְט אִין דִי אֱמוּנָה. דֶערִיבֶּער זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת קה:): "הַמְקָרֵעַ בְּגָדָיו בַּחֲמָתוֹ", וֶוער עֶס צֶערַייסְט זַיינֶע קְלֵיידֶער פוּן כַּעַס, "וְהַמְשַׁבֵּר כֵּלָיו בַּחֲמָתוֹ", וֶוער עֶס צֶעבְּרֶעכְט זַיינֶע כֵּלִים פוּן כַּעַס, "וְהַמְפַזֵּר מְעוֹתָיו בַּחֲמָתוֹ", אוּן וֶוער עֶס וַוארְפְט אַוֶועק זַיין גֶעלְט פוּן כַּעַס - "יִהְיֶה בְּעֵינֶיךָ כְּעוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה", אִיז

אַזוֹי וִוי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה; וַוייל מִיט דֶעם וָואס עֶר וֶוערְט בְּכַעַס וַוייזְט עֶר אַז עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גְלֵייבְּט אַז קַיין שׁוּם זַאךְ גֶעשֶׁעט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, אִיז אֲפִלּוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר וִויל - וֵוייסְט עֶר אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין וָואס פְּרוּבִּירְט אִים אוֹיס.

יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ זָאגְן דֶעם בֵּייגֶעלֵייגְטְן תְּפִלָּה; נִישְׁט אֵיינְמָאל אַ טָאג, נָאר אַפָּאר מָאל אַ טָאג - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן כַּעַס, וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער צוּ בֵּייקוּמֶען דֶעם נִסָּיוֹן:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, טַאטֶע זִיסֶער, טַאטֶע גֶעטְרֵייעֶר, הֶעלְף מִיר אוּן הִיט מִיךְ אִיךְ זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קַיין כַּעַס, אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן אוֹיפְגֶערֶעגְט, אוּן אוֹיבּ אִיךְ וֶוער חַס וְשָׁלוֹם אוֹיפְגֶערֶעגְט - זָאל אִיךְ נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ טוּן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף מַיין יֵצֶר הָרָע אוּן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי כַּעַס אוֹיף רַחְמָנוּת; אַנְשְׁטָאט זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן - זָאל אִיךְ רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַלֶעמֶען. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דִי עֲבֵירָה פוּן (תְּהִלִּים פא, י): "לֹא יִהְיֶה בְךָ אֵל זָר וְלֹא תִשְׁתַּחֲוֶה לְאֵל נֵכָר", וָואס וֶוען מֶען רֶעגְט זִיךְ אִיז מֶען עוֹבֵר אוֹיף דֶעם וַוייל עֶס אִיז כְּאִלּוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! דוּ וֵוייסְט דָאךְ וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז צוּ צֶעבְּרֶעכְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן כַּעַס, וַוייל וִוי נָאר

עֶס הוֹיבְּט אָן בְּרֶענֶען אִין מִיר דִי כַּעַס חַס וְשָׁלוֹם - פַּארְלִיר אִיךְ זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט קָאנְטְרָאלִירְן; בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע זִיסֶער הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל פוּן הַיינְט אָן מֶער נִישְׁט וֶוערְן בְּכַעַס, עֶס זָאל מִיךְ גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין, אִיךְ זָאל זַיין גוּט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם, אָמֵן סֶלָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## תשיב

**וָואס זָאלְן מֵיידְלֶעךְ טוּן אַנְשְׁטָאט דִי סְגֻלָּה פוּן מַסֶּכֶת תַּעֲנִית?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל וָואס אִיז זִיךְ מְחַזֵּק מִיט דִי שִׁעוּרִים, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶערֶעדְט צוּ דִי בָּחוּרִים בַּיי דִי שִׁעוּרִים אִיבֶּער דִי סְגֻלָּה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ פַאר דִי בָּחוּרִים אַז זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען מַסֶּכֶת תַּעֲנִית יֶעדְן טָאג אִין דִי פֶערְצִיג טֶעג פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועלְן זֵיי טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁדּוּךְ; ווִיל אִיךְ ווִיסְן וָואס מֵיידְלֶעךְ קֶענֶען טוּן צוּ הָאבְּן דִי סְגֻלָּה?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.**

**מוֹהֲרָא"שׁ** הָאט גֶעגֶעבְּן אַ סְגֻלָּה פַאר דִי בָּחוּרִים זוּמֶער שְׁנַת תשע"א, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ זָאג צוּ פַאר אַלֶע בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען זִיבְּעצְן יָאר אוּן הֶעכֶער, יֶעדֶער בָּחוּר וָואס וֶועט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען גַאנְץ מַסֶּכֶת תַּעֲנִית - פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זָאג אִיךְ צוּ אַז עֶר וֶועט טְרֶעפְן זַיין שִׁדּוּךְ גְלַייךְ נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה"; אִיר פְרֶעגְט וָואס זָאלְן מֵיידְלֶעךְ טוּן פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב פַאר אַ סְגֻלָּה צוּ טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁדּוּךְ.

**זֶעט** צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים; אַז אִיר קֶענְט זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג - אִיז נָאךְ בֶּעסֶער, אָבֶּער אַז אִיר קֶענְט נָאר זָאגְן אַבִּיסְל - זָאגְט וִויפִיל אִיר קֶענְט.

**אַלֶע** יְשׁוּעוֹת לִיגְן אִין תְּהִלִּים; אַייעֶר שִׁדּוּךְ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים. דֶער וָואס זָאגְט תְּהִלִּים וֶוערְט זַיין אֱמוּנָה גֶעשְׁטַארְקְט; עֶס לִיגְט אַ גְרוֹיסֶע קְדֻשָּׁה אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן תְּהִלִּים אוּן וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים אִיז אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ אַלֵיינְס הָאט דָאס גֶעזָאגְט.

# תשיג

## וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי וַוייבּ הֶערְט נִישְׁט אוֹיף שְׁרַייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער?[ג]

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ הַארְצִיגְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִזּוּק וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בְּלָאזְט אַרַיין אִין מִיר, סְפֶּעצִיעֶל דִי חִזּוּק יוֹמִי וָואס אִיךְ בַּאקוּם טֶעגְלִיךְ, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה דֶערְפוּן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַזוֹי, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ וַוייבּ וָואס הֶערְט נִישְׁט אוֹיף שְׁרַייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער. נִישְׁט סְתָּם זִי שְׁרַייט אוֹיף זֵיי, נָאר זִי קְלַאפְּט זֵיי זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרָאפּ, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: "בִּיסְט אַ טִפֵּשׁ", "בִּיסְט נַארִישׁ", "בִּיסְט אַ בֶּעיבִּי", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַזֶעלְכֶע סָארְט לְשׁוֹנוֹת, אוּן נָאךְ עֶרְגֶערֶע - שְׁרַייט זִי אוֹיף זֵיי כְּסֵדֶר.

אִיךְ בִּין בְּטֶבַע זֵייעֶר אַ סֶענְסִיטִיוֶועֶר מֶענְטְשׁ, אוּן יֶעדֶעס מָאל אִיךְ הֶער ווִי אַזוֹי זִי קְלַאפְּט זֵיי אַרָאפּ מִיט אַלֶע סָארְט שְׁלֶעכְטֶע וֶוערְטֶער, שְׁפִּיר אִיךְ מַמָּשׁ ווִי עֶס קוּמְט מִיר צוּ וֵויינֶען, עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויי, אִיךְ הַאלְט מַמָּשׁ נִישְׁט אוֹיס פַאר זֵיי; ווִי אַזוֹי וֶועלְן זֵיי קֶענֶען אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט וֶוען דִי מַאמֶע קְלַאפְּט זֵיי אַזוֹי אַרָאפּ אַ גַאנְצְן טָאג...?!

ווִי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה? אוּן ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת? עֶס אִיז מַמָּשׁ דָאס גֵיהִנּוֹם אַלֵיין.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

---

ג. אַ הֶמְשֵׁךְ צוּ דֶעם בְּרִיוו, אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תשעא.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דָאס** וָואס זֵי שְׁרֵייט און זִידְלְט דִי קִינְדֶער - קוּמְט נִישְׁט פוּן שְׁלֶעכְטִיגְקֵייט; זֵי טוּט דָאס וַוייל אַזוֹי הָאט מֶען אִיר מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען. מֶען הָאט אוֹיף אִיר גֶעשְׁרִיגְן טָאג אוּן נַאכְט דִי סָארְט וֶוערְטֶער, דֶערְפַאר זָאגְט זִי דָאס אִיבֶּער פַאר אִירֶע קִינְדֶער, מֵיינֶענְדִיג אַז דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן חִנּוּךְ הַבָּנִים, וֶוען בֶּאֱמֶת אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה פַאר דִי קִינְדֶער.

**מַאךְ** זִיךְ אַ שִׁעוּר מִיט דַיין וַוייבּ אִין דִי נַייֶע אִידִישֶׁע קוּנְטְרֵסִים: "גֶעדוּלְד צוּ קִינְדֶער" אוּן "אִידִישׁ נַחַת"; דָארְט וֶועסְטוּ זֶען וִוי מוֹהֲרַא"ש לֶערְנְט אוּנְז וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מְחַנֵּךְ קִינְדֶער אוֹיף אַ גוּטֶע וֶועג, דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן טְשֶׁעפֶּען קִינְדֶער מִיט נִישְׁט שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער אוּן וָואס עֶס פַּאסִירְט וֶוען מֶען טְשֶׁעפֶּעט זֵיי מִיט מִיאוּס'ע וֶוערְטֶער; זֵיי לוֹיפְן נָאכְדֶעם אַוֶועק פוּן שְׁטוּבּ אוּן זֵיי ווִילְן נִישְׁט הָאבְּן קֵיין שַׁיְיכוּת מִיט דִי עֶלְטֶערְן וְכוּ'.

**וֶוען** זִי וֶועט לֶערְנֶען דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג פוּן חִנּוּךְ הַבָּנִים, זִי וֶועט ווִיסְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט דִי וֶועג - וֶועט זִי שׁוֹין מֶער נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער דִי אַלֶע וֶוערְטֶער.

**זַיי** דַן דַיין וַוייבּ לְכַף זְכוּת אוּן קוּק אוֹיף אִיר מִיט אַ גוּט אוֹיג; זִי אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג, וַוייל מֶען הָאט אוֹיף אִיר

גֶעשְׁרִיגְן דִי אַלֶע וֶוערְטֶער אִין אִירֶע קִינְדֶער יָארְן אוּן זִי מֵיינְט אַז דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן חִנוּךְ. קוּק נִישְׁט אוֹיף אִיר מִיט רְצִיחָה; וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעהַאט דֶעם עָבַר וָואס זִי אִיז אַרִיבֶּער - וָואלְסְטוּ גֶעוֶוען אַסַאךְ עֶרְגֶער, דוּ וָואלְסְט שׁוֹין לַאנְג אָפְּגֶעלָאזְט וְכוּ'. אַז דוּ וֶועסְט קוּקְן גוּט אוֹיף אִיר, דוּ וֶועסְט קוּקְן אוֹיף אִיר מִיט רַחְמָנוּת אוֹיגְן - וֶועט זִיךְ אַלֶעס טוּישְׁן לְטוֹבָה.

**אוֹיבּ** דוּ ווִילְסְט בֶּאֱמֶת דִי טוֹבָה פוּן דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט דַיין ווַייבּ; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ וָואס דוּ קֶענְסְט גֶעבְּן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער ווִי צוּ לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט מִיט דַיין ווַייבּ. קִינְדֶער זֶענֶען גָאר גוּטֶע מְבִינִים, זֵיי ווֵייסְן אוּן שְׁפִּירְן וֶוען דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען בְּשָׁלוֹם אוּן וֶוען מֶען אִיז בְּרוֹגֶז; וֶוען זֵיי שְׁפִּירְן ווִי דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט בְּשָׁלוֹם - טוּט זֵיי דָאס זֵייעֶר ווֵיי, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ זֵיי זֶעעֶן מִיט זֵייעֶרֶע אוֹיגְן ווִי מֶען קְרִיגְט זִיךְ, דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין זֵיי גְרוֹיסֶע פְּחָדִים אוּן זֵיי ווַאקְסְן אוֹיף פֶּעלֶערְדִיג.

**וְעַל** כּוּלָם זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן; גוּטֶע קִינְדֶער קוּמְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, גוּטֶע קִינְדֶער בַּאקוּמְט מֶען לוֹיט ווִיפִיל מֶען בֶּעט אוּן מֶען ווֵיינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אֲפִלוּ דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ גָאר קְלֵיין - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, ווַייל עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג הַיינְטִיגֶע צַייטְן ווִי מֶען זֶעט נֶעבֶּעךְ קִינְדֶער פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע

שְׁטִיבֶּער גֵייעֶן אַרוֹיס לְתַּרְבּוּת רָעָה רַחְמָנָא לִצְלָן, און דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אוֹיף דֶעם אִיז בֶּעטְן און וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תשיד

**קֶען מֶען מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת בְּלוֹיז מִיט דִי מַחְשָׁבָה?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁעוּרִים יֶעדְן טָאג, אִיךְ הֶער אוֹיס יֶעדְן שִׁעוּר אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן, און אִיךְ בִּין זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּה.

אִיךְ הָאבּ צְוֵויי שְׁאֵלוֹת צוּ פְרֶעגְן; א. וֶוען עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּרֶעדְן דִי וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען אִיךְ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת בְּלוֹיז מִיט דִי מַחְשָׁבָה? ב. וֶוען אִיךְ גֵיי אוֹיף אַ צִיּוּן פוּן אַ צַדִּיק אִיז מִיר אַסַאךְ מָאל שְׁוֶוער צוּ זָאגְן דָארְט תְּהִלִּים, קֶען מֶען זָאגְן דָארְט מִשְׁנָיוֹת אַנְשְׁטָאט תְּהִלִּים?

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, און אִיךְ שְׁפִּיר מַמָּשׁ ווִי אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִין** אָנְהוֹיבּ אִיז טַאקֶע שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען דַארְף הָאבְּן אוֹיף דֶעם אַסַאךְ חִזּוּק, אָבֶּער וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה דֶערְצוּ, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶעמָאלְט דַארְף מֶען שׁוֹין נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דִי וֶועלְט.

**דָאס** דַארְף זַיין דֶער עִקָּר אוֹיף וָואס אַ אִיד דַארְף בֶּעטְן, עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּ אִים; דָאס אִיז גֶעוֶוען דָוִד הַמֶּלֶךְ'ס תְּפִלָּה (תְּהִלִּים כז, ד): "אַחַת שָׁאַלְתִּי מֵאֵת ה' אוֹתָהּ אֲבַקֵּשׁ, שִׁבְתִּי בְּבֵית ה' כָּל יְמֵי חַיַּי, לַחֲזוֹת בְּנֹעַם ה' וּלְבַקֵּר בְּהֵיכָלוֹ", אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין מִיט דִיר, אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זִיצְן אִין דַיין שְׁטוּבּ אוּן לֶעבְּן מִיט דִיר; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַריין אִין זִיךְ דֶעם גֶעדַאנְק: 'אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן', אוּן עֶר הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין מַאמֶע לָשׁוֹן אַזוֹי ווִי עֶר רֶעדְט צוּ זַיינְ'ס אַ חָבֵר, אוּן וָואס עֶר דַארְף בֶּעט עֶר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער מֶענְטְשׁ אִיז דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט.

**אַז** עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם אַלֵיינְס, מַאךְ זִיךְ אַ תְּפִלָּה וָואס דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּ דִיר,
עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּ דִיר; מִיט
מֶענְטְשְׁן קֶען אִיךְ שְׁטֵיין אוּן שְׁמוּעֶסְן שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת, אֲפִלּוּ
דְּבָרִים שֶׁל מַה בְּכַךְ, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן צוּ דִיר
- וֶוער אִיךְ מַמָּשׁ שְׁטוּם. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר
אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ
קְלָארֶע אֱמוּנָה אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, דֶעמָאלְט וֶועט מִיר
זַיין גְרִינְגֶער צוּ רֶעדְן צוּ דִיר.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ רֵיינֶע
אֱמוּנָה; אִיךְ זָאל ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס
אַלֶעס בִּיסְטוּ, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אַ לְבוּשׁ פוּן דִיר; דוֹמֵם,
צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר - אַלֶעס בִּיסְטוּ אַלֵיינְס".

דֶערִיבֶּער, אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן -
זָאלְסְטוּ דָאס אַלֵיינְס בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן
אָן אַ שִׁעוּר מָאל. דֶער הֵיילִיגֶער דֶגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם זְכוּתוֹ
יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט (פָּרָשַׁת בְּחֻקּוֹתַי, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל אַךְ לָזֶה צָרִיךְ סִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָּא)
בְּשֵׁם זַיין זֵיידְן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ,
אַז אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ קֶענִיג וָואס הָאט גֶעלָאזְט אוֹיסְרוּפְן
פַאר דִי גַאנְצֶע לַאנְד אַז וֶוער עֶס הָאט אַ בַּקָּשָׁה קֶען דָאס
קוּמֶען בֶּעטְן, אַלֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען בֶּעטְן פוּנֶעם קֶענִיג זֵייעֶרֶע
בַּקָּשׁוֹת; אֵיינֶער הָאט גֶעבֶּעטְן גֶעלְט, אַ צְוֵייטֶער הָאט גֶעבֶּעטְן
כָּבוֹד, אֵיינֶער הָאט גֶעבֶּעטְן אַז דֶער קֶענִיג זָאל זִיךְ נוֹקֵם זַיין
אִין זַיינֶע שׂוֹנְאִים, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט גֶעבֶּעטְן אַ צְוֵייטֶע
בַּקָּשָׁה. אִיז גֶעקוּמֶען אַ חָכָם וָואס עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעבֶּעטְן

עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל, עֶר הָאט נָאר גֶעבֶּעטְן אֵיין זַאךְ, עֶר ווִיל קֶענֶען רֶעדְן מִיטְן קֶענִיג יֶעדְן טָאג; מִיט דֶעם הָאט עֶר מְמַּילָא בַּאקוּמֶען אַלֶע זַיינֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן, ווַייל עֶר רֶעדְט צוּם קֶענִיג יֶעדְן טָאג אוּן עֶר בֶּעט אִים אַלֶעס ווָאס עֶר דַארְף.

דוּ קֶענְסְט לֶערְנֶען בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים דַיינֶע שִׁעוּרִים כְּסִדְרָן, ווֶעסְטוּ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תשטו

### אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ מִיט נַפְשִׁיוּת'דִיגֶע שְׁוֶועריקַייטְן, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מוּז זָאגְן אַז דִי חִזּוּק שִׁעוּרִים הָאבְּן מִיר גֶעגֶעבְּן לֶעבְּן מַמָּשׁ בִּמְלוֹא מוּבָן הַמִּלָּה, אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ שׁוֹין אַזוֹיפִיל יָארְן מִיט נַפְשִׁיוּת'דִיגֶע שְׁוֶועריקַייטְן, אוּן דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, ווָאס בְּרֶענְגְט אַרוֹים דִי חִזּוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן פוּן מוֹהֲרַ"א"שׁ אוֹיף אַזַא קְלָארֶע אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע פַארְנֶעם - נָאר דָאס גֶעבְּט מִיר חִזּוּק זִיךְ צוּ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין אוּן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ דַארְף אַסַאךְ חִזּוּק, אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְּט צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן נֶעמֶען מֶעדִיצִין פַאר דִי נֶערְווְן, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַזוֹיפִיל

מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם, שׁוֹין אַזוֹיפִיל גֶעוֶוען אוֹיף קִבְרֵי צַדִּיקִים אוּן גָארְנִישְׁט הָאט גֶעהָאלְפְֿן. אִיךְ הָאבּ אַ קָרוֹב וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אִין אַ שְׁוֶוערֶע מַצָּב, אוֹיף מֶעדִיצִין, אוּן עֶר אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַרָאפּ פוּן דֶעם, ווִידֶער אִיךְ מוּז נָאךְ צוּרִיק אַרוֹיפְגֵיין אוֹיף דֶעם, אוּן דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי.

נָאךְ מֶער שְׁטֶערְט מִיר אַז אִיךְ וֵויים נִישְׁט וֶוען אוּן וָואס פַּאר אַ סָארְט שִׁדּוּךְ אִיךְ וֶועל שׁוֹין קֶענֶען הָאבְּן, אַזוֹי וִוי אִיךְ דַארְף זַיין אוֹיף מֶעדִיצִין.

אוֹיךְ פַּאל אִיךְ אַרַיין אִין שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן אִיךְ קֶען עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין אוּן גֶעבְּן הַדְרָכָה וָואס צוּ טוּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**שְׁטַארְק** זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן; מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס הֶעלְפְט אַלֶעמֶען אוּן הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אַלֶעמֶען. וִוי מֶער דוּ וֶועסְט אַרַיינְנֶעמֶען אִין דִיר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט - אַלְץ רוּאִיגֶער וֶועסְטוּ וֶוערְן, עֶס וֶועט זִיךְ בּוֹיעֶן אִין דִיר שְׁטַארְקֶע נֶערְוְון.

**בִּיז** דֶערְוַויל זָאלְסְטוּ וַוייטֶער נֶעמֶען דִי מֶעדִיצִין; עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ צוּ נֶעמֶען מֶעדִיצִין, קוּק נִישְׁט אוֹיף

קֵיינֶעם אוּן זוּךְ נִישְׁט צוּ זַיין ווִי דַיין קָרוֹב וְכוּ'. דוּ דַארְפְּסְט קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְצֵיילְן אַז דוּ נֶעמְסְט מֶעדִיצִין; פָאלְג דֶעם דָאקְטֶער בִּיז דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם.

**טז** אַלֶעס וָואס מַאכְט דִיךְ פְרֵיילִיךְ דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ צוּבִּיסְלִיךְ אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דִי אַלֶע קָאפְּדְרֵייעֶנִישְׁן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", אוּן אַוֶועק נֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת. "וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן קְרֶענְק וָואס קוּמֶען אוֹיפְן מֶענְטְשׁ קוּמְט נָאר צוּלִיבּ עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה. אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער: "וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה, שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת עַל יְדֵי מָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת, וְהַשִּׂמְחָה הוּא רְפוּאָה גְּדוֹלָה", אוֹיךְ דִי דָאקְטוֹרִים זֶענֶען מוֹדֶה אַז אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן קְרֶענְק קוּמֶען פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ נֶעמְט עֶר אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תשטז

## אִיז גֶענוּג בְּלוֹיז צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אִין אַ בְּרִיווד וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט פַאר אַ מַאמֶע וָואס אִיר בָּחוּר פִירְט זִיךְ נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אַז אוֹיבּ וִויל מֶען אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם.

אִיךְ וִויל דָאס פַארְשְׁטֵיין, אוֹיבּ אִיז דָא זַאכְן מְתַקֵּן צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ, אִיז גֶענוּג צוּ זָאגְן אַז מֶען וֶועט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט דֶעם אִיז מֶען שׁוֹין יוֹצֵא? אִיז דֶען דָאס גֶענוּג?!

אַז דִי קִינְדֶער דַארְפְן זַיין מֶער צְנִיעוּת'דִיג, אַז אַ קִינְד וִויל קוֹיפְן אַ סְמַארְטְפָאוֹן, אָדֶער סַיי וֶועלְכֶע פְּרָאבְּלֶעם עֶס מַאכְט זִיךְ אִין אַ שְׁטוּבּ - אִיז גֶענוּג בְּלוֹיז צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער אִיז דִי אַחְרָיוּת פוּן דֶער מַאן אוּן טַאטֶע צוּ זִיכֶער מַאכְן אַז עֶס וֶוערְט טַאקֶע אוֹיסְגֶעפִירְט לְמַעֲשֶׂה, צוּ שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם אוּן זִיךְ קְרִיגְן מִיט זֵיי, בִּיז זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין?

עֶס זֶעט מִיר אוֹיס לֶעבֶּערְלִיךְ צוּ זָאגְן אַז מֶען דַארְף בְּלוֹיז בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גָארְנִישְׁט מֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

ד. דֶער בְּרִיוו אִיז בֵּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** בְּרִיוו וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֵיינְט אִיז אַדְרֶעסִירְט צוּ עֶלְטֶעְרן וָואס זֵייעֶרע קִינְדֶער הֶערְן שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס וָואס מֶען זָאגְט זֵיי; וֶוען מֶען הָאט דֶערְוַואקְסֶענֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ פַארְקְרָאכְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, זֵיי ווִילְן שׁוֹין נִישְׁט הֶערְן וָואס מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי - דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ גֶעבְּן מוּסָר, וַוייל מִיטְן רֶעדְן מַאכְט מֶען נָאר עֶרְגֶער. אוֹיף דֶעם זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (עַיֵּין יְבָמוֹת סה:): "כְּשֵׁם שֶׁמִּצְוָה לוֹמַר דָּבָר הַנִּשְׁמַע", אַזוֹי וִוי עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ זָאגְן מוּסָר וֶוען מֶען נֶעמְט אָן וָואס מֶען זָאגְט, "כַּךְ מִצְוָה שֶׁלֹּא לוֹמַר דָּבָר שֶׁאֵינוֹ נִשְׁמַע", אַזוֹי אִיז אַ מִצְוָה מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז מֶען וֶועט דָאס נִישְׁט אָנְנֶעמֶען.

**אַוַדַאי** דַארְף מֶען זָאגְן פַאר קִינְדֶער וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן; וואוּיל אִיז פַאר דִי עֶלְטֶעְרן וָואס זֶענֶען מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג - וֶוען זֵיי הֶערְן נָאךְ אוֹיס וָואס מֶען זָאגְט זֵיי, דִי וֶועלְן שְׁנַיידְן שֵׁיינֶע פֵּירוֹת. קִינְדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵּךְ זַיין וֶוען זֵיי זֶענֶען יוּנְג, אָךְ אוּן וֵויי אַז מֶען אִיז נִישְׁט מְחַנֵּךְ קִינְדֶער, זֵיי וֶועלְן אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה.

**שְׁלֹמֹה** הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יג, כד): "חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ שׂוֹנֵא בְנוֹ", וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער - הָאט פַיינְט

זַיינֶע קִינְדֶער, "וְאֹהֲבוֹ שִׁחֲרוֹ מוּסָר", ווידֶער דֶער וָואס אִיז מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער - וַוייזְט דָאס אַז עֶר הָאט לִיבּ זַיינֶע קִינְדֶער.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה א, א) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט מְחַנֵךְ זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זֵיי אַוֶועק גֵיין פוּן אִידִישְׁן וֶועג, אַזוֹי ווִי מִיר זֶעעֶן בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ; וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען ווִי יִשְׁמָעאֵל קוּמְט אַהֵיים מִיט אַ גֶעטְשְׁקֶע אוּן שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט עֲבוֹדָה זָרָה'ס - הָאט עֶר אִים גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, עֶר הָאט אִים גֶעשׁוֹינְט; בִּיז עֶר הָאט אִים גֶעדַארְפְט פַארְטְרַייבְּן פוּן שְׁטוּבּ כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט קַאלְיֶע מַאכְן זַיין בְּרוּדֶער יִצְחָק. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען מִיט עֵשָׂו; יִצְחָק אָבִינוּ הָאט לִיבּ גֶעהַאט עֵשָׂו אוּן אִים גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, צוּם סוֹף אִיז עֶר אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה; זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט נִישְׁט קַיין מוּסָר פַאר זַיינֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג - וֶועט עֶר חֲרָטָה הָאבְּן שְׁפֶּעטֶער.

לַיין אִיבֶּער דִי שְׁאֵלָה מִיט דִי תְּשׁוּבָה וֶועסְטוּ זֶען אַז מֶען רֶעדְט פוּן אַ בָּחוּר וָואס גֵייט אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע וֶועג, עֶר הֶערְט לֵיידֶער נִישְׁט צוּ צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן, אִין אַזַא פַּאל אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן מוּסָר, בַּיי דֶעם פַּאל זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (מִשְׁלֵי ט, ח): "אַל תּוֹכַח לֵץ", זָאג אִים נִישְׁט קַיין מוּסָר, "פֶּן יִשְׂנָאֶךָּ", וַוייל דוּ וֶועסְט נָאר עֶרְגֶער מַאכְן.

אִין יֶעדְן פַּאל דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי קִינְדֶער; אֲפִלּוּ מֶען זֶעט ווִי דִי קִינְדֶער פַאלְן אַוֶועק דַארְף מֶען וַוייטֶער מִתְפַּלֵל זַיין

אויף זַיי, ווייל תְּפִלָּה איז שְׁטַארְקֶער פוּן אַלְצְדִינְג. אֲפִילּוּ עֶס זֶעט נִישְׁט אוֹיס ווי מֶען קֶען נָאךְ עֶפֶּעס עֶרְוַוארְטְן, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען אִיז שְׁטַארְק מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת - אִיז מֶען זוֹכֶה בַּיים סוֹף צוּ גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## קֶען אַ מַאמֶע בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַנְשְׁטָאט אִיר קִינְד?[ה]

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְּרוֹי וָואס הֶערְט דִי שִׁעוּרִים, אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ' דֶערְמִיט, און כָאטְשׁ וָואס אִיךְ פְּלֶעג אַלְץ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַלְץ אַז יֶעדֶע אִידִישֶׁע פְרוֹי רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילּוּ מֶען אִיז נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר, אָבֶּער דִי שִׁעוּרִים און דְרָשׁוֹת גֶעבְּן מִיר פִיל מֶער חִזּוּק זִיךְ מֶער צוּ שְׁטַארְקְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מַיין בָּחוּר לֶערְנְט אִין אַ יְשִׁיבָה, אָבֶּער עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ שְׁטַארְק בְּרוּחָנִיוּת, עֶר פִּירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף ווי עֶס דַארְף צוּ זַיין, און פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מַיין הַארְץ בְּלוּטִיגְט אוֹיף דֶעם, אִיךְ וֵויין אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

ה. סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ז', מִכְתָּב תרצ.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַזוֹי, דֶער בָּחוּר אַלֵיין שְׁפִּירְט נִישְׁט אַז עֶפֶּעס פֶּעלְט אִים, עֶר מֵיינְט אַז עֶר ווִיל פָּשׁוּט הֲנָאָה הָאבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט ווִי עֶר גֵייט אוֹיפְן וֶועג אַרָאפּ צוּם שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זִיךְ צוּרִיק כַאפְּן. אִיז דִי שְׁאֵלָה צִי אִיךְ קֶען עֶס טוּן אַנְשְׁטָאט אִים, אַז אִיךְ זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר אִים אַז עֶר זָאל זִיךְ צוּרִיק שְׁטֶעלְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג, אָפְּלָאזְן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע כֵּלִים וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעהַאנְדְלְט צוּ קוּקְן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

אִיז דָאס דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וֶוען אִיךְ בֶּעט אַנְשְׁטָאט אִים? וֶועט דָאס הֶעלְפְן דִי זֶעלְבֶּע ווִי וֶוען עֶר אַלֵיין וָואלְט וֶוען גֶעבֶּעטְן פַּאר זִיךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**וָואס** אִיז בִּכְלַל דִי הֲוָה אֲמִינָא צִי עֶס הֶעלְפְּט תְּפִלּוֹת פוּן אַ מַאמֶע פַאר אִירֶע קִינְדֶער?! אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן בַּאלוֹיכְטְן דִי וֶועלְט אִיז נָאר ווַייל זֵייעֶרֶע מַאמֶעס פְלֶעגְן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער וָואס וֶועלְן בַּאשֵׁיינֶען דִי וֶועלְט.

**מוֹהֲרָא"שׁ** פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן אַז אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן גֶעבֶּעטְן

אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט אוּן דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד, אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער; אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

**זָאלְט** אִיר וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט תְּפִלּוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע קִינְדֶער וֶועט אִיר זֶען פִיל נַחַת בַּיי אַלֶע פוּן זֵיי, בִּפְרַט וֶוען אִיר צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ; בֶּעטְס פַאר אַייךְ, פַאר אַייעֶר מַאן, פַאר דֶעם קִינְד וָואס פַאלְט וְכוּ', פַאר אַלֶע אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן פַאר אַלֶע אִידְן. בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען אוֹיס'פּוֹעֵל'ן גְרוֹיסֶע נִיסִים.

**רֶבִּי** נָתָן הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין וַוייבּ אוּן זַיינֶע טֶעכְטֶער, אַז וֶוען זֵיי צִינְדְן אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְן זֵיי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַזוֹי וִוי אִיךְ צִינְד אָן דִי לִיכְט, אַזוֹי זָאל אָנְגֶעצִינְדְן וֶוערְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס לִיכְט אִין אַלֶע אִידִישֶׁע הֶערְצֶער"; אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְט אִיר בֶּעטְן בַּיי דִי לִיכְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶער אוֹיס מַיין גֶעבֶּעט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִיךְ דִינֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט, בִּפְרַט מַיין זוּן הַבָּחוּר ...., הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים אוּן עֶפְן אִים זַיין הַארְץ עֶר זָאל נָאר דִיךְ וֶועלְן, עֶר זָאל אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, עֶר זָאל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן אוּן נִישְׁט קוּקְן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַזוֹי

וִוי אִיךְ צִינְד יֶעצְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְסְטוּ אִים לִיכְטִיג מַאכְן זַיין לֶעבְן, עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין אִים אַ רֵיינֶע גֵייסְט, אַ הֵיילִיגְקֵייט. מַאךְ אוּנְז לִיכְטִיג אוּנְזֶער לֶעבְן אוּן מַאךְ לִיכְטִיג פַאר אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אַלֶע זָאלְן וִויסְן פוּן דִיר אוּן אַלֶע זָאלְן וִויסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. צִינְד אָן ...'ס הַארְץ עֶר זָאל דִיךְ דִינֶען מִיט לִיבְשַׁאפְט אוּן צִינְד אָן דִי הֶערְצֶער פוּן אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער".

**אַז** אִיר הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ שְׁטֵיין - קֶענְט אִיר זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן אוּן אַז אִיר קֶענְט נִישְׁט הַאלְטְן דִי הֶענְט אוֹיפְן פָּנִים פַאר לַאנְג - קֶענְט אִיר פָּשׁוּט זִיצְן בַּיי דִי לִיכְט אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בֶּעטְס אוּן בֶּעטְס אוּן שְׁפָּארְט נִישְׁט קַיין טְרֶערְן, וַוייל יֶעדֶע טְרֶער אִיז נָאךְ אַ טְרָאפּ וַואסֶער וָואס וֶועט שְׁפַּאלְטְן דִי הֶערְצֶער פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

**אוֹיךְ** זָאלְט אִיר פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ קוּקְן גוּט אוֹיף אִים; זוּכְט אוֹיף גוּטֶע נְקוּדוֹת אוֹיף אַייעֶר זוּן נֵרוֹ יָאִיר אוּן מַאכְט דֶערְפוּן אַן עֵסֶק, וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ זוּכְט מֶען אַלְץ חֶסְרוֹנוֹת אִינֶעם קִינְד. וֶוען מֶען זֶעט עֶפֶּעס וָואס דֶער קִינְד דַארְף פַּארְרֶעכְטְן הַאלְט מֶען פָאר דֶעם קִינְד, אָבֶּער וֶוען דֶער קִינְד טוּט גוּטְס דֶעמָאלְט זָאגְט מֶען גָארְנִישְׁט, דֶער וֶועג אִיז נִישְׁט קַיין וֶועג; קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן מַאכְן פוּן יֶעדֶע גוּטֶע נְקוּדָה אַן עֵסֶק.

**אַז** אִיר וֶועט קוּקְן גוּט אוֹיף אִים וֶועט אִיר אִים אִינְגַאנְצְן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה

הָאט דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן קַיין מַארְמַארָאש וואו עֶס הָאבְּן גֶעוואוֹינְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹות, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "ווִי אַזוֹי וֶועט דֶער רֶבִּי קֶענֶען פוּעֶלְ'ן בַּיי דִי מַארְמַארָאשֶׁע אִידְן זֵיי זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין?" הָאט זֵיי דֶער אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֶועל זֵיי אַזוֹי לִיבּ הָאבְּן, בִּיז זֵיי וֶועלְן פָאלְגְן וָואס אִיךְ לֶערְן זֵיי אוּן וָואס אִיךְ פַארְלַאנְג פוּן זֵיי"; זֶעט מֶען אַז מִיט לִיבְּשַׁאפְט קֶען מֶען אַלֶעס פוּעֶלְ'ן.

**שְׁטַארְקְט** אַייךְ אִין תְּפִלָּה, זַייט מַמְשִׁיךְ מִיט אַייעֶרע תְּפִלּוֹת וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

## תשיז

**פַארְוָואס הָאט מוֹהֲרַ"ש גֶעמַאכְט דֶעם בְּרֶסְלֶב'ער שְׁטֶעטְל יַבְנְאֵל אַזוֹי וַוייט?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אִיךְ בִּין גֶעפָארְן פוּן יְרוּשָׁלַיִם צוּ יַבְנְאֵל אוֹיסְצוּזָאגְן דָארְט גַאנְץ תְּהִלִּים בַּיים צִיוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, צוּ בַּאקוּמֶען דִי הַבְטָחָה וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט צוּגֶעזָאגְט; צוּ פוּעֶלְ'ן אַ שִׁדּוּךְ פַאר דֶעם וָואס זָאגְט אוֹיס תְּהִלִּים בַּיי זַיין קֶבֶר.

אִיךְ וואונְדֶער זִיךְ אָבֶּער פַארְוָואס מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעגַאנְגֶען מַאכְן אַ שְׁטֶעטְל אַזוֹי וַוייט בַּיים אַנְדֶערְן עֶק אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַ וֶועג פוּן דְרַיי שָׁעָה בִּיז יְרוּשָׁלַיִם, אִין דִי צַייט וֶוען עֶס אִיז דָא אַסַאךְ גֶעגֶנְטֶער פִיל נֶענְטֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**בְּנוֹגֵעַ** דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן יַבְנְאֵל אִיז דָא אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אָבֶּער נִישְׁט אַלֶעס קֶען מֶען שְׁרַייבְּן וְכוּ'.

**דָאס** וַוייסְטוּ אַוַדַאי אַז יַבְנְאֵל אִיז פוּן דִי פֶעלְדֶער פוּן טְבֶרְיָה, אוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה לא:) אַז בְּשַׁעַת'ן חוּרְבָּן וֶוען דִי סַנְהֶדְרִין זֶענֶען פַארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן אִין גָלוּת - זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען בִּיז טְבֶרְיָה, דָארְט אִיז גֶעוֶוען דֶעם צֶענְטְן גָלוּת, אוּן דִי גְמָרָא פִירְט אוֹיס: "וּמִשָּׁם עֲתִידִין לִיגָּאֵל", דִי גְאֻלָּה וֶועט זִיךְ אָנְהוֹיבְּן פוּן טְבֶרְיָה.

**אַזוֹי** אוֹיךְ, וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין יָאר ה'תקנ"ט אִיז עֶר גֶעוֶוען אִין טְבֶרְיָה פוּן וואוּ מֶען זֶעט דִי בֶּערְג פוּן יַבְנְאֵל, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוִויזְן מִיט זַיין הַאנְט אוּן גֶעזָאגְט: "דָארְט אִיז גוּט צוּ וואוֹינֶען".

**יַבְנְאֵל** אִיז אִין דִי חֵלֶק פוּן שֵׁבֶט נַפְתָּלִי. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן מז) נַפְתָּלִ"י אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת

פון תְּפִלִּי"ן; זָאגְט מוהֲרְא"ש, אַז אִין דֶעם אִיז מְרוּמָז דִי גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן לא) וָואס הָאט פַּאסִירְט וָוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, אַ בָּקִי אִין שַׁ"ס אוּן אִין סִפְרֵי קַבָּלָה, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר מוּטְשֶׁען דֶעם רֶבִּי'ן עֶר זָאל אִים מְגַלֶּה זַיין פַארְוָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְן רֶבִּי'ן: "אִיךְ וֵוייס אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט גֶעקוּמֶען אַהֶער מִיט מוֹחִין דְקַטְנוּת, סְתָם צוּ גֵיין ד' אַמּוֹת זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ בֶּן עוֹלָם הַבָּא אָדֶער אַנְדֶערֶע מַחְשָׁבוֹת וְכוּ', אִיר זֶענְט זִיכֶער גֶעקוּמֶען דָא מִיט מוֹחִין דְגַדְלוּת צוּ מַשִּׂיג זַיין גְרוֹיסֶע הַשָּׂגוֹת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אִיךְ בִּין גְרֵייט אַייךְ צוּ בַּאדִינֶען מִיט מַיין גוּף, מִיט מַיין נֶפֶשׁ, רוּחַ וּנְשָׁמָה - אַבִּי אִיר זָאלְט מִיר מְגַלֶּה זַיין פַארְוָואס אִיר זֶענְט גֶעקוּמֶען וְכוּ'", אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט מִיר נִישְׁט מוּטְשֶׁען אוֹיף דֶעם, עֶס אִיז מִיר נִישְׁט גְרִינְג צוּ מְגַלֶּה זַיין פַארְוָואס אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַנְטְפֶּלֶעקְן דֶעם טַעַם", אָבֶּער וָוען יֶענֶער הָאט זִיךְ וַוייטֶער גֶע'עַקְשְׁנְ'ט הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי צוּפֵייעֶרְט אוּן גֶעזָאגְט דֶעם לָשׁוֹן: "וֵוייסְט אִיר דֶען דִי סוֹד אוּן דִי כַּוָּנָה פוּן תְּפִלִּין? אַז אִיר וֵוייסְט נִישְׁט דֶעם סוֹד אוּן דִי כַּוָּנָה פוּן תְּפִלִּין וְכוּ', וֵוייסְט אִיר דָאךְ נִישְׁט דֶעם סוֹד פוּן אַרְבַּע רוּחוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן וַוייטֶער בִּיז עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּמֶען בְּלוּט פוּן רֶבִּינְ'ס הַאלְז. הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט: "אִיר זֶעט דָאךְ אַז מֶען וִויל נִישְׁט פוּן הִימְל אִיךְ זָאל אַייךְ מְגַלֶּה זַיין";

פוּן דֶעם זֶעט מֶען דֶעם קֶשֶׁר פוּן ד׳ רוּחוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ תְּפִלִּין וְכוּ׳, דָאס הֵייסְט דִי בִּיטוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דָאס זַיין אַרוּמְגֶענוּמֶען אוּן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן תְּפִלִּי"ן דָאס אִיז נַפְתָּלִ"י; פוּן דֶעם קֶען מֶען אַבִּיסְל זֶען רְמָזִים וָואס דִי זַאךְ פוּן יַבְנְאֵל אִיז.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מוֹהֲרָא"ש אִיז אַלְץ אַרִיבֶּער אִין יַבְנְאֵל, וִויפִיל צָרוֹת מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעלִיטְן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן פוּן דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם - דֶער שְׁטְרָאף מִטַּעַם פוּן יַבְנְאֵל; דֶער מֶלֶךְ פוּן דִי שֵׁדִים. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ג׳, מְחִגֵּר) וִוי דֶער חָכָם הָאט גֶענוּמֶען זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַוֶועק פוּנֶעם יִשּׁוּב אוּן זֵיי גֶעפִירְט צוּ אַ מִדְבָּר, עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַרוּם זֵיי אַ קְרֵייז אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט קֶענֶען צוּקוּמֶען אוּן זֵיי טְשֶׁעפֶּען, וֶוען דֶער קֶענִיג פוּן דִי שֵׁדִים הָאט בַּאמֶערְקְט וִוי דֶער חָכָם זִיצְט דָארְט הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם חָכָם: "פַארְוָואס קוּמְסְטוּ אִין מַיין פְלַאץ?" הָאט אִים דֶער חָכָם גֶעזָאגְט: "וֶוער זָאגְט אַז עֶס אִיז דַיין פְלַאץ? עֶס אִיז מַיין פְלַאץ!" הָאט דֶער קֶענִיג דֶער שֵׁד גֶעזָאגְט פַארְן חָכָם: "דוּ הָאסְט נִישְׁט מוֹרָא פוּן מִיר?" עֶנְטְפֶערְט דֶער חָכָם: "נֵיין", הָאט דֶער קֶענִיג דֶער שֵׁד זִיךְ אוֹיסְגֶעצוֹיגְן בִּיזְן הִימְל אוּן אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ שְׁלִינְג דִיךְ אַיין", הָאט דֶער חָכָם גֶעזָאגְט פַארְן קֶענִיג דֶער שֵׁד: "אִיךְ הָאבּ נָאכְאַלְץ נִישְׁט מוֹרָא פוּן דִיר, אַז דוּ ווִילְסְט וֶועל אִיךְ מַאכְן דוּ זָאלְסְט מוֹרָא הָאבְּן פוּן מִיר", דֶער חָכָם הָאט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אָנְהוֹיבְּן רֶעגֶענֶען,

פְּלוּצְלוּנְג הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִינֶערְן אוּן בְּלִיצְן, זֶענֶען זֵיי אַלֶע אוֹיסְגֶע׳הַרְגְ׳עֶט גֶעוָוארְן.

**עֶס** אִיז כְּדַאי צוּ קוּמֶען פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט קַיין יַבְנְאֵל זֶען אַ פְּלַאץ וואוּ אַלֶע עֵדוֹת׳ן דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען אוּן לֶעבְּן צוּזַאמֶען - אַשְׁכְּנַזִ׳ישֶׁע, סְפַרְדִ׳ישֶׁע אוּן תֵּימָנְ׳עֶ וְכוּ׳ וְכוּ׳; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין רַאסִיזְם דָארְט, מֶען שְׁפִּירְט דָארְט דֶעם טַעַם וָואס עֶס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען. אַזוֹי וִוי דֶער נָבִיא זָאגְט (יְשַׁעְיָה יא, ו): "וְגָר זְאֵב עִם כֶּבֶשׂ וְנָמֵר עִם גְּדִי יִרְבָּץ", דֶער וָואלְף מִיטְן לֶעמֶעלֶע, דֶער לֶעמְפֶּערְט מִיטְן צִיגֶעלֶע - וֶועלְן זִיצְן צוּזַאמֶען, "וְעֵגֶל וּכְפִיר וּמְרִיא יַחְדָּו, וְנַעַר קָטֹן נֹהֵג בָּם", אַ יוּנְגֶע קַאלְבּ מִיט אַ יוּנְגֶע לֵייבּ וֶועלְן גֵיין צוּזַאמֶען, "וּפָרָה וָדֹב תִּרְעֶינָה יַחְדָּו יִרְבְּצוּ יַלְדֵיהֶן, וְאַרְיֵה כַּבָּקָר יֹאכַל תֶּבֶן", דֶער קוּ מִיטְן בֶּער וֶועלְן צוּזַאמֶען פַּאשֶׁען אוּן דֶער לֵייבּ וֶועט עֶסְן שְׁטְרוֹי צוּזַאמֶען מִיט דִי בְּהֵמוֹת, "וְשִׁעֲשַׁע יוֹנֵק עַל חֻר פָּתֶן, וְעַל מְאוּרַת צִפְעוֹנִי גָּמוּל יָדוֹ הָדָה", קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט גִיפְטִיגֶע שְׁלֶענְג, "לֹא יָרֵעוּ וְלֹא יַשְׁחִיתוּ בְּכָל הַר קָדְשִׁי", קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט שְׁטֶערְן דֶעם צְוֵוייטְן אוּן קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן פַארְן צְוֵוייטְן, וַוייל עֶס וֶועט זַיין: "כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה׳, כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים", אַלֶע וֶועלְן וִויסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֶועט לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין זִוּוּג.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תשיח

## מַיין מַאן ווִיל פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ מִיט מַיין מַאן הַאלְטְן מִיט אַלֶע שִׁעוּרִים אִין יְשִׁיבָה, אוּן מִיר זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' דֶערְמִיט.

סְפֶּעצִיעֶל ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דֶעם וָואס אִיר הָאט גֶעזִינְגֶען לֶעצְטְנְס בַּיי דִי שִׁעוּרִים שְׁטִיקְלֶעךְ פוּנֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה'דִיגֶע דַאוֶּוענֶען, מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים, אָבֶער אֵיין טָאג אִינְמִיטְן הֶערְן דִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה'דִיגֶע שְׁטִיקְלֶעךְ בַּיים שִׁעוּר, גֶעבְּט זִיךְ מַיין מַאן אַ רוּף אָן: "עֶס שְׁמֶעקְט מִיר צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוֹיב אִיז דָא דָארְט אַזַא שֵׁיינֶע דַאוֶּוענֶען".

יְיַשֶׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל פַאר אַלֶעס, אִיךְ וַוארְט שׁוֹין קוֹים אוֹיף נָאךְ אַ שִׁעוּר פַאר פְרוֹיעֶן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן וַוייטֶער גֶעזוּנְט אוּן כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס אִיז אוּנְז מְחַזֵּק אוּן גֶעבְּט אוּנְז עֵצוֹת פַארְן לֶעבְּן.**

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן ד): "כְּשֶׁתִּסְעוּ וְיִשְׁאֲלוּ אֶתְכֶם 'מַה פְּעַלְתֶּם?'" וֶוען אִיר וֶועט אַהֵיים קוּמֶען און מֶען וֶועט אַייךְ פְרֶעגְן וָואס הָאט אִיר בַּאקוּמֶען פוּן אַייעֶר רֶבִּי, "תֹּאמְרוּ 'רוּחַ'", זָאלְט אִיר עֶנְטְפֶערְן: "לוּפְט"; דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען מִיט דִי עֵצוֹת וָואס עֶר לֶערְנְט מִיט אוּנְז. דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת - מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִים בֶּעטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ - דָאס אִיז אַזוֹי וִוי לוּפְט צוּם לֶעבְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן יֶעדֶע זַאךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אִים אַסַאךְ גְרִינְגֶער דָאס לֶעבְן, מֶען וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן פוּן יֶעדֶע זַאךְ, מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער און אַז קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן און גָארְנִישְׁט גוּטְס טוּן.

**וַוארִיל** אִיז אַייךְ אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט מְעַכֵּב אַייעֶר מַאן און אִיר לָאזְט אִים פָארְן קַיין אוּמַאן; אִיר דַארְפְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיר הָאט אַ חֵלֶק אִין אַייעֶר מַאן'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רַבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אַ פְרוֹי וָואס הַאלְט נִישְׁט אָפּ אִיר מַאן פוּן גֵיין קַיין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע הַבְטָחוֹת און צוּ אַלֶעס גוּטְס.

**אִיר** שְׁרַייבְּט: "מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶב'עֶר"; אִיךְ וִויל פַארְשְׁטֵיין וָואס מֵיינְט: "מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶב'עֶר",

וָואס אִיז דָאס בְּרֶסְלֶב אַז אִיר הָאט מוֹרָא פוּן זַיין בְּרֶסְלֶב?! וָואס ווִיל דֶען דֶער רֶבִּי פוּן אוּנְז? דֶער רֶבִּי ווִיל סַךְ הַכֹּל פוּן אוּנְז אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - נִישְׁט קַיין חִילוּק ווִי אַזוֹי מִיר רוּפְן זִיךְ אוּן צוּ וָואס פַאר אַ חֲסִידוּת מִיר בַּאלַאנְגֶען, זָאלְן מִיר לֶעבְּן אַ לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, אַ לֶעבְּן מִיט שִׂמְחָה אוּן אַ לֶעבְּן מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת, מִמֵּילָא וָואס אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ מִיט זַיין בְּרֶסְלֶב? דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן מוֹרָא פוּן דִי וָוארְט בְּרֶסְלֶב וָואס וֶועלְן זֵיי טוּן וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען אוּן מְגַלֶּה זַיין פַאר אַלֶעמֶען אַז מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

דֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן פג) אַז מָשִׁיחַ אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן 'מֵשִׂיחַ אִלְּמִים', עֶר וֶועט מַאכְן רֶעדְן אַלֶע שְׁטוּמֶע; מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר אַלֶעמֶען מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (צְפַנְיָה ג, ט): "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה, לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'", אַלֶע וֶועלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶע וֶועלְן זַיין בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים - וָואס וֶועלְן זֵיי דֶעמָאלְט טוּן, זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ שְׁטֵיין אִין דִי זַייט אוּן זָאגְן פַאר מָשִׁיחַ: "מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶב'עֶר"? עֶס אִיז שׁוֹין צַייט אָפְּצוּלָאזְן דִי אַלֶע מַחְלֹקֶת אוּן קְרִיגֶערֵייעֶן, אַלֶע דִינֶען מִיר דֶעם אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תשיט

## עֶס אִיז מִיר שְׁוַוארְץ אוּן פִינְסְטֶער, פַארְוָואס זָאל אִיךְ נָאךְ בְּלַייבְּן לֶעבְּן?[ז]

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דָא שְׁרַייבְּט צוּ אַייךְ אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע אִידִישֶׁע מֵיידְל, וָואס הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ לֶעבְּן. אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ אוֹיפְצוּשְׁטֵיין יֶעדְן טָאג, וַוייל אִיךְ הָאבּ בֶּאֱמֶת נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק צוּ נָאךְ אַ טָאג אִין מַיין לֵיידִיגֶע לֶעבְּן, אַלֶעס אִיז מִיר שְׁוַוארְץ אוּן עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פַאר מִיר קַיין שׁוּם הָאפֶענוּנְג.

אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, אָבֶער עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; שׁוֹין אָפְּגֶערֶעדְט אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט טְרֶעפְן עֶפֶּעס גוּטְס אִין לֶעבְּן אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מַיין לֶעבְּן וֶוערְט מִיר נָאר עֶרְגֶער אוּן עֶרְגֶער, אוּן אִיךְ טְרַאכְט צוּ זִיךְ אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ מוּז דָאךְ סַיי וִוי אַמָאל שְׁטַארְבְּן, אִיז פַארְוָואס זָאל אִיךְ וַוארְטְן בִּיז דֶעמָאלְט, אֶפְשָׁר אִיז שׁוֹין צַייט צוּ גֵיין יֶעצְט? אִיךְ טוּ סַיי וִוי גָארְנִישְׁט אוֹיף אִין מַיין לֶעבְּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט אוּן אִיךְ אַלֵיין דַארְף זִיךְ מֶער נִישְׁט, אִיךְ וִויל פָּשׁוּט שְׁטַארְבְּן.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת עֵקֶב, י"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, אַ שָׁאד אַז אַ יוּנְג מֵיידְל וִוי אַייךְ זָאל**

ז. מֶער אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, אִין סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ז, מִכְתָּב תקצא, תרנט.

טְרַאכְטְן פוּן עֶנְדִיגְן דָאס לֶעבְּן חַס וְשָׁלוֹם; עֶס וַואְרט אַייךְ אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, שֵׁיינֶע זִיסֶע יָארְן; נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט אִיר טְרֶעפְן אַייעֶר שִׁדּוּךְ און אוֹיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע דוֹרוֹת.

**מֵיינְט** נִישְׁט אַז נָאכְן שְׁטַארְבְּן אִיז בֶּעסֶער; אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן זָאגְן אַז עֶר וִויל שְׁטַארְבְּן וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ דִי יְסוּרִים וָואס עֶר לַיידְט, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן פד): חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, כב): "וְאַל יַבְטִיחֲךָ יִצְרְךָ", דֶער יֵצֶר הָרָע זָאל דִיר נִישְׁט אַיינְרֶעדְן "שֶׁהַשְּׁאוֹל וְהַקֶּבֶר בֵּית מָנוֹס לָךְ", אַז אִין קֶבֶר וֶועט דִיר זַיין בֶּעסֶער; דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז אַ מֶענְטְשׁ פַארְנוּמֶען, יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיינֶע טִרְדוֹת; פַּרְנָסָה וְכוּ' וְכוּ', קֶען זַיין מֶען זָאל כַאפְּן אַ בִּיס פוּן אַ בִּין אָדֶער אַ פְלִיג אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל דָאס שְׁפִּירְן, וַוייל מֶען אִיז אַרַיינְגֶעטוּן אִין אַנְדֶערֶע זַאכְן. אָבֶּער אִין קֶבֶר אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם טִרְדוֹת און מַחְשָׁבוֹת וָואס זָאלְן אַוֶועק נֶעמֶען דֶעם קָאפּ פוּן הֶערְן וִוי דִי וֶוערֶעם קְרִיכְן און בַּייסְן, דָארְט הֶערְט מֶען יֶעדֶע רִיר און יֶעדֶע שְׁטָאךְ; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי צַעַר אִין קֶבֶר וֶוען מֶען שְׁפִּירְט יֶעדֶע בִּיס פוּן דִי וֶוערֶעם און דִי צַעַר פוּן הֶערְן וִוי זֵיי קְרִיכְן.

**אִיךְ** פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס אִיר טְרַאכְט פוּן עֶנְדִיגְן דָאס לֶעבְּן; וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקַייטְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, כָּל זְמַן מֶען לֶעבְּט - אִיז דָא וואו צוּ אַנְטְלוֹיפְן, מֶען קֶען אַוֶועק לוֹיפְן פוּן צָרוֹת, אָבֶּער אִין קֶבֶר, אֵיינְמָאל מֶען שְׁטַארְבְּט

- איז נִישְׁטָא פוּן דָארְט קַיין שׁוּם וֶועג אַרוֹיס, דָארְט הֶערְט מֶען יֶעדֶע וָוארֶעם אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער דָארְט.

**אִיךְ** פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס אִיר זָאלְט טְרַאכְטְן אַזַא נַארִישֶׁע זַאךְ ווי עֶנְדִיגְן דָאס לֶעבְּן; יֶעצְט קֶענְט אִיר נָאךְ פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס אִיר דַארְפְט פַארְרֶעכְטְן. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", אוֹיב דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט טוּן שְׁלֶעכְטֶס, גְלֵייבּ אוֹיךְ אַז דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן; מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אִין דֶעם אוּן ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן אוּנְזֶער תְּשׁוּבָה, עֶר וַוארְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אִים, אָבֶּער אֵיינְמָאל מֶען שְׁטַארְבְּט קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט פַארְרֶעכְטְן; דָארְט אִין קֵבֶר אוֹיבּ מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעגְרֵייט מִיט תּוֹרָה אוּן מִצְווֹת - אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער.

**אִיר** הָאט שׁוֹין אַמָאל גֶעזֶען אַ מַייז? וָואס טוּט אִיר וֶוען אִיר זֶעט אַ מַייז? וָואס טוּעֶן פְרוֹיעֶן אוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן וֶוען מֶען זֶעט אַ קְלֵיינֶע מַייז? מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁרֵייעֶן אוּן קְווִיטְשֶׁען, מֶען וֶוערְט מַמָּשׁ אוֹיסֶער זִיךְ; אָבֶּער בֶּאֱמֶת קֶען דֶער מַייז גָארְנִישְׁט טוּן, מֶען גֶעבְּט אַ קְלֵיינֶע הַאק מִיט דִי פוּס אוּן זֵיי צֶעלוֹיפְן זִיךְ. וָואס וֶועט אִיר טוּן אִין קֵבֶר וֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ קוּמֶען זֵיי צוּ גֵיין אוּן הוֹיבְּן אָן עֶסְן דֶעם מֶענְטְשׁ? צוּ וֶועם וֶועט אִיר שְׁרֵייעֶן? וָואס וֶועט אִיר טוּן?! דֶערִיבֶּער פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט פַארְוָואס אִיר יָאגְט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ גֵיין אִין קֵבֶר; הֶערְשְׁט דָארְט הוֹיבְּן זִיךְ אָן דִי צָרוֹת, עֶס אִיז נִישְׁטָא וואוּ צוּ לוֹיפְן.

**נֶעמְט** אַרוֹיס פוּן קָאפּ דִי שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְק אַז דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ נִישְׁט לִיבּ אוּן עֶר דַארְף אַייךְ נִישְׁט; דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ לִיבּ, עֶר דַארְף אַייךְ אוּן עֶר ווַארְט אַז אִיר זָאלְט תְּשׁוּבָה טוּן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו:): "גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה שֶׁמַּאֲרֶכֶת שְׁנוֹתָיו שֶׁל אָדָם", ווֶען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה ווֶעט עֶר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לַאנְגֶע לֶעבְּן; דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּן ווַארְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, אוֹיבּ מֶען טוּט תְּשׁוּבָה - זָאגְט דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער (תּוֹרַת כֹּהֲנִים, בְּחֻקּוֹתַי): "מִיַּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים עַל עֲוֹנוֹתֵיהֶם, מִיַּד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם", ווֶען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת - בִּין אִיךְ אִים גְלַייךְ מוֹחֵל אוּן אִיךְ פִיר זִיךְ מִיט אִים מִיט רַחְמָנוּת.

**גֶעדֶענְקְט** אַז שְׁטַארְבְּן אִיז נִישְׁט קַיין לֶעזוּנְג; דָארְט הוֹיבְּט זִיךְ עֶרְשְׁט אָן דִי צָרוֹת. עֶס ווֶערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן שמה, סְעִיף א): "הַמְּאַבֵּד עַצְמוֹ לָדַעַת", דֶער ווָאס נֶעמְט זִיךְ דָאס לֶעבְּן, "אֵין מִתְעַסְּקִים עִמּוֹ לְכָל דָּבָר, וְאֵין מִתְאַבְּלִין עָלָיו, וְאֵין מַסְפִּידִין אוֹתוֹ וְלֹא קוֹרְעִין וְלֹא חוֹלְצִין", עַיֵּן שָׁם.

**גֶעוואוֹינְט** אַייךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אייבֶּערְשְׁטְן; דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס ווָאס אִיר לַיידְט אוּן זָאגְט אִים אַייעֶרֶע צָרוֹת. ווֵיינְט צוּ אִים מִיט דִי ווֶערְטֶער: "אייבֶּערְשְׁטֶער הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר! מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר אַזוֹי שְׁווֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ לֶעבְּן; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שׁוֹין אַרוֹיסקְרִיכְן פוּן מַיין שְׁלֶעכְטְס". טוּט תְּשׁוּבָה אוֹיף אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, זָאגְט פַארְן

אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט טוּן קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן; אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין אַ ווָאוּילֶע עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע טָאכְטֶער", אוּן בֶּעטְס אִים אוֹיף וַוייטֶער: "הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט טוּן מֶער קַיין עֲבֵירוֹת אוּן אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף מַיינֶע נִסְיוֹנוֹת".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

## תשכ

**וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִי פַּאנְצֶער?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אִין בְּרֶסְלֶב'עֶר סְפָרִים אַז דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט עֶפֶּעס אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ פַּאנְצֶער, עֶר הָאט אָבֶּער אָנְגֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן דִי מַעֲשֶׂה, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר נֵייגֶערִיג צוּ וִויסְן וָואס דִי מַעֲשֶׂה אִיז.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אוֹיף עֶטְלִיכֶע פְּלֶעצֶער וואוּ עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט רְמָזִים פוּן דִי מַעֲשֶׂה. צוּם בֵּיישְׁפִּיל בַּיים סוֹף פוּן סֵפֶר פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק בְּרֶענְגְט מוֹהֲרָא"שׁ דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה מִיט דִי בְּרוֹיט, אָבֶּער אִיבֶּער דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי פַּאנְצֶער שְׁרַייבְּט עֶר אוֹיךְ נָאר רְמָזִים (שָׁם, סִימָן תתצז).

אִיךְ וִויל וִויסְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מְקוּבָּל פוּן מוֹהֲרָא"שׁ דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה מִיט דִי פַּאנְצֶער.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שֵׁיינֶע שִׁעוּרִים.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** קֶען דִיר מַעְתִּיק זַיין דִי מַעֲשֶׂה בְּקִיצוּר לוֹיט ווִי מוֹהֲרַ"אשׁ שְׁרַייבְּט דָאס אִינֶעם בְּרִיוו (הוּבָא בְּסוֹף סֵפֶר פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, עַמּוּד תשלא). וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם תִּקּוּן הַכְּלָלִי הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ פַּאנְצֶער, אַז וֶוען מֶען גֵייט אִין מִלְחָמָה טוּט מֶען זִיךְ אָן אַ פַּאנְצֶער, דֶעמָאלְט אֲפִלּוּ מֶען שִׁיסְט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ טוֹיטְלִיכֶע פַּיילְן - גֵייט עֶס נִישְׁט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ נָאר דֶער פַּאנְצֶער בַּאשִׁיצְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן דִי פַּיילְן פַאלְן אַרָאפּ, אוּן אֲפִלּוּ אִין פַאל דֶער פַּאנְצֶער צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶע'הַרְגְ'עט - וֶועט עֶר אוֹיךְ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט וְכוּ'.

**אִין** דֶעם לִיגְט בַּאהַאלְטְן דֶעם סוֹד פוּנֶעם תִּקּוּן הַכְּלָלִי; וֶוער עֶס זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] - דֶער וֶוערְט בַּאשִׁיצְט מִיט דֶעם אַזוֹי ווִי אַ פַּאנְצֶער, דִי פַּיילְן קֶענֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ אִים צוּלִיבּ דֶעם פַּאנְצֶער. דָאס הֵייסְט אַז אֲפִלּוּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט חַס וְשָׁלוֹם וֶועט עֶס נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין זַיין נְשָׁמָה, צוּלִיבּ דֶעם פַּאנְצֶער - דֶעם תִּקּוּן הַכְּלָלִי, אוּן אֲפִלּוּ דֶער פַּאנְצֶער צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ אוּן דֶער מֶענְטְשׁ

וֶוערְט גֶע'הַרְג'עֶט וֶועט עֶר אוֹיךְ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט וְכוּ', דָאס הֵייסְט אַז דֶער תִּקּוּן הַכְּלָלִי אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס וֶועט אִים רַאטֶעוֶוען פוּן אַן אֵייבִּיגֶער מִיתָה, עֶר וֶועט נָאכְאַמָאל מְגוּלְגָל וֶוערְן וְכוּ'. מוֹהֲרָא"ש פִּירְט דָארְט אוֹיס: "מֶער פוּן דֶעם טָאר אִיךְ נִישְׁט אַנְטְפְּלֶעקְן".

וֶוער עֶס פַארְשְׁטֵייט קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים; וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס זָאגְט יֶעדְן טָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים - דֶער תִּקּוּן הַכְּלָלִי, דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר גֶערֵיינִיגְט וֶוערְן פוּן אַלֶע חֲטָאִים אוּן זַיין נְשָׁמָה וֶועט מְתוּקָן וֶוערְן.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי גְרוֹיס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז; דֶער רֶבִּי קֶען אוֹיסְהֵיילְן אַ מֶענְטְשׁ אֲפִלּוּ עֶר אִיז שׁוֹין גֶעשָׁאסְן גֶעוָוארְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע מִיט דִי טוֹיטְלִיכְסְטֶע פַיילְן, אֲפִלּוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִצְלָן, עֶר לִיגְט אִין עֲשָׂרָה כִּתְרִין דִמְסָאֲבוּתָא הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ - קֶען אִים דֶער רֶבִּי הֵיילְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יג פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס, דֶעם לֶעצְטְן טָאג) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁלֶעכְטֶער קֶענִיג וָואס הָאט פַארְכַאפְּט אַ בַּת מַלְכָּה אוּן זִי אִיז אַנְטְלָאפְן פוּנֶעם קֶענִיג, הָאט דֶער קֶענִיג אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט זַיינֶע בַּאדִינֶער מֶען זָאל זוּכְן וואוּ זִי אִיז, בִּיז מֶען הָאט אִיר גֶעטְרָאפְן זִיךְ דְרֵייעֶן בַּיי אַ שְׁלָאס פוּן וַואסֶער. אִיז דֶער קֶענִיג גֶעגַאנְגֶען צוּם וַואסֶערִיגְן שְׁלָאס מִיט זַיין מִילִיטֶער אִיר כַאפְּן, וֶוען דִי בַּת מַלְכָּה הָאט גֶעזֶען דֶעם מֶלֶךְ הָאכְזָר הָאט זִי גֶעטְרַאכְט: 'עֶנְדֶערְשׁ וֶועל אִיךְ אַרֵיינְלוֹיפְן

אִינֶעם שְׁלָאס פוּן וַואסֶער אוּן דֶערְטְרָאנְקֶען וֶוערְן וִוי אֵיידֶער אָנְקוּמֶען צוּם מֶלֶךְ הָאַכְזָר׳, וֶוען דֶער קֶענִיג הָאט גֶעזֶען וִוי זִי לוֹיפְט אַרַיין אִין דִי וַואסֶערְדִיגֶע פַּאלַאץ הָאט דֶער קֶענִיג גֶעהֵייסְן מֶען זָאל אִיר שִׁיסְן מִיט אַלֶע סָארְט פַּייְלְן וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּאשְׁמִירְט מִיט אַלֶע סָארְט סַמ׳עֶן, מֶען הָאט אִיר גֶעשָׁאסְן מִיט דִי פַּייְלְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אָנְגֶעשְׁמִירְט מִיט טוֹיטְלִיכֶע סַם, אִיז דִי בַּת מַלְכָּה אַרָאפְּגֶעפַאלְן חַלָּשׁוּת, הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: ״אוּן אִיךְ הֵייל זִי״.

**דֶער** מֶלֶךְ הָאַכְזָר - דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס זוּכְט צוּ פַארְכַאפְּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס קִינְדֶער; עֶר אִיז מַכְשִׁיל אַ מֶענְטְשׁ מִיט עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ פַּאלְט חַלָּשׁוּת, מֶען וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ אוּן מֶען גֶעבְּט אוֹיף. קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן זָאגְט: ״אוּן אִיךְ הֵייל זִי״, דֶער רֶבִּי הָאט אַזֶעלְכֶע לִמּוּדִים וָואס קֶען אוֹיסְהֵיילְן יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן אַלֶעמֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִלּוּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועם דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן אִין דִי עֶרְגְסְטֶע בְּלָאטֶע, עֶר אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה וְכוּ׳ רַחְמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ פָאלְגְט עֶר דֶעם רֶבִּי׳ן אוּן נֶעמְט זַיינֶע עֵצוֹת, אִיז עֶר זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

**עֶס** אִיז נִישְׁט כְּדַאי אַרַיין צוּ קְרִיכְן אִין זַאכְן וָואס מֶען קֶען נִישְׁט מְגַלֶּה זַיין וְכוּ׳; דֶער עִקָּר דַארְפְן מִיר פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן אוּן אָנְהוֹיבְּן טוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, בְּעִקָּר דִי לִיכְטִיגֶע עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְן

אֵייבֶּערְשְׁטְן - יֶעדֶער אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אוּן אִים בֶּעטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**א** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תשכא

### דִי שִׁעוּרִים גֶעבְּן מִיר לֶעבְּן

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוָואלְט בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי פִּילֶע חִזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִין מַיינֶע שְׁטוּרֶעמִישֶׁע וַואסֶערְן. אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בְּעֶרֶךְ אַ יָאר צוּרִיק, אִיךְ פָּאר אַסַאךְ אוֹיף לַאנְגֶע וֶועגְן לְצוֹרֶךְ פַּרְנָסָה, אִיךְ פָּאר אוֹיף וַוייטֶע פְּלֶעצֶער אַוֶועק פוּן אִידִישֶׁע גֶעגְנְטֶער, אוּן אִיךְ הֶער אוֹיפְן וֶועג דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁעוּרִים אוּן דָאס גֶעבְּט מִיר עֵצוֹת אוּן חִזּוּק אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס הֶעלְפְּט מִיר אַזוֹי סַאךְ אִין אַלֶע עִנְיָנִים, בִּפְרַט אִין בִּטָּחוֹן, אוּן אִין לִימּוּד הַתּוֹרָה; וָואס אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַתְמָדָה.

אִיךְ זָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים טֶעגְלִיךְ בְּלוֹיז אוֹיף דִי וֶועגְן, וֶוען אִיךְ שְׁטֵיי אִין טְרֶעפִיק אָדֶער בַּיי אַ רוֹיט לַייט, וִוי אוֹיךְ כַאפּ אִיךְ אַרַיין אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּנְטֶערְוֶועגְנְס.

איך לֶערְן יֶעדְן טָאג חוּמָש רַשִ"י, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ יָאר צוּרִיק פַּרְשַת וָאֶתְחַנַּן, אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל גַאנְץ חֲמִשָּה חוּמְשֵי תוֹרָה. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזָאגְט זֶעכְצִיג מָאל תְּהִלִּים, אוּן אוֹיךְ גֶעעֶנְדִיגְט אַפָּאר חֲלָקִים "אֲשֶׁר בַּנַּחַל", וָואס אִיךְ פִּיר זִיךְ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי פַאר אִיךְ הוֹיבּ אָן דֶעם טָאג, דָאס גֶעבְּט מִיר אוּמְגֶעהוֹיעֶרֶע חִזּוּק טֶעגְלִיךְ, אִיךְ טְרֶעף דָארְט מַמָּשׁ אַלֶע מַיינֶע דַאֲגוֹת פוּנֶעם טָאג, מִיט אַ גוּטֶע עֵצָה אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ. ווִי אוֹיךְ טוּ אִיךְ אַלֶע הִשְׁתַּדְּלוּת צוּ דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן דְרַיי מָאל אַ טָאג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה אוֹיף וַוייטֶער מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַשְׁרֵינוּ** מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שלב): "אֲנִי נָהָר הַמְטַהֵר מִכָּל הַכְּתָמִים", אִיךְ בִּין אַ טַייךְ וָואס רֵיינִיגְט פוּן אַלֶע שְׁמוּצִיגֶע פְלֶעקְן; דֶער רֶבִּי וַואשְׁט אוּנְז אָפּ פוּן אוּנְזֶערֶע פְלֶעקְן אוּן רֵיינִיגְט אוּנְז פוּן אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת.

**אַז** מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶענְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט סְתָם אַן עֶרְלִיכֶער

אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי ווִי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; דָאס זֶעט מֶען מַמָּשׁ בְּחוּשׁ, אַז וֶוער עֶס נֶעמְט אָן דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד (הַמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) - דֶער לֶערְנְט שְׁטֶענְדִיג, וֶוען מֶען הָאט נָאר אַן אִיבְּרִיגֶע מִינוּט כַּאפְּט מֶען אַרַיין נָאךְ לִימּוּד הַתּוֹרָה אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען צוּ אַלֶע מְקוֹמוֹת אִין דִי תּוֹרָה: מִקְרָא - תּוֹרָה, נְבִיאִים וּכְתוּבִים, מִשְׁנָה - שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אוּן תּוֹסֶפְתָּא, גְּמָרָא - בַּבְלִי יְרוּשַׁלְמִי, אוּן אַלֶע מִדְרָשִׁים.

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אוּנְז אֱמוּנָה וּבִטָּחוֹן מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְגֶעסְן קַיין אֵיין רֶגַע פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אַן אַנְדֶערֶע לֶעבְּן מִיטְן רֶבִּי'ן, ווַייל וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט אַ צַדִּיק - אִיז אַלֶעם גְרִינְגֶער. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (בְּרָכוֹת לג:) אוֹיפְן פָּסוּק (דְּבָרִים י, יב): "וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ, כִּי אִם לְיִרְאָה אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ, לָלֶכֶת בְּכָל דְּרָכָיו וּלְאַהֲבָה אֹתוֹ, וְלַעֲבֹד אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשֶׁךָ", - מֹשֶׁה רַבֵּנוּ זָאגְט פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל: "וָואס בֶּעט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן אַייךְ, נָאר צוּ הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם", פְרֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים: "אַטּוּ יִרְאַת שָׁמַיִם מִילְתָא זוּטַרְתָּא הִיא", יִרְאַת שָׁמַיִם אִיז עֶפֶּעס אַ קְלֵיינִיקֵייט, אַז דוּ זָאגְסְט: "וָואס בֶּעט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נָאר צוּ הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם"?! עֶנְטְפֶערְט דִי גְּמָרָא: "אִין, לְגַבֵּי מֹשֶׁה מִילְתָא זוּטַרְתָּא הִיא", פַאר מֹשֶׁה רַבֵּנוּ אִיז יִרְאַת שָׁמַיִם אַ קְלֵיינִיקֵייט; פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (עַיֵּן דֶּגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, בִּתְחִלַּת הַפָּרָשָׁה)

לְמַעֲשֶׂה רֶעדְט דָאךְ מֹשֶׁה רַבֵּנוּ צוּ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אִיז דָאךְ וַוייטֶער שְׁוֶוער דִי קַשְׁיָא, אִיז דֶען יִרְאַת שָׁמַיִם אַ קְלֵיינִיקֵייט, אַז עֶר זָאגְט: "וָואס בֶּעט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן אַייךְ נָאר צוּ הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם"?! זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דֶער תֵּרוּץ וָואס דִי גְּמָרָא עֶנְטְפֶערְט אִיז נִישְׁט פְּשַׁט מֶען רֶעדְט צוּ מֹשֶׁה רַבֵּנוּ, נָאר מֶען רֶעדְט צוּ אַלֶע אִידְן וָואס הָאבְּן אַ רֶבִּי, וָואס הָאבְּן אַ צַדִּיק, - "לְגַבֵּי מֹשֶׁה", אַז מֶען גֵייט צוּ אַ צַדִּיק, מֶען אִיז דָבוּק אִין מֹשֶׁה רַבֵּנוּ, "מִילְתָא זוּטְרְתָא הִיא", דֶעמָאלְט אִיז יִרְאַת שָׁמַיִם אַ קְלֵיינִיקֵייט, וַוייל דֶער צַדִּיק בְּרֶענְגְט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן צוּ זַיין מַדְרֵגָה.

**דָאס** קֶענֶען אַלֶע מֵעִיד זַיין, וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן - אִיז דָאס עֲבוֹדַת ה' גָאר אַנְדֶערְשׁ, עֶס אִיז "יִרְאַת שָׁמַיִם מִילְתָא זוּטְרְתָא הִיא", מִיט דִי וֶועג פוּן רֶבִּי'ן אִיז דָאס גְרִינְג פַאר אַלֶעמֶען, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים ל, יד): "בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ לַעֲשׂוֹתוֹ".

**דֶער** רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּ צוּ דִי גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת פוּן דִי פְּרִיעֶרְדִיגֶע צַדִּיקִים; דֶער רֶבִּי נֶעמְט פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן וִוי מִיר זֶענֶען אוּן מַאכְט אוּנְז רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי מַאכְט מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה אוּן זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**וֶוען** מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט אוֹיפְגֶעבּוֹיט דִי אֱמוּנָה, דֶער מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר', מֶען לֶעבְּט פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה מִיט אַ דְבֵקוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

# תשכב

**וֶועלְכֶע חוּמְרוֹת זֶענֶען ווִיכְטִיג און וֶועלְכֶע נִישְׁט?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס אִיז דָא אַ פְּלַאץ וואו מֶען קֶען פְרֶעגְן אַלֶע סָארְט שְׁאֵלוֹת, און בַּאקוּמֶען אַזֶעלְכֶע קְלָארֶע עֶנְטְפֶערְס.

אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע פְרוּמֶע סְבִיבָה, מִיט פִילֶע חוּמְרוֹת און דִקְדוּקִים, און דָאס הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט אַ שְׁטַארְקֶע דֶערְוַוייטֶערוּנְג פוּן אִידִישְׁקֵייט, עֶס אִיז גֶעוֶוען צוּפִיל פַאר מִיר. בִּיז וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, וָואס רֶעדְט פוּן פָּשׁוּט'ע אִידִישְׁקֵייט, פוּן הִיטְן שַׁבָּת און לֵייגְן תְּפִלִּין, און אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וויל מִיר זָאלְן זַיין פָּשׁוּט'ע אִידְן, הִיטְן תּוֹרָה און מִצְוֹת אָן קַיין אִיבְּרִיגֶע חוּמְרוֹת, און דָאס גֶעבְּט מִיר אַסַאךְ חִזּוּק אִין אִידִישְׁקֵייט.

לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ אָבֶּער גֶעוָוארְן אַבִּיסְל צֶעמִישְׁט, ווִי אַזוֹי וֵוייסְט מֶען וֶועלְכֶע חוּמְרוֹת זֶענֶען יָא ווִיכְטִיג, חוּמְרוֹת פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִיקִים, און וֶועלְכֶע חוּמְרוֹת זֶענֶען סְתַּם אִיבְּרִיג און עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ אִידִישְׁקֵייט?

אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר דָאס קְלָאר שְׁטֶעלְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן
לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יב): "עִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", דֶער עִקָּר אִידִישְׁקֵייט אִיז וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ פָּשׁוּט אָן קַיין חָכְמוֹת; "וְיֵשׁ שֶׁקִּלְקְלוּ הַרְבֵּה, כְּגוֹן הָרְשָׁעִים הַגְּדוֹלִים מְאֹד הַמְפֻרְסָמִים שֶׁהִטְעוּ אֶת הָעוֹלָם, וְהַכֹּל הָיָה עַל יְדֵי חָכְמָתָם וְשִׂכְלָם", אַסַאךְ רְשָׁעִים וָואס הָאבְּן פַּארְדָרֵייט דִי וֶועלְט מִיט זֵייעֶרֶע טָעוּתִים, אִיז אַלֶעס גֶעקוּמֶען וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶענוּצְט זֵייעֶר חָכְמָה; אֲפִלּוּ דִי אַלֶע חָכְמוֹת וָואס מֶען הָאט אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם הָאט אוֹיךְ נִישְׁט דֶער רֶבִּי גֶעהַאלְטְן דֶערְפוּן, וַוייל דָאס וַוארְפְט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן צוּם סוֹף לָאזְט מֶען אַלֶעס אָפּ. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן מד): "גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד", מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן חָכְמוֹת, "כִּי כָל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁיֵּשׁ לְהַנִּכְנָסִין וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים", וַוייל דִי אַלֶע חָכְמוֹת וָואס מֶען הָאט וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חָכְמוֹת, דָאס אִיז דִמְיוֹנוֹת, שְׁטוּתִים אוּן קָאפּ דְרֵייעֶנִישְׁן, "וְאֵלּוּ הַחָכְמוֹת מַפִּילִין מְאֹד אֶת הָאָדָם מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "וְעַל

אֵלּוּ הַמְדַקְדְּקִים וּמַחְמִירִים בְּחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת, עֲלֵיהֶם נֶאֱמַר: 'וָחַי בָּהֶם', 'וְלֹא שֶׁיָּמוּת בָּהֶם' כִּי אֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת כְּלָל", דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט חָכְמוֹת אוּן סְפֵקוֹת זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג מְסֻפָּק צִי זֵיי הָאבְּן יוֹצֵא גֶעוֶוען דִי מִצְוָה אָדֶער נִישְׁט - דִי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּם חִיּוּת, "וְתָמִיד הֵם בְּמָרָה שְׁחֹרָה מֵחֲמַת שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁאֵינָם יוֹצְאִים יְדֵי חוֹבָתָם בְּהַמִּצְווֹת שֶׁעוֹשִׂין וְאֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת מִשּׁוּם מִצְוָה מֵחֲמַת הַדִּקְדּוּקִים וְהַמָּרָה שְׁחוֹרוֹת שֶׁלָּהֶם", זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג דֶעפְּרֶעסְט, זֵיי לֶעבְּן אַלְץ אִין סְפֵקוֹת, אוּן דִי חוּמְרוֹת וַוארְפְט זֵיי אַרַיין אִין מָרָה שְׁחוֹרָה.

**אַז** דוּ ווִילְסְט ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, וָואס פַאר אַ חוּמְרָא מֶען דַארְף יָא מַקְפִּיד זַיין - זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וֶועסְטוּ ווִיסְן וָואס יָא אוּן וָואס נִישְׁט. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמג): "כְּבָר הָיָה לוֹ חֵשֶׁק כַּמָּה פְּעָמִים לַעֲשׂוֹת הֲלָכוֹת פְּסוּקוֹת עַל הַשֻּׁלְחָן עָרוּךְ, לְבָאֵר כָּל דִּין וָדִין בַּהֲלָכָה פְּסוּקָה, אוֹ לְהַצִּיג הֲלָכָה כְּדִבְרֵי מִי מֵהַפּוֹסְקִים אֵצֶל כָּל דִּין וָדִין", אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט חֵשֶׁק צוּ מַאכְן אַ סֵפֶר אוֹיפְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אָנְצוּוַייכֶענֶען אוֹיף יֶעדֶע הֲלָכָה וָואס דֶער דִין אִיז הֲלָכָה לְמַעֲשֶׂה, "אַךְ עַכְשָׁו שֶׁיָּצָא זֶה הַסֵּפֶר לָעוֹלָם לֹא יִהְיֶה עִנְיָן הַנַּ"ל", אָבֶּער אַזוֹי ווִי עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער סֵפֶר 'לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן' פֶעלְט דָאס שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס.

**מוֹהֲרָא"שׁ** אִיז מַסְבִּיר (עַיֵּן אֲשֶׁר בַּנַּחַל מִכְתָּב לוֹ אֲלָפִים, קצ), וָואס פַאר אַ שַׁייכוּת הָאט לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן מִיט הֲלָכָה?

דֶער סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן רֶעדְט דָאךְ נִישְׁט פוּן הֲלָכָה! נָאר וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען אַ קְלָארֶע אוּן לוֹיטֶערֶע כֹּחַ הַמְדַמֶּה צוּ ווִיסְן וָואס יָא צוּ טוּן אוּן וָואס נִישְׁט צוּ טוּן. בִּפְרַט אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע בְּרִיוו פוּן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל וֶועסְטוּ ווִיסְן בַּיי יֶעדֶע פְּרַט ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אוּן אַלֶע מִצְוֹת וֶועסְטוּ טוּן פִיל מִיט שִׂמְחָה אוּן דְבֵקוּת בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תשכג

### אִיךְ לֶערְן תּוֹרָה, פַארְוָואס וֶוער אִיךְ נָאכְאַלְץ אִין כַּעַס?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁעוּרִים אוּן חִזּוּק, אִיךְ הֶער שׁוֹין דִי שִׁעוּרִים אִיבֶּער אַ יָאר, אוּן עֶס הָאט מִיר אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן, בִּפְרַט מִיטְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד וָואס הָאט מִיר פָּשׁוּט גֶעמַאכְט לֶערְנֶען, צְוֵויי וָואכְן צוּרִיק הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן שַׁ"ס, אוֹיסֶער פִילֶע אַנְדֶערֶע שִׁעוּרִים וָואס אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג: חוּמָשׁ, נַ"ךְ, מִשְׁנָיוֹת, דִי טֶעגְלִיכֶע שִׁעוּרִים אִין בַּבְלִי יְרוּשַׁלְמִי אוּן תּוֹסֶפְתָּא, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, זוֹהַר, מִדְרָשׁ, לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שִׁיעוּר אִין יְרוּשַׁלְמִי כְּסִדְרָן.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַלְץ אַז דֶער דֶרֶךְ הַלִּימוּד מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ הָאבְּן סַבְלָנוּת, מֶען וֶוערְט אַ רוּאִיגֶער מֶענְטְשׁ. אָבֶער לֵיידֶער הָאבּ אִיךְ נָאכְאַלְץ נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אַוַדַאי פְּרוּבִיר אִיךְ צוּ פָאלְגְן דִי שִׁעוּרִים, אִיךְ פְּרוּבִיר זִיךְ צוּ אַיינְהַאלְטְן וִויפִיל אִיךְ קֶען, עֶס אִיז מִיר אָבֶער זֵייעֶר שְׁוֶוער, אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ אַסַאךְ מָאל קְרִיגְן מִיט מַיין וַוייבּ, שְׁרֵייעֶן, אָדֶער שְׁלָאגְן מַיינֶע קִינְדֶער.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אוֹיךְ כְּסֵדֶר אַז וֶוען מֶען צֶעקְלַאפְּט אַ קִינְד - וֶועט עֶר זִיךְ מוּטְשֶׁען מִיט שָׁלוֹם בַּיִת, וַוייל עֶס קְלַאפְּט אוֹיס נָאךְ דִי חֲתוּנָה. סַיי אִיךְ אוּן סַיי מַיין וַוייבּ זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט אַלְס קִינְד, קֶען אִיךְ נָאךְ אַמָאל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת?

אִיךְ וִויל זֵייעֶר בֶּעטְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר צוּ שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל חִיזוּק אִיבֶּער דִי עִנְיָנִים, סַיי אִינֶעם דֶרֶךְ הַלִּמּוּד, סַיי אִין שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן אִיבֶּער סַבְלָנוּת צוּ דִי קִינְדֶער. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פוּן וואוּ צוּ נֶעמֶען חִיזוּק אִין לֶעבְּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת; מִיר הָאבְּן אַזֶעלְכֶע גוּטֶע עֵצוֹת מִיט וָואס מִיר קֶענֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן

אַזֶעלְכֶע לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת, וָואס וֶוער עֶס טוּט דִי עֵצוֹת - קְרִיכְט אַרוֹיס פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען. דִי עֶרְשְׁטֶע עֵצָה אִיז שִׁכְחָה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "אֵצֶל הָעוֹלָם הַשִּׁכְחָה הִיא חִסָּרוֹן גָּדוֹל בְּעֵינֵיהֶם", בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָּרוֹן, "אֲבָל בְּעֵינַי יֵשׁ בְּהַשִּׁכְחָה מַעֲלָה גְּדוֹלָה, כִּי אִם לֹא הָיְתָה שִׁכְחָה, לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לַעֲשׂוֹת שׁוּם דָּבָר בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", אָבֶּער אִיךְ זָאג אַז שִׁכְחָה אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲלָה, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעדֶענְקְט יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן - וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְגֵיין וַוייטֶער אִין לֶעבְּן, וַוייל עֶס וָואלְט אִים גֶעשְׁטֶערְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן; פַארְגֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען אוּן הוֹיבּ אָן דַיין לֶעבְּן פוּנְדָאסְנַיי. דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ וואוּלֶע וַוייבּ אוּן לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער; שְׁלֶעפּ נִישְׁט מִיט דִיר דַיין עָבַר אוּן קוּק קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק, וָואס אִיז גֶעוֶוען, דֶער עִקָּר זָאלְסְטוּ פוּן יֶעצְט טוּן נָאר גוּטְס.

דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז בֵּיידֶע פוּן אַייךְ זֶענְט אִיר אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע יוּגְנְט, זָאלְט אִיר זִיךְ בֵּיידֶע מְחַזֵּק זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קו) עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע עֵצָה צוּ וֶוערְן אַלֵיין מְחוּזָק, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען אִיז מְחַזֵּק אַ צְוֵוייטְן, מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי אוֹיס דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים מא, ב): "אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָּל", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז צֶעבְּרָאכְן, "אִם לֹא יָכוֹל בְּעַצְמוֹ לָבוֹא לְגַדְלוּת הַמֹּחִין; עֵצָה

לָזֶה, שֶׁיַּשְׂכִּיל אֲחֵרִים, וְעַל יְדֵי זֶה נִתְעוֹרֵר גַּם אֶצְלוֹ", דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר אִיז מְחַזֵּק אַ צְווייטְן וֶועט עֶר אַלֵיין וֶוערְן מְחֻזָּק; זָאלְסְטוּ זֶען צוּ מְחַזֵּק זַיין דַיין וַוייבּ, אַזוֹי וֶועסְטוּ צְוֵויי מָאל פַארְדִינֶען, אֵיינְס, אַז דַיין וַוייבּ וֶועט זַיין מְחֻזָּק - וֶועט זִי דִיר הֶעלְפְן וְכוּ', אוּן אֲפִלּוּ דַיינֶע וֶוערְטֶער וֶועט נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין אִירֶע אוֹיעֶרְן וֶועט דָאס צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִיר, עֶס וֶועט וֶוערְן אַן אוֹר חוֹזֵר, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן קפד) וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ אַ צְווייטְן דִבּוּרֵי הִתְחַזְּקוּת - וֶוערְט אַן אוֹר יָשָׁר אוּן אַן אוֹר חוֹזֵר, דָאס הֵייסְט אַז אֲפִלּוּ עֶס גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין יֶענֶעמְ'ס אוֹיעֶר, דָאךְ וֶוערְט אַן אוֹר חוֹזֵר אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין וֶוערְט שְׁטַארְק מְחֻזָּק.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר, יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) מִיט אַזַא עֶרְנְסְטְקֵייט, אַז דוּ לֶערְנְסְט גֶּזְמָאוֹת; דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט שַׁ"ס, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, זֹהַר הַקָּדוֹשׁ וְכוּ' וְכוּ' - זָאלְסְטוּ יֶעצְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן מִיט דִי עֵצָה פוּן שִׂמְחָה. פַארְגֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען אוּן הוֹיבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין וַוייבּ; זַיי אִיר מְכַבֵּד אוּן רֶעד צוּ אִיר שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער, וֶועסְטוּ הָאבְּן כֹּחַ צוּ אוֹיפְצוּעֶן דַיינֶע קִינְדֶער עַל דֶּרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַיִּרְאָה.

**פְּרוּבִּיר** אוֹיס דִי זִיסֶע עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה וָואס הֵייסְט 'הִתְבּוֹדְדוּת'; מֶען זָאל גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז

נִישְׁט דָארְט אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז גֶעווֹאוֹינְט צוּ רֶעדְן. טוּ דִי עֵצָה, גֵיי אִין אַ פְּלַאץ אוּן זָאג: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט מִיךְ אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל? וִויפִיל מָאל אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר צוּ זַיין ווֹאוִיל - פַאל אִיךְ נָאכְאַמָאל אַרָאפּ, אִיךְ הֶער זִיךְ נִישְׁט אוֹיף קְרִיגְן מִיט מַיין וַוייבּ, אִיךְ שְׁרֵיי אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער בִּיז אִיךְ וֶוער אַזוֹי בְּכַעַס אַז אִיךְ שְׁלָאג זֵיי מִיט רְצִיחָה, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען אַיינְהַאלְטְן אוּן אִיךְ זָאל לֶעבְן בְּשָׁלוֹם מִיט זֵיי״.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט לֵיינֶען דֶעם בְּרִיוו נִישְׁט אֵיינְמָאל נִישְׁט צְווֵיי מָאל, נָאר אָן אַ שִׁעוּר מָאל אוּן מְקַיֵּם זַיין יֶעדֶעס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט - וֶועסְטוּ הָאבְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט, אַז נִישְׁט וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְלִירְן; וַוייל שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער טָאר מֶען נִישְׁט אוּן עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט. אַז מֶען שְׁלָאגְט דִי קִינְדֶער פַארְלִירְט מֶען זֵיי אוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב צֶעפַאלְט הַשֵּׁם יְרַחֵם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תשכד

## וָואס הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעהַאלְטְן אִיבֶּער דִי "דוֹר יְשָׁרִים" טֶעסְט?[ז]

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁעוּרִים וָואס אִיז מַמָּשׁ גֶעוַואלְדִיג. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בַּיי אַ שִׁיעוּר אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אַוֶועקְגֶעמַאכְט דִי "דוֹר יְשָׁרִים" טֶעסְט, וָואס אִיז שְׁלֶעכְט מִיט דֶעם? אוּן וָואס הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעהַאלְטְן אִיבֶּער דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

**מוֹהֲרָא"שׁ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֶעגְן מַאכְן דֶעם דוֹר יְשָׁרִים טֶעסְט, אוֹיבּ אֵיינֶע פוּן דִי צְדָדִים הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט צוּ מַאכְן דִי בְּדִיקָה - הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט מֶען זָאל עֶס מַאכְן.**

**זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת - דַארְף מֶען אוֹיף דֶעם אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט**

ז. מֶער אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, אִין סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ג', מִכְתָּב קצה.

פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס תְּפִלָּה אִיז אוּן וָואס מֶען קֶען פּוּעֵל'ן דוּרְךְ תְּפִלָּה. עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דֶעם סִיפּוּר (פְּעוּלַת הַצַדִיק, סִימָן ו) אַז וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מְשַׁדֵךְ גֶעוֶוען זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן הָארָאדֶענְקֶער זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה מִיט דִי שְׁוֶועסְטֶער פוּן רֶבִּי יִצְחָק דְרוּבִיטְשֶׁער זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה, אִיז תֵּיכֶּף נָאךְ דִי חוּפָּה דֶער חָתָן - דֶער צַדִיק רֶבִּי נַחְמָן הָארָאדֶענְקֶער - נֶעְלָם גֶעוָוארְן, אוּן זַיין ווַייבּ - דִי כַּלָּה - הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ עֶר אִיז; זִי הָאט גֶעוַוארְט אַפָּאר טֶעג אוֹיף אִים עֶר זָאל אַהֵיימְקוּמֶען אוּן וֶוען זִי הָאט גֶעזֶען אַז עֶר קוּמְט נִישְׁט אַהֵיים אִיז זִי גֶעגַאנְגֶען צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אִין אַ גֶעוֵויין, זִי הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז זִי וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ אִיר מַאן - דֶער חָתָן - אִיז, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן עֶר הָאט אִיר גֶעהֵייסְן צוּרִיק קוּמֶען נָאךְ אַפָּאר טֶעג. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקֹדֶשׁ וואוּ רֶבִּי נַחְמָן אִיז בַּאהַאלְטְן אוּן עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט אַ שְׁלִיחַ צוּ אִים אַז עֶר בַּאפֶעלְט אִים עֶר זָאל תֵּיכֶּף קוּמֶען צוּ אִים. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב פָארְגֶעהַאלְטְן: "הַיִתָּכֵן צוּ טוּן אַזַא זַאךְ, אִיבֶּערְלָאזְן אַיינְזַאם אַ פְרוֹי גְלַייךְ נָאךְ דִי חוּפָּה?!" הָאט עֶר גֶעעֶנְפֶערְט אַז עֶר זֶעט בְּרוּחַ הַקֹדֶשׁ אַז עֶר וֶועט הָאבְּן מִיט אִיר אַ קִינְד אוּן תֵּיכֶּף וֶוען דָאס קִינְד וֶועט גֶעבּוֹירְן וֶוערְן וֶועט זִי שְׁטַארְבְּן, "אִיךְ הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אִירֶע יוּנְגֶע יָארְן, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ מִיךְ בַּאהַאלְטְן אַז זִי זָאל נָאךְ קֶענֶען אַבִּיסְל לֶעבְּן".

**וָוען** דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר איר גֶעלָאזְט רוּפְן און עֶר הָאט איר דֶערְצֵיילְט די גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אַז דֶער חָתָן הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן וַוייל עֶר ווִיל נִישְׁט זִי זָאל אַזוֹי יוּנְג נִפְטַר וֶוערְן, הָאט זִי גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ מַיין מַאן אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶר קֶען זֶען וָואס גֵייט זַיין וְכוּ', בִּין אִיךְ מַסְכִּים טְרָאגֶעדִיג צוּ וֶוערְן און הָאבְּן אַ קִינְד פוּן אִים", אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען, זֵיי זֶענֶען אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען און זִי הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ וַוארְטְן אַ קִינְד, בְּשָׁעַת זִי הָאט גֶעבּוֹירְן דָאס קִינְד הָאט זִי זֵייעֶר גֶעוֵויינְט און גֶעזָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, נֶעם מִיךְ נִישְׁט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט פַּאר אַ חוֹדֶשׁ, וַוייל אִיךְ ווִיל זֶען מַיין קִינְד און זִיךְ מִיט אִים מְשַׁעֲשֵׁעַ זַיין אַבִּיסְל", און אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, זִי הָאט גֶעלֶעבְּט אַ חוֹדֶשׁ און נָאכְדֶעם אִיז זִי נִפְטַר גֶעוָוארְן.

**הָאט** רֶבִּי נַחְמָן הָארָאדֶענְקֶער גֶעזָאגְט: "אַ שָׁאד זִי הָאט נָאר גֶעבֶּעטְן צוּ בְּלַייבְּן לֶעבְּן אַ חוֹדֶשׁ, וֶוען זִי וָואלְט וֶוען גֶעבֶּעטְן אַז דִי גְזֵרָה זָאל אִינְגַאנְצְן בָּטֵל וֶוערְן וָואלְט עֶס אִינְגַאנְצְן בָּטֵל גֶעוָוארְן - וַוייל זִי הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן, מִיט אַזַא צֶעבְרָאכֶענֶע הַארְץ, אַז זִי וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט מְבַטֵּל זַיין דִי גְזֵרָה". זֶעט מֶען ווִי שְׁטַארְק תְּפִלָּה אִיז, אַז מֶען קֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן מִיט תְּפִלָּה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תשכה

## קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף מַיין זַייט, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם וָואס אִיז צוּ לַאנְג אוּן פַארְצְוֵוייגְט אַרָאפְּצוּשְׁרַייבְּן, אָבֶּער מַמָּשׁ אוֹיפְן שְׁפִּיץ גָאפְּל קֶען אִיךְ אַזוֹיפִיל שְׁרַייבְּן, אַז אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ ווִי אַ מְצוֹרָע וָועמֶען מֶען הָאט גֶעלֵייגְט אִין חֵרֶם.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן מִיט צְוֵויי יָאר צוּרִיק צוּ אַ נַייעֶ גֶעגְנְט, אָבֶּער קֵיינֶער דָארְט אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִיר, נִישְׁט אִין גַאס אוּן נִישְׁט אוּן שׁוּל, קוּים וָואס אֵיינֶער גְרִיסְט מִיר אַמָאל.

אִיךְ בִּין זַייעֶר אַ שְׁטִילֶער מֶענְטְשׁ, אַ גְרוֹיסֶער בַּיְישָׁן, סֵיי פוּן נַאטוּר אוּים אוּן סֵיי וַוייל מֶען הָאט מִיר אַסַאךְ צֶעקְלַאפְּט אוּן צֶעשָׁאסְן, צֶערִיסְן אוּן צֶעשְׁמֶעטֶערְט אוֹיף שְׁטִיקֶער.

אִיךְ בִּין זַייעֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן טְרַאכְטְן פוּן מַיינֶע צָרוֹת, בִּיטֶע הֶעלְפְט מִיר אַרוֹים.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**נֶעם** דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת - זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט

אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן טוּישְׁט זִיךְ אִים דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי אַיינְגֶעגֶעסְנְקֵייט, מֶען קוּקְט אַנְדֶערְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן מֶען וֶוערְט פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

**עֶס** זָאל דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן אַז דוּ בִּיסְט אַ שְׁטִילֶער מֶענְטְשׁ אוּן אַ גְרוֹיסֶער בַּיְישָׁן, עֶס אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ זַיין אַ שְׁטִילֶער מֶענְטְשׁ אוּן עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִסָּרוֹן צוּ זַיין אַ שֶׁעמֶעדִיגֶער מֶענְטְשׁ; בַּיְישָׁנוּת אִיז אַ אִידִישֶׁע מִדָּה, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת עט.) אֵיינֶע פוּן דִי סִימָנִים פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז אַז זֵיי זֶענֶען "בַּיְישָׁנִים", שֶׁעמֶעדִיג; נָאךְ זָאגְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (נְדָרִים כ.) אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת כ, יז): "'וּבַעֲבוּר תִּהְיֶה יִרְאָתוֹ עַל פְּנֵיכֶם' זוֹ בּוּשָׁה, 'לְבִלְתִּי תֶחֱטָאוּ' מְלַמֵּד שֶׁהַבּוּשָׁה מְבִיאָה לִידֵי יִרְאַת חֵטְא", וֶוער עֶס הָאט דִי מִדַּת הַבּוּשָׁה - וֶועט נִישְׁט קוּמֶען צוּ קַיין זִינְד.

**אֱמֶת,** דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע יוּגְנְט; עֶס טוּט זֵייעֶר וֵויי צוּ הֶערְן וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט - אַז מֶען הָאט דִיר גֶעטוּן, מֶען הָאט דִיר אַסַאךְ צֶעקְלַאפְּט, צֶעשָׁאסְן, צֶערִיסְן אוּן צֶעשְׁמֶעטֶערְט, אָבֶּער אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אַז דַיין הַצְלָחָה לִיגְט אִין דַיינֶע הֶענְט. אַז דוּ וֶועסְט אַרַיינְנֶעמֶען אִין דִיר דִי אֱמוּנָה; דוּ וֶועסְט זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת, אִים דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְן, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין אַיינְגֶעגֶעסְנְקֵייט.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תשכו

## װעלכֶע בְּרֶסְלֶב'ער סְפָרִים זָאל אִיךְ לֶערְנֶען?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וויל װערְן מְקוּרָב צוּ בְּרֶסְלֶב, אִיךְ קֶען זִיךְ אָבֶער נִישְׁט אוֹיס אִין דִי בְּרֶסְלֶב'ער סְפָרִים. װעלְכֶע סְפָרִים זֶענֶען דָא אִין בְּרֶסְלֶב, און װעלְכֶע סְפָרִים זָאל אִיךְ לֶערְנֶען?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת רְאֵה, כ"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.**

**הוֹיבּ** אָן מִיטְן לֶערְנֶען דִי שִׂיחוֹת און מַעֲשִׂיּוֹת פון רֶבִּי'ן; דָאס װעט דִיר זַיין גְרִינְגֶער צוּ פַארְשְׁטֵיין. מַאךְ זִיךְ אַ שִׁעוּר אִין סֵפֶר חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, אִין סֵפֶר שִׂיחוֹת הָרַ"ן, אִין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת און אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת; דִי סְפָרִים װֶעסְטוּ פַארְשְׁטֵיין און דוּ װעסְט טְרֶעפְן אִין זֵיי גְרוֹיס חִזּוּק און װערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שְׁמוּעֶס װָאס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, און אֲפִלּוּ אַ צַדִּיק גָמוּר אַ גַאנְץ לֶעבְּן; אַן עֶרְלִיכֶער אִיד מֵיין אִיךְ

אַזוֹי ווִי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שכ): "כָּל מִי שֶׁיְּצַיֵּת אוֹתִי וִיקַיֵּם כָּל מַה שֶּׁאֲנִי מְצַוֶּה, בְּוַדַּאי יִהְיֶה צַדִּיק גָּדוֹל יִהְיֶה מַה שֶּׁיִּהְיֶה", וֶוער עֶס וֶועט מִיךְ פָאלְגְן אוּן עֶר וֶועט טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ הֵייס וֶועט זִיכֶער וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק - זָאל עֶס זַיין וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס מֶען קֶען צוּקוּמֶען וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אוֹיף צְוֵויי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, "עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוּרָב וֶוערְן צוּ מִיר אוּן זֶענֶען נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן, "וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי", אוּן אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ מִיר אוּן פָאלְגְן מִיךְ נִישְׁט; וַוייל וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר, דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן - וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִּיס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם טִיר - אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶעמָאלְט אָנְקוּקְן ווִי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס - וֶועט עֶר זֵייעֶר חֲרָטָה הָאבְּן, טְרַאכְטְנְדִיג: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן? וַוייל וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן - וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט', אָבֶּער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

**אַזוֹי** אויךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁעוּר אִינֶעם סֵפֶר 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל'; מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים און דָאס אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט פַאר אוּנְז אוֹיף אַ פָּשׁוּט'ע שְׁפְּרַאךְ. אַזוֹי ווִי מֶען צֶעדְרִיקְט אַן עֶפְּל פַאר אַ קִינְד וָואס קֶען נָאכְנִישְׁט עֶסְן קַיין גַאנְצֶע עֶפְּל, אַזוֹי הָאט מוֹהֲרַ"אשׁ גֶעטוּן - צֶעדְרִיקְט און צֶערִיבְּן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים פַאר אוּנְז פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן וָואס מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קַיין טִיפֶע תּוֹרוֹת וְכוּ', אַז מִיר זָאלְן דָאס פַארְשְׁטֵיין און לֶעבְּן מִיט דֶעם.

**דֶער** וָואס לֶערְנְט דֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל - וֶוערְט נִישְׁט צֶעפַאלְן און צֶעבְּרָאכְן וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אִים שְׁוֶועריִקְייטְן; פְּרוּבִיר דָאס אוֹיס וֶועסְטוּ הָאבְּן הִתְחַזְּקוּת אִין לֶעבְּן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תשכז

**פַארְוָואס זֶענְט אִיר חוֹשֵׁד בָּחוּרִים אַז זֵיי רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קֹדֶם ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שֵׁיינֶע בְּרִיוו, וָואס זֶענֶען מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק.

איך האָב אָבער געלייגט אין אַ בְּרִיוו[ח] וואו דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט פאר אַ טאַטע אַז ער זאָל קוקן מיט אַ גוט אויג אויף זיין בָּחוּר, ער זאל זיך פרייען אַז זיין זון רעדט נישט קיין ניבול פּה 'אַזוי ווי רוב חסידי'שע בָּחוּרים רעדן'.

אֶפְשָׁר קען דער ראש ישיבה דאס געבן מער צו פארשטיין, איז דאס טאקע דער בליק פונעם ראש ישיבה אויף יעדע גרופּע חסידי'שע בָּחוּרים, אַז רוב פון זיי רעדן ניבול פּה? איך מיין נישט קיין חוצפּה, אָבער די בְּרִיוו גייען אַרום אין די גאנצע וועלט, קומט זיך טאקע אַזא טיטל פאר חסידי'שע ישיבה בָּחוּרים?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת רְאֵה, כ"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## איך האָב ערהאַלטן דיין בְּרִיוו.

בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים געפינען מיר זיך אין אַ צייט וואס עס איז מְקֻיָּם געווארן (אֵיכָה ד, א): "תִּשְׁתַּפֵּכְנָה אַבְנֵי קֹדֶשׁ בְּרֹאשׁ כָּל חוּצוֹת", טייערע אידן, הייליגע נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל וואלגערן זיך בְּרֹאשׁ כָּל חוּצוֹת רַחֲמָנָא לִצְלַן; ווער רעדט נאך פון די בְּנֵי הַנְּעוּרִים, אויף זיי גייט אַריבער ביטערע נִסְיוֹנוֹת וואס מען קען זיך גארנישט פארשטעלן; מַמָּשׁ אַזוי ווי אינעם דּוֹר הַמַּבּוּל רַחֲמָנָא לִצְלַן, און קיינער האט אויף זיי נישט קיין רַחֲמָנוּת. מען קען זייער גרינג האבן צוטריט

ח. דער בְּרִיוו איז ביינגעלייגט צום סוף פון דעם בְּרִיוו.

צוּ לֵיינֶען אוּן קוּקְן מִינוּת אוּן נִאוּף, אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין דֶעם; אֵיינֶער שְׁלֶעפְּט דֶעם צְוֵוייטְן אוּן דֶער צְוֵוייטֶער שְׁלֶעפְּט אַרַיין דֶעם דְרִיטְן, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ (אָדֶער מַאכְט מֶען זִיךְ ווִי מֶען וֵוייסְט נִישְׁט).

**אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ פָאר אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט צוּטוּן מִיט קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים, דֶערְפַאר וֵוייסְטוּ נִישְׁט וָואס גֵייט פָאר אוֹיף**

דִי וֶועלְט, אִין וֶועלְכֶע מַצָּב מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ הַשֵּׁם יְרַחֵם. וֶוער עֶס טוּט מִיט בְּנֵי הַנְּעוּרִים דֶער וֵוייסְט וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף בָּחוּרִים; מֶען דַארְף וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז אוּן אוּנְז אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן גָּלוּת. מִיר לִיגְן אִין אַזַא טוּנְקֶעלֶע גָּלוּת, טֵייעֶרֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, בָּחוּרִים וֶוערְן נִכְשָׁל אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִצְלָן; מֶען אִיז מַכְשִׁיל אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה וְכוּ' וְכוּ'.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז אוּן אוּנְז שִׁיקְן אַ צַדִיק, אַ מַנְהִיג וָואס זָאל אוּנְז אַרוֹיסְנֶעמֶען**

פוּן וואוּ מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ז): "מִי שֶׁהוּא רַחֲמָן, הוּא יָכוֹל לִהְיוֹת מַנְהִיג", אֵיינֶער וָואס הָאט רַחְמָנוּת, דֶער קֶען זַיין אַ מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל, "כִּי עִקָּר הָרַחְמָנוּת הוּא כְּשֶׁיִּשְׂרָאֵל עַם קָדוֹשׁ נוֹפְלִין חַס וְשָׁלוֹם בַּעֲווֹנוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן, כִּי זֶהוּ הָרַחְמָנוּת הַגָּדוֹל מִכָּל מִינֵי רַחְמָנוּת", דִי גְרֶעסְטֶע רַחְמָנוּת אִיז רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט עוֹבֵר זַיין קֵיין עֲבֵירוֹת. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן אִיז עֶר דֶער גְרֶעסְטֶער רַחְמָנוּת,

"וְזֶהוּ עִקַּר הָרַחְמָנוּת, לְרַחֵם עַל יִשְׂרָאֵל עַם קָדוֹשׁ, לְהוֹצִיאָם מֵהַמַּשָּׂאוֹי הַכָּבֵד שֶׁל עֲווֹנוֹת", דִי גְרֶעסְטֶע רַחְמָנוּת אִיז זֵיי הֶעלְפְן נִישְׁט עוֹבֵר זַיין עֲבֵירוֹת, "כִּי מִי שֶׁיּוֹדֵעַ קְדֻשַּׁת יִשְׂרָאֵל מֵאַיִן הֵם לְקוּחִים וְיוֹדֵעַ רוּחָנִיּוּת וְדַקּוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל", וַוייל וֶוער עֶס וֵוייסְט וָואס אַ אִיד אִיז, ווִי גְרוֹיס אַ אִיד אִיז אוּן פוּן וואוּ אַ אִיד קוּמְט, "הוּא יוֹדֵעַ, שֶׁיִּשְׂרָאֵל הֵם רְחוֹקִים לְגַמְרֵי מֵעָווֹן", דֶער וֵוייסְט אַז אִידְן זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן עֲבֵירוֹת, "וְאֵין עָווֹן שַׁיָּךְ לָהֶם כְּלָל כְּלָל לֹא, לְפִי גֹּדֶל קְדֻשָּׁתָם מִשָּׁרְשָׁם וְגֹדֶל דַּקּוּתָם וְרוּחָנִיּוּתָם", עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שַׁיָּךְ עֲבֵירוֹת פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

### קוּק מִיט אַ גוּט אוֹיג אוֹיף דַיין קִינְד[ט]

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער חָבֵר ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

אַ גְרוֹס פוּן דַיינֶע לִיבְּטִיגֶע קִינְדֶער; זֵיי זֶענֶען טֵייעֶרֶע לִיבְּטִיגֶע קִינְדֶער אוּן פִירְן זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי זֶענֶען הֵיילִיג אוּן רֵיין.

ט. קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ה'תשע"ט.

**אִיךְ** שְׁפִּיר אַז אִיךְ דַארְף דִיר שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל וֶועגְן דַיין זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר, בַּיי מִיר אִיז עֶר בַּאלִיבְּט מֶער וִוי אַלֶע מַיינֶע תַּלְמִידִים, אָבֶּער אִיר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִים גוּט, עֶר זָאגְט מִיר כְּסֵדֶר וִוי עֶס טוּט אִים וֵויי אַז אִיר 'מֵיינְט' עֶר אִיז נִישְׁט גוּט, וֶוען בֶּאֱמֶת אִיז עֶר זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר.

**בְּנוֹגֵעַ** זַיין רֵייכֶערְן וְכוּ'; זֵייעֶר אַסַאךְ בָּחוּרִים רֵייכֶערְן, אוּן אַז מֶען ווִיל זֵיי זָאלְן אוֹיפְהֶערְן רֵייכֶערְן אִיז דִי וֶועג צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיף דֶעם, נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם זֵיי פָּארְהַאלְטְן דֶערוֹיף. דָא רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן יוּנְגֶע קִינְדֶער וָואס פָּאלְגְן וֶוען מֶען זָאגְט זֵיי עֶפֶּעס, דָא רֶעדְט מֶען פוּן בָּחוּרִים וָואס דַארְפְן אַלֵיין מַחְלִיט זַיין צוּ גֵיין אוֹיף דִי גוּטֶע וֶועג.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר טַייעֶרֶער חָבֵר ... נֵרוֹ יָאִיר, מַאךְ דִיר צוּ דִי אוֹיגְן, דַארְפְסְט נִישְׁט זֶען יֶעדֶע זַאךְ; קוּק אוֹיף זַיינֶע מַעֲלוֹת, עֶר דַאוֶונְט יֶעדְן טָאג שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, עֶר גֵייט יֶעצְט מְסַיֵּים זַיין דִי ... מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, עֶר רֶעדְט נִישְׁט נִיבּוּל פֶּה וִוי רוֹב חֲסִידִי'שֶׁע בָּחוּרִים רֶעדְן לֵיידֶער, עֶר אִיז עֶרְלִיךְ, עֶר הָאט אַ גֶעפִּיל צוּ אִידִישְׁקֵייט אוּן עֶר ווִיל דִיר אַזוֹי שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ מַאכְן. עֶר קוּמְט אַסַאךְ מָאל צוּ מִיר וֵויינֶען אַז עֶר שְׁפִּירְט וִוי זַיין טַאטֶע הָאט צַעַר פוּן אִים, דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס עֶר זוּכְט וִוי וֵוייניגֶער אַהֵיים צוּ גֵיין, וַוייל עֶר ווִיל נִישְׁט מַאכְן צַעַר...

**זַיי** מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ מִישׁ זִיךְ אַרַיין אִין פְּרִיוַואטֶע זַאכְן, אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר אַז לְתוֹעֶלֶת הָעִנְיָן נָאכְדֶעם וָואס דוּ הָאסְט מִיר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דַיין בָּחוּר צוּ לֶערְנֶען, אוּן אִיךְ זֶע

זַיין הַארץ, זַיינֶע מִדוֹת און זַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, און צוּלִיבּ אַפָּאר זַייטִיגֶע דְבָרִים נִטְפָּלִים וָואס עֶר וֶועט נָאךְ אוֹיסְנַוּאקְן אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט צוּ פַּארְלִירְן אַזוֹיפִיל גוּטְס.

**אִיךְ הָאפ אַז אִיר וֶועט נֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער אוֹיף אַ פַּאזֶעטִיוֶוער וֶועג.**

# תשכח

**פַארְוָואס הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט וָואס אִיךְ דַארְף טוּן?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אֵיין טָאג הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיךְ גֶעזֶען מִיט דִי צִיצִית אִינְדְרוֹיסְן, הָאט מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט אַז אִיךְ זֶע אוֹיס אַסַאךְ שֶׁענֶער וֶוען אִיךְ גֵיי מִיט דִי צִיצִית אִינְדְרוֹיסְן. מַיין שְׁאֵלָה אִיז, פַארְוָואס הָאט מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה נִישְׁט גֶעזָאגְט פְרִיעֶר אַז אִיךְ זָאל אַרוֹיסְלֵייגְן דִי צִיצִית אִינְדְרוֹיסְן, וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז אִיךְ הָאבּ דִי צִיצִית פוּן אִינֶעוֵוייניג?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן ווי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן; אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ ווִיל נִישְׁט קוּקְן, אִיךְ מַאךְ אָפּ אַז אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט קוּקְן - פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן גֶעבּ אִיךְ אַ בְּלִיק, און נָאכְדֶעם פִיל אִיךְ אַזוֹי שְׁלֶעכְט; אִיז דָא עֶפֶּעס אַן עֵצָה פַאר דֶעם?

פוּן אַ גֶעטְרֵייעֶר תַּלְמִיד.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דָאס** אִיז דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי אִיךְ זָאג בְּדֶרֶךְ כְּלַל וֶוען אִיךְ דַארְף זָאגְן פַאר תַּלְמִידִים...

**עֶס** אִיז דָא צְוַויי וֶועגְן ווִי אַזוֹי צוּ זָאגְן: 1) אַ וֶועג פוּן פָארְהַאלְטְן - פַּארְוָואס גֵייסְטוּ נִישְׁט מִיט דִי צִיצִית אוֹיף דִי קְלֵיידֶער? 2) זָאגְן מִיט אַ קָאמְפְּלִימֶענְט - זֶעסְט אוֹיס זֵייעֶר גוּט מִיט דִי צִיצִית אִינְדְרוֹיסְן וְכוּ'; וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין בְּרֵירָה וְכוּ' דֶעמָאלְט נוּצְט מֶען דֶעם וֶועג פוּן פָארְהַאלְטְן וְכוּ', אָבֶּער לְכַתְּחִילָה אִיז דֶער צְווייטֶע וֶועג גֶעשְׁמַאקֶער, זִיסֶער אוּן עֶס פוֹעֶל'ט.

**בְּעִנְיָן** שְׁמִירַת עֵינַיִם; אוֹיף דֶעם אִיז נִישְׁטָא קַיין עֵצָה, נָאר דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת - שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, רַאטֶעוֶוע מִיךְ! אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע! אִיךְ קוּק וואוּ מֶען טָאר נִישְׁט, אִיךְ מוּז קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע פְרוֹי אוּן מֵיידְל, רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס ווִיל מִיךְ אוֹיסְרַייסְן פוּן דִי וֶועלְט אוּן פוּן יֶענֶע וֶועלְט וְכוּ' וְכוּ'"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דִי עֵצָה נִצּוֹל צוּ וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע.

**שְׁטַארְק** זִיךְ וַוייטֶער מִיט דַיינֶע שִׁעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן גוּטֶע מִדּוֹת; אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ נַחַת פוּן דִיר, דַיין הִתְנַהֲגוּת

אִיז אוֹיסְנַאם גוּט. אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ וֶועסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁדּוּךְ אוּן זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תשכט

**וִוי אַזוֹי קֶען מֶען לֶערְנֶען אוֹיפְן דֶרֶךְ הַלִּימּוּד,**
**אוֹיף תּוֹרָה דַארְף מֶען זִיךְ דָאךְ פְּלָאגְן?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁעוּרִים אוּן חִזּוּק וָואס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַיֶּ', אוּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע דַאנְק פַארְן גִּלָּיוֹן הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ וָואס מֶען אִיז מֵפִיץ דָא אִין לָאנְדָאן, מִיט וָואס אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ'.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּערְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַזוֹיפִיל, מִיר זֶעעֶן דָאךְ אִין דִי סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים אַז אוֹיף תּוֹרָה דַארְף מֶען זִיךְ פְּלָאגְן, מֶען קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען תּוֹרָה גְרִינְגֶערְהֵייט; וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה אַזוֹי גְרִינְג מִיטְן דֶרֶךְ הַלִּימּוּד?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִן הַסְתָם הָאסְטוּ נָאכְנִישְׁט גֶענוּמֶען דִי מִי צוּ אוֹיסְפְּרוּבִּירְן דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו), דֶערִיבֶּער טְרַאכְטְסְטוּ אַז דָאס אִיז אַ גְרִינְגֶע זַאךְ. דוּ וואוּנְדֶערְסְט זִיךְ וָואס מֶען טוּט מִיטְן (וַיִּקְרָא כו, ג): ״אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ״, וָואס רַשִׁ״י זָאגְט אוֹיף דֶעם: ״שֶׁתִּהְיוּ עֲמֵלִים בַּתּוֹרָה״ - מֶען זָאל זִיךְ פְּלָאגְן אִין דִי תּוֹרָה; וֶוען דוּ וָואלְסְט וֶוען פְּרוּבִּירְט צוּ לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם וֶועג, גוֹרֵס זַיין פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דַפִּים גְּמָרָא וָואלְסְטוּ גֶעזֶען אַז עֶס לִיגְט אִין דֶעם אַ גְרוֹיסֶע עֲמֵלוֹת.

**בֶּאֱמֶת** אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא עֲמֵלוּת בַּתּוֹרָה ווִי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט אוּן עֶר הוֹיבְּט אָן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אֲפִלּוּ אָן פַארְשְׁטֵיין אוּן אָן קַיין טַעַם וְכוּ׳. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן עד): ״יֵשׁ דִּבּוּר בְּלֹא דֵעָה, וְיֵשׁ דִּבּוּר בְּדֵעָה״, עֶס אִיז דָא צְוֵויי וֶועגְן ווִי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען; עֶס אִיז דָא וֶוער עֶס לֶערְנְט אוּן פַארְשְׁטֵייט, נָאכְדֶעם אִיז דָא אַז מֶען לֶערְנְט אָן פַארְשְׁטֵיין. כְּדֵי מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט - דַארְף מֶען קֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אֲפִלּוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, ״וּשְׁנֵי בְּחִינוֹת אֵלּוּ, הֵן בְּחִינַת ׳הוֹשַׁעְנָא רַבָּא וְשִׂמְחַת תּוֹרָה׳״, פַאר מֶען קוּמְט אָן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט - וָואס

דָאס אִיז 'שִׂמְחַת תּוֹרָה', מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט דִי תּוֹרָה, מֶען הָאט אַ טַעַם אִין דֶעם, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען פַארְשְׁטֵייט וָואס מֶען לֶערְנְט - דַארְף מֶען אַרִיבֶּער גֵיין דֶעם שְׁטַאפְּל פוּן 'הוֹשַׁעְנָא רַבָּא', "כִּי 'הוֹשַׁעְנָא רַבָּא' הוּא בְּחִינַת דִּבּוּר בְּלֹא דֵעָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת עֲרָבָה, כִּי עֲרָבָה דוֹמָה לִשְׂפָתַיִם", עֲרָבוֹת זֶעט אוֹיס וְוי דִי לִיפְּן; דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז קֹדֶם דַארְף מֶען נוּצְן דִי לִיפְּן, מֶען דַארְף אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה אֲפִלּוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט.

וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט וְוי אַ מֶענְטְשׁ פְּלָאגְט זִיךְ צוּ לֶערְנֶען, עֶר נֶעמְט אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן זָאגְט דִי וֶוערְטֶער אֲפִלּוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, עֶר לֶערְנְט גְמָרָא אוּן זָאגְט דִי וֶוערְטֶער אֲפִלּוּ אָן קַיין טַעַם - אִיז דָאס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵייעֶר חָשׁוּב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה אוּן הָאט פוּן דֶעם אַ גְרוֹיסֶער תַּעֲנוּג, אַזוֹי וְוי דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (קְדוֹשִׁים פה:): "וּמַאן דְּתִיאוּבְתֵּיהּ לְמִלְעֵי בְּאוֹרַיְיתָא", וֶוער עֶס ווִיל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "וְלָא אַשְׁכַּח מַאן דְּיוֹלִיף לֵיהּ", אוּן עֶר הָאט נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אוּן גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהוּא בִּרְחִימוּתָא דְּאוֹרַיְיתָא, לָעֵי בָּהּ, וּמְגַמְגֵּם בָּהּ בְּגִמְגוּמָא דְּלָא יָדַע", אָבֶּער ווִיבַאלְד עֶר הָאט לִיבּ צוּ לֶערְנֶען, לֶערְנְט עֶר אָן פַארְשְׁטֵיין, "כָּל מִלָּה וּמִלָּה סַלְּקָא", יֶעדֶעס וָוארְט תּוֹרָה וָואס עֶר לֶערְנְט אָן פַארְשְׁטֵיין גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל, "וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא חַדֵּי בְּהַהִיא מִלָּה", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵייט זִיךְ מִיט דֶעם. "וְקַבִּיל לָהּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט דִי וֶוערְטֶער,

"וְנָטַע לָהּ סַחֲרָנֵיהּ דְּהַהוּא נַחֲלָא", און עֶר פְּלַאנְצְט אַיין דִי וֶוערְטֶער אויבְן אִין הִימְל אַרוּם אַ טַייךְ, "וְאִתְעֲבִידוּ מֵאִלֵּין מִלִּין אִילָנִין רַבְרְבִין", און עֶס וֶוערְט פון דִי וֶוערְטֶער גְרוֹיסֶע בֵּיימֶער, "וְאִקְרוּן עַרְבֵי נַחַל", וָואס מֶען רוּפְט זֵיי אָן 'עֲרָבוֹת', אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ה, יט): "בְּאַהֲבָתָהּ תִּשְׁגֶּה תָמִיד", פון לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה לֶערְנְט מֶען מִיט גְרֵייזְן.

**אַז** דוּ רֶעדְסְט פון עֲמֵלוּת בַּתּוֹרָה - פון זִיךְ פְּלָאגְן, אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט אַרַיינְקוּקְן אִין דִי וֶוערְטֶער פון׳עם יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל (פָּרָשַׁת בְּחֻקּוֹתַי, אות ב), וואוּ עֶר גֶעבְּט צוּ פַארְשְׁטֵיין גָאר פַארְקֶערְט, עֶר זָאגְט אַז דַוְקָא וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיפְן אוֹפְן פון גִירְסָא - דָאס אִיז רִיכְטִיגֶע עֲמֵלוּת בַּתּוֹרָה; "כִּי הַלּוֹמֵד בַּתּוֹרָה וּמֵבִין וּמַכִּיר בְּפִלְפּוּל וּסְבָרַת הַתּוֹרָה וּמִתְעַנֵּג, לָזֶה לֹא נִקְרָא לִימּוּד הַתּוֹרָה עֲבוֹדָה וִיגִיעָה וְעָמָל, כִּי בָּזֶה שֶׁאָדָם נֶהֱנֶה וְשָׂמֵחַ לֹא יִיעָף וְלֹא יִגַּע", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט דָאס לֶערְנֶען אִיז דָאס נִישְׁט אַזַא שְׁטַארְקֶע עֲמֵלוּת, וַוייל עֶר הָאט הֲנָאָה און עֶר פְרֵייט זִיךְ וְכוּ', "כִּי רַק הַלּוֹמֵד תּוֹרָה מִתּוֹךְ הַדְּחַק וּמִתּוֹךְ טֵרוּף הַדַּעַת אַף שֶׁאֵינֶנּוּ מֵבִין בָּהּ הֵיטֵב", ווִידֶערְאוּם וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אֲפִלּוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַזוֹי גוּט, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה יט.): "אָמַר רָבָא, לְעוֹלָם לִיגְרִיס אִינִישׁ וְאַף עַל גַּב דְּמִשְׁכַּח, וְאַף עַל גַּב דְּלֹא יָדַע מַאי קָאָמַר", אַ מֶענְטְשׁ זָאל לֶערְנֶען אֲפִלּוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, "וְאֵצֶל זֶה הַלּוֹמֵד עַל אוֹפֶן זֶה, אֶצְלוֹ נִקְרָא יְגִיעָה וַעֲבוֹדָה וְעָמָל, כִּי לֹא יַרְגִּישׁ הַתַּעֲנוּג מֵהַתּוֹרָה" - בַּיי אַזַא אֵיינֶעם אִיז דָא עֲמֵלוּת בַּתּוֹרָה, וַוייל עֶר שְׁפִּירְט

נָאכְבִישְׁט דָאס זִיסְקֵייט, עֶר פַארְשְׁטֵייט נָאכְבִישְׁט און עֶר זֶעט נָאכְבִישְׁט דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה, מִיט דֶעם אַלֶעם מוּטְשֶׁעט עֶר זִיךְ; אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַ טַעַם דַארְף עֶר שׁוֹין גָארְנִישְׁט, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם (עַיֵּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יז): "אֵיינְמָאל דִי תּוֹרָה וֶועט דִיר וַוייזְן אִיר פָּנִים, וֶועסְטוּ שׁוֹין גָארְנִישְׁט דַארְפְן".

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

# תשל

### וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר הָאבְּן שְׁלוֹם בַּיִת, אֲפִלּוּ וֶוען דִי פַּרְנָסָה טוֹיג נִישְׁט?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִי פִילֶע חִזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִי דְּרָשׁוֹת, סְפֶּעצִיעֶל פוּן דִי דְּרָשׁוֹת פַאר פְרוֹיעֶן וָואס גֶעבְּט מִיר אַזוֹיפִיל חִזּוּק און הַדְרָכָה אִין לֶעבְּן.

לֶעצְטְנְס גֵייט דִי פַּרְנָסָה זַייעֶר שְׁוֶוער בַּיי אוּנְז, אַסַאךְ מָאל וֵוייסְן מִיר מַמָּשׁ נִישְׁט פוּן וואו עֶס וֶועט קוּמֶען אַ פְּרוּטָה, און דָאס הָאט זַייעֶר שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעקְלַאפְּט אוֹיף אוּנְזֶער שְׁלוֹם בַּיִת. מַיין מַאן שְׁפִּירְט זִיךְ אַזוֹי דֶערְוַוייטֶערְט פוּן מִיר, און עֶס טוֹיג נִישְׁט דֶער מַצָּב. וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַ גוּטֶע שְׁלוֹם בַּיִת בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים, טְרָאץ דִי שְׁוֶועריקֵייטְן אִין פַּרְנָסָה?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיװ.**

**אַייעֶר** אַרְבֶּעט אִיז - אִיר זָאלְט אוֹיפְבּוֹיעֶן אַייעֶר מַאן; גֶעבְּט אִים גוּטֶע װֶערְטֶער אוּן הֵייבְּט אוֹיף זַיין מוּט, אַזוֹי אַרוּם װֶעט עֶר הָאבְּן כֹּחַ װַייטֶער צוּ זוּכְן פַּרְנָסָה, עֶר אִיז דָאךְ נִישְׁט שׁוּלְדִיג אַז עֶס גֵייט אִים שְׁװֶער מִיט פַּרְנָסָה.

**עֶס** אִיז דִי פְּרוֹי'ס פְּלִיכְט אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דֶעם מַאן. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, א): "חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ, וְאִוֶּלֶת בְּיָדֶיהָ תֶהֶרְסֶנּוּ", אַ קְלוּגֶע פְּרוֹי בּוֹיט אוֹיף אִיר שְׁטוּבּ אוּן אַ נַארִישֶׁע פְּרוֹי צֶעבְּרֶעכְט עֶס מִיט אִירֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט; פְּרוֹיעֶן הָאבְּן זֵייעֶר גְרוֹיסֶע כֹּחוֹת אִין זִיךְ, זֵיי קֶענֶען דָאס נוּצְן אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן זֵייעֶר שְׁטוּבּ אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט - אַלֵיין חָרוּב מַאכְן זֵייעֶר שְׁטוּבּ, אַ שָׁאד אַז פְּרוֹיעֶן װֵייסְן נִישְׁט פוּן זֵייעֶרֶע כֹּחוֹת.

**אַ** קְלוּגֶע פְּרוֹי הֵייבְּט אוֹיף אִיר מַאן'ס מוּט אוּן זִי גֶעבְּט אִים גוּטֶע װֶערְטֶער; בִּפְרַט אִין דִי צַייטְן װֶען דֶער מַאן מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה, עֶר אַרְבֶּעט שְׁװֶער אַהֵיים צוּ בְּרֶענְגֶען גֶעלְט וְכוּ' - װַארְט זִי אִים אָפּ מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אַזוֹי װִי דִי עֶרְלִיכֶע פְּרוֹיעֶן הָאבְּן גֶעטוּן אִין מִצְרַיִם. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי תְּהִלִּים, סִימָן תשצה) דִי אִידְן אִין מִצְרַיִם הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁװֶער אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט

גֶעהַאט קַיין כֹּחַ פַאר גָארְנִישְׁט, זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוָואלְט אַהֵיימְקוּמֶען און עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, זֵייעֶר קָאפּ אִיז גֶעוֶוען אוּיסְגֶעבְּרֶענְט פוּן אַרְבֶּעטְן אַזוֹי שְׁוֶוער, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁמוּצִיג פוּן דִי פֶעלְד אַרְבֶּעט, וָואס הָאבְּן גֶעטוּן דִי פְרוֹיעֶן - דִי נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת? זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס אִין פֶעלְד צוּ זֵייעֶרֶע מֶענֶער, זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען שֶׁעפְּן וַואסֶער פַאר זֵייעֶרֶע מֶענֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ קֶענֶען רֵיינִיגְן פוּן דִי אַרְבֶּעט, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס אַז בְּשָׁעַת זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען שֶׁעפְּן וַואסֶער אִיז אַרֵיינְגֶעשְׁווִימֶען קְלֵיינֶע פִישׁ אִין זֵייעֶר קְרִיגְל און דָאס הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעבְּן פַאר זֵייעֶרֶע מֶענֶער, אַזוֹי אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען כְּלַל יִשְׂרָאֵל, און בִּזְכוּת דִי מְסִירוּת נֶפֶשׁ'דִיגֶע פְרוֹיעֶן זֶענֶען דִי אִידְן אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם; זֶעט מֶען דִי כֹּחַ פוּן אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן וָואס אִין זֵייעֶר זְכוּת אִיז מֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם און אִין זֵייעֶר זְכוּת וֶועט מָשִׁיחַ קוּמֶען.

**אַז** אִיר וֶועט מְחַזֵּק זַיין אַייעֶר מַאן - וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן און עֶס וֶועט זַיין גְרוֹיס שֶׁפַע, ווַייל זַיין גַאנְצֶע פַּרְנָסָה אִיז תָּלוּי אִין אַייךְ, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סט): "כִּי עִקָּר הָעֲשִׁירוּת עַל יְדֵי הָאִשָּׁה", דִי גַאנְצֶע פַּרְנָסָה אִיז בִּזְכוּת דִי פְרוֹי.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תשלא

## זָאל אִיךְ טוּישְׁן מַיין לְבוּשׁ פוּן חַבַּ"ד צוּ בְּרֶסְלֶב?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ חַבַּ"ד'סְקֶער חָסִיד, אוּן פַאר עֶטְלִיכֶע יָאר צוּרִיק בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד. אִין חַבַּ"ד אִיז דֶער מִנְהָג נִישְׁט צוּ לָאזְן לַאנְגֶע פֵּאוֹת עַל פִּי סוֹד, ווִידֶער אִין בְּרֶסְלֶב אִיז דֶער מִנְהָג יָא צוּ לָאזְן וַואקְסְן לַאנְגֶע פֵּאוֹת, זִיכֶער אוֹיךְ מִיט הוֹיכֶע עִנְיָנִים דֶערְבַּיי.

אִיז מַיין שְׁאֵלָה, אַזוֹי ווִי אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין חַבַּ"ד אוּן יֶעצְט בִּין אִיךְ בְּרֶסְלֶב, אוֹיב אִיךְ זָאל לָאזְן וַואקְסְן לַאנְגֶע פֵּאוֹת אַזוֹי ווִי בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים, אָדֶער זָאל אִיךְ בְּלַייבְּן אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעפִירְט אִין חַבַּ"ד?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ו' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דָאס** ווייסְטוּ אַוַדַאי אַז בְּרֶסְלֶב מִיט חַבַּ"ד זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען בְּשָׁלוֹם אוּן מֶען הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקְרִיגְט; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נָאנְט מִיטְן הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. אָנְגֶעהוֹיבְּן

הָאט זיךְ דָאס וָוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל און עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר׳ן צַדִּיק דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז וָוען עֶר וֶועט צוּרִיק אַהֵיים פָאר׳ן וֶועט עֶר גְלַייךְ גֵיין צוּם בַּעַל הַתַּנְיָא מַאכְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן זֵיי, און אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי גֶעטוּן; גְלַייךְ וָוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּרִיק, נָאךְ אֵיידֶער עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען אִיז עֶר גֶעפָארְן צוּם בַּעַל הַתַּנְיָא און עֶר אִיז דָארְט אוֹיפְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן מִיט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה (עַיֵּן פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן רסד; שיח).

אוֹיךְ אִיז דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעקוּמֶען אוֹיף אַ שַׁבָּת צוּם רֶבִּי׳ן (שַׁבָּת פָּרְשַׁת יִתְרוֹ, שְׁנַת תק״ע). וָוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען נָאנְט צוּם שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעפָארְן מִיט אַסַאךְ תַּלְמִידִים אִים מְקַבֵּל פָּנִים זַיין, און דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט וְכוּ׳ (עַיֵּן פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תתצב).

וָוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן דִי מַחְלֹקֶת אוֹיפְן רֶבִּי׳ן הָאט דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא גֶעזָאגְט: ״אִיךְ בִּין נִישְׁט ווִי דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען מְחַזֵּק רֶבִּי נַחְמָן, נָאר אִיךְ מִיט אִים זֶענֶען אֵיינְס, וֶוער עֶס טְשֶׁעפֶּעט רֶבִּי נַחְמָן טְשֶׁעפֶּעט מִיר וְכוּ׳״.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי אַלְטֶע וֶועג וְכוּ׳, מֶען קֶען זַיין בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם. בְּלַייבּ אוֹיפְן וֶועג ווִי דוּ און דַיין מִשְׁפָּחָה גֵייעֶן, דֶער עִקָּר זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי הִתְחַזְּקוּת און דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, בִּפְרַט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת - זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אִין אָנְהוֹיבּ פוּן זַיין הִתְקַרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז דֶער רֶבִּי אַמָאל גֶעגַאנְגֶען מִיט אִים אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר; דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן אוּן אִים זֵייעֶר מְחַיֶּה' אוּן מְחַזֵּק גֶעוֶוען, אַזוֹי שְׁפַּאצִירְנְדִיג הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָן'ס אַקְסְל אוּן אִים גֶעזָאגְט בְּלוֹיז גֶעצֵיילְטֶע וֶוערְטֶער, וָואס דִי פָּאר וֶוערְטֶער הָאבְּן אִים מְחַיֶּה' גֶעוֶוען זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אוּן וַוייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט, אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ גוּטְן פְרֵיינְד"; דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט אַנְטְפְּלֶעקְט דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, אִים אַלֶעם דֶערְצֵיילְן אוּן גָארְנִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**הָאט** רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט: "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף מַיין אַקְסְל אוּן מִיר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: 'אוּן וַוייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט, אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ גוּטְן פְרֵיינְד', הָאבּ אִיךְ גְלַייךְ גֶעשְׁפִּירְט אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַ וֶועג צוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן, וַוייל וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיף מִיר וֶועל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, נָאר גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעם דֶערְצֵיילְן" (פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תכג-תכד).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תשלב

### מֶעג אִיךְ אָפְּזָאגְן אַ שִׁדּוּךְ וַוייל יֶענֶער אִיז נִישְׁט חֲסִידִי'שׁ?[י]

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל פוּן אַ לִיטְוִוישֶׁע מִשְׁפָּחָה, אָבֶּער מַיין הַארְץ הָאט אַלְץ גֶעצוֹיגְן צוּ דִי חֲסִידִי'שֶׁע דֶרֶךְ, אוּן לֶעצְטְנְס אוֹיךְ צוּ דִי בְּרֶסְלֶב'עֶר דֶרֶךְ, אִיךְ שְׁפִּיר אַז דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ סְפֵקוֹת אוֹיבּ עֶס אִיז רִיכְטִיג אַז אַ מֵיידְל זָאל זִיךְ אַלֵיין אוֹיסְקְלוֹיבְּן אַ וֶועג אִין לֶעבְּן, אַנְדֶערְשׁ וִוי אִיר טַאטֶע אוּן מִשְׁפָּחָה.

אוֹיךְ וֶועגְן שִׁדּוּכִים בִּין אִיךְ זֵייעֶר צֶעמִישְׁט. אִיךְ בִּין פִּיר אוּן צְוָואנְצִיג יָאר אַלְט, שׁוֹין כִּמְעַט צְוֵויי יָאר אִין שִׁדּוּכִים, אוּן אִיךְ ווִיל זֵייעֶר אַ חֲסִידִ'ישֶׁער שִׁדּוּךְ, אוּן יֶעצְט אוֹיךְ אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר שִׁדּוּךְ; אֲפִילוּ עֶר זָאל נִישְׁט זַיין אָפִיצִיעֶל בְּרֶסְלֶב - אָבֶּער כָאטְשׁ אִין הַארְץ זָאל עֶר הָאבְּן דֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר דֶרֶךְ, אָבֶּער אִיךְ וֵויים נִישְׁט וִוי אַזוֹי דָאס צוּ זָאגְן פַאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶע קֶשֶׁר מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אִיךְ קֶען זֵיי נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין מַיינֶע גֶעפִילְן, וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר וַוייט אִין זֵייעֶרֶע אוֹיגְן, אוּן אִיךְ וֵויים נִישְׁט אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן הַאלְטְן דֶערְבַּיי. עֶס הָאט זִיךְ שׁוֹין

---

י. אַ הֶמְשֵׁךְ צוּ דֶעם בְּרִיוו, אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תשפג.

גֶערֶעדְט עֶטְלִיכֶע לִיטְווִישֶׁע שִׁדוּכִים, אִיךְ הָאבּ זֵיי פְּרוּבִּירְט צוּ פַארְשְׁטֵיין גֶעבְּן אַז אִיךְ ווִיל עֶפֶּעס מֶער חֲסִידִי'שׁ, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיךְ ווִיל.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ עֶס אִיז רִיכְטִיג אָפְּצוּזָאגְן אַ שִׁדוּךְ אוֹיבּ דֶער בָּחוּר אִיז אַ גוּטֶער בָּחוּר אָבֶּער עֶר אִיז נִישְׁט חֲסִידִי'שׁ? וַוייל אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין זִיךְ צוּ פַארְשְׁטֵיין אִין לֶעבְּן מִיט אַ טְרוּקֶענֶעם לִיטְוַואק.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**זֵייעֶר** אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס וֶוערְן מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן הָאבְּן דֶעם טָעוּת, מֶען מֵיינְט אַז כְּדֵי צוּ וֶוערְן אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד דַארְף מֶען אָפְּלָאזְן דִי וֶועג פוּן דִי עֶלְטֶערְן וְכוּ'; וֶוער הֵייסְט אַייךְ אָפְּלָאזְן זֵייעֶר וֶועג? אִיר דַארְפְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי וֶועג פוּן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, בְּלַייבְּט ווִי אַזוֹי אַייעֶר מִשְׁפָּחָה פִירְט זִיךְ אוּן נֶעמְט דִי עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת פוּן רֶבִּי'ן.

**בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר** חֲסִידוּת אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה מִיט קַיין שׁוּם חֲסִידוּת אוּן אָפְּשְׁטַאם; בְּסַךְ הַכֹּל ווִיל דֶער רֶבִּי אוּנְז בְּרֶענְגֶען צוּ אַזַא מַדְרֵגָה אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה. דֶער רֶבִּי ווִיל אֵיין זַאךְ פוּן אוּנְז, מִיר זָאלְן

רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצֶע צַייט; מֶען זָאל גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, אוֹיף מַאמֶע לָשׁוֹן, מֶען זָאל אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, ווִי דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אַלְץ אַרָאפּ וְכוּ' אוּן אַז ווִיפִיל מָאל מֶען ווִיל זַיין גוּט וְכוּ' גֵייט עֶס נִישְׁט.

**בְּנוֹגֵעַ** אָפְּזָאגְן שִׁדּוּכִים; אִיר זֶענְט שׁוֹין פִיר אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, אוֹיף וָואס וַוארְט אִיר? פַארְוָואס זָאגְט אִיר אָפּ שִׁדּוּכִים? וֶוען עֶס קוּמְט צוּ טוּן אַ שִׁדּוּךְ דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען וָואס חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים זָאגְן (יְבָמוֹת סג.): "נְחוֹת דַרְגָּא וְנָסִיב אִיתְּתָא", גֵיי אַרָאפּ אַ מַדְרֵגָה אוּן הָאבּ חֲתֻנָּה; מֶען דַארְף חֲתֻנָּה הָאבְּן וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן.

**אַז** מֶען טְרָאגְט אַייךְ אָן אַ גוּטֶער בָּחוּר זָאלְט אִיר זִיךְ טְרֶעפְן מִיט אִים אוּן זֶען זַיינֶע מִדּוֹת אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן וָואס שְׁנֶעלֶער חֲתֻנָּה הָאבְּן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תשלג

## אִיךְ ווִיל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, וָואס טוּ אִיךְ אָבֶער אַז מֶען צִיט זֵייעֶר לַאנְג?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן, מִיט אַ שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה אוּן לִיכְטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר מַצְלִיחַ אִין פַּרְנָסָה, אוֹיךְ אִין רוּחָנִיּוּת בִּין אִיךְ אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער אִינְגֶערְמַאן אוּן אִיךְ הָאב אַלֶעמָאל גֶעהַאט אַ גֶעפִיל צוּ זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אַמָאל אִיז עֶס גֶעוֶוען שְׁטֶערְקֶער אוּן אַמָאל שְׁוַואכֶער, אַזוֹי ווִי בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם.

פַאר עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים צוּרִיק הָאב אִיךְ אָבֶער בַּאקוּמֶען אַ קַארְטְל פוּן אֵיינֶעם, אוּן פוּן דֶעם בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ הֶערְן אַייעֶרֶע דְרָשׁוֹת, אוּן אִיךְ מוּז זָאגְן אַז מַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ מִיר מַמָּשׁ אִינְגַאנְצְן גֶעטוּישְׁט, אִיךְ הָאב שׁוֹין גֶעלֶערְנְט דִי בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר סְפָרִים בִּיז יֶעצְט אוֹיךְ, אָבֶער דִי וֶועג ווִי אַזוֹי אִיר לֵייגְט עֶס אַרָאפּ; מִיט אַזַא פְּשְׁטוּת, אַז יֶעדֶער אִיד, נִישְׁט קַיין חִילּוּק אִין וָואס פַאר אַ מַצָּב עֶר גֶעפִינְט זִיךְ - קֶען זִיךְ גֶעבְּן אַ הֵייבּ אוֹיף, אַ שָׁאקְל אָפּ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן צוּרִיק לוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס הָאב אִיךְ יֶעצְט צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל פַארְשְׁטַאנֶען.

אִיךְ הָאב בַּאקוּמֶען פִיל חִזּוּק צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ הָאב גֶענוּמֶען דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד. אִיךְ הָאב שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן פִיר מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים אַז אִיךְ הָאב גֶעטְרָאפְן דִי שִׁעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַזוֹי, אִיךְ וואוֹין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס אִיז דָא מַמָּשׁ גֶעצֵיילְטֶע מִנְיָנִים שַׁחֲרִית יֶעדְן טָאג, אִיךְ פְּרוּבִיר אַלְץ צוּ דַאוֶוענֶען מִיטְן עֶרְשְׁטְן מִנְיָן אִינְדֶערְפְרִי, אוֹיבּ אָבֶער פַארְשְׁפֶּעטִיג אִיךְ דֶעם מִנְיָן - מוּז אִיךְ דַאוֶוענֶען מִיטְן צְוֵייטְן מִנְיָן פוּנֶעם רַב דָאהִי, אוּן דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר

שְׁוֶוער, וַוייל מֶען צִיט אוֹיס דָאס דַאוֶוענֶען מוֹרָא'דִיג לַאנְג אוּן עֶס גֵייט מִיר מַמָּשׁ אוֹיף דִי נֶערְוְון, אַ גֶעוֶועגְלִיכֶע שַׁחֲרִית נֶעמְט אַזוֹי לַאנְג ווִי דִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה'דִיגְן דַאוֶוענֶען אִין אַ נָארְמַאלֶער בֵּית הַמִּדְרָשׁ. אֵיין טָאג הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת נָאכְן אוֹיסְטְרֶעטְן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, וַוארְטְנְדִיג אַז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה זָאל אָנְהוֹיבְּן דִי הוֹיכֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעיָאגְט צוּ לֶערְנֶען נַיין פְּרָקִים אִין דִי צַייט. דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט קַיין עֵסֶק, אוּן דֶערִיבֶּער וֶועל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ דַאוֶוענֶען בִּיְחִידוּת. לְמַעֲשֶׂה ווִיל אִיךְ יָא דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אָבֶּער עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ דַאוֶוענֶען מִיט אַזַא לַאנְגֶער מִנְיָן; וָואס קֶען מֶען טוּן אִין אַזַא צַייט?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מֶען** קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ז:) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים סט, יד): "'וַאֲנִי תְּפִלָּתִי לְךָ ה' עֵת רָצוֹן', אֵימָתַי עֵת רָצוֹן", וֶוען אִיז אַן עֵת רָצוֹן? - "בְּשָׁעָה שֶׁהַצִּבּוּר מִתְפַּלְּלִין", וֶוען דִי צִיבּוּר דַאוֶוענְט.

**נָאךְ** זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (תַּעֲנִית ח.): "אֵין תְּפִלָּתוֹ שֶׁל אָדָם נִשְׁמַעַת אֶלָּא אִם כֵּן מֵשִׂים נַפְשׁוֹ בְּכַפּוֹ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן דִי תְּפִלּוֹת נָאר וֶוען מֶען הָאט אִינְזִין וָואס מֶען דַאוֶוענְט. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ (תְּהִלִּים

עה, לו-לז): "וַיְפַתּוּהוּ בְּפִיהֶם, וּבִלְשׁוֹנָם יְכַזְּבוּ לוֹ, וְלִבָּם לֹא נָכוֹן עִמּוֹ, וְלֹא נֶאֶמְנוּ בִּבְרִיתוֹ", דִי אִידְן הָאבְּן גֶעפָּאפְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זֵייעֶר מוֹיל, זֵיי הָאבְּן נִשְׁט אִינְזִין גֶעהַאט וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ', דָאךְ זָאגְט דֶער פָּסוּק וַוייטֶער, "וְהוּא רַחוּם יְכַפֵּר עָוֹן" וְגוֹ', אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶענוּמֶען זֵייעֶרֶע תְּפִלּוֹת אוּן עֶר הָאט זֵיי מוֹחֵל גֶעוֶוען אוֹיף זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת? עֶנְטְפֶערְט דִי גְּמָרָא: "לֹא קַשְׁיָא, כַּאן בְּיָחִיד כַּאן בְּצִבּוּר", אוֹיב מֶען דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן דֶעמָאלְט נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן יֶעדֶע תְּפִלָּה אֲפִלּוּ מֶען הָאט נִישְׁט אִינְזִין וְכוּ'; זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן דִי תְּפִלָּה אַזוֹי ווִי עֶס זֶעט אוֹיס, אֲפִלּוּ מֶען הָאט נִישְׁט אִינְזִין דָאס דַאוֶוענֶען אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

זַיי נִישְׁט מְזַלְזֵל אִין דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן. אַז מֶען דַאוֶוענְט זֵייעֶר לַאנְג אוּן עֶס בְּלַייבְּט דִיר אִיבֶּער אַסַאךְ צַייט פוּן וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה בִּיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הוֹיבְּט אָן וְכוּ' - קֶענְסְטוּ דֶעמָאלְט עֶנְדִיגְן דַיינֶע שִׁעוּרִים, נֶעם אַ תְּהִלִּים אוּן זָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים. אוֹיךְ בְּשַׁעַת'ן דַאוֶוענֶען קֶענְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; אַז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אִיז מַאֲרִיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ אִיבֶּערְדֶעקְן מִיטְן טַלִּית אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אָבֶּער זָאלְסְט וַוייטֶער דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ מְבַטֵּל זַיין אַלֶע קְלִפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בֵּיצָה ג:): "דָּבָר שֶׁבְּמִנְיָן, אֲפִלּוּ בְּאֶלֶף לֹא בָּטֵל", זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, אַז מֶען דַאוֶוענְט

## מִיט מִנְיָן, אֲפִלּוּ דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן טוֹיזְנְטֶער קְלִפּוֹת וָואס ווילְן אַוֶועק נֶעמֶען אוּן מְבַטֵּל זַיין זַיינֶע תְּפִלּוֹת, אָבֶּער "לֹא בָּטֵל", זַיינֶע תְּפִלּוֹת וֶוערְן נִישְׁט בָּטֵל, וַוייל עֶס אִיז 'בְּמִנְיָן'; עֶר דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן.

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תשלד

### אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט מַיין תְּשׁוּבָה, וֶוען אִיךְ וֵוייס זִיכֶער אַז אִיךְ גֵיי צוּרִיק גֵיין צוּ עֲבֵירוֹת?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז אוּנְז אַלֶעמָאל מְחַזֵּק תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, אוּן ווִי גְרִינְג עֶס אִיז תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, מֶען דַארְף בְּלוֹיז זָאגְן: "בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ". מַיין פְרַאגֶע אִיז אָבֶער, אִיךְ, וָואס אִיךְ בִּין גֶעזִינְקֶען אִין דִי כ' שַׁעֲרֵי טוּמְאָה, אוּן עֶס אִיז מִיר קְלָאר אוּן זִיכֶער אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ זִינְדִיגְן; וֶועט הֶעלְפְן דָאס וָואס אִיךְ זָאג פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ?

אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ קֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, אָבֶער פַארְלַאנְגְט דֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹי סַאךְ פוּן מִיר? אִיךְ שְׁפִּיר דָאךְ אַז אִיךְ בִּין אַזוֹי גֶעזִינְקֶען אַז אִיךְ קֶען זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט שֵׁיידְן פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת. אִיז נָאךְ אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ זָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ ווִיל

זַיין עֶרְלִיךְ אִין דִי צַייט וָואס אִיךְ בִּין נִישְׁט עוֹזֵב אֶת הַחֵטְא? אִיךְ וֵוייס קְלָאר אַז אִיךְ גֵיי צוּרִיק גֵיין צוּ מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים?

אַ דַאנְק

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ שָׁאד אַז דוּ נֶעמְסְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצָה בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, וָואס דֶעמָאלְט וָואלְסְטוּ שׁוֹין לַאנְג אַרוֹיס פוּן דַיין בְּלָאטֶע אוּן גֶעקוּמֶען צוּ דִי קְדֻשָּׁה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִלּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם", אֲפִלּוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָדוֹל כָּל כַּךְ עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִים בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמוֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כַּךְ וְכַךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

**הויב** אָן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת וֶועסְטוּ צוּבִּיסְלִיךְ אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דִי בְּלַאטֶע. מִשְׁנַיוֹת שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלַאטֶע, דָאס וָוארְט מִשְׁנָה אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת (תְּהִלִּים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי", אַז מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט דָאס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער וואו עֶר אִיז רַחְמָנָא לִצְלָן אַרַיינְגֶעפַאלְן.

**אֲפִלּוּ** דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ גְרִינְגֶע זִיסֶע וֶועג ווִי אַזוֹי מִיר קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אַז אֲפִלּוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה. פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן אוּן הויב אָן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת; זָאג אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק. אִין אָנְהויבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז דֶעפְּרֶעסְט הָאט עֶר נִישְׁט דֶעם כֹּחַ פוּן זִיךְ קָאנְצֶענְטְרִירְן אוּן פַארְשְׁטֵיין וְכוּ', וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בַּבְּרִית, עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִינֶעם נֶעץ פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע אוּן אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, דֶער מֶענְטְשׁ פַארְלִירְט אִינְגַאנְצְן זַיין מֹחַ; מִיט דֶעם אַלֶעם זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי הֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵמָה. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי

מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס ווִיל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן - זָאל זָאגְן תְּהִלִּים; יֶעדֶער אִיד ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ אוּן טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּפִירְן זַיין ווִילְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, ווַייל עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וַאֲפִלּוּ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, אֵינוֹ זוֹכֶה לְהַגִּיעַ אֶל הָאוֹת וְהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה הַשַּׁיָּךְ לוֹ", אוּן אֲפִלּוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין יָא אַ הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, ווֵייסְט עֶר נִישְׁט וָואס עֶר זָאל טוּן דָאס צוּ קֶענֶען אוֹיסְפִירְן, "וַאֲפִלּוּ אִם מַגִּיעַ לְשָׁם, יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה סָגוּר, וּמֵחֲמַת כָּל זֶה אֵין הָאָדָם זוֹכֶה לִתְשׁוּבָה", אוּן אֲפִלּוּ אֵיינֶער וָואס הָאט יָא אַ הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן עֶר ווֵייסְט וָואס מֶען דַארְף טוּן צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - דַארְף עֶר נָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן לְמַעֲשֶׂה אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וְכוּ' וְכוּ', דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט יֶעדֶער זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, אֲפִלּוּ מִי שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, הוּא מִתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", פִּירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס; אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר זָאגְט תְּהִלִּים, אֲפִלּוּ עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת - וֶוערְט עֶר אָבֶּער נִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן דוּרְךְ דֶעם, "וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר, נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", אוּן עֶר קֶען אָנְגֵיין מִיט

אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט וְכוּ', בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן און וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תשלה

**וָואס טוּ אִיךְ אַז עֶס וֶועט זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר מַיין וַוייבּ וֶוען אִיךְ פָאר קַיין אוּמַאן?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּם צְוֵוייטְן מָאל און אִיךְ לֶעבּ זֵייעֶר גוּט מִיט מַיין וַוייבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק חֵשֶׁק צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער מַיין וַוייבּ הָאט זֵייעֶר נִישְׁט חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן צוּרִיק אֵיינְזַאם אוֹיף יוֹם טוֹב און זִיךְ צוּרִיק דֶערְמַאנֶען פוּן אִירֶע אַלְטֶע שְׁוֶוערֶע צַייטְן.

זִי זָאגְט מִיר אַז אִיךְ קֶען פָארְן אָבֶּער עֶס גֵייט אִיר זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער, זִי וֶועט פַארְלָאזְן טְרֶערְן זַייעֶנְדִיג טְרָאמַאטִיזִירְט פוּן אִיר פַארְגַאנְגֶענְהֵייט.

וָואס קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר עֵצָה'נֶען צוּ טוּן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פוּן פָארְאוֹיס

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא, ט' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַז** דַיין וַוייבּ לָאזְט דִיר זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן זָאלְסְטוּ אַוַדַאי קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי'ן כְּדֵי צוּ בַּאקוּמֶען דֶעם תִּקּוּן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תו): "שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִלּוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן. אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִלּוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם, אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים. כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת", רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען אִיךְ יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, אֲפִלּוּ מֶענְטְשְׁן וָואס אִיךְ קֶען זֵיי נִישְׁט מְתַקֵּן זַיין אַ גַאנְץ יָאר.

**גְלֵייבּ** מִיר, עֶס אִיז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם שְׁוֶוער; פַאר אַלֶע וָואס פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - אִיז דָאס שְׁוֶוער, סֵיי פַאר דִי מֶענֶער וָואס פָארְן אוּן סֵיי פַאר דִי פְרוֹיעֶן וָואס בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער וְכוּ'. אָבֶער אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכ): "וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, קַיין גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען" - לֵייגְן מִיר אַוֶועק אַלֶע בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן אוּן מִיר פָארְן קַיין אוּמַאן.

**אִיךְ** זָאג שְׁטֶענְדִיג פַּאר אַלֶע וָואס קוּמֶען זִיךְ אָפְּרֶעדְן אוֹיף דִי ווייבּ אַז זִי לָאזְט נִישְׁט קוּמֶען קַיין אוּמַאן, אַז עֶס הָאט גָארְנִישְׁט צוּטוּן מִיט דַיין וַוייבּ, 'אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אוֹיפְפִירְן אַ גַאנְץ יָאר אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דוּ וֶועסְט זַיין אִין שְׁטוּב אַ גַאנְץ יָאר אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן דַיין וַוייבּ זִיךְ פָּארֶען מִיט דִי קִינְדֶער, דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר אַזוֹי וִוי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד רֶעדְט צוּ זַיין וַוייבּ - דֶעמָאלְט וֶועט זִי דִיךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן פָארְן צוּם רֶבִּי'ן, אַדְּרַבָּה, זִי וֶועט דִיךְ מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט פָארְן קַיין אוּמַאן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן אַ גוּט יָאר'.

דִי וֶועלְט זָאגְט: "פַארְוָואס בְּלָאזְט דֶער שׁוֹפָר אַזוֹי גוּט רֹאשׁ הַשָּׁנָה? וַוייל עֶס לִיגְט אַ גַאנְץ יָאר אִין אָרוֹן הַקֹּדֶשׁ" - דָאס זֶעלְבֶּע זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ: - "אַז מֶען וִויל פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוענְדְט זִיךְ עֶס וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר; אַז דַיין וַוייבּ וֶועט זֶען אוֹיף דִיר אַ גַאנְץ יָאר אַז דוּ פִירְסְט זִיךְ אוֹיף וִוי אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד, דוּ לֶערְנְסְט דַיינֶע שִׁעוּרִים כְּסִדְרָן יֶעדְן טָאג אוּן דוּ לֶעבְּסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט זִי דִיךְ נִישְׁט מְעַכֵּב זַיין פוּן פָארְן קַיין אוּמַאן".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תשלו

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה טוּהְן?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס שְׁטֵייט אִין דִי סְפָרִים אַז אוֹיבּ מֶען טוּט תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ ווִיל ווִיסְן ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה טוּהְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר אַלֶעס מוֹחֵל זַיין.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִזּוּק בְּמֶשֶׁךְ דִי גַאנְצֶע יָאר.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**ווֹאוִיל** אִיז דִיר אַז דוּ ווִילְסְט פַארְרֶעכְטְן דַיינֶע מַעֲשִׂים, דוּ ווִילְסְט זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, הֲלָכָה א'): אוֹיבּ מֶען הָאט עוֹבֵר גֶעוועֶן אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי מִצְוֹת פוּן דִי תּוֹרָה, בְּשׁוֹגֵג אָדֶער בְּמֵזִיד, דַארְף מֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (בַּמִּדְבָּר ה, ז): "וְהִתְוַדּוּ אֶת חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ"; ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה? זָאגְט דֶער רַמְבַּ"ם, מֶען זָאל זָאגְן: "אָנָּא הַשֵּׁם

חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ וְעָשִׂיתִי כָּךְ וָכָךְ, וַהֲרֵי נִחַמְתִּי וּבוֹשְׁתִּי בְּמַעֲשַׂי וּלְעוֹלָם אֵינִי חוֹזֵר לְדָבָר זֶה", אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט פַאר דִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דִי אוּן דִי עֲבֵירָה אוּן אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ מִיט מַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אוּן אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר אַז אִיךְ גֵיי עֶס מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן - דָאס אִיז וִדּוּי, "וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה, הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח", אוּן וֶוער עֶס פַארְמֶערְט זִיךְ צוּ מִתְוַדֶּה זַיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער אִיז גֶעלוֹיבְּט.

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין, דוּ וֶועסְט דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיינֶע חֲטָאִים, עֲוֹנוֹת וּפְשָׁעִים אוּן אִים צוּזָאגְן אַז דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט טוּן דִי אַלֶע זַאכְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶעם. תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק אַז אֲפִלּוּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל טוּן אָן אַ שִׁיעוּר עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ קֶערְט עֶר זִיךְ צוּרִיק, עֶר זָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט זִינְדִיגְן" - אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק כב) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "אֲפִלּוּ הִגְדִּיל אָדָם מֵאָה עֲבֵירוֹת זוּ לְמַעְלָה מִזּוּ, וְעָשָׂה תְּשׁוּבָה, הֲרֵינִי עִמּוֹ בְּרַחֲמִים וַאֲקַבֵּל אֶת תְּשׁוּבָתוֹ", אֲפִלּוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט אוּן גֶעטוּן אִיבֶּער הוּנְדֶערְט עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ טוּט עֶר תְּשׁוּבָה - הָאבּ אִיךְ רַחְמָנוּת אוֹיף אִים אוּן אִיךְ נֶעם אָן זַיין תְּשׁוּבָה, "וַאֲפִלּוּ

עוֹמֵד אָדָם וּמְחָרֵף כְּלַפֵּי מַעֲלָה, וְיַחֲזוֹר וְיַעֲשֶׂה תְּשׁוּבָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מוֹחֵל לוֹ עַל כּוּלָם", אוּן אֲפִלּוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וַוייט אַוֶועק גֶעפַאלְן אַז עֶר רֶעדְט קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחְמָנָא לִצְלָן, אוֹיב טוּט עֶר תְּשׁוּבָה - אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוּן הָאט אִים לִיבּ.

**דֶער** יֵצֶר הָרָע וִויל נָאר אֵיין זַאךְ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר זָאל זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעבְּן אוּן אָפְּמַאכְן: 'אִיךְ בִּין שׁוֹין פַארְפַאלְן'.
יֶעדֶעס מָאל עֶר וַוארְפְט אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת וְויל עֶר נָאר דָאס; אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיפְגֶעבְּן. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, אוּן אֲפִלּוּ עֶר פַאלְט אַרָאפּ אוּן עֶר זִינְדִיגְט נֶעבֶּעךְ מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת - טוּט עֶר נָאכְדֶעם תְּשׁוּבָה אוּן קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט פוּן אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת זְכוּתִים. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו:) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה - וֶוערְן זַיינֶע עֲבֵירוֹת - זְכִיּוֹת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תשלז

## איז דָא נָאךְ סְגוּלוֹת אַ חָתָן צוּ וֶוערְן?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן אַכְצְן יָאר, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיבֶּער דִי סְגֻלָּה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ צוּ זָאגְן פֶערְצִיג מָאל גַאנְץ מַסֶכֶת תַּעֲנִית פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶס אִיז מִיר אָבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס צוּ טוּן אָן אוֹיסְלָאזְן אֵיין טָאג, אִיךְ ווִיל אָבֶּער זֵייעֶר שְׁטַארְק אַ חָתָן וֶוערְן, אִיז דָא עֶפֶּעס אַנְדֶערֶע סְגוּלוֹת צוּ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט** (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת חִתּוּן, סִימָן ו): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִוּוּגוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", פַאר וֶועם עֶס גֵייט שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁדּוּךְ - זָאל זָאגְן דִי "קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", פוּן (בַּמִּדְבָּר ז, א): "וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן", בִּיזְן סוֹף, (דִי קְרִיאָה פוּן חֲנוּכָּה). נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִוּוּג בִּזְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעפָּאלְגְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי

זָאגְט, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט דִי קָרְבָּנוֹת הַנְּשִׂיאִים; הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִוּוג, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ פְּלַג גּוּף, אוּן עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין עֶרְלִיךְ וֶוען אִיךְ בִּין אַלֵיין, אִיךְ ווִיל חֲתֻנָּה הָאבְּן וְכוּ' וְכוּ'"[יא].

**אַז** דוּ קֶענְסְט זִיךְ אַרִיבֶּער כַאפְּן קַיין יַבְנְאֵל אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים בַּיים צִיוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי הַבְטָחָה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת ה): "אִיךְ זָאג צוּ אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁדּוּךְ אוּן זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא אוֹיף מַיין קֶבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף פַּאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען, אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁדּוּךְ. אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג".

**מֶען** זֶעט אָפֶּענֶע נִסִּים אוּן יְשׁוּעוֹת בַּיים צִיוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ; בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ קוּמֶען צוּ פָאָרְן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוֹיסְזָאגְן דָארְט תְּהִלִּים צוּ טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁדּוּךְ.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין זִוּוג אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

---

יא. צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו אִיז אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אַ לֶענְגֶערֶע תְּפִלָּה וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בְּרֶענְגְט כְּסֵדֶר אִין דִי בְּרִיוְון, פוּנֶעם סֵפֶר "דַיין שִׁדּוּךְ וֶועט אָנְקוּמֶען".

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג אוּן נִישְׁט דַארְפְן וַוארְטְן מֶער אַזוֹי לַאנְג.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ וֵויים אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אֵייבִּיג גֶעוֶוען אַזוֹי וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ. אִיךְ בֶּעט דִיר אָבֶּער, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם אוּן צוּלִיבּ דֶעם צוּרִיק הַאלְטְן מַיין שִׁידוּךְ. זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט גֶעטוּן, אוּן הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין שְׁנֶעל חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן אוּן רַאטֶעוֶוען אַז אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת אוּן אִיךְ זָאל שׁוֹין זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם? פוּן מַיין זַייט בִּין אִיךְ גְרֵייט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן הַיינְט נַאכְט! וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן מַיין שִׁידוּךְ? אִיךְ וַוארְט אוּן אִיךְ וַוארְט אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז אִיךְ וִויל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דֶערְוַוייל אִיז עֶס נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען.

דִי חֲזַ"ל זָאגְן אוּנְז אַז וֶוען אֵיינֶער הָאט חֲתוּנָה נָאךְ דִי צְוָואנְצִיג יָאר, וֶועט עֶר שׁוֹין זַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן דוּ זָאגְסְט אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ אַז זַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵיין. פַארְוָואס זָאל מִיר קוּמֶען אַזַא הַארְבֶּער עוֹנֶשׁ

אַז אִיךְ זָאל מַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן אַז מַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵיין? וָואס בִּין אִיךְ דֶען שׁוּלְדִיג? פַארְוָואס קוּמְט עֶס מִיר? אִיז מִיר נִישְׁט גֶענוּג דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין אוּן וֵוייטָאג וָואס אִיךְ הָאבּ פוּן דֶעם אַלֵיין אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט?

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד, אוּן אוֹיסְוַוארְטְן מִיט רוּאִיגְקֵייט בִּיז אִיךְ וֶועל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִיר. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דוּ טוּסְט אַלֶעס נָאר צוּם גוּטְן, אוּן יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אוּן מִיט דֶעם זָאל אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט זַיין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן פוּן מַיינֶע שְׁוֶועריקַייטְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר פַארְשְׁטֵיין! נָאר דוּ וֵוייסְט מַיינֶע גֶעפִילְן! וִוי אַזוֹי אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט אוּן דֶערְנִידֶערְט פוּן מִיר אַלֵיין! אַז אַלֶע מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן נָאר אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין! הֶעלְף מִיר אַז דִי בִּזְיוֹנוֹת זָאלְן זַיין פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת אַז מִיט דֶעם זָאל אִיךְ אָפְּקוּמֶען אַלֶע מַיינֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט דַארְפְן לַיידְן אַזוֹיפִיל אוּן אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן בְּקָרוֹב.

אִיךְ וֵוייס אוּן אִיךְ גְלֵייבּ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַז דוּ וֶועסְט מִיר זִיכֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן. סוֹף כָּל סוֹף וֶועל אִיךְ זוֹכֶה

זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. אוּן דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז וֶוען אִיךְ וֶועל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיגְן אִינְדֶערְהֵיים, עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג הֶערְשְׁן בַּיי אוּנְז אַהֲבָה וְאַחְוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת, מִיר זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אוּן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם, אוּן אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן גֶט'ן חַס וְשָׁלוֹם.

הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין אַ וַתְּרָן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג מְוַותֵּר זַיין אוּן נִישְׁט זִיךְ קְרִיגְן נָאר שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְהֶעלְפְן. מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע הוֹיז, עֶס זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין דִי לוּפְט בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים. אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיפְצִיעֶן אוֹיפְן עֶרְלִיכְן אִידִישְׁן וֶועג אוּן זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵיי. מַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין אָפְן פַאר אַנְדֶערֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַרַיינְצוּנֶעמֶען אוֹרְחִים אוּן צוּ טוּן אַסַאךְ צְדָקָה אוּן חֶסֶד.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה, אוּן הֶעלְף מִיר שׁוֹין, אִין זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִיקִים וּבִפְרַט אִין דִי זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבֵּנוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, [אוּן אִין זְכוּת פוּן רַבֵּנוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה], אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

# תשלח

## קֶען איך מיטְנֶעמֶען מַיין וַוייבּ קַיין אומַאן אויף ראֹש הַשָּׁנָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען אַלְס בָּחוּר אִין אומַאן, און אויךְ אַלְס חָתָן. כָאטְשׁ וָואס אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶב'עֶר - פָאר אִיךְ אָבֶער קַיין אומַאן, וַוייל אִיךְ הֶער דִי שִׁעוּרִים פוּן דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א. יֶעצְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין חֲתֻנָּה גֶעהַאט, אִיךְ הַאלְט אִינְמִיטְן שָׁנָה רִאשׁוֹנָה און אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל וַוייטֶער פָארְן קַיין אומַאן אויף ראֹש הַשָּׁנָה.

מַיין וַוייבּ שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט קֶעגְן, אָבֶער זִי ווִיל זֵייעֶר נִישְׁט אִיךְ זָאל אִיר אִיבֶּערְלָאזְן אַלֵיין אויף יוֹם טוֹב. זִי זָאגְט אַז אַדְּרַבָּה, מִיר זָאלְן פָארְן אִינְאֵיינֶעם, זִי ווִיל זִיךְ נִישְׁט טֵיילְן פוּן מִיר. עֶס וֶועט אִיר וֵויי טוּן אוֹיבּ אִיךְ וֶועל פָארְן אַלֵיין און אִיר לָאזְן אַלֵיין ראֹש הַשָּׁנָה.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיז שַׁיָּיךְ אַזַא זַאךְ אַז אַ פְרוֹי זָאל וֵויילְן ראֹש הַשָּׁנָה אִין אומַאן? אֶפְשָׁר קֶענֶען מִיר טְרֶעפְן אַ דִירָה עֶרְגֶעץ וַוייט אַרוֹיס פוּן גֶעגְנְט עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין פְּרָאבְלֶעם פוּן צְנִיעוּת?

אִיךְ בֶּעט דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר קְלָאר שְׁטֶעלְן; זָאל אִיךְ אִיר מִיטְנֶעמֶען אויף ראֹש הַשָּׁנָה, אָדֶער זָאל אִיךְ בְּלַייבְּן אִינְדֶערְהֵיים אויף יוֹם טוֹב?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז שַׁיָּךְ אַז פְּרוּיעֶן זָאלְן זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער עֶס וֶועט אִיר זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער; זִי וֶועט דַארְפְן זַיין אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין שְׁטוּבּ דִי גַאנְצֶע צַייט.

**אַז** דוּ וֶועסְט אִיר גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז דָאס "אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה"; דוּ וֶועסְט אִיר מַסְבִּיר זַיין פַארְוָואס מִיר פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - וֶועט זִי דִיר זִיכֶער לָאזְן פָארְן מִיט אִיר גַאנְצֶע וִוילְן אוּן זִי וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ פָארְסְט קַיין אוּמַאן.

**רֹאשׁ** הַשָּׁנָה אִיז מֶען דַן יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט זַיין מִיט אִים דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר. וֶוען עֶס וַוארְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַ שְׁוֶוערֶע מִשְׁפָּט, נֶעמְט מֶען דֶעם גְרֶעסְטְן אַדְוָואקַאט וָואס אִיז נָאר פַארְהַאן, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ עֶס וַוארְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַ מִשְׁפָּט פוּן טוֹיט שְׁטְרָאף רַחְמָנָא לִצְלָן, נֶעמְט מֶען דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר וָואס אִיז נָאר דָא אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אֲפִילוּ עֶס קָאסְט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט; מֶען וֶועט טוּן אַלֶעס וָואס מֶען קֶען - צוּ בַּאקוּמֶען דֶעם לוֹיעֶר וָואס עֶר קֶען אֶפְשָׁר רַאטֶעוֶוען דֶעם מֶענְטְשׁ. דָאס זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה דֶעם גְרוֹיסְן יוֹם הַדִּין, וָואס: "וְכָל בָּאֵי עוֹלָם יַעַבְרוּן לְפָנֶיךָ כִּבְנֵי מָרוֹן, כְּבַקָּרַת רוֹעֶה עֶדְרוֹ, מַעֲבִיר צֹאנוֹ תַּחַת

שִׁבְטוֹ, כֵּן תַּעֲבִיר וְתִסְפֹּר וְתִמְנֶה וְתִפְקֹד נֶפֶשׁ כָּל חָי, וְתַחְתֹּךְ קִצְבָה לְכָל בְּרִיּוֹתֶיךָ, וְתִכְתֹּב אֶת גְּזַר דִּינָם", מֶען מִשְׁפָּט יֶעדְן אֵיינְצִיגְן מֶענְטְשׁ צִי עֶר וֶועט לֶעבְּן, ווי אַזוֹי זַיין פַּרְנָסָה זָאל זַיין און אַלֶעס וָואס וֶועט זַיין מִיט אִים, דַארְף דָאךְ אַ מֶענְטְשׁ טוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ נֶעמֶען אַ גוּטְן לוֹיעֶר, אֵיינֶער וָואס וֶועט אִים הֶעלְפְן נִצוֹל וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע גְּזֵרוֹת. גֶעב אִיר צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז דֶער רֶבִּי - עֶר אִיז אוּנְזֶער לוֹיעֶר, עֶר אִיז דֶער גְּרֶעסְטֶער לוֹיעֶר וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט.

**דֶערְפַאר** פָארְן מִיר קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִישׁ לֹא יֵעָדֵר", אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט מְעוֹרֵר זַיין מַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?! קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן! "כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ, וּמְקֹרָב אֵלָיו, יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ", און דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מוֹדִיעַ זַיין פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין אִים אַז עֶר הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד, אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים, כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם", און

וָוער עָס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ זַייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, עַיֵּן שָׁם.

**נָאכְאַמָאל**, עָס אִיז שַׁיָיךְ אַז זִי זָאל מִיט קוּמֶען מִיט דִיר, אָבֶער עָס וֶועט אִיר זַיין שְׁוֶוערֶער צוּ זַיין אִין אוּמַאן - וֶוען זִי וֶועט זַיין אַלֵיין כִּמְעַט דִי גַאנְצֶע צַייט; רוֹב טָאג אִיז מֶען בַּיים דַאוֶונֶען, נָאכְדֶעם לוֹיפְט מֶען צוּם צִיּוּן, גְלַייךְ נָאכְדֶעם לוֹיפְט מֶען צוּ תַּשְׁלִיךְ, נָאכְדֶעם אִיז וַוייטֶער דַאוֶונֶען וְכוּ' וְכוּ'. זִי וֶועט נִישְׁט קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטוּב אוּן עָס וֶועט אִיר זַיין זַייעֶר שְׁוֶוער.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תשלט

**וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ וִויל גֶעפֶעלְן פַאר פְרֶעמְדֶע בָּחוּרִים?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידֶל וָואס אִיךְ בַּאקוּם אַ טַעַם אִין לֶעבְּן דוּרְךְ אַייעֶרֶע שִׁעוּרִים, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ אַ יֵצֶר הָרָע זִיךְ אָנְצוּטוּן שֵׁיין, אוֹיף אַ וֶועג צוּ גֶעפֶעלְן פַאר פְרֶעמְדֶע בָּחוּרִים, וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ?

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרָשַׁת כִּי תֵצֵא, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**וְוִיסְן** זָאלְט אִיר אַז עֶס אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע זַאךְ זִיךְ אָנְצוּטוּן אוּן זִיךְ אוּיפְפִירְן אוּיף אַ וֶועג אָנְצוּרֵייצְן בָּחוּרִים זָאלְן קוּקְן אוּיף אַייךְ.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (מַעֲשִׂיּוֹת בְּסוֹף סֵפֶר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ צַדִּיק וָואס הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוּיסְגֶעאַרְבֶּעט, עֶר אִיז אַרוּיף אוּיבְן אִין הִימְל אוּן גֶעזֶען ווִי עֶס שְׁטֵייט אַ טָאפּ מִיט שְׁטִיקֶער פְלֵייש אוּן בֵּיינֶער, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז דָאס?" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס אִיז פוּן אַ פְרוֹי וָואס פְלֶעגְט גֵיין אָנְגֶעטוּן נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג, זִי פְלֶעגְט אָנְרֵייצְן בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט צוּ קוּקְן אוּיף אִיר; דָאס אִיז אִיר שְׁטְרָאף, אַז זִי וֶוערְט יֶעדְן טָאג אוּיפְגֶעקָאכְט אִין בְּרִיעֶדִיגֶע וַואסֶער".

**עֶס** אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה פַאר אַ מֵיידְל זִיךְ אָנְצוּטוּן אוּן זִיךְ פִירְן נִישְׁט בִּצְנִיעוּת כְּדֵי בָּחוּרִים זָאלְן קוּקְן אוּיף אִיר. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה רֶעכֶענֶען אוּיס (שַׁבָּת סב:) אוּיף יֶעדֶע נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיגֶע זַאךְ וָואס דִי שְׁטְרָאף אִיז דֶערוּיף; אוּיבּ מֶען לֵייגְט פֶּערְפְיוּם אִין גַאס פַאר פְרֶעמְדֶע מֶענֶער אוּן בָּחוּרִים - וֶוערְט מֶען נָאכְדֶעם גֶעשְׁטְרָאפְט מִיט אַ טְרִיקֶענֶע הוֹיט אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ; אוּיף זִיךְ שְׁמִירְן

דִי אוֹיגְן אוּן אוֹיבּ מֶען ווינְקְט זִיךְ מִיט דִי אוֹיגְן וְכוּ' - וֶוערְט מֶען קְרֶעצִיג (פִּימְפֶּעלְס), אוּן אוֹיף קְלֵיידֶער וָואס זֶענֶען צִיעֶנְדִיג אוּן שְׁרֵייעֶדִיג בַּאקוּמְט מֶען שְׁפַּאלְטֶענֶעס אוֹיפְן קֶערְפֶּער.

**בֶּעטְס** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט זִיךְ קֶענֶען מִתְגַבֵּר זַיין אוֹיף דֶעם נִסָּיוֹן, אִיר זָאלְט זִיךְ אָנְטוּן אוּן אוֹיפְפִירְן הֵיילִיג אוּן קֵיינֶער זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן דוּרְךְ אַייךְ.

**דֶער** הֵיילִיגֶער אַמוֹרָא רֶבִּי יוֹחָנָן דֶערְצֵיילְט (סוֹטָה כב.) אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעלֶערְנְט יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן אַ מֵיידְל; עֶר הָאט גֶעהֶערְט ווי אַ מֵיידְל בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, בָּרָאתָ גַּן עֵדֶן בָּרָאתָ גֵּיהִנֹּם", דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפְן דֶעם גַן עֶדֶן אוּן דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפְן דֶעם גֵיהִנוֹם, "בָּרָאתָ צַדִיקִים וּבָרָאתָ רְשָׁעִים", דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפְן צַדִיקִים אוּן דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפְן רְשָׁעִים, "יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךְ שֶׁלֹּא יִכָּשְׁלוּ בִּי בְּנֵי אָדָם", אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט זִינְדִיגְן צוּלִיבּ מִיר; רֶבִּי יוֹחָנָן הָאט זִיךְ גֶעלֶערְנְט פוּן אִיר יִרְאַת שָׁמַיִם, נִישְׁט נָאר זִי הָאט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אַז זִי זָאל נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת, נָאר זִי הָאט אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ עֲבֵירוֹת דוּרְךְ אִיר.

**אַז** אִיר וֶועט תְּשׁוּבָה טוּן, אִיר וֶועט אוֹיפְהֶערְן נָאכְלוֹיפְן בָּחוּרִים וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אִיר וֶועט בַּאקוּמֶען אַן עֶרְלִיכֶער חָתָן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תשמ

## איך פַאל כְּסֵדֶר, זָאל איך פָארְן קַיין אוּמַאן?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

איך בִּין אַן עֶלְטֶערֶער בָּחוּר וָואס הָאט נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁדּוּךְ, אִיךְ זָאג יֶעדְן טָאג קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים אוּן אִיךְ בֶּעט אוּן אִיךְ הָאף אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין שִׁדּוּךְ בְּקָרוֹב.

מַיין יֵצֶר הָרָע אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, וְויפִיל מָאל אִיךְ זָאג צוּ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין ווָאוִיל, פַאל אִיךְ וַוייטֶער צוּרִיק אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִיצְלָן, אָבֶּער אִין דִי לֶעצְטֶע צְוֵויי יָאר הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ אָנְצוּכַאפְּן אִינֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד, נָאר מִיט דֶעם קֶען אִיךְ זִיךְ אַבִּיסְל מְחַזֵּק זַיין.

יֶעצְט וֶוען מֶען דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ צוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס חֵשֶׁק צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף אוּמַאן, מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז אוֹיךְ דָארְט וֶועט זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף מִיר דֶער יֵצֶר הָרָע, אוּן אִיךְ וֶועל נָאר זוּכְן וואוּ צוּ טוּן עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן. אוּן אֲפִילוּ אִיךְ וֶועל פָארְן דִי לֶעצְטֶע מִינוּט אוּן צוּרִיק קוּמֶען גְלַייךְ נָאךְ יוֹם טוֹב, וֵויס אִיךְ נִישְׁט צִי דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן, וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק.

ווִיל אִיךְ ווִיסְן צִי אִיךְ זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף גָארְנִישְׁט נָאר פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָדֶער אִיךְ זָאל עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִינְדֶערְהֵיים?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וָואס** אִיז בִּכְלַל דַיין פְרַאגֶע? אַוַדַאי זָאלְסְטוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה! וֶועט דִיר דֶער רֶבִּי מְתַקֵן זַיין אוֹיף אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תו): "שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִלּוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן". רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען אִיךְ יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, אֲפִלּוּ מֶענְטְשְׁן וָואס אִיךְ קֶען זֵיי נִישְׁט מְתַקֵן זַיין אַ גַאנְץ יָאר, "אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִלּוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם, אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים. כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת".

**רֹאשׁ** הַשָּׁנָה אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט וָואס מֶען דַארְף נָאר; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה רֶעכֶענֶען אוֹיס גְרוֹיסֶע נִסִים וָואס הָאט אַלְץ פַּאסִירְט אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה (רֹאשׁ הַשָּׁנָה יא.). רֹאשׁ הַשָּׁנָה זֶענֶען דִי אִמָהוֹת - שָׂרָה אִמֵנוּ, רָחֵל אִמֵנוּ אוּן חַנָּה - נִפְקָד גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער, אִיז דָאס אַ צַייט פַּאר אוּנְז אַלֶע צוּ אוֹיסְ'פּוֹעֶלְ'ן קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער

און צו שֶׁעפְּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער. חַנָה - דִי מַאמֶע פוּן שְׁמוּאֵל הַנָבִיא אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן רֹאשׁ הַשָׁנָה נָאר וַוייל זִי הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוּאֵל-א א, יב): "וְהָיָה כִּי הִרְבְּתָה לְהִתְפַּלֵּל לִפְנֵי ה'", חַנָה הָאט אַסַאךְ גֶעדַאוֶוענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר קִינְדֶער, בִּיז זִי אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דוּרְכְן דַאוֶוענֶען און בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט מֶען גֶעהָאלְפְן.

**רֹאשׁ** הַשָׁנָה אִיז יוֹסֵף הַצַדִיק אַרוֹיס פוּן תְּפִיסָה; אִיז דָאס אַ צַייט וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן זַיין אֵייגֶענֶע תְּפִיסָה, פוּן דִי הֶענְט פוּן דִי קְלִפּוֹת וָואס וַוארְפְן אִים אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי יוֹסֵף הַצַדִיק אִיז אַרוֹיס פוּן זַיין תְּפִיסָה.

**רֹאשׁ** הַשָׁנָה הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט דִי אַרְבֶּעט פַאר דִי אִידְן אִין מִצְרַיִם; דֶערְפַאר קֶען מֶען פוֹעֵל'ן פַּרְנָסָה בְּנָקֵל, מֶען זָאל נִישְׁט דַארְפְן אַרְבֶּעטְן אַזוֹי בִּיטֶער שְׁוֶוער, אַזוֹי וִוי דִי שִׁעְבּוּד מִצְרַיִם הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט רֹאשׁ הַשָׁנָה.

**קוּם** קַיין אוּמַאן, דָארְט בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן וֶועסְטוּ פוֹעֵל'ן דַיין שִׁדוּךְ; דָארְט בַּיים צִיוּן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵמָה און תִּקוּן הַמַעֲשִׂים.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תשמא

## די פַארְאַיָאריגֶע קַבָּלוֹת הָאב איך נִישְׁט אַיינְגֶעהַאלְטְן, וָואס טוּ אִיךְ דָאס יָאר?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל פְּרֶעגְן אִיבֶּער עֶפֶּעס וָואס לָאזְט מִיר מַמָּשׁ נִישְׁט קַיין מְנוּחָה. עֶס דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג און אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ פוּן פַארְאַיָאר פַאר דִי יָמִים נוֹרָאִים, וֶוען אִיךְ הָאב תְּשׁוּבָה גֶעטוּן און אִיךְ הָאב צוּגֶעזָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין וואוּיל און עֶרְלִיךְ, אִיךְ גֵיי שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן דַאוֶונֶען און לֵייגְן תְּפִלִּין יֶעדְן טָאג, און אִיךְ הָאב דָאס טַאקֶע גֶעמֵיינְט מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ, וֶוען עֶס אִיז אָבֶּער גֶעקוּמֶען לְמַעֲשֶׂה, הָאב אִיךְ פְּרוּבִּירְט, אָבֶּער אִיךְ הָאב נִישְׁט אַיינְגֶעהַאלְטְן מַיין צוּזָאג.

דָאס יָאר וֵויים אִיךְ נִישְׁט ווִי אַזוֹי צוּצוּגֵיין צוּ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, אִיךְ וֵויים אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט צוּזָאגְן אַז אִיךְ גֵיי דַאוֶונֶען און לֵייגְן תְּפִלִּין און לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, וַוייל אִיךְ זֶע אַז אִיךְ הַאלְט עֶס סַיי ווִי נִישְׁט אַיין, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט ווִיל אִיךְ אָבֶּער יָא אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וָואס טוּט מֶען דָא?

אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר גֶעבְּן חִזּוּק, וַוייל אִיךְ הָאב שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַזוֹיפִיל מָאל, און אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ וֶוער שׁוֹין מְיוּאָשׁ פוּן אַזוֹיפִיל מָאל דוּרְכְפַאלְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן וְכוּ' אוּן דוּ הָאסְט שׁוֹין נִישְׁט קֵיין כֹּחַ נָאכְאַמָאל אָנְצוּהֵייבְּן וְכוּ'.

**אִיךְ** פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס דוּ בִּיסְט אַזוֹי גֶעפַאלְן בַּיי דִיר; טְרַאכְט אַרַיין, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט בְּגַשְׁמִיּוּת, עֶר גֵייט אִין גַאס אוּן פַאלְט אַרָאפּ, וֶועט עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְהֵייבְּן; אֲפִלּוּ עֶר זָאל שׁוֹין הָאבְּן גֶעפַאלְן אָן אַ שִׁעוּר מָאל - וֶועט עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְהֵייבְּן, דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט זֶען אַ מֶענְטְשׁ לִיגְן אִין גַאס אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְּן מִיטְן אוֹיסְרֵייד: "אִיךְ הֵייבּ זִיךְ מֶער נִישְׁט אוֹיף, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַסַאךְ מָאל פְּרוּבִּירְט אוּן עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט", נָאר ווִיפִיל מָאל אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאר פַאלְן וֶועט עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי. אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אוּן עֶר צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ דִי הֶענְט אָדֶער פִיס וֶועט מֶען אִים נֶעמֶען אִין שְׁפִּיטָאל, אִים לֵייגְן אַ גִיפְּס וְכוּ'; הָאסְטוּ שׁוֹין גֶעהֶערְט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זָאגְן: "אִיךְ בְּלַייבּ מִיטְן צֶעבְּרָאכֶענֶעם בֵּיין, אִיךְ גֵיי דָאס נִישְׁט פַארְרֶעכְטְן, אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל גֶעפַאלְן"? קֵיינְמָאל וֶועסְטוּ נִישְׁט הֶערְן אַזוֹינְס פוּן

אֵיינֶעם; דֶעמָאלְט פַארְוָואס בְּרוּחָנִיוּת זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן לִיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן זָאגְן: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אוּן עֶס גֵייט נִישְׁט"? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט זָאגְן: "כִּי נָפַלְתִּי קָמְתִּי" (מִיכָה ז, ח), אִיךְ בִּין גֶעפַאלְן אוּן אִיךְ הֵייבּ זִיךְ אוֹיף; אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט פַארְאַיָאר יֶעצְט וֶועל אִיךְ נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן, אִיךְ הָאבּ פַארְאַיָאר צוּגֶעזָאגְט אִיךְ גֵיי זַיין גוּט, יֶעצְט גֵיי אִיךְ נָאכְאַמָאל צוּזָאגְן אַז אִיךְ גֵיי זַיין גוּט.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר טַייעֶרֶער לִיבֶּער חָבֵר: טוּ תְּשׁוּבָה פוּנְדָאסְנֵיי; זָאג נָאכְאַמָאל פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ גֵיי זַיין גוּט"; אֲפִלּוּ דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעזָאגְט נֶעכְטְן דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער - זָאלְסְטוּ יֶעדֶעס מָאל פוּנְדָאסְנֵיי תְּשׁוּבָה טוּן.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה; תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו:): "גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה, שֶׁבִּשְׁבִיל יָחִיד שֶׁעָשָׂה תְּשׁוּבָה מוֹחֲלִין לְכָל הָעוֹלָם כּוּלּוֹ", תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה - אִיז מֶען מוֹחֵל פַאר אִים אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; זָאג דִי וֶוערְטֶער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ ווִיל זַיין אַ צַדִּיק; וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין מִיר אוּן עֶר וַוארְפְט מִיךְ אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פוּן דִיר, יֶעדֶע מָאל זָאג אִיךְ דִיר צוּ אַז אִיךְ גֵיי זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ אוּן

נָאכְדֶעם פַאל אִיךְ צוּרִיק צוּ מַיינֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂים; אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי מְיוּאָשׁ פוּן תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט תְּשׁוּבָה צוּ טוּן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט טוּן קַיין נַארִישְׁקֵייטְן, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן נִישְׁט צוּרִיק גֵיין צוּ דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים"; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דִי פָּאר וֶוערְטֶער טוּעֶן מִיטְן מֶענְטְשׁ אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מֶען אִיז מוֹחֵל דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן מֶען אִיז מוֹחֵל פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

**מַאךְ** זִיךְ אַ שִׁעוּר אִין גְּמָרָא; לֶערְן דִי הֵיילִיגֶע גְּמָרָא וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער צוּ גֶעווִינֶען דִי מִלְחָמָה. גְּמָרָא אִיז רָאשֵׁי תֵּבוֹת: גַ'בְרִיאֵל, מִ'יכָאֵל, רְ'פָאֵל, אוּ'רִיאֵל, דִי פִּיר מַלְאָכִים וֶועלְכֶע הִיטְן דֶעם מֶענְטְשׁ; אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען גְּמָרָא וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיטְן פוּן צוּרִיק פַאלְן אִין נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תשמב

## וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ וִויל נִישְׁט פַארְפַּאסְן מַיינֶע בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן?[יב]

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַן עֶרְלִיכֶער חֲסִידִי'שֶׁער בָּחוּר אִין דִי יָארְן פוּן שִׁדוּכִים, מַיינֶע עֶלְטֶערְן ווילְן מִיךְ שׁוֹין זֶען אַ חָתָן, אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶּער אַז אִיךְ בִּין נָאכְנִישְׁט גְרֵייט דֶערְצוּ. אִיךְ מֵיין אַז דִי בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן אִיז אַ מַתָּנָה פוּן בַּאשֶׁעפֶער צוּ קֶענֶען שְׁטֵייגְן אוּן הֲנָאָה הָאבְּן, דָאס חֲתוּנָה הָאבְּן בְּרֶענְגְט מִיט זִיךְ אַסַאךְ נַייעֶ הִתְחַיְּבוּת'עֶר, אוּן עֶס אִיז אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער צוּ שְׁטֵייגְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אוּן אִיךְ וויל נָאךְ הֲנָאָה הָאבְּן פוּן מַיינֶע בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר קְלָאר מַאכְן וָואס אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז אַ בָּחוּר זָאל חֲתֻנָּה הָאבְּן ווי פְּרִיעֶר. וֶוען אַ בָּחוּר אִיז גֶעקוּמֶען**

---

יב. מֶער אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, אִין סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ו', מִכְתָּב תקי.

צום רֶבִּי'ן הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט: "קוּם צוּרִיק מִיט אַ טַלִּית". אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (קִדּוּשִׁין כט:) ווִי רַב חִסְדָּא הָאט אוֹיסְגֶערִימְט פַאר רַב הוּנָא דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רַב הַמְנוּנָא, אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, הָאט רַב הוּנָא גֶעבֶּעטְן פוּן רַב חִסְדָּא: "אִיךְ ווִיל אִים זֶען; ווֶען עֶר קוּמְט צוּ דִיר זָאלְסְטוּ אִים אַהֶער שִׁיקְן". "כִּי אָתָא, חַזְיֵיהּ דְלָא פְּרִיס סוּדָרָא", ווֶען רַב הַמְנוּנָא אִיז גֶעקוּמֶען הָאט רַב הוּנָא גֶעזֶען אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין טַלִּית, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "מַאי טַעְמָא לָא פְּרִיסַת סוּדָרָא", פַארְווָאס גֵייסְטוּ נִישְׁט מִיט קַיין טַלִּית? הָאט אִים רַב הַמְנוּנָא גֶעעֶנְטְפֶערְט: ווַייל אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט חֲתֻנָּה גֶעהַאט, "אַהְדְרִינְהוּ לְאַפֵּיהּ מִינֵיהּ", הָאט רַב הוּנָא אַוֶועק גֶעדְרֵייט זַיין פָּנִים פוּן אִים אוּן אִים גֶעזָאגְט: "חָזִי דְלָא חֲזִית לְהוּ לְאַפֵּי עַד דְנָסְבַת", דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר, ווַייל אִיךְ ווִיל נִישְׁט זֶען דַיין פָּנִים בִּיז דוּ הָאסְט חֲתֻנָּה.

**יֶעצְט** אִיז דִיר גוּט? יֶעצְט קֶען מֶען שְׁטֵייגְן? חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז פַארְקֶערְט, זֵיי זָאגְן (יְבָמוֹת סב:): "כָּל אָדָם שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה שָׁרוּי בְּלֹא שִׂמְחָה, בְּלֹא בְּרָכָה, בְּלֹא טוֹבָה", ווִילַאנְג מֶען הָאט נִישְׁט חֲתֻנָּה - אִיז מֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין בְּרָכָה אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גוּטְס; נָאכְמֶער זָאגְן חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים אוֹיף אַ צְווֵייטֶע פְּלַאץ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פָּרָשָׁה יז, סִימָן ב): "כָּל שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה, שָׁרוּי בְּלֹא טוֹבָה, בְּלֹא עֵזֶר, בְּלֹא שִׂמְחָה, בְּלֹא בְּרָכָה, בְּלֹא כַּפָּרָה, אַף בְּלֹא שָׁלוֹם, אַף בְּלֹא חַיִּים, וְאֵינוֹ אָדָם שָׁלֵם", פַאר מֶען

הָאט חֲתֻנָּה הָאט מֶען נִישְׁט קַיין גוּטְס, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין הֶעלְפֶער, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שִׂמְחָה, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין בְּרָכָה, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין כַּפָּרָה, עֶס פֶעלְט שָׁלוֹם, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין לֶעבְּן און מֶען אִיז נִישְׁט אַ גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ.

**וַוארְף** אַוֶועק דַיינֶע חָכְמוֹת און נֶעם אָן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַן אֵיינִיקְל רֶבִּי מִיכְל'עֶ, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק און גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת, יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן זַיין זֵיידֶע רֶבִּי נָתָן הָאט עֶר גֶענוּמֶען בִּתְמִימוּת. דֶער רֶבִּי מִיכְל'עֶ פְלֶעגְט זָאגְן פַאר בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן פַאר חֲכָמִים וִוי דִיר: "דוּ בִּיסְט נִישְׁט קַיין גוּטֶער", וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס בִּין אִיךְ נִישְׁט גוּט?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (בְּרֵאשִׁית ב, יח) 'לֹא טוֹב הֱיוֹת הָאָדָם לְבַדּוֹ', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זַיין אַלֵיין, אָן אַ ווַייבּ"; דָאס וֵוייסְטוּ אַז פַארְקֶערְט פוּן גוּט אִיז 'רַע' - שְׁלֶעכְט, וָואס דָאס קוּמְט רַחְמָנָא לִצְלָן פוּן דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט בַּיי עֵר וְאוֹנָן (בְּרֵאשִׁית לח, ז): "וַיְהִי עֵר בְּכוֹר יְהוּדָה רַע בְּעֵינֵי ה'".

זַיי נִישְׁט קַיין אוֹיבֶּער חָכָם און הַאלְט זִיךְ נִישְׁט קְלוּגֶער פוּן דִי תּוֹרָה; זָאג דַיינֶע עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן נִישְׁט אָפְּזָאגְן קַיין שׁוּם שִׁדּוּךְ און זָאלְסְט וִוי שְׁנֶעלֶער חֲתֻנָּה הָאבְּן, עֶס אִיז נִישְׁט וֶוערְד צוּ זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט אָן אַ ווַייבּ, ווַייל מֶען קֶען אַרָאפְּפַאלְן אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת. רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי

הֲלָכוֹת יוֹם הַכִּפּוּרִים הֲלָכָה א, אוֹת א): "מִי שֶׁאֵינוֹ נָשׂוּי, הוּא פָּגוּם בִּבְרִית"; פַּארְקֶערְט ווִי דוּ שְׁרַייבְּסְט, אַז מֶען קֶען הֲנָאָה הָאבְּן ווִי לַאנְג מֶען הָאט נִישְׁט חֲתֻנָּה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז, מִיר זָאלְן שׁוֹין אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָּלוּת, דֶער גָּלוּת וָואס כַּאפְּט זִיךְ אַרַיין צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ טְרַאכְטְן ווִי דִי אֻמּוֹת הָעוֹלָם וָואס דְרִינְגֶען אַרַיין אִין אוּנְז זֵייעֶרֶע דֵעוֹת אַז מֶען זָאל חֲתֻנָּה הָאבְּן ווִי שְׁפֶּעטֶער אוּן נִישְׁט בְּרֶענְגֶען קַיין קִינְדֶער, נָאר מִיר זָאלְן זִיךְ פִּירְן ווִי דִי תּוֹרָה זָאגְט - חֲתֻנָּה הָאבְּן ווִי יוּנְגֶער אוּן בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תשמג

### אֶפְשָׁר גֶעבְּט אִיר מִיר חִזּוּק צוּ נֶעמֶען נָאר אַ אִידִישֶׁע שִׁדּוּךְ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ אַרְבֶּעט פַאר פַּרְנָסָה אִין וַוייטֶע לֶענְדֶער, אוֹיף פְּלֶעצֶער וואו עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ כִּמְעַט נִישְׁט קַיין אִידְן, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע קֶשֶׁר וָואס אִיךְ הָאבּ מִיט אִידִישְׁקֵייט אִיז נָאר וָואס אִיךְ הֶער דִי שִׁעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

איך בין אַן עֶלְטֶערֶער בָּחוּר, און אַסאַך מָאל גְלוּסְט מִיר פָּשׁוּט צוּ אַוֶועקְוַוארְפְן דָאס גאנְצֶע אִידִישְקֵייט און חֲתֻנָּה הָאבְּן דָא מִיט אַ נִישְט אִידִישֶע רַחֲמָנָא לִצְלָן, ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן חִזּוּק זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' לְסַדֵּר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**איך** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**איך** בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ בַּאשַׁאפְן מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ וֶוערְט אִים בְּרֵייט זַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה. אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (תִּקּוּנֵי זוֹהַר סז.): 'מַחֲשָׁבָה' אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת פוּן 'בְּשִׂמְחָה'; דָאס הֵייסְט וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - קֶען מֶען קָאנְטְרָאלִירְן דֶעם מֹחַ צוּ ווִיסְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ אִיד.

**וֶוען** אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ - הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס אָפּ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס און דָאס אִיז אַ שְׁמִירָה קֶעגְן פְּגַם הַבְּרִית. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קד, לד-לה): "אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה', יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ, וּרְשָׁעִים עוֹד אֵינָם", אַז אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט: 'יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ' - אִיז מֶער נִישְׁטָא קֵיין עֲבֵירוֹת (עַיֵּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן צ; קסט).

**שְׁטַארְק** זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן דִי מַחְשָׁבוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן י): "מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב הַדַּעַת וְאֵינָם מְיַשְּׁבִין עַצְמָן", פַארְוָואס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ און זֶענֶען נִישְׁט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת, מֶען טְרַאכְט נִישְׁט פוּן תַּכְלִית; זָאגְט אָבֶּער דֶער רֶבִּי, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ יִשּׁוּב הַדַּעַת און צוּ אַ קְלָארְן מֹחַ צוּ וִויסְן וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט? "אַךְ דַּע, שֶׁעַל יְדֵי מָרָה שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְעַל כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ. רַק עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ; כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת, בִּבְחִינַת 'כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ', שֶׁעַל יְדֵי שִׂמְחָה נַעֲשִׂין בֶּן חוֹרִין, וְיוֹצְאִין מִן הַגָּלוּת", אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּשִׂמְחָה אִיז עֶר אַ פְרֵייעֶר מֶענְטְשׁ און דֶער מֹחַ אִיז אִים נִישְׁט מְצֻמְצָם, אַזוֹי קוּמְט מֶען צוּ יִשּׁוּב הַדַּעַת און מֶען וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**בֶּעט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁדּוּךְ בְּקָרוֹב און לֶעבְן אַ אִידִישֶׁער לֶעבְן. קְלַאפּ דִיר אַרוֹיס פוּן קָאפּ צוּ חַתֲנָה הָאבְּן מִיט אַ גוֹיָה וָואס דוּרְכְדֶעם רַייסְט מֶען זִיךְ אָפּ פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל. עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא הַארְבֶּע עֲבֵירָה וִוי חַתֲנָה הָאבְּן מִיט אַ נִישְׁט אִידִישֶׁע רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן, וָואס מִיט דֶעם רַייסְט מֶען זִיךְ אָפּ פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין פב.): "הַבָּא עַל הַגּוֹיָה

חַיָב עָלֶיהָ מִשּׁוּם נִדָּה שִׁפְחָה גוֹיָה זוֹנָה, וּכְאִלּוּ הִתְחַתֵּן עִם עֲבוֹדָה זָרָה, וְכוּ'", וָוער עֶס הָאט חֲתֻנָּה מִיט אַ גוֹיָה אִיז אַזוֹי וִוי עֶר הָאט חֲתֻנָּה מִיט עֲבוֹדָה זָרָה אַלֵיינְס, אוּן עֶר אִיז עוֹבֵר אוֹיף נָאךְ אַסַאךְ הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת. נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (סוֹטָה ג:): "רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמֵר קְשׁוּרָה בּוֹ כְּכֶלֶב", מֶען בְּלַייבְּט צוּגֶעקְלֶעבְּט מִיט אִיר אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

## תשמד

**אִיךְ בִּין טִיף אִין תְּהוֹם, וִוי אַזוֹי זֶע אִיךְ זִיךְ אַרוֹיס פוּן דָארְט?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

אִיךְ בִּין אַ כּוֹלֵל אִינְגֶערְמַאן, אִיךְ הֵייס אַ חָשׁוּב'עֶר אִינְגֶערְמַאן, אָבֶּער לֵיידֶער פְּלָאג אִיךְ זִיךְ אִין עִנְיָנֵי קְדֻשָּׁה, אִין הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, אִיךְ בִּין טִיף אִין דֶער עֶרְד, אִין תְּהוֹם. אִיךְ בַּאזוּךְ כְּסֵדֶר וֶועבְּסַייטְס, אוּן אִיךְ זֶע מַמָּשׁ נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן?

אִיךְ הֶער אַסַאךְ דִי שִׁעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן יֶעדֶעס וָוארְט שָׁאקְלְט מִיר אוֹיף דִי נְשָׁמָה, 'וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן מַיין בְּלָאטֶע? דֶער תְּהוֹם אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶענוּג פַאר מִיר!'

אוֹיךְ וִויל אִיךְ וִויסְן אוֹיב דִי פְּרָאגְרַאמֶען וָואס אִיז דָא צוּ גֵיין פַאר אַדִיקְשֶׁענְס, קֶענֶען מִיר אֶפְשָׁר הֶעלְפְן?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וִויסְן** זָאלְסְטוּ אַז אַלֶע צָרוֹת וָואס מֶען לַיידְט אִין לֶעבְּן קוּמְט צוּלִיבּ פְּגַם הַבְּרִית; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן, עֶר קוּקְט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְּלָן אוּן עֶר פַאלְט נָאכְדֶעם אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן - בַּאשַׁאפְט עֶר דוּרְכְדֶעם קְלִפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים וָואס פַּיינִיגְן אִים זַיין גַאנְץ לֶעבְּן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִאוּף, סִימָן כו): "עַל יְדֵי הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה בּוֹרֵא קְלִפּוֹת, הַמִּתְלַבְּשִׁים בִּבְנֵי אָדָם מִתְנַגְּדִים וְחוֹלְקִים עָלָיו וְעוֹשִׂין לוֹ יִסּוּרִין", דוּרְךְ דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה - בַּאשַׁאפְט מֶען קְלִפּוֹת, אוּן דִי קְלִפּוֹת גֵייעְן אַרַיין אִין מֶענְטְשְׁן וָואס קְרִיגְן זִיךְ מִיט אִים אוּן טוּעֶן אִים אָפּ שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסּוּרִים.

**הַדָּבָר** הָרִאשׁוֹן זָאלְסְטוּ אַוֶועק וַוארְפְן דַיין טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט אוּן קָאמְפְּיוּטֶער - דִי כֵּלִים אוֹיף וָואס דוּ קוּקְסְט אַלֶע עֲבֵירוֹת, וַוייל אַלֶעס הוֹיבְּט זִיךְ אָן מִיט דִי אוֹיגְן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵּן בְּמִדְבָּר רַבָּה י, ב): "עַיִן רוֹאֶה וְלֵב חוֹמֵד" - אַז מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן דֶעמָאלְט גְלוּסְט דִי הַאַרְץ וְכוּ', בִּיז מֶען פַאלְט אַרַיין אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְּלָן; אַזוֹי אוֹיךְ פַארְלִירְט מֶען דִי וַוייבּ, וַוייל מֶען גֵייט אַרוּם

מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, מֶען מֵיינְט אַז אַ צְוֵוייטֶער הָאט אַ בֶּעסֶערֶע לֶעבְּן; פוּן אַזוֹיפִיל קוּקְן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן וֶוערְט מֶען אַזוֹי פַארְשְׁוַוארְצְט בִּיז מֶען פַארְלִירְט דִי גֶעפִיל אִין שְׁטוּבּ צוּ דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. דָאס אַלֶעס הוֹיבְּט זִיךְ אָן וֶוען מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן.

**שֵׁנִית**, זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן; גֵיי אִין אַ ווִינְקְל אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דוּ טוּסְט, דֶערְצֵייל אִים ווִי דוּ בְּלָאפְּסְט, דוּ הָאסְט אַ פָּנִים ווִי אַ שֵׁיינֶער אִיד וֶוען בֶּאֱמֶת בִּיסְטוּ אִין תְּהוֹם, שְׁרֵיי צוּ אִים:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ לִיג אִין אַ גֶעמֵיינֶע בְּלָאטֶע, אִיךְ קוּק עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירוֹת; אִיךְ קוּק ... מָאוִּוים אוּן אִיךְ פַאל אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס זָאל אִיךְ טוּן?! אִיךְ הִיט נִישְׁט מַיינֶע אוֹיגְן אוּן אִיךְ קוּק אוֹיף שְׁמוּץ, אִיךְ בִּין אַזוֹי מְשֻׁגָּע, עֶס אִיז מַמָּשׁ מְקֻיָּם גֶעוָוארְן בַּיי מִיר דִי קְלָלָה וָואס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹכָחָה (דְּבָרִים כח, לד): "וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה", אִיךְ בִּין מַמָּשׁ מְשֻׁגָּע פַאר נִאוּף, אִיךְ קוּק אוּן קוּק אוֹיף נָאךְ אוּן נָאךְ עֲבֵירוֹת; רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז עֶס אִיז בַּיי מִיר מְקֻיָּם גֶעוָוארְן וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ג.): "אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת", אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט נִישְׁט נָאר אוֹיבּ עֶס אִיז אִין אִים אַרַיין אַ רוּחַ שְׁטוּת; וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ

בִּין אָנְגֶעפִילְט מִיט רוּחַ שְׁטוּת? אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ בִּין נִישְׁט בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף מִיר, אִיךְ בִּין פַארְשְׁקְלַאפְט פַאר מַיינֶע בְּלָאטֶעס.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ קֶען צוּ קֵיינֶעם נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם, ווַייל מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז אִיךְ בִּין אַ חָשׁוּב'עֶר אִינְגֶערְמַאן, מֶען הַאלְט מִיךְ אַלְס אֵיינֶער פוּן דִי חָשׁוּב'עֶ כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט, אָבֶער דוּ טַאטֶע ווֵייסְט דָאךְ יָא דֶעם אֱמֶת ווֶער אִיךְ בִּין אוּן ווָאס אִיךְ טוּ, הֶעלְף מִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אָנָּא ה'! הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל הָאבְּן שְׁמִירַת עֵינַיִם, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ; אִיךְ זָאל שׁוֹין אֵיינְמָאל פַאר אַלֶעמָאל אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן. אִיךְ ווֵיים נִישְׁט ווָאס צוּ טוּן, דֶער יֵצֶר הָרָע ווַארְפְט מִיר אַרָאפּ כְּסֵדֶר נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל; אָנָּא ה' הוֹשִׁיעָה נָא, אָנָּא ה' הַצְלִיחָה נָא".

**אַז** דוּ ווֶעסְט טוּן דִי צְווֵיי זַאכְן, דוּ ווֶעסְטוּ אַוֶועק ווַארְפְן אַלֶע כֵּלִים אוֹיף ווָאס דוּ קֶענְסְט קוּקְן עֲבֵירוֹת אוּן דוּ ווֶעסְט ווֵיינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי תְּפִלָּה, ווֶעסְטוּ זֶען ווִי צוּבִּיסְלִיךְ ווֶעסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין בְּלָאטֶע, דוּ ווֶעסְט זוֹכֶה זַיין צוּ ווֶערְן אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תשמה

## וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וִויסְן וואוּ עֶס אִיז
## דֶער אֱמֶת'עֶר פְּלַאץ צוּ וואוּ מֶען דַארְף גֵיין?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וויסְן וואוּ עֶס אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער, אֱמֶת'עֶר פְּלַאץ - וואוּ מֶען דַארְף גֵיין? עֶס זֶענֶען דָא אַזוֹיפִיל רַבָּנִים אוּן רֶבִּי'ס, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וִויסְן וואוּ עֶס אִיז דֶער פְּלַאץ וואוּ מֶען דַארְף גֵיין?

אוֹיךְ וִויל אִיךְ וִויסְן, אוֹיב מֶען טְרֶעפְט אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען וֶוערְט מְחֻזָּק צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען מִתְנַגֵּד אוֹיף דֶעם פְּלַאץ, אוֹיב מֶען מֶעג אַהִין גֵיין?

אוֹיךְ וִויל אִיךְ וִויסְן אוֹיב אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ דֶער רֶבִּי פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן, וָואס אִיךְ שְׁפִּיר אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אֱמֶת דָארְט, דַארְף מֶען מִיט שְׁפִּילְן מִיט דִי עֶלְטֶערְן אוּן אַהִינְגֵיין, זֵיי צוּ מַאכְן גוּט שְׁפִּירְן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ט אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

**מוֹהֲרַ"שׁ שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָּאָה** (צַוָּאַת מוֹהֲרַ"שׁ, אוֹת טו) **אַ תְּשׁוּבָה אוֹיף דַיין שְׁאֵלָה, אִיךְ בִּין דִיר מַעְתִּיק אַ שְׁטִיקְל פוּן דִי צַוָּאָה:**

"וְוִי אַזוֹי קֶען מֶען ווִיסְן אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז אַ פַאלְשֶׁער מַנְהִיג?

דֶער סִימָן דֶערְצוּ זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ אַן אֱמֶת'ער צַדִּיק דַאן פַאלְט אוֹיף אִים אַרוֹיף אַ שִׁפְלוּת, עֶר פִּילְט אַז עֶר אִיז דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ נִישְׁט גְרֶעסֶער פוּן אַ צְוֵוייטְן. אוֹיבּ אָבֶּער וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַ מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען בַּאקוּמְט דָארְט אַ גַאֲוָה אוּן מֶען הַאלְט זִיךְ גְרֶעסֶער פוּן אַ צְוֵוייטְן, אַז נָאר עֶר וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט דֶעם אֱמֶת, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען אִיז בַּיי אַ פַאלְשְׁן מַנְהִיג אוּן מֶען דַארְף אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָארְט. פוּן אַן אֱמֶת'ן צַדִּיק בַּאקוּמְט מֶען שִׁפְלוּת.

**נָאךְ** אַ סִימָן אִיז דָא אַז אַן אֱמֶת'ער צַדִּיק אִיז מְעוֹרֵר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אַ פַאלְשֶׁער מַנְהִיג וֶועט רֶעדְן פוּן אַלֶעם אוֹיסֶער פוּן תּוֹרָה. דֶעריבֶּער וֶוען אִיר גֵייט צוּ אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִיר זֶעט אַז דוּרְךְ יֶענֶעם בַּאקוּמְט אִיר אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיז אַ סִימָן אַז אִיר זֶענְט בַּיי אַן אֱמֶתְ'ן צַדִּיק", עַד כַּאן לְשׁוֹנוֹ.

**אוֹיף** דִי צְוֵוייטֶע פְרַאגֶע וְכוּ'; זָאלְסְט ווִיסְן אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ו): "הַיֵּצֶר הָרָע דּוֹמֶה כְּמוֹ מִי שֶׁהוֹלֵךְ וְרָץ בֵּין בְּנֵי אָדָם, וְיָדוֹ סְגוּרָה וְאֵין אָדָם יוֹדֵעַ מַה בְּתוֹכָהּ", דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לוֹיפְט צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן מִיט אַ פַארְמַאכְטֶע הַאנְט, עֶר פָּאפְּט

אוּים אַלֶעמֶען אוּן פְרֶעגְט זַיי: "וָואס הָאבּ אִיךְ אִין מַיין הַאנְט?" פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם דַאכְט זִיךְ אַז עֶר הָאט אִין זַיין הַאנְט דָאס וָואס עֶר ווִיל, דֶערִיבֶּער לוֹיפְן אִים אַלֶע נָאךְ ווַייל מֶען מֵיינְט אַז מֶען וֶועט בַּאקוּמֶען דִי זַאךְ וָואס מֶען ווִיל, "וְאַחַר כָּךְ הוּא פּוֹתֵחַ אֶת יָדוֹ וְאֵין בָּהּ כְּלוּם", אָבֶּער בַּיים עֶנְדֶע עֶפְנְט עֶר זַיין הַאנְט אוּן מֶען זֶעט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא דָארְט, אַזוֹי אוֹיךְ - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אִיז מִיטְן יֵצֶר הָרָע, "כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ הַיֵּצֶר הָרָע, שֶׁהוּא מְרַמֶּה כָּל הָעוֹלָם, וְהַכֹּל רָצִים אַחֲרָיו וּמְרַמֶּה לְכָל אֶחָד וְאֶחָד", עֶר רֶעדְט אַיין אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל אִים נָאכְלוֹיפְן ווַייל אַזוֹי וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען אַלֶע זַיינֶע תַּאֲווֹת, אָבֶּער בַּיים סוֹף וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, עֶפְנְט עֶר זַיין הַאנְט אוּן מֶען דֶערְזֶעט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעפַּאטְשְׁט, נָאכְדֶעם וָואס מֶען אִיז אִים נָאכְגֶעלָאפְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן אוּמְזִיסְט.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דֶער שִׂיחָה פוּן רֶבִּי'ן גֵייט אַרוֹיף בִּכְלָלִיּוּת אוֹיף אַלֶע תַּאֲווֹת אוּן בִּפְרָטִיּוּת אוֹיף דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ לוֹיפְט נָאךְ אַ מַנְהִיג, אַ רֶבִּי וְכוּ'; דֶער רֶבִּי לוֹיפְט אַרוּם מִיט אַ פַאַרְמַאכְטֶע הַאנְט אוּן אַלֶע חֲסִידִים לוֹיפְן אִים נָאךְ, יֶעדֶער מֵיינְט אַז עֶר הָאט עֶפֶּעס, בִּיז עֶס קוּמְט דֶעם לֶעצְטְן טָאג פוּן לֶעבְּן, דֶעמָאלְט עֶפְנְט דֶער מַנְהִיג זַיינֶע הֶענְט אוּן מֶען זֶעט לֵיידִיגֶע הֶענְט הַשֵּׁם יְרַחֵם; וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַ רֶבִּי טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן. דֶער עִקָּר דַארְף מֶען קוּקְן: 'וָואס גֶעבְּט מִיר דֶער רֶבִּי אִין מַיינֶע הֶענְט? מִיט וָואס גֵיי אִיךְ אַהֵיים? אוֹיבּ דֶער רֶבִּי אִיז מִיךְ מְזַכֶּה מִיט

תּוֹרָה, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין מִיר אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזוּכֶּכֶת, אִיךְ הוֹיבּ אָן שְׁפִּירְן ווִי אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער' - דֶעמָאלְט אִיז גוּט, אָבֶּער סְתַּם גֵיין צוּ אַ רֶבִּי וָואס גֶעבְּט דִיר גָארְנִישְׁט, נָאר צוּלִיבּ דֶעם וָואס דַיינֶע עֶלְטֶערְן גֵייעֶן דָארְט - אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג.

מֶען זֶעט בְּגַשְׁמִיּוּת, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט אוּן עֶר זוּכְט אַ דָאקְטֶער וָואס קֶען אִים הֵיילְן, אִיז נִישְׁטָא דָארְט דִי גַאנְצֶע זַאךְ: "אִיךְ גֵיי צוּ דֶעם דָאקְטֶער ווַייל זַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען מַיין טַאטְנְ'ס דָאקְטֶער", נָאר אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט וָואס אִיז גוּט פַאר אִים, וֶוער הֵיילְט אִים? וֶוער נֶעמְט אִים אַרוֹיס פוּן זַיינֶע מַחֲלוֹת? אַזוֹי דַארְף מֶען קוּקְן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ל): "דֶער צַדִּיק אִיז אַזוֹי ווִי אַ דָאקְטֶער", עֶר הֵיילְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ בְּרוּחָנִיּוּת; דַארְף מֶען קוּקְן אוֹיף תַּכְלִית, וֶוער בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תשמו

## זָאל איך אָפְּלָאזְן מַיין אַלְטֶע חֲסִידוּת, און קוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁעוּרִים וָואס הָאבְּן מִיר מַמָּשׁ גֶעטוֹישְׁט דָאס לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, און נָאךְ שִׁעוּרִים, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּאנוּצְן נָאר מִיט אַ כָּשֵׁר'ן טֶעלֶעפָאן.

מַיין פְרַאגֶע אִיז אַזוֹי, אִיךְ בִּין אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה, אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן פְרוּם וֶוען אִיךְ בִּין אַלְט גֶעוֶוען זֶעכְצְן יָאר, אִיךְ בִּין דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אִין קָאלֶעדְזְשׁ און דָארְט בִּין אִיךְ מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ אַ גֶעוִויסֶע חֲסִידוּת. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן מַיין טַייעֶרֶער אֵשֶׁת חַיִל, פוּן יֶענֶע חֲסִידוּת, און מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ גוּט לֶעבְּן.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן פְרוּם הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט פַאר זִיךְ צְוֵויי צִילְן, אֵיינְס צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִים צוּ דִינֶען, און צְוֵוייטְנְס זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּ מַיין שׁוֹרֶשׁ, צוּ מַיינֶע אוּר עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען עֶרְלִיכֶע אִידְן אִין דֶער אַלְטֶער הֵיים.

לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ אָבֶּער אוֹיסְגֶעפוּנֶען אַז מַיין מִשְׁפָּחָה שְׁטַאמְט פוּן דִי גֶעגְנְט פוּן אוּמַאן און טוּלְטְשִׁין, און זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען חֲסִידִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און פוּן רֶבִּי נָתָן, און דָאס הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט אַ שְׁטַארְקֶע בֶּענְקֶענִישׁ צוּ בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידוּת, אִיךְ ווִיל זִיךְ פַארְבִּינְדְן צוּם רֶבִּי'ן און גֵיין אִין זַיינֶע דְרָכִים, אָבֶּער ווִי פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר מַיין וַוייבּ אָנְצוּנֶעמֶען, וָואס זִי קוּמְט פוּן אַ צְוֵוייטֶע חֲסִידוּת.

בִּין אִיךְ גֶערֶעכְט אַז אִיךְ ווִיל אִיבֶּערְלָאזְן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע חֲסִידוּת און גֵיין קַיין בְּרֶסְלֶב? און אוֹיבּ יָא, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ בַּארוּאִיגְן מַיין וַוייבּ אַז דָאס זָאל אִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן?

אויך ווייל אִיךְ וויסְן ווי אַזוֹי אִיךְ קֶען זַיין בְּקֶשֶׁר מִיט אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר מַשְׁפִּיעַ, צוּ וויסְן ווי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַייעֶר הִילְף.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת נִצָּבִים, כ"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וואוֹיל** אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט דַיין אַלְטֶע וֶועג אוּן דוּ הָאסְט זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לד.): "בְּמָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְשׁוּבָה עוֹמְדִים, שָׁם אֵין צַדִּיקִים גְּמוּרִים יְכוֹלִים לַעֲמֹד", אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן; נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (פְּסִיקְתָּא דְרַב כַּהֲנָא, פָּרָשָׁה מד): "גָּדוֹל כּוֹחָהּ שֶׁל תְּשׁוּבָה, שֶׁכֵּיוָן שֶׁאָדָם מְהַרְהֵר בְּלִבּוֹ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, מִיַּד הִיא עוֹלֶה לֹא עַד עֲשָׂרָה יָמִים, וְלֹא עַד עֶשְׂרִים וְלֹא עַד מֵאָה, אֶלָּא עַד מַהֲלַךְ חֲמֵשׁ מֵאוֹת שָׁנִים; וְלֹא עַד רָקִיעַ רִאשׁוֹן וְשֵׁנִי, אֶלָּא שֶׁהִיא עוֹמֶדֶת לִפְנֵי כִּסֵּא הַכָּבוֹד", תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז ווי נָאר אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט פוּן תְּשׁוּבָה - עֶר ווִיל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - קוּמְט עֶר גְלַייךְ אָן צוּם כִּסֵּא הַכָּבוֹד.

דו דאַרְפְסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דַיין אַלְטֶע חֲסִידוּת וְכוּ', ווייל בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידוּת אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה מִיט קַיין שׁוּם חֲסִידוּת אָדֶער אָפְּשְׁטַאם; בְּסַךְ הַכֹּל וויל דֶער רֶבִּי אוּנְז בְּרֶענְגֶען צוּ דִי מַדְרֵגָה אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה. דֶער רֶבִּי וויל אֵיין זַאךְ פוּן אוּנְז, מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען זָאל גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, אוֹיף מַאמֶע לָשׁוֹן, מֶען זָאל אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער בְּרוּחָנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, ווי דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אַלְץ אַרָאפּ וְכוּ' אוּן אַז וויפִיל מָאל מֶען וויל זַיין גוּט וְכוּ' גֵייט עֶס נִישְׁט.

וָוען רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים וְכוּ' וְכוּ', הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "נָתָן, קוּם אַבִּיסֶל שְׁפַּאצִירְן", אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָן'ס אַקְסֶל אוּן אִים גֶעזָאגְט אַפָּאר וֶוערְטֶער וָואס הָאט גֶעטוֹישְׁט רֶבִּי נָתָן'ס גַאנְצֶע לֶעבְּן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט, אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶער פְרֵיינְד"; דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶער עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז

צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן אוּן אִים אַלֶעם דֶערְצֵיילְן, עֶר זָאל גָארְנִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דִי הַנְהָגָה, וֶועט אִים אַלֶעם גֵיין גְרִינְגֶער אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט: "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף מַיין אַקְסְל אוּן מִיר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: 'אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט, אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶער פְרֵיינְד', הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער, וַוייל וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיף מִיר - וֶועל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, נָאר אִיךְ וֶועל גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעם דֶערְצֵיילְן".

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, יֶעדְן טָאג רֶעדְט עֶר זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַאנְקְט אִים אוֹיף אַלֶעם וָואס עֶר הָאט, עֶר בֶּעט אִים אוֹיף אַלֶעם וָואס עֶר דַארְף אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעם וָואס בַּאדֶערְט אִים, אוּן אוֹיבּ מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן גֶעטוּן שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים דֶערְצֵיילְט מֶען עֶס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען בֶּעט אִים עֶר זָאל מוֹחֵל זַיין - אַזַא מֶענְטְשׁ לֶעבְּט שׁוֹין דָא בְּזֶה הָעוֹלָם אִין "גַן עֵדֶן", אַזַא מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים, וַוייל עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אַז קֵיינֶער

קֶען אִים נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אוּן קֵיינֶער קֶען אִים גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן.

**אַז** דוּ ווִילְסְט ווִיסְן וָואס אִיז בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידוּת - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דָאס וֶועט דִיךְ מְחַזֵּק זַיין אוּן נִישְׁט לָאזְן פַּאלְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תשמז

### אֵיינֶער וָואס הָאט מְטַמֵּא גֶעוֶועןְ אַנְדֶערֶע, ווִי אַזוֹי קֶען עֶר תְּשׁוּבָה טוּן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק הֲנָאָה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"אְ'ס שִׁעוּרִים.

לוֹיט ווִי אִיךְ הֶער בַּיי דִי שִׁעוּרִים אוּן אִיךְ לֵיין אִין דִי בְּרִיוו, זֶע אִיךְ אַז אֵיינֶער וָואס אִיז מְטַמֵּא אַנְדֶערֶע אִיז גָאר גֶעפֶערְלִיךְ, ווִייל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ אִיז דָא עֶפֶּעס אַ וֶועג תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוֹיף דֶעם?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וִויסְן** זָאלְסְטוּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַן אָב הָרַחֲמָן, אַ טַאטֶע פִיל מִיט רַחְמָנוּת; עֶר וִויל אוּן וַוארְט אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אִים אוּן תְּשׁוּבָה טוּן. אֲפִלּוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן מִשְׁכַּב זָכָר, וָואס דֶער עוֹנֶשׁ אוֹיף דֶעם אִיז סְקִילָה (סַנְהֶדְרִין נד:), מִיט דֶעם אַלֶעם, אוֹיבּ מֶען טוּט תְּשׁוּבָה - נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן דִי תְּשׁוּבָה.

**דֶער** עִקָּר תְּשׁוּבָה אִיז וִדּוּי דְּבָרִים - זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, אִים בֶּעטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה אַז דֶער זֶעלְבֶּער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס לָאזְט נִישְׁט טוּן דִי עֲבֵירוֹת - דֶער זֶעלְבֶּער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אַז אוֹיבּ מֶען טוּט תְּשׁוּבָה - נֶעמְט עֶר אָן דִי תְּשׁוּבָה.

**אַז** דוּ ווִילְסְט מְתַקֵּן זַיין וָואס דוּ הָאסְט גֶעזִינְדִיגְט - זָאלְסְטוּ עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, אֲפִלּוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער וְכוּ׳ אוּן פִיל מִיט בִּזְיוֹנוֹת וְכוּ׳; וַוייל דֶער אֲרִיזַ״ל זָאגְט (שַׁעַר תִּקּוּנֵי עֲווֹנוֹת פֶּרֶק ה׳, עִנְיָן א) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן מִשְׁכַּב זָכָר רַחְמָנָא לִצְלָן, רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן - דַארְף עֶר

פַאסְטְן כְּמִנְיַן 'רֶגֶל' תַּעֲנִיתִים; צְוֵויי הוּנְדֶערְט דְרֵיי אוּן דְרַייסִיג טֶעג. דָאס אִיז נָאר אוֹיף אֵיין מָאל זִינְדִיגְן, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיב מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט צֶען מָאל, הוּנְדֶערְט מָאל, טוֹיזְנְט מָאל - דַארְף מֶען דָאס דָאפְּלֶען כְּמִנְיָן דִי צָאל עֲבֵירוֹת, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה דַארְף מֶען פַאסְטְן פ"ד תַּעֲנִיתִים - פִיר אוּן אַכְצִיג טֶעג (שַׁעַר תִּקּוּנֵי עֲווֹנוֹת פֶּרֶק ד', עִנְיָן א); וִוי אִיז דָא אַזוֹיפִיל טֶעג אִין לֶעבְּן צוּ קֶענֶען פַאסְטְן אַזוֹיפִיל תַּעֲנִיתִים?! אוֹיף דֶעם קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס וִויל פַארְעֶכְטְן וָואס עֶר הָאט אַלְץ פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, זָאל עוֹסֵק זַיין אִין צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶועט עֶר נִישְׁט דַארְפְן פַאסְטְן אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְעֶכְטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן דַיין תְּשׁוּבָה זָאל אָנְגֶענוּמֶען וֶוערְן.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

# תשמח

## וָואס אִיז ווִיכְטִיגֶער, נֶעמֶען גֶעסְט אָדֶער מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוואַקְסְן אִין אַ שְׁטוּבּ וואוּ עֶס אִיז אַלֶעמָאל גֶעוֶוען גֶעסְט בַּיי דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת, מַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין הַכְנָסַת אוֹרְחִים און אִיךְ פְּרוּבִיר דָאס אוֹיךְ נָאכְצוּמַאכְן בְּעֶזְר ה'. אִיךְ וֵויס אַז דָאס אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶע אִיךְ אַז וֶוען אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעסְט - דֶעמָאלְט זִיץ אִיךְ נָאר מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ הֶער זֵיי אוֹיס, אִיךְ זִינְג מִיט זֵיי און אִיךְ פַארְבְּרֶענְג נָאר מִיט זֵיי, ווִידֶער וֶוען עֶס אִיז דָא גֶעסְט וֶוערְט דִי אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט פַארְקִירֶעוֶועט צוּ דִי גֶעסְט, און דִי קִינְדֶער לוֹיפְן אַרוֹיס שְׁפִּילְן.

ווִיל אִיךְ ווִיסְן וָואס אִיז עֶנְדֶערְשׁ - דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים, אָדֶער זִיךְ מֶער אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער?

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע הֶערְלִיכֶע שִׁעוּרִים און חִזּוּק.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת נִצָּבִים, כ"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן** (שַׁבָּת קכז.)**: "גְּדוֹלָה הַכְנָסַת אוֹרְחִים מִקַּבָּלַת פְּנֵי הַשְּׁכִינָה"; דִי מִצְוָה פוּן נֶעמֶען גֶעסְט**

אִיז גֶרֶעסֶער פוּן קַבָּלַת פְּנֵי הַשְׁכִינָה; וַוייל מִיט דֶעם אִיז מֶען גוֹרֵם אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּ מְקַבֵּל זַיין פְּנֵי הַשְׁכִינָה. וֶוען מֶען נֶעמְט אַ גַאסְט אוּן מֶען רֶעדְט מִיט אִים דִבּוּרֵי הִתְחַזְקוּת וֶועט נָאךְ אַ אִיד זוֹכֶה זַיין צוּ קַבָּלַת פְּנֵי הַשְׁכִינָה.

**הַכְנָסַת** אוֹרְחִים אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה מִיט חִנּוּךְ הַבָּנִים; פַארְקֶערְט, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַכְנָסַת אוֹרְחִים, סִימָן ג): "הַכְנָסַת אוֹרְחִים מְזַכָּה אֶת הָאִשָּׁה לְבָנִים", דוּרְךְ דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קִינְדֶער; וֶוען קִינְדֶער זֶעעֶן וִוי דֶער טַאטֶע נֶעמְט אַריין גֶעסְט אוּן גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט זֵיי, גֵייט אַריין אִין זֵיי אַ וַוארֶעמְקֵייט צוּ טוּן מִצְוֹת אוּן צוּ עוֹסֵק זַיין אִין גְּמִילוּת חֲסָדִים, אַזוֹי אַרוּם, וֶוען זֵיי וֶועלְן גְרוֹיס וֶוערְן, וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ עוֹסֵק זַיין אִין הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן.

**עֶס** דַארְף נִישְׁט גֵיין אוֹיף זֵייעֶר חֶשְׁבּוֹן; נֶעם דַיינֶע קִינְדֶער (דִי קְלֶענֶערֶע) נֶעבְּן דִיר, אוּן דִי גֶעסְט זָאלְסְטוּ זֶעצְן נָאךְ דִי קִינְדֶער. גֵיי אִיבֶּער מִיט דִי קִינְדֶער דִי סֶדְרָה וְכוּ', דֶערְצֵייל זֵיי אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וְכוּ' אוּן זִינְג מִיט זֵיי זְמִירוֹת. דָאס אַז קִינְדֶער לוֹיפְן אַרוּיס שְׁפִּילְן הָאט נִישְׁט צוּטוּן מִיט דִי זַאךְ פוּן גֶעסְט, דָאס אִיז דִי נַאטוּר פוּן קִינְדֶער; זֵיי עֶסְן אָפּ אוּן לוֹיפְן שְׁפִּילְן, דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי עֶלְטֶערְן אִיז צוּ וִויסְן וֶוען זֵיי צוּרִיק צוּ רוּפְן אוּן וִויפִיל זֵיי זָאלְן זִיצְן בַּיים טִישׁ, יֶעדֶער פוּן דִי קִינְדֶער לוֹיט זֵייעֶר עֶלְטֶער.

זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, עֶר הָאט דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואוּ זִי פְלֶעגְט זִיךְ יֶעדְן טָאג אוֹיסְוֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער"; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער אוּן קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לִיכְטִיג מַאכְן דִי וֶועלְט.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תשמט

### ווִי שְׁטַארְק דַארְף מֶען זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן צוּם מַאן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ אוּן מַיין מַאן קוּמֶען בֵּיידֶע פוּן זֵייעֶר פְרוּמֶע שְׁטִיבֶּער, מַיין מַאן לֶערְנְט אִין כּוֹלֵל בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אָבֶּער וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים פַארְלַאנְגְט עֶר פוּן מִיר צוּ גֵיין אָנְגֶעטוֹן אִינְדֶערְהֵיים נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג, עֶר זָאגְט אַז אִינְדֶערְהֵיים מֶעג מֶען.

אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעזֶען בַּיי מַיין מַאמֶע אוּן בַּאבֶּע, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ עֶס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אוּן אוֹיךְ שֶׁעם אִיךְ זִיךְ צוּ גֵיין אַזוֹי אֲפִלּוּ אִינְדֶערְהֵיים, אוֹיבּ וֶועט אֵיינֶע פוּן דִי שְׁכֵנִים בַּאמֶערְקְן, אוּן בִּכְלָל פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט פַארְוָואס עֶר פַארְלַאנְגְט אַזֶעלְכֶע זַאכְן, וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט אִים?

בִּיטֶע הֶעלְפְט מִיר אַרוֹיס, וָואס זָאל אִיךְ אִים זָאגְן?

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**וִויסְן** זָאלְט אִיר אַז דִי הַיינְטִיגֶע דוֹר אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעפַאלְן, דִי פְּרִיצוּת אוֹיפְן גַאס אִיז אוֹיסֶערְגֶעוֶוענְלִיךְ אוּן דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיס; מֶען קֶען זֵייעֶר שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג דוּרְכְפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ. דֶערִיבֶּער דַארְף אַ פְרוֹי זַיין קְלוּג אוּן זִיךְ אַהֶערְשְׁטֶעלְן פַארְן מַאן, זִי דַארְף זֶען צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט פַאר אִיר מַאן אִים אָפְּצוּהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, וַוייל וֶוען דֶער מַאן זֶעט וִוי זַיין וַוייבּ אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט פַאר אִים וְכוּ' - וֶועט דָאס אִים אָפְּהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס.

**ווּאוֹיל** אִיז פַאר דִי פְרוֹיעֶן וָואס גֶעבְּן אַכְטוּנְג שְׁטֶענְדִיג זִיךְ צוּ הַאלְטְן שֵׁיין, רֵיין אוּן צוּזַאמְגֶענוּמֶען, צוּ נוֹשֵׂא חֵן זַיין פַאר זֵייעֶרֶע מֶענֶער, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן זֵיי זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען זֵייעֶר אַסַאךְ שְׂכַר. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה

זָאגְן (בְּרָכוֹת יז.) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט מֶער שְׂכַר פַּאר דִי פְרוֹיעֶן וִוי פַּאר דִי מֶענֶער, וַוייל דִי פְרוֹיעֶן וַוארְטְן אָפּ דִי מֶענֶער וֶוען זֵיי קוּמֶען אַהֵיים אוּן רַאטֶעוֶוען זֵיי פוּן עֲבֵירוֹת.

**אַז** אִיר וֶועט אָפְּוַוארְטְן אַייעֶר מַאן וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים פוּן כּוֹלֵל מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוֹיפְן פָּנִים, אִיר וֶועט זַיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין, רֵיין אוּן צוּזַאמְגֶענוּמֶען - וֶועט עֶר זַיין צוּפְרִידְן; וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז אִיר וֶועט זַיין שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט פַּאר אִים וְכוּ' - וֶועט עֶר מֶער גָארְנִישְׁט פַארְלַאנְגֶען פוּן אַייךְ.

**מֶען** קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי שְׂכַר וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה וֶוען מֶען אִיז גְרֵייט פַארְן מַאן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עִירוּבִין ק:) אַ פְרוֹי וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט פַּאר אִיר מַאן וְכוּ' - וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְן אַזֶעלְכֶע קִינְדֶער צַדִיקִים, וָואס אִיז אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעוֶוען אִין דִי צַייטְן פוּן מֹשֶׁה רַבֵּנוּ; אָפְּגֶערֶעדְט אַז זִי וֶועט הָאבְן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, וַוייל וֶוען אִיר מַאן וֶועט שְׁפִּירְן אַז זִי אִיז גְרֵייט פַּאר אִים - וֶועט עֶר אוֹיךְ זַיין גְרֵייט שְׁטֶענְדִיג פַּאר אִיר, צוּ טוּן אִיר וִוילְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תשנ

## אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר גֶעבְּן מֶער שִׁעוּרִים פַאר פְרוֹיעֶן?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי אוּן לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְהֶערְן דִי שִׁעוּרִים פַאר פְרוֹיעֶן, יֶעדְן טָאג הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אֵיין שִׁעוּר, אִיךְ שְׁפִּיר אַז דֶער טָאג גֵייט מִיר גָאר אַנְדֶערְשׁ נָאכְן הֶערְן דֶעם שִׁעוּר.

נָאכְן עֶנְדִיגְן הֶערְן אַלֶע שִׁעוּרִים פַאר פְרוֹיעֶן, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אִיבֶּערְצוּהֶערְן דִי שִׁעוּרִים צוּם צְוֵוייטְן מָאל, דֶערִיבֶּער וִויל אִיךְ פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיבּ עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ אָנְצוּהוֹיבְּן מַאכְן שִׁעוּרִים פַאר פְרוֹיעֶן מֶער אָפְט.

אִיךְ קֶען נִישְׁט גֶענוּג אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען וִוי דִי שִׁעוּרִים הֶעלְפְן מִיר אִין לֶעבְּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן גֶעבְּן אַייךְ כֹּחַ אוּן לֶעבְּן אָנְצוּגֵיין מִיט דִי אַרְבֶּעט וָואס לִיגְט אוֹיף אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן.

**שְׁטַארְקְט** אַייךְ מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לג): "אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן, וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד, וְעִקַּר הָאֱמוּנָה הִיא בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלָל, רַק בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר כְּמוֹ שֶׁהַנָּשִׁים וְהֶהָמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים מַאֲמִינִים", בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִקָּר אֱמוּנָה, אָן קַיין חֲקִירוֹת אוּן אָן קַיין חָכְמוֹת, נָאר פָּשׁוּט אַזוֹי ווִי פְּרוֹיעֶן אוּן פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן וָואס לֶעבְּן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה, עֶר ווֵייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ פִּירְט זִיךְ נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ יִתְבָּרַךְ כְּלָל", אִיז אִים אַלֶעס פֵּיין אוּן אַלֶעס גוּט.

**וֶוען** אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה - נֶעמְט עֶר אַלֶעס אָן גְּרִינְג, אֲפִלּוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת - נֶעמְט עֶר דָאס אָן לַייכְט, ווַייל עֶר ווֵייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּנְטֶער דִי גַאנְצֶע זַאךְ. אוּן אַז דִי אֱמוּנָה אִיז שְׁטַארְק - הוֹיבְּט מֶען אָן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אַנְשְׁטָאט צוּ טְרַאכְטְן פוּן אַזַא עֵצָה אָדֶער אַזַא עֵצָה - טְרַאכְט מֶען פוּן תְּפִלָּה, מֶען וֶוענְדְט זִיךְ נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**וָואס** אִיר דַארְפְט - זָאלְט אִיר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר מַאמֶע לָשׁוֹן, אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, דֶער

הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט דִי תְּפִלּוֹת פוּן פְרוֹיעֶן. מֶען הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַארְן רֶבִּי'ן אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען מְבַטֵל זַיין אַלֶע וַוייבֶּער שׁוּלְן", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁט אֶמֶת, עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דָאס גֶעזָאגְט, פִּינְקְט פַארְקֶערְט! מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי תְּפִלּוֹת פוּן אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן וָואס זֵיי דַאוֶונֶען אוּן בֶּעטְן אַז מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען".

זַייט מִתְפַּלֵּל פַאר מִיר, אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת, מִיט דִי שִׁעוּרֵי הִתְחַזְקוּת, וְכוּ' וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תשנא

### מֶעג מֶען גֶעבְּן צְדָקָה בַּיינַאכְט?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אוֹיבּ וֶועל אִיךְ פְּרוּבִּירְן אַרָאפּ צוּ שְׁרַייבְּן מַיינֶע טִיפֶע גֶעפִילְן אוּן שְׁבָחִים אוֹיף דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁעוּרִים, פִיל מִיט חָכְמָה, מִדּוֹת טוֹבוֹת אוּן

יִרְאַת שָׁמַיִם - וֶועל אִיךְ אָנְפִילְן גַאנְצֶע בְּלֶעטֶער און נָאכְאַלְץ נִישְׁט עֶנְדִיגְן, וֶועל אִיךְ צוּגֵיין גְלַייךְ צוּ מַיין פְּרַאגֶע.

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל, אִיךְ בִּין אַ לֶערֶערִין פַּאר יוּנְגֶע קִינְדֶער; וֶוען אִיךְ הָאבּ אַן אִיבְּרִיגֶע מִינוּט הֶער אִיךְ אוֹיס דִי שִׁעוּרִים און דָאס גֶעבְּט מִיר דִי חִזּוּק און דִי עֵצוֹת ווִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט דִי קִינְדֶער. דִי עֶלְטֶערְן און דִי הַנְהָלָה זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן מַיין אַרְבֶּעט און צוּגַאנְג צוּ דִי קִינְדֶער, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אַז עֶס קוּמְט נָאר פוּן דִי שִׁעוּרִים; אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין קְלַאס אֵיידֶער אִיךְ הֶער אַבִּיסְל אוֹיס חִנּוּךְ שִׁעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ הֶער אַסַאךְ מָאל אוֹיךְ דִי גְמָרָא שִׁעוּרִים, אִיךְ מִישׁ אוֹיף צוּם סוֹף צוּ הֶערְן וֶועגְן חִנּוּךְ; הָאבּ אִיךְ אֵיין טָאג גֶעהֶערְט אִינְמִיטְן מִישְׁן אַ גְמָרָא שִׁעוּר אַז בַּיינַאכְט זָאל מֶען נִישְׁט גֶעבְּן צְדָקָה ווייל דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט פוּן דִי שֵׁדִים. אִיךְ הָאבּ אַ מִנְהָג, זַייט אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט אַלְס קִינְד צֶעטֵיילְט דִי מַטְבְּעוֹת אוֹיף אַסַאךְ פְּרוּטוֹת צוּ גֶעבְּן אַסַאךְ צְדָקָה (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן יג) - צוּ לֵייגְן יֶעדְן טָאג אַ פְּרוּטָה אִין דִי פּוּשְׁקֶע, אֵיינְמָאל אִינְדֶערְפְרִי מִיט אַ תְּפִלָּה אוֹיפְן טָאג, צוּ מַצְלִיחַ זַיין, און סוֹף טָאג - פַאְרן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה - לֵייג אִיךְ נָאךְ אַ פְּרוּטָה, און אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְן טָאג; זָאל אִיךְ אוֹיפְהֶערְן צוּ גֶעבְּן צְדָקָה בַּיינַאכְט?

אַגַב פִיר אִיךְ זִיךְ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע נַאכְט פַארְן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, און אִיךְ זֶע קְלָאר ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט צוּ מַיינֶע תְּפִלּוֹת און הֶעלְפְט מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ, יֶעצְט טְרַאכְט אִיךְ אָבֶּער אַז אֶפְשַׁר אִיז בַּיינַאכְט נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע צַייט פַאר דֶעם? אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע צַייט וֶוען דָאס צוּ טוּן מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְּן וַוייטֶער אַסַאךְ כֹּחַ פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ גֶעבְּן צְדָקָה בַּיינַאכְט; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה ח, ח) רֶבִּי חֲנִינָא בַּר פָּפָּא פְלֶעגְט טֵיילְן צְדָקָה בַּיינַאכְט, אֵיינְמָאל הָאט אִים דֶער שַׂר פוּן דִי שֵׁדִים גֶעטְרָאפְן אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין דִי תּוֹרָה (דְּבָרִים יט, יד): 'לֹא תַסִּיג גְּבוּל רֵעֲךָ', בַּיינַאכְט אִיז אַ צַייט וָואס בַּאלַאנְגְט פַאר דִי שֵׁדִים, נַאכְט אִיז נִישְׁט אַ צַייט פַאר מֶענְטְשְׁן, פַארְוָואס קוּמְסְטוּ אַרַיין אִין מַיין פְּלַאץ?" הָאט אִים רֶבִּי חֲנִינָא גֶעעְנְטְפֶערְט: "עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כא, יא) 'מַתָּן בַּסֵּתֶר יִכְפֶּה אָף', אַז מֶען גֶעבְּט צְדָקָה נֶעמְט מֶען אַוֶועק שְׁלֶעכְטְס", וֶוען דֶער שֶׁ-ד הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר זִיךְ אַיינְגֶעבּוֹיגְן אוּן אַנְטְלָאפְן. פוּן דָא אִיז דֶער מְקוֹר אַז מֶען גֶעבְּט נִישְׁט צְדָקָה בַּיינַאכְט, מִיט דֶעם אַלֶעם זֶעט מֶען בְּפֵרוּשׁ אִינֶעם פָּסוּק, "מַתָּן בַּסֵּתֶר יִכְפֶּה אָף", אַז וֶוער עֶס גֶעבְּט צְדָקָה שְׁטִילֶערְהֵייט נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן אַלֶע קְלִפּוֹת וָואס ווילְן שְׁלֶעכְטְס טוּן דֶעם מֶענְטְשׁ.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט נָאךְ בְּשֵׁם צַדִּיקִים (עַיֵּן סֵפֶר פְּנֵי זָקֵן עַל יְרוּשַׁלְמִי, שָׁם), אַז אֲפִלּוּ עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי פּוֹסְקִים (עַיֵּן בִּרְכֵּי יוֹסֵף אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רלה) מֶען זָאל נִישְׁט גֶעבְּן צְדָקָה בַּיינַאכְט, דָאךְ אִיז כְּדַאי צוּ בַּאקוּמֶען אַלֶע עוֹנְשִׁים ווִי אֵיידֶער פַארְשֶׁעמֶען אַן אָרֶעמַאן וֶוען עֶר בֶּעט צְדָקָה, מִיטְן אִים זָאגְן:

"בַּיינַאכְט גֶעבְּט מֶען נִישְׁט צְדָקָה"; מִיר דַארְפְן מְקַיֵּם זַיין וָואס רֶבִּי חֲנִינָא הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְן שֵׁ-ד (מִשְׁלֵי כא, יא): "מַתָּן בַּסֵּתֶר יִכְפֶּה אָף", אַז מֶען גֶעבְּט צְדָקָה נֶעמְט מֶען אַוֶועק שְׁלֶעכְטְס, אוּן אַלֶע קְלִפּוֹת וָואס ווילְן שְׁלֶעכְטְס טוּן דֶעם מֶענְטְשׁ - וֶוערְן אוֹיס, בָּטֵל וּמְבוּטָל.

זַייט מַמְשִׁיךְ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיינַאכְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַמְתָּקַת דִּין, סִימָן מג): "מִי שֶׁמְּקַשֵּׁר אֶת עַצְמוֹ בַּלַּיְלָה לְמִדַּת אֱמוּנָה, נִמְתָּק מֵעָלָיו הַדִּין", וֶוער עֶס נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ בַּיינַאכְט דִי אֱמוּנָה, נֶעמְט עֶר אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים; זַייט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד בַּיינַאכְט, שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס פוּן אַייעֶר טָאג - וֶועט אִיר אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תשנב

### ווִי אַזוֹי קֶענֶען דַאוֶונֶען אַשְׁכְּנַזִּים אוּן סְפָרְדִים צוּזַאמֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁעוּרִים, אִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ זֶענֶען זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּה דֶערְמִיט.

איךְ וואוין אין אַ קְלֵיין שְׁטֶעטְל וואו עֶס אִיז דָא אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר שְׁטִיבְּל, און דָארְט דַאוְוענֶען סֵיי אַשְׁכְּנַזִים און סֵיי סְפַרְדִים. מִיר ווילְן מַאכְן אַ מִנְיָן צו דַאוְוענֶען צוזַאמֶען אום יוֹם כִּיפּוּר, מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז בַּיי מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְן אויךְ דַאוְוענֶען אַשְׁכְּנַזִים און סְפַרְדִים צוזַאמֶען, מִיר ווילְן אָבֶער וויסְן פִּינְקְטְלִיךְ ווי אַזוי מֶען הָאט אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט דֶעם נוּסָח, אַז מִיר זָאלְן דָאס אויךְ קֶענֶען טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת נִצָּבִים, כ"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**מוֹהֲרָא"שׁ** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג וֵויינֶען אוֹיף מַחְלֹקֶת, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "דֶער גַאנְצֶער גָּלוּת אִיז - אַז עֶס אִיז דָא פֵּרוּדִים צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דִי אַשְׁכְּנַזִים ווילְן נִישְׁט דִי סְפַרְדִים, און צְווִישְׁן זִיךְ אִיז מֶען אויךְ צֶערִיסְן און צֶעשְׁלָאגְן וְכוּ' וְכוּ', אַזוי אויךְ בַּיי דִי סְפַרְדִים, צְווִישְׁן זִיךְ הָאט מֶען זִיךְ פַיינְט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן". מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: "מִיר זֶענֶען אַלֶע אוֹיף אֵיין שִׁיף, דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם מַאכְן לֶעכֶער אִינֶעם שִׁיף און ווילְן אוּנְז חַס וְשָׁלוֹם דֶערְטְרֶענְקֶען, דַארְפְן מִיר זִיךְ הֶעלְפְן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן".

**מוֹהֲרָא"שׁ** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט בַּאווִיזְן אִין יַבְנְאֵל אַז מֶען זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן אֲפִלּוּ

מֶען שְׁטַאמְט נִישְׁט פוּנֶעם זֶעלְבְּן אָפְּשְׁטַאם. אוֹיךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס קִבּוּץ הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעמַאכְט אַז סַיי אַשְׁכְּנַזִי'שֶׁע אִידְן אוּן סַיי סְפַרְדִי'שֶׁע אִידְן פוּן אַלֶע עֲדוֹת'ן זָאלְן קֶענֶען דַאוֶונֶען אוּנְטֶער אֵיין דַאךְ. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט מִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּעַל תְּפִלָּה אוּן מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל זִינְגֶען דִי סְפַרְדִי'שֶׁע פִּיוּטִים; עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַחֲזֶה הוֹד צוּ זֶען וִוי אַלֶע שְׁבָטִים זִיצְן צוּזַאמֶען, דִי סְפַרְדִי'שֶׁע אִידְן זִיצְן אוּן הֶערְן וִוי מִיר זָאגְן אוּנְזֶערֶע שְׁטִיקְלֶעךְ בַּיים דַאוֶונֶען - 'וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף', 'לְקֵל עוֹרֵךְ דִּין', 'וְכֹל מַאֲמִינִים', וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיי אוּנְז, אוּן מִיר פְלֶעגְן אוֹיסְהֶערְן וִוי דִי סְפַרְדִי'שֶׁע אִידְן זִינְגֶען זֵייעֶרֶע שְׁטִיקְלֶעךְ, וִוי לְמָשָׁל: 'עֵת שַׁעֲרֵי רָצוֹן', 'בַּחֲצוֹצְרוֹת וְקוֹל שׁוֹפָר', וָואס דָאס אִיז בַּיי זֵיי אַזוֹי וִוי בַּיי אוּנְז 'וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ בִּיאַת מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וָואס עֶר וֶועט אוּנְז אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן גָּלוּת, דֶעמָאלְט וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלֹקֶת אוּן פֵּרוּדִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה יא, ו): "וְגָר זְאֵב עִם כֶּבֶשׂ וְנָמֵר עִם גְּדִי יִרְבָּץ", דִי וָואלְף מִיטְן לֶעמֶעלֶע, דִי לֶעמְפֶּערְט מִיטְן צִיגֶעלֶע וֶועלְן זִיצְן צוּזַאמֶען, "וְעֵגֶל וּכְפִיר וּמְרִיא יַחְדָּו, וְנַעַר קָטֹן נֹהֵג בָּם", אַ יוּנְגֶע קַאלְבּ מִיט אַ יוּנְגֶע לֵייבּ וֶועלְן גֵּיין צוּזַאמֶען, "וּפָרָה וָדֹב תִּרְעֶינָה יַחְדָּו יִרְבְּצוּ יַלְדֵיהֶן, וְאַרְיֵה כַּבָּקָר יֹאכַל תֶּבֶן", דֶער קוּ מִיטְן בֶּער וֶועלְן צוּזַאמֶען פַּאשֶׁען, דֶער לֵייבּ וֶועט עֶסְן שְׁטְרוֹי צוּזַאמֶען מִיטְ דִי בְּהֵמוֹת, "וְשִׁעֲשַׁע יוֹנֵק עַל חֻר פָּתֶן, וְעַל מְאוּרַת צִפְעוֹנִי גָּמוּל יָדוֹ הָדָה", קִינְדֶער וֶועלְן

זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט גִיפְטִיגֶע שְׁלֶענְג, "לֹא יָרֵעוּ וְלֹא יַשְׁחִיתוּ בְּכָל הַר קָדְשִׁי", קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט שְׁטֶערְן דֶעם צְוֵוייטְן אוּן נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן פַארְן צְוֵוייטְן, וַוייל עֶס וֶועט זַיין: "כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה', כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים", אַלֶע וֶועלְן וִויסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֶועט לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תשנג

### אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף טְרַאכְטְן פוּן מֵיידְלֶעךְ, ווִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פוּפְצְן יֶערִיגֶער בָּחוּר אוּן אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף צוּ טְרַאכְטְן אַ גַאנְצְן טָאג פוּן מֵיידְלֶעךְ. אִיךְ בִּין מְקַנֵּא מַיינֶע שְׁוֶועסְטֶערְס אַז זֵיי זֶענֶען מֵיידְלֶעךְ וַוייל אַזוֹי קֶענֶען זֵיי אַלֶעמָאל קוּקְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט מֵיידְלֶעךְ, אָבֶּער אִיךְ טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף מֵיידְלֶעךְ. אִיךְ זִיץ אִין יְשִׁיבָה אָבֶּער מַיין קָאפּ אִיז נָאר בַּיי מֵיידְלֶעךְ, פוּן צוּפְרִי בִּיז בַּיינַאכְט טְרַאכְט אִיךְ נָאר פוּן מֵיידְלֶעךְ.

אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אָבֶּער עֶס בְּרֶענְט אִין מִיר אַ פַייעֶר פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, מַיין גַאנְצֶע קָאפּ אִיז נָאר פַארְנוּמֶען מִיט אֵיין קְלֶער: 'אֶפְשָׁר וֶועט מִיר גֶעלוּנְגֶען צוּ רֶעדְן מִיט אַ מֵיידְל'.

אִיךְ וֵויים אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַארְשְׁטֵייט אַ בָּחוּר, דֶערְפַאר שְׁרַייבּ אִיךְ דֶעם בְּרִיוו אוּן אִיךְ הָאףּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט הָאבְּן פַאר מִיר אַן עֵצָה, וַוייל אִיךְ וֶוער מַמָּשׁ פַארְבְּרֶענְט.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף זַיין מַאמֶע לָשׁוֹן. מֶען זָאל גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט דָארְט אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ; דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער, בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, דֶערְצֵיילְן וואוּ דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אַלְץ אַרָאפּ, אוּן אַז וִויפִיל מָאל מֶען מַאכְט שׁוֹין אָפּ אַז מֶען גֵייט זַיין גוּט - פַאלְט מֶען נָאכְאַמָאל צוּרִיק אַרַיין אִין דִי עֲבֵירָה.

**טַייעֶרֶער** בְּרוּדֶער, פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, זוּךְ דִיר אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, אוּן דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִיר, וֵויין צוּ אִים:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר! אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ רֵיינֶע מַחְשָׁבָה אוּן רֵיינֶע אוֹיגְן, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן? אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, דִי תַּאֲוֹת נְאוּף פְּלַאקֶערְט אִין מִיר. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיר! אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶער אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן, מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת אִיז נָאר נְאוּף, אוּן אִיךְ פַאל אַרָאפּ אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, דָאס לֶעבְּן אִיז מִיר נִמְאָס.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, גֶעבּ מִיר כֹּחַ; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אִין דִיר, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַז דוּ הָאסְט מִיךְ לִיבּ. דֶער יֵצֶר הָרָע לָאזְט מִיר נִישְׁט אָפּ, טָאג אוּן נַאכְט טְרַאכְט אִיךְ נָאר פוּן עֲבֵירוֹת, אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אוֹיס דִי צַעַר! פוּן אֵיין זַייט וִויל אִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין עֶרְלִיךְ אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קָאכְט אִין מִיר אַ פֵּייעֶר, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער", אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן אוּן גָארְנִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן אִים, דוּרְכֶדֶעם וֶועסְטוּ סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין פְּלָאנְטֶער אִין וָואס דוּ לִיגְסְט.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁדּוּךְ, וֶועסְטוּ הָאבְּן מְנוּחָה; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל בָּטֵל וֶוערְן דִי גְזֵרָה אַז מֶען מַאכְט נִישְׁט חֲתֻנָּה בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ בִּיז זֵיי וֶוערְן פַארְעֶלְטֶערְט. קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט

דִי צַעַר וָואס בָּחוּרִים גֵייעֶן אַרִיבֶּער, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "קֵיינֶער אוֹיף דִי וֶועלְט פַארְשְׁטֵייט נִשְׁט דִי צַעַר פוּן אַ בָּחוּר"; מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעוֵויינְט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ - זֵיי זָאלְן חַתְנָה הָאבְּן וִוי יוּנְגֶער. אַזוֹי קֶען מֶען רַאטֶעוֶוען אַלֶע בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ פוּן אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, וַוייל ווִילַאנְג מֶען אִיז אַ פְּלַג גּוּף קֶען מֶען נִשְׁט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן.

**נֶעם** דִי עֵצָה וָואס מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט פַאר אַלֶע צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער בָּחוּרִים וָואס פְרֶעגְן אוּן בֶּעטְן אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי זֵיי קֶענֶען אָפְּקִילְן זֵייעֶר פֵייעֶר פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט זֵיי זָאלְן זָאגְן יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וַוייל מִשְׁנַיוֹת רַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס. פָאלְג וָואס צַדִיקִים זָאגְן, נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן הוֹיבּ אָן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, לֶערְן אֵיין פֶּרֶק נָאכְן צְוֵייטְן; אִין אָנְהוֹיבּ וֶועסְטוּ נִשְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט וַוייל פוּן אַזוֹיפִיל מָאל זִינְדִיגְן אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית פַארְלִירְט מֶען דֶעם מֹחַ, אַזוֹי וִוי דֶער זֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (עַיֵּן פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, קי): "סְלִוּקָא דִיסוֹדָא עַד אַבָּא וְאִמָּא", אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית - מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּיְסוֹד, גֵייט דֶער פְּגַם בִּיז מֹחַ; מֶען פַארְלִירְט דֶעם כֹּחַ פוּן זִיךְ קֶענֶען קָאנְצֶעטְרִירְן וְכוּ', אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אַז אֲפִלוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִשְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט - זָאל מֶען וַוייטֶער זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; דוּרְכְדֶעם

**אִיז מֶען זוֹכֶה אַז מֶען הֶערְט אוֹיף צוּ טוּן עֲבֵירוֹת אוּן מֶען רַייסְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי קְלִפּוֹת.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

## תשנד

### אַ מַחְשָׁבָה נָאךְ תְּפִלָּה, אִיז אַ סִימָן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שִׁעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעפָאלְגְט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן אִיךְ בִּין אַדוּרְכְגֶעגַאנְגֶען כִּמְעַט כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ.

אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט הוּנְדֶערְטֶער סִיּוּמִים אוֹיף אַסַאךְ חֶלְקֵי הַתּוֹרָה, בִּפְרַט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, נַ"ךְ, שַׁ"ס, תּוֹסֶפְתָּא, תַּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ, מֶדְרָשׁ רַבָּה, מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, פִּרְקֵי דְרַבִּי אֱלִיעֶזֶר, סִפְרֵי רַבֵּינוּ, תִּקּוּנֵי זוֹהַר, אַ גְרוֹיס חֵלֶק יְרוּשַׁלְמִי אוּן אַ גְרוֹיס חֵלֶק רַמְבַּ"ם אוּן זוֹהַר, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, סִפְרֵי חֲסִידוּת, סִפְרֵי שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת וְעוֹד, אוֹיסֶערְדֶעם בִּין אִיךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ, אוּן אִיךְ זָאג תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג.

אִיךְ קֶען נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר דִי לִמּוּדִים וָואס בַּאגְלֵייטְן מִיךְ כְּסֵדֶר, אֲפִילוּ יֶעצְט וֶוען אִיךְ אַרְבֶּעט יֶעדְן טָאג שְׁוֶוער - פְּרוּבִּיר אִיךְ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי שִׁעוּרִים קְבוּעִים, בִּפְרַט אִין דִי לַאנְגֶע שַׁבָּת נָאכְמִיטָאגְס וָואס נָאכְן שְׁלָאפְן אַ שָׁעָה צְוֵויי כַאפּ אִיךְ זִיךְ צוּ צוּ דִי שִׁעוּרִים וִוי אַ הוּנְגֶערִיגֶער, אוּן אִיךְ לֶערְן שָׁעוֹת בִּיז מֶען דַארְף שׁוֹין לוֹיפְן צוּ מִנְחָה,

עֶס אִיז אַזוֹי זִיס צוּ זִיצְן אוּן לֶערְנֶען שָׁעוֹת נָאכְאַנַאנְד אַלֶע חֶלְקֵי הַתּוֹרָה, אַז מֶען וִויל עֶס מַמָּשׁ נִישְׁט אָפְּלָאזְן, נָאר מֶען מוּז שׁוֹין לוֹיפְן צוּ מִנְחָה...

יֶעצְט צוּ מַיין שְׁאֵלָה, אִיךְ זוּךְ אַ גוּטְן אַרְבֵּייטֶער אִין אָפִּיס, אוּן אֵיין טָאג בִּין אִיךְ גֶעזֶעסְן אִין אָפִּיס אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר צוּשִׁיקְן אֵיינֶעם וָואס אִיז גוּט פַאר מִיר, פְּלוּצְלוּנְג קוּמְט אֵיינֶער אַרַיין אִין אָפִּיס אוּן זָאגְט מִיר אַז עֶר זוּכְט דִי סָארְט אַרְבֶּעט; קֶען אִיךְ עֶס אָנְנֶעמֶען אַלְס אַ מֶעסֶעדְזְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר אִיז אַ גוּטֶער אַרְבֵּייטֶער פַאר מִיר?

אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִין סֵפֶר פְּעוּלַת הַצַּדִּיק (סִימָן תתכו) אַז דֶעם רֶבִּינְ'ס זֵיידֶע, רֶבִּי נַחְמָן הָארָאדֶענְקֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אִין אַ גַאסְט הוֹיז אוּן זִיךְ גֶעוַואשְׁן צוּם עֶסְן אוּן פְּלוּצְלוּנְג אִיז אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין קָאפּ דִי וֶוערְטֶער (מִשְׁלֵי כג, ו): "אַל תִּלְחַם לֶחֶם רַע עָיִן", אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מַאכְן אַ "הַמּוֹצִיא", בִּיז נָאכְדֶעם אִיז אִים אַרַיינְקוּמֶען דִי וֶוערְטֶער (מְלָכִים א יז, ד): "וְאֶת הָעוֹרְבִים צִוִּיתִי לְכַלְכֶּלְךָ", אוּן דַאן הָאט עֶר יָא גֶעגֶעסְן. ווִיל אִיךְ ווִיסְן צִי דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אַז וָואס עֶס קוּמְט אִים אַרַיין אִין דִי מַחְשָׁבָה נָאכְן מִתְפַּלֵּל זַיין - קֶען עֶר אָנְנֶעמֶען אַז אַזוֹי ווִיל מֶען פוּן הִימֶל?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת נִצָּבִים, כ"ה אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וָואס** דוּ דַארְפְסְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַלֶע דַיינֶע סְפֵקוֹת זָאלְסְטוּ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ פְרֶעגְן יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֶעלְפְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶר זָאל ווִיסְן וָואס

צוּ טוּן. אֲפִילוּ מִיר פְּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן וָואס מִיר זֶענֶען נָאךְ זֵייעֶר וַוייט וְכוּ' אוּן מִיר דַארְפְן תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף וָואס מִיר הָאבְּן פּוֹגֵם גֶעוֶוען, אָבֶער אוֹיבּ מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל עֶנְטְפֶערְן אוּן וַוייזְן אַ רֶמֶז וָואס צוּ טוּן וְכוּ' - הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶר וַוייזְט אוּנְז פִּינְקְטְלִיךְ וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶע בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִיּוּת, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל אִים עֶנְטְפֶערְן, פָארְט פְּלוּצְלוּנְג אַדוּרְךְ אַ פֶערְד אוּן וָואגְן אוּן פוּן דִי רַעַשׁ פוּן דִי רֶעדֶער הֶערְט עֶר: "יָא, יָא, יָא", אָדֶער: "פָאר, פָאר, פָאר", אָדֶער: "גֵיי, גֵיי, גֵיי", אַזוֹי וֵוייסְט עֶר וָואס צוּ טוּן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אֲפִילוּ מִיר פְּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן, אוֹיבּ מִיר לֶעבְּן מִיט הִתְבּוֹדְדוּת - קֶענֶען מִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען רְמָזִים פוּן יֶעדֶע זַאךְ אוּן וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

**וַוייל** אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו). וֶוער עֶס לֶערְנְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן רֶבִּי'ן - דֶער דַארְף שׁוֹין נִישְׁט קַיין שׁוּם רַאֲיוֹת אוּן הוֹכָחוֹת אוֹיפְן דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד, וַוייל אַז מֶען קוּקְט זִיךְ אַלֵיינְס אָן זֶעט מֶען וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה וֶוען מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען אִיז זוֹכֶה בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט צוּ שְׁפַּאצִירְן אִין דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה.

**לֶערְן** וַוייטֶער דַיינֶע שִׁעוּרִים כְּסִדְרָן בִּיז דוּ וֶועסְט מְסַיֵּם זַיין כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כח): "רָאוּי לָאָדָם, שֶׁיַּעֲבֹר וְיֵלֵךְ בְּזֶה הָעוֹלָם בְּכָל הַסְּפָרִים

הַקְּדוֹשִׁים, וְלִלְמֹד כֻּלָּם, כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה בְּכָל מָקוֹם", עֶס אִיז גוּט פַאְרן מֶענְטְשׁ אַדוּרְךְ צוּ לֶערְנֶען יֶעדֶע סֵפֶר וָואס אִיז דָא, כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען זָאגְן אַז מֶען אִיז גֶעוֶוען אִין יֶעדְן פְּלַאץ, "כְּמוֹ שֶׁנִּמְצָא הַשָּׂרִים הַגְּדוֹלִים, שֶׁהוֹלְכִים וְעוֹבְרִים בַּמְּדִינוֹת וּמוֹצִיאִים הוֹצָאוֹת רַבּוֹת עַל זֶה כְּדֵי שֶׁיּוּכַל אַחַר כֵּן לְהִתְפָּאֵר וְלוֹמַר שֶׁהָיָה בַּמְּדִינוֹת", אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט בַּיי דִי גְרוֹיסֶע שָׂרִים וָואס פָאְרן אַרוּם דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּן גֶעבְּן אוֹיס אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט, אַלֶעס נָאר כְּדֵי זֵיי זָאלְן זִיךְ קֶענֶען נָאכְדֶעם בַּארִימֶען פַאר אַלֶעמֶען וואוּ זֵיי זֶענֶען אַלֶץ גֶעוֶוען, "כְּמוֹ שֶׁדֶּרֶךְ הַשָּׂרִים לְהִתְפָּאֵר וְלוֹמַר: 'הָיִיתִי בְּוַרְשָׁא' וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה", אַזוֹי וִוי דִי גְרוֹיסֶע שָׂרִים הַאלְטְן זִיךְ גְרוֹיס: "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין וַוארְשָׁא" אוּן נָאךְ, "כְּמוֹ כֵן רָאוּי שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם בָּעוֹלָם הַזֶּה בְּכָל מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים שֶׁל הַתּוֹרָה, כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְהִתְפָּאֵר בָּעוֹלָם הַבָּא שֶׁהָיָה בְּכָל מָקוֹם, דְּהַיְנוּ בְּכָל הַסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים כַּנַּ"ל", דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנֶען אַלֶע סְפָרִים אַז עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען בַּארִימֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט: "אִיךְ הָאבּ אַלֶעס גֶעלֶערְנְט, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִיבֶּערָאל"; "וּלֶעָתִיד, בָּעוֹלָם הַבָּא מַזְכִּירִין אוֹתוֹ כָּל מַה שֶּׁלָּמַד בָּעוֹלָם הַזֶּה", אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט דֶערְמַאנְט מֶען פַארְן מֶענְטְשׁ אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוֹיף דִי וֶועלְט.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

# תשנה

## ווי אַזוֹי גֵייט מֶען וַוייטֶער נָאכְן מְסַיֵּם זַיין שַׁ"ס?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הַאלְט מִיט דִי שִׁעוּרִים פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, סְפֶּעצִיעֶל דִי שִׁעוּרִים בַּיי דִי סִיּוּמִים; דָאס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי חִזּוּק אוּן דִי שְׁטוּפּ צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ גְּמָרָא, אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּם זַיין גַאנְץ שַׁ"ס.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַסַאךְ מָאל אַז נָאכְן מְסַיֵּם זַיין שַׁ"ס זָאל מֶען נֶעמֶען אֵיין מַסֶּכְתָּא אוּן עֶס אִיבֶּערְגֵיין פֶערְצִיג מָאל, אָדֶער הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל; הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט וִויסְן וָואס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן דֶעם, אוּן אוֹיבּ דָאס אִיז אוֹיסֶער אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל שַׁ"ס אוֹיפְן סֵדֶר אָדֶער זָאל מֶען קֹדֶם אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל שַׁ"ס, אוּן אוֹיסֶערְדֶעם זִיךְ מַאכְן אַ שִׁעוּר אִין אֵיין מַסֶּכְתָּא?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ, ג' תִּשְׁרֵי, צוֹם גְּדַלְיָ', שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּם זַיין גַאנְץ שַׁ"ס; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "דֶער וָואס**

לֶערְנְט אוּן אִיז מְסַיֵּם גַאנְץ שַׁ"ס, אִיז מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ אַ צֶלֶם אֱלֹקִים"; אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל, וֶוער עֶס הָאט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים הָאבְּן דִי רוּחוֹת, שֵׁדִים אוּן מַזִּיקִים מוֹרָא פוּן אִים וְכוּ', זֵיי לוֹיפְן אַלֶע אַוֶועק פוּן אִים אוּן הָאבְּן נִישְׁט קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף אִים.

**יֶעצְט** זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אֵיין מַסֶכְתָּא אוּן דָאס אִיבֶּערְגֵיין הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, וַוייל חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים זָאגְן (חֲגִיגָה ט:): "אֵינוֹ דוֹמֶה שׁוֹנֶה פִּרְקוֹ מֵאָה פְּעָמִים לְשׁוֹנֶה פִּרְקוֹ מֵאָה פְּעָמִים וְאַחַת", עֶס אִיז נִישְׁט גְלַייךְ דֶער וָואס לֶערְנְט הוּנְדֶערְט מָאל צוּ דֶער וָואס לֶערְנְט הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, דֶער וָואס לֶערְנְט אִיבֶּער אַ פֶּרֶק הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל אִיז זַיין שְׂכַר אַסַאךְ מֶער פוּן דֶער וָואס הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל; וֶוען מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען חַזֶר'ט אִיבֶּער דָאס לֶערְנֶען הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל פַארְגֶעסְט מֶען נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט (עַיֵּין פֶּתַח עֵינַיִם לְהַחִידָ"א, סַנְהֶדְרִין צט:).

וֶוען דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן אֵיין מַסֶכְתָּא הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, זָאלְסְטוּ נֶעמֶען נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא אוּן דָאס אִיבֶּערְגֵיין הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל.

**צַדִיקִים** הָאבְּן גֶעזָאגְט (עַיֵּין סֵפֶר שַׁעַר יִשָּׂשכָר מַאֲמַר חָדְשֵׁי תַּמּוּז אָב, אוֹת ח) אַז דֶער נָאמֶען פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם אִיז נוֹטְרִיקוֹן: "סִ'יּוּם מַ'סֶכְתָּא אֵ'ין לַ'עֲשׂוֹת", וַוייל דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם לָאזְט דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֶעס טוּן, בִּיזְן עֶנְדִיגְן אַ מַסֶכְתָּא; עֶר הָאט

זֵייעֶר מוֹרָא פוּן אַ סִיּוּם מַסֶּכְתָּא, וֶועֶר רֶעדְט נָאךְ פוּן עֶנְדִיגְן אַ מַסֶּכְתָּא הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, אוֹיף דֶעם פַארְלֵייגְט עֶר זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק. ווייל וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען גְּמָרָא אוּן מַאכְן אַ סִיּוּם פַארְבְּרֶענְט מֶען אַלֶע קְלִפּוֹת וְכוּ', אוּן וֶוער עֶס מַאכְט אַ סִיּוּם - דֶער דַארְף שׁוֹין מֶער נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** גְּמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

## תשנו

**מַיין בָּחוּר קוּמְט אַהֵיים פוּן יְשִׁיבָה, ווִי אַזוֹי גֶעב אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אִים?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס קוּמְט בֵּין הַזְּמַנִּים, אוּן אוּנְזֶער בָּחוּר קוּמְט אַהֵיים פוּן יְשִׁיבָה פוּן אוֹיסְלַאנְד, עֶר אִיז אַ שְׁוֶועֶרֶער בָּחוּר וָואס אִיז שְׁוֶוער זִיךְ אוֹיסְצוּקוּמֶען מִיט אִים, אוּן יֶעדֶע בֵּין הַזְּמַנִּים וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים לַיידְן מִיר אַסַאךְ פוּן אִים. אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּנְז גֶעבְּן הַדְרָכָה ווִי אַזוֹי אִים אוֹיפְצוּנֶעמֶען אוּן ווִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט אִים?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ז' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**נֶעם** דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן אֲזַמְּרָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רפב); זוּךְ אוֹיף אִין אִים גוּטֶע זַאכְן, גוּטֶע נְקוּדוֹת. דוּ צוּזַאמֶען מִיט דַיין וַוייבּ זָאלְן זוּכְן אִין אִים גוּטֶע זַאכְן אוּן מַאכְן דֶערְפוּן אַן עֵסֶק, אִיר זָאלְט בֶּאֱמֶת זַיין אִיבֶּערְצֵייגְט אִין דִי גוּטְס וָואס עֶר הָאט - וֶועט אִיר נִישְׁט לַיידְן פוּן אִים, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט לַיידְן פוּן אַייךְ, אָבֶּער כָּל זְמַן אִיר וֶועט קוּקְן אוֹיף זַיינֶע שְׁוֶוערֶע נַאטוּרְן, עֶר וֶועט שְׁפִּירְן אַז טַאטֶע מַאמֶע הַאלְטְן נִישְׁט פוּן אִים, וֶועט אִיר לַיידְן פוּן אִים אוּן עֶר וֶועט לַיידְן פוּן אַייךְ; אִיר דַארְפְט רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים - וֶועט עֶר זִיךְ קֶענֶען טוֹישְׁן צוּם גוּטְן.

(**דָאס** אִיז פְּשַׁט פַארְוָואס מֶען זֶעט קִינְדֶער וָואס זֶענֶען זֵייעֶר ווָאוִיל אִין שְׁטוּבּ אוּן אִין חֵדֶר זֶענֶען זֵיי נִישְׁט גוּט, אָדֶער פַארְקֶערְט - אִין חֵדֶר זֶענֶען זֵיי גוּט אָבֶּער אִין שְׁטוּבּ לַיידְט מֶען פוּן זֵיי, ווִי קֶען זַיין אַז דֶער זֶעלְבֶּער קִינְד זָאל זִיךְ אוֹיפְפִירְן פַארְקֶערְט? דָאס אִיז וַוייל אִין שְׁטוּבּ הַאלְט מֶען פוּן אִים, וֶועט עֶר זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן אוּן זוּכְן ווִי עֶר קֶען זַיין בֶּעסֶער, בִּשְׁעַת וָואס אִין חֵדֶר קוּקְט דֶער מְלַמֵּד אוֹיף אִים שְׁלֶעכְט - וֶועט דֶער קִינְד זִיךְ נִישְׁט צוּשְׁטֶעלְן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט).

**פוּן** וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים זָאלְט אִיר אִים אוֹיפְהֵייבְּן אוּן אִים גֶעבְּן כָּבוֹד, וֶועט עֶר פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין נָאךְ בֶּעסֶער. דֶער

רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רב): "כָּל מִי שֶׁשִּׂכְלוֹ קָטָן בְּיוֹתֵר, צָרִיךְ לַחֲלֹק לוֹ כָּבוֹד בְּיוֹתֵר", וֶוער עֶס הָאט וֶוייניג שֵׂכֶל דַארְף מֶען אִים גֶעבְּן מֶער כָּבוֹד, "כִּי כָּל מַה שֶׁשִּׂכְלוֹ יוֹתֵר קָטָן, הוּא יוֹתֵר חָפֵץ בְּכָבוֹד", וַוייל ווִי וֶוייניגֶער שֵׂכֶל מֶען הָאט - אַלְץ מֶער דַארְף מֶען כָּבוֹד; זָאלְט אִיר אִים שְׁטֶענְדִיג הֵייבְּן, וֶועט עֶר וֶועלְן זַיין נָאכְמֶער, עֶר וֶועט זִיךְ פִירְן צוּ אַייךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אִיךְ זָאג דִיר נָאכְאַמָאל, מִיט דֶעם וֶועג פוּן "אַזַמְרָה" וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין; עֶס אַרְבֶּעט וואוּנְדֶערְלִיךְ, עֶס אִיז אַן עֵצָה סַיי פַאר עֶלְטֶערְן מִיט קִינְדֶער אוּן סַיי פַאר מְחַנְּכִים צוּ מַצְלִיחַ זַיין מִיט תַּלְמִידִים. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי פִּירְט אוֹיס (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רפב) אַז דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת יא.): "בֶּאֱמֶת אָמְרוּ, הַחַזָּן רוֹאֶה הֵיכָן תִּינוֹקוֹת קוֹרְאִין", וֶוער עֶס אִיז אַ חַזָּן - דֶער קֶען מַאכְן נִיגוּנִים; דֶער וָואס קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דָאס גוּטְס פוּן יֶעדְן תַּלְמִיד - דֶער קֶען מַאכְן דִי קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְּמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

# תשנז

**וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ אִיז נִישְׁט מַסְכִּים צוּ מַיין בַּאשְׁלוּס אוֹיפְצוּהֶערְן קוּקְן מָאוִויס?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁטְן אַ יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁעוּרִים, עֶס הָאט מַמָּשׁ גֶעטוּישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן. אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ, אוּן נָאךְ אַסַאךְ שִׁעוּרִים; וֶוען אִיךְ הָאבּ אִיבְּרִיג צַייט - עֶפְן אִיךְ אַ סֵפֶר.

אִיךְ פְלֶעג קוּקְן מָאוִויס מִיט מַיין וַוייבּ בַּיינַאכְט, אוּן אַזוֹי פְלֶעגְן מִיר פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט. זַייט אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעהֶערְט קוּקְן מָאוִויס אִיז מַיין וַוייבּ בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ פַארְבְּרֶענְג נִישְׁט מִיט אִיר צוּ קוּקְן מָאוִויס, וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ מַאכְן שְׁטֶערְקֶער דֶעם קֶשֶׁר צְווִישְׁן אוּנְז?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ז' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**ווּאוֹיל** אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט אוֹיפְגֶעהֶערְט קוּקְן מָאוִויס; יֶעצְט אַז דוּ וֶועסְט הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת. יֶעצְט וֶועט זִיךְ אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ קֶשֶׁר צְווִישְׁן דִיר אוּן דַיין וַוייבּ, וַוייל מָאוִויס מַאכְט נִישְׁט קַיין

שׁוּם קֶשֶׁר צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כו.): "קֶשֶׁר שֶׁל רְשָׁעִים אֵינָהּ קֶשֶׁר", עֲבֵירוֹת בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין קֶשֶׁר.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְפְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן מִיט דַיין וַוייבּ אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, וַוייל אַז דוּ הָאסְט יֶעצְט מַחְלִיט גֶעוֶוען צוּ זַיין עֶרְלִיךְ קֶענְסְטוּ נִישְׁט עֶרְוַוארְטְן אַז זִי זָאל פִּינְקְט אִין דִי מִינוּט וֶוען דוּ הָאסְט אַלֶעס אָפְּגֶעלָאזְט - אוֹיךְ אַלֶעס אָפְּלָאזְן; מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין מִיט כֹּחַ, מִיט כֹּחַ פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס, נָאר מֶען דַארְף ווִיסְן ווִי אַזוֹי אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען דִי בַּת מֶלֶךְ פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה א): "נָאכְדֶעם וֶוען דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת הָאט שׁוֹין גֶעטְרָאפְן דִי בַּת מֶלֶךְ, עֶר הָאט אִיר שׁוֹין גֶעקֶענְט צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם קֶענִיג, הָאט עֶר זִיךְ פַארְזוּימְט", אוּן דֶער רֶבִּי פִירְט אוֹיס: "וַוייל מֶען דַארְף זֶען מִיט חָכְמָה אוּן שֵׂכֶל מֶען זָאל אִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען".

זַיי אִיר מַסְבִּיר פַארְוָואס דוּ הָאסְט אוֹיפְגֶעהֶערְט קוּקְן מָאוִוים, גֶעבּ אִיר צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס אַ מַאן גֵייט אַרִיבֶּער וְכוּ', נִסְיוֹנוֹת וְכוּ'; זָאג אִיר: "אִיךְ וִויל נִישְׁט עֶפֶענֶען מַיינֶע אוֹיגְן צוּ דִי וֶועלְט, אִיךְ וִויל דִיךְ לִיבּ הָאבְּן; אַז מַיינֶע אוֹיגְן וֶועלְן זִיךְ עֶפֶענֶען צוּ דִי וֶועלְט וֶועל אִיךְ פַארְלִירְן מַיין גֶעפִיל צוּ דִיר, אִיךְ וִויל נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן אַנְדֶערֶע וְכוּ'". גֶעבּ אִיר צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הִרְהוּרִים, סִימָן לט): "כְּשֶׁאִישׁ אוֹ אִשָּׁה חוֹשְׁבִים בִּשְׁעַת תַּשְׁמִישׁ בְּאֵיזֶה גּוֹי

אוֹ בְּגוֹיָה", וָוען מַאן אוּן וַוייבּ זֶענֶען צוּזַאמֶען אוּן טְרַאכְטְן פוּן אַ גוֹי אָדֶער גוֹי'טֶע, "וְהַמַחְשָׁבָה הִיא בְּאַהֲבָה לְאֵיזֶה גוֹי אוֹ גוֹיָה", אוּן בִּשְׁעַת זֵיי טְרַאכְטְן אֵיינֶער פוּנֶעם צְווייטְן הָאבְּן זֵיי לִיבּ דֶעם גוֹי וְכוּ', "אֲזַי הַוָלָד הַנוֹלָד מִזֶה הַתַשְׁמִיש נִשְׁתַּמֵד", וועלְן דִי קִינְדֶער וָואס וֶוערְן גֶעבּוֹירְן - זִיךְ שְׁמַדְ'ן, זֵיי וֶועלְן אָפְּלָאזְן אִידִישְׁקֵייט; דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף קוּקְן בַּיינַאכְט - מַאן אוּן וַוייבּ צוּזַאמֶען - מָאוּוים וְכוּ' וְכוּ', מֶען זֶעט דִי שְׁפִּילֶערְס אוּן מֶען הָאט אַ גֶעפִיל צוּ זֵיי וְכוּ', נָאכְדֶעם פַאלְן דִי קִינְדֶער אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט הַשֵׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

זַיי אִיר מַסְבִּיר פַארְוָואס דוּ קוּקְסְט נִישְׁט מֶער קַיין מָאוּוים, וַוייל יֶעדֶע מָאוּוִי הָאט אִין זִיךְ אַלֶע עֲבֵירוֹת; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מָאוּוִי וָואס זָאל נִישְׁט הָאבְּן אִין זִיךְ דִי דְרֵיי הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת וָואס מִיר אִידְן דַארְפְן זִיךְ לָאזְן הַרְגְ'עֶנֶען דֶערוֹיף: "עֲבוֹדָה זָרָה, גִלּוּי עֲרָיוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים". אַז דוּ וֶועסְט אִיר דָאס שֵׁיינֶערְהֵייט מַסְבִּיר זַיין - וֶועט זִי אוֹיךְ אוֹיפְהֶערְן קוּקְן מָאוּוים, אוּן אוֹיבּ עֶס וֶועט אִיר זַיין שְׁוֶוער אִין אָנְהוֹיבּ דָאס אָפְּצוּלָאזְן, וֶועט זִי דִיר כָּאטְשׁ אַרוֹיפְקוּקְן אוּן זִי וֶועט זַיין צוּפְרִידְן אַז דוּ קוּקְסְט נִישְׁט.

אַ שָׁאד מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּ דִי בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, פַאר זֵיי פַאלְן אַרַיין אִין דֶעם - אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ קוּקְן קַיין שׁוּם גוֹי'אִישֶׁע מָאוּוִי; דָאס הַרְגְ'עֶט דָאס לֶעבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אוּן נֶעמְט אַרוֹיס יֶעדֶע פִּינְטֶעלֶע יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס נֶעמְט אַוֶועק דִי

רוּחָנִיוּת אוּן גַשְׁמִיוּת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ; אַ רַחְמָנוּת אוֹיף אִינְגֶעלַייט אוּן וַוייבְּלֶעךְ וָואס הֶערְן זִיךְ צוּ צוּ חֲבֵרִים אוּן חַבֶר'טֶעס וָואס גֶעבְּן זֵיי דִי פַאלְשֶׁע הַדְרָכָה אַז מֶען זָאל קוּקְן צוּזַאמֶען בַּיינַאכְט מָאוִוים כְּאִלוּ דָאס וֶועט אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ קֶשֶׁר, נָאכְדֶעם קֶען מֶען נִישְׁט לֶעבְּן אַ נָארְמַאלֶע לֶעבְּן; דִי קָאפּ, מֹחַ אוּן הַארְץ אִיז נִישְׁט צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, עֶס אִיז וַוייט וַוייט רַחְמָנָא לִצְלָן.

זֵיי שְׁטַארְק וַוייטֶער נִישְׁט צוּ קוּקְן מֶער קַיין מָאוִוים, אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן אַ נַאר אוּן אַ שׁוֹטֶה חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפְּצוּקוּקְן דַיין וַוייבּ כְּאִלוּ זִי אִיז אַ שִׁיקְסֶע מִיט דֶעם וָואס זִי קוּקְט וַוייטֶער; זָאלְסְט אִיר פַארְשְׁטֵיין אוּן אִיר דַן זַיין לְכַף זְכוּת, וֶועט זִי מִיט דֶער צַייט זַיין מִיט דִיר הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט.

**אַז** דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיינֶערְהֵייט מִיט אִיר וֶועט דַיין קֶשֶׁר וֶוערְן אַ קֶשֶׁר שֶׁל קַיָּמָא.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

# תשנח

## וֶוען דארף מֶען לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער?

## שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם צְוֵויי קִינְדֶערְלֶעךְ, מַיין וַוייבּ ווִיל זֵיי לֵייגְן שְׁלָאפְן זִיבְּן אַזֵייגֶער פַארְנַאכְטְס, און אִיךְ הַאלְט אַז זֵיי קֶענֶען נָאךְ זַיין אוֹיף פַאר נָאךְ אַ שָׁעָה. לְמַעֲשֶׂה, וֶוען זִי לֵייגְט זֵיי שְׁלָאפְן פְּרִי - שְׁלָאפְן זֵיי נִישְׁט אַיין גְלַייךְ, זֵיי הוֹיבְּן אָן פַארְפִירְן, מַיין וַוייבּ וֶוערְט נֶערְוֶועז און הוֹיבְּט אָן שְׁרֵייעֶן אוֹיף זֵיי, און צוּם סוֹף שְׁלָאפְן זֵיי אַיין יֶעדֶע נַאכְט מִיט גֶעוֵויינֶערַיי און שְׁרֵייעֶרַיי; וָואס אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג זִיךְ צוּ פִירְן מִיט זֵיי?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ז' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

**קִינְדֶער** דַארְפְן הָאבְּן אַ שְׁטְרֶענְגֶע סֵדֶר, בִּפְרַט גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער - זֵיי דַארְפְן הָאבְּן אַ סֵדֶר צוּ גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי קִינְדֶער פוּן זֵייעֶר זַייט ווִילְן נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן, וַוייל דָאס אִיז דִי נַאטוּר בַּיי אַלֶע קִינְדֶער, זֵיי ווִילְן שְׁפְּרִינְגֶען, טַאנְצְן וְכוּ'; דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק און שְׁטְרֶענְג אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי אִין צַייט. וֶוען דִי קִינְדֶער זֶעעֶן ווִי טַאטֶע מַאמֶע וַוייסְן וָואס

זֵיי ווילְן, בַּיי זֵיי איז אַ וָוארְט אַ וָוארְט - הוֹיבְּן זֵיי אָן פָּאלְגְן אָן קַיין וֵויינֶען און אָן קַיין פַארְפִירְן.

מִישׁ זיך נִישְׁט אַרַיין אין דִי שְׁטוּבּ ווירְטְשַׁאפְט, לָאז דַיין וַוייבּ פִירְן דִי שְׁטוּבּ; דוּ זָאלְסְט איר נָאר זֶען צוּ הֶעלְפְן, זֵיי איר מְחַזֵק און מַאך איר פְרֵיילִיך. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִדּוּשִׁין לד:): "אִשָּׁה, בַּעְלָהּ מְשַׂמְּחָהּ", דֶער מַאן דַארְף פְרֵיילִיך מַאכְן דִי וַוייבּ; דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ מְגַדֵל זַיין שֵׁיינֶע דוֹרוֹת.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן כב): אַז מֶען מַאכְט פְרֵיילִיך דִי וַוייבּ, מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם - איז מֶען זוֹכֶה צוּ קִינְדֶער; און פַארְקֶערְט חַס וְשָׁלוֹם, אוֹיבּ מֶען הָאט זיך פַיינְט - זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן נו) פַארְלִירְט מֶען - לֹא עָלֵינוּ - דִי קִינְדֶער.

לֵייג שְׁלָאפְן דַיינֶע קִינְדֶער פְּרִי - וֶועסְטוּ קֶענֶען גֵיין שְׁלָאפְן מִיט דַיין וַוייבּ פְּרִי. שְׁטֵיי אוֹיף פַארְטָאגְס און זִינְג קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שֵׁיינֶע דוֹרוֹת, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן סה): "הַשִּׁירוֹת וְהַתִּשְׁבָּחוֹת שֶׁאוֹמְרִין קֹדֶם אוֹר הַיּוֹם, הוּא סְגֻלָּה לְבָנִים", אַז מֶען זִינְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת פַארְטָאגְס - איז דָאס מְסֻגָּל פַאר קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תשנט

## וָואס טוּט מֶען מִיט אַ חוּצְפָּה'דִיג קִינְד?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי פִילֶע שִׁעוּרִים אוּן בְּרִיוו וָואס גֶעבְּן מִיר לֶעבְּן טָאג טֶעגְלִיךְ, אִיךְ וֵויים אַז אִיר לֵייגְט אַרַיין אַזוֹיפִיל אַרְבֶּעט צוּ מְחַזֵּק זַיין אִידְן, וַויל אִיךְ כָאטְשׁ גֶעבְּן אַ גְרוּס אַז דִי דְּרָשׁוֹת טוּעֶן אַסַאךְ אוֹיף. אִין זְכוּת פוּן דִי שִׁעוּרִים הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג, אִיךְ לֶערְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, אוּן נָאךְ שִׁעוּרִים.

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים צִיוּן פוּן מוֹהֲרַ"ש אִין יַבְנְאֵל, אִיךְ הָאבּ זִיךְ בַּאדַאנְקְט פַאר מוֹהֲרַ"ש אַז עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַזַא רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס גֶעבְּט מִיר אַזוֹיפִיל חִזּוּק אִין עֵצוֹת אִין לֶעבְּן, אוּן דָארְט בַּיים צִיוּן הָאבּ אִיךְ זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי "בֵּית נִצְחִי"; בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי אוּן תּוֹסֶפְתָּא.

אוֹיסֶער דֶעם וָואס מַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט אַזוֹיפִיל צוּם גוּטְן, אִיךְ, מַיין וַוייבּ אוּן דִי קִינְדֶער לֶעבְּן אַלֶע מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אָטֶעמֶען מַמָּשׁ מִיט דִי שִׁעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

יֶעצְט צוּ מַיין פְרַאגֶע; אִיךְ הֶער כְּסֵדֶר בַּיי דִי שִׁעוּרִים אַז מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן קִינְדֶער, נָאר מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין צוּ זֵיי. וָואס טוּט מֶען אָבֶּער וֶוען אַ קִינְד אִיז חוּצְפָּה'דִיג צוּ דִי עֶלְטֶערְן, מֶען הֵייסְט אִים עֶפֶּעס אוּן עֶר זָאגְט "נֵיין", מֶעג מֶען דֶעמָאלְט יָא שְׁלָאגְן? אוּן אוֹיבּ נִישְׁט, וָואס אִיז יָא דִי עֵצָה צוּ טוּן? אִיךְ רֶעד פוּן קִינְדֶער אִין עֶלְטֶער פוּן צְוֵויי בִּיז פִיר יָאר.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**שְׁלֹמֹה** הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כט, יז): "יַסֵּר בִּנְךָ", זַיי מְחַנֵּךְ דַיינֶע קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט, "וִינִיחֶךָ", וֶועסְטוּ שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן מְנוּחָה, "וְיִתֵּן מַעֲדַנִּים לְנַפְשֶׁךָ", אוּן דוּ וֶועסְט זֶען נַחַת פוּן זַיי; אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן סד): "צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו", מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דֶעם קִינְד דֶּרֶךְ אֶרֶץ וֶוען עֶר אִיז נָאךְ יוּנְג; קְלֵיינֶע קִינְדֶער בַּיי דִי עֶלְטֶער פוּן צְוֵויי בִּיז פִיר דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען אַז אַ וָוארְט פוּן טַאטֶע מַאמֶע אִיז אַ וָוארְט, אַ קִינְד דַארְף וִויסְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן 'נֵיין' וֶוען טַאטֶע מַאמֶע זָאגְן וָואס צוּ טוּן, מֶען מֶעג אוּן מֶען דַארְף גֶעבְּן אַ פֶּעטְשֶׁעלֶע וְכוּ' צוּ מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער זַיי זָאלְן הָאבְּן דֶּרֶךְ אֶרֶץ.

**אַסַאךְ** עֶלְטֶערְן מַאכְן אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת מִיט דֶעם וָואס זַיי זֶענֶען נִישְׁט מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער וֶוען זַיי זֶענֶען יוּנְג, נָאכְדֶעם וֶוען דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף - אִיז שׁוֹין אַבִּיסְל צוּ שְׁפֶּעט וְכוּ'.

**דָאס** וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַלְץ גֶערֶעדְט אוּן גֶעשְׁרִיבְּן אַז מֶען זָאל רֶעדְן שֵׁיין צוּ קִינְדֶער וְכוּ' - דָאס אִיז וֶוען זַיי וֶוערְן עֶלְטֶער, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט מִיט זַיי אַז מֶען זָאל נִישְׁט קַאלְיֶע מַאכְן,

אָבֶּער קְלֵיינֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען גוּט אוֹיסְפָּארֶעמֶען זֵיי זָאלְן ווִיסְן אַז טַאטֶע מַאמֶע זֶענֶען נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, טַאטֶע מַאמֶע דַארְף מֶען פָאלְגְן.

וְעַל כּוּלָם דַארְף מֶען ווִיסְן אַז אוֹיב מֶען וויל מַצְלִיחַ זַיין מִיט קִינְדֶער - דַארְף מֶען אַסַאךְ דַאוֶוענֶען פַאר זֵיי; מֶען דַארְף בֶּעטְן פַאר יֶעדֶע קִינְד בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זֶען נַחַת פוּן זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## תשס

### מֶעג מֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה בַּאקְוֶועמֶערְהֵייט?

**שְׁאֵלָה:**

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז מֶען מֶעג לֶערְנֶען תּוֹרָה בַּאקְוֶועמֶערְהֵייט, זִיצְנְדִיג אוֹיף דִי סָאפֶע מִיט אַ גוּטְן טְרִינְק. לְמַעֲשֶׂה שְׁטֵייט דָאךְ (עַיֵּין בְּרָכוֹת כב.) אַז מֶען דַארְף לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּרֶתֶת וּבְזִיעָה, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען אַזוֹי?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (זְבָחִים ה.): "רָמֵי רֵישׁ לָקִישׁ עַל מְעוֹהִי בֵּי מִדְרָשָׁא", רֵישׁ לָקִישׁ אִיז גֶעלֶעגְן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּן גֶעפְרֶעגְט וְכוּ', זָאגְט רַשִׁ"י: "שׁוֹכֵב עַל בִּטְנוֹ, פָּנָיו כְּלַפֵּי קַרְקַע", עֶר אִיז גֶעלֶעגְן אוֹיפְן בּוֹיךְ מִיטְן פָּנִים צוּ דֶער עֶרְד; בְּרֶענְגְט דֶער בֶּן אִישׁ חַי זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה (שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת תּוֹרָה לִשְׁמָהּ, סִימָן שסז) וואוּ אֵיינֶער פְרֶעגְט אִים צִי מֶען מֶעג לֶערְנֶען תּוֹרָה לִיגֶעדִיגֶערְהֵייט, אוֹיבּ דָאס אִיז דֶּרֶךְ אֶרֶץ'דִיג; בְּרֶענְגְט עֶר אַ רְאָיֶ' פוּן דִי גְמָרָא, אַז מֶען זֶעט דָא ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֵישׁ לָקִישׁ הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה לִיגֶעדִיג; אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז אָפְּגֶעמַאטֶערְט מֶעג עֶר לֶערְנֶען תּוֹרָה לִיגֶעדִיג.

**וואוּיל** אִיז דֶעם וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה "בְּשָׁכְבְּךָ וּבְקוּמֶךָ" (דְּבָרִים ו, ז), וֶוען עֶר הָאט אַבִּיסְל צַייט כַּאפְּט עֶר אַרַיין נָאךְ תּוֹרָה אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קַיין שׁוּם שְׁטֶערוּנְגֶען, דֶער וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ שְׂכַר אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִשְׁנָה פֵּאָה א, א): "וְתַלְמוּד תּוֹרָה כְּנֶגֶד כּוּלָם".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תשסא

## הָאט מַיין עֲבֵירָה גֶעבְּרֶענְגְט דִי צָרָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעטוּן אַ הַארְבֶּע עֲבֵירָה, אוּן עֶטְלִיכֶע שָׁעָה שְׁפֶּעטֶער אִיז מַיין חַבֵר'ס מַאמֶע נִפְטָר גֶעוָוארְן, הָאט דָאס צוּ טוּן מִיט מִיר? אוּן אוֹיבּ יָא, וָואס קֶען אִיךְ טוּן דָאס צוּ פַארְרֶעכְטְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרַט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**יֶעדֶע** גוּטֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט - בְּרֶענְגְט מֶען דוּרְכְדֶעם גוּטְס פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, ווִידֶערְאוּם אוֹיבּ מֶען טוּט אַן עֲבֵירָה חַס וְשָׁלוֹם בְּרֶענְגְט מֶען שְׁלֶעכְטְס פַאר זִיךְ אוּן פַאר אַנְדֶערֶע, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִדּוּשִׁין מ:): "עָשָׂה מִצְוָה אַחַת", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַ מִצְוָה, "אַשְׁרָיו, שֶׁהִכְרִיעַ אֶת עַצְמוֹ וְאֶת כָּל הָעוֹלָם לְכַף זְכוּת", וואוּיל אִיז אִים אַז עֶר בְּרֶענְגְט גוּטְס פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, "עָבַר עֲבֵירָה אַחַת", אָבֶּער וֶוען מֶען טוּט אַן עֲבֵירָה, "אוֹי לוֹ", וֵויי אִיז אִים, "שֶׁהִכְרִיעַ אֶת עַצְמוֹ

וְאֶת כָּל הָעוֹלָם לְכַף חוֹבָה", וָואס עֶר בְּרֶענְגְט שְׁלֶעכְטְס פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

**זַיין** זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן טוּ תְּשׁוּבָה, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר מוֹחֵל זַיין אוּן אוֹיךְ פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו:): "גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה, שֶׁבִּשְׁבִיל יָחִיד שֶׁעָשָׂה תְּשׁוּבָה מוֹחֲלִין לְכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ", תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל פַאר אַלֶעמֶען. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי שְׁטַארְק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵייט זִיךְ וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, עֶר שְׁטֵייט אוּן וַוארְט מֶען זָאל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ אִים. דֶער נָבִיא זָאגְט (יְחֶזְקֵאל לג, יא): "אֱמֹר אֲלֵיהֶם, חַי אָנִי נְאֻם ה' אֱלֹקִים", אִיךְ שְׁוֶוער - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "אִם אֶחְפֹּץ בְּמוֹת הָרָשָׁע", צִי ווִיל אִיךְ דֶען אַז דֶער רָשָׁע זָאל שְׁטַארְבְּן? "כִּי אִם בְּשׁוּב רָשָׁע מִדַּרְכּוֹ וְחָיָה", אִיךְ ווִיל אוּן אִיךְ וַוארְט עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן הָאבְּן אַ לֶעבְּן.

**נֶעם** דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, וֶוער עֶס הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן מִיט דִי עֵצָה דְרֵייט זִיךְ אִיבֶּער בַּיי אִים דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן צוּם גוּטְן, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן וִוי 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר'; פְּרוּבִּיר דָאס אוֹיס וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵמָה אוּן מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו:): "גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה שֶׁמְּקָרֶבֶת אֶת הַגְּאֻלָּה", אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נט, כ): "וּבָא לְצִיּוֹן גּוֹאֵל וּלְשָׁבֵי פֶשַׁע בְּיַעֲקֹב", אִין וָואס

פַאר אַ זְכוּת וֶועט זַיין "וּבָא לְצִיּוֹן גּוֹאֵל"? וֶוען עֶס וֶועט זַיין: "לְשָׁבֵי פֶּשַׁע בְּיַעֲקֹב".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תשסב

## ווִי אַזוֹי שַׁאפְט מֶען חֲבֵרִים זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִינְאֵיינֶעם?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט ווִיל אִיךְ זִיךְ זַייעֶר בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי הֶערְלִיכֶע שִׁעוּרִים, זַייט אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁעוּרִים הָאט זִיךְ מַיין לֶעבְּן מַמָּשׁ גֶעטוֹישְׁט, אִיךְ שְׁפִּיר אַ נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַ זִיסְקֵייט אִין לֶעבְּן, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּקוּמֶען צוּ דִי שִׁעוּרִים.

אִיךְ וואוֹין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ בְּרֶסְלֶב'עֶר אִידְן, אָבֶּער אַסַאךְ פוּן זֵיי זֶענֶען מִתְנַגְּדִים אוֹיפְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן דָאס שְׁטֶערְט מִיר זַייעֶר שְׁטַארְק.

אִיךְ וֵויים וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט כְּסֵדֶר אַז מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע, נָאר קוּקְן 'וָואס אִיז גוּט פַאר מִיר', אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה וֶוען אִיךְ הֶער אַ גוּטֶע שִׁיעוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁפִּיר אִיךְ ווִי אִיךְ ווִיל דָאס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט נָאךְ אֵיינֶעם, אִיךְ ווִיל עֶס מִיטְטֵיילְן מִיט אַנְדֶערֶע, אוּן אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט טוּן דָא; אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה אִיבֶּער דֶעם.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַז** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן, דוּ בִּיסְט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זָאלְסְטוּ עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה - מְקָרֵב זַיין נָאךְ אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן מִיר זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, מִיר זָאלְן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקמג): "כַּמָּה פְּעָמִים הָיָה מְדַבֵּר הַרְבֵּה עִמָּנוּ, וְהִזְהִיר אוֹתָנוּ מְאֹד לְקָרֵב נְפָשׁוֹת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, לְהִשְׁתַּדֵּל לְדַבֵּר הַרְבֵּה עִם בְּנֵי אָדָם, כְּדֵי לְעוֹרְרָם וְלַהֲשִׁיבָם לְקָרְבָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל גֶערֶעדְט מִיט אוּנְז און אוּנְז גֶעהֵייסְן מִיר זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְכַמָּה פְּעָמִים הָיָה מְבַזֶּה אוֹתָנוּ בְּבִזְיוֹנוֹת עַל שֶׁאָנוּ מִתְעַצְּלִים בָּזֶה, וּפַעַם אַחַת קָרָא אוֹתָנוּ 'עֵצִים יְבֵשִׁים' עַל שֶׁאֵין אָנוּ מוֹלִידִים נְפָשׁוֹת שֶׁיִּתְקָרְבוּ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל יָדֵינוּ", און זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז פַארְשֶׁעמְט און אוּנְז אָנְגֶערוּפְן: "עֵצִים יְבֵשִׁים" - טְרוּקֶענֶע בֵּיימֶער, ווַייל מִיר גֶעבּוֹירְן נִישְׁט קֵיין פְרִישֶׁע נְפָשׁוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "וּפַעַם אַחַת בְּלֵיל מוֹצָאֵי שַׁבָּת עָמַדְנוּ לְפָנָיו עִם כַּמָּה אֲנָשִׁים מֵהַחֲשׁוּבִים שֶׁלּוֹ, וְהוֹכִיחַ אוֹתָנוּ מְאֹד כַּמָּה שָׁעוֹת עַל עִנְיָן זֶה", אֵיינְמָאל מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעגֶעבְּן מוּסָר אַפָּאר שָׁעָה, הַיִתָּכֵן מִיר זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג עוֹסֵק אִין הֲפָצָה.

**מִיר** דַארְפְן שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז;
דֶער רֶבִּי גֶעבְּט לֶעבְּן פַארְן מֶענְטְשׁ. דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן גֶעטוּישְׁט, דַארְפְסְטוּ הָאבְּן הַכָּרַת הַטּוֹב פַארְן רֶבִּי'ן, פַאר מוֹהֲרָא"שׁ און טְרַאכְטְן: 'וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן נָאךְ אַ אִיד זָאל אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיט דִי זִיסֶע עֵצוֹת?'

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג) וִוי דֶער טוֹיבֶּער בֶּעטְלֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי עֲשִׁירִים וָואס הָאבְּן זִיךְ בַּארִימְט מִיט זֵייעֶר חַיִּים טוֹבִים: "אִיךְ לֶעבּ אַ חַיִּים טוֹבִים בֶּעסֶער וִוי אַייךְ, וְהָא רְאָיָ', אוֹיבּ אִיר לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים הֶעלְפְט'זְשֶׁע דִי מְדִינָה".

**וָוען** דוּ וֶועסְט עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה וֶועסְטוּ צוּבִּיסְלִיךְ זֶען וִוי אַלֶע שֶׁעפְּן חַיּוּת פוּן סִפְרֵי מוֹהֲרָא"שׁ, בְּיוֹדְעִים וּבְלֹא יוֹדְעִים; פוּן אִינְדְרוֹיסְן אִיז דָא אַ הַעֲלָמָה און אַ הַסְתָּרָה, אַלֶעס אִיז פַארְשְׁטֶעלְט און בַּאהַאלְטְן, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶס אִיז דָא מִתְנַגְּדִים, מֶען שְׁפֶּעט פוּן דִי קוּנְטְרֵסִים וְכוּ', אָבֶּער שְׁטִילֶערְהֵייט הָאבְּן אַלֶע חִיּוּת פוּן דִי סְפָרִים, דִי סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים זֶענֶען מְחַיֶּ' דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; הוֹיבּ אָן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים - וֶועסְטוּ צוּבִּיסְלִיךְ זֶען אַז עֶס אִיז דָא מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן און זִיךְ מְחַזֵּק זַיין.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תשסג

## ווי אַזוֹי טְרֶעפְט מֶען דֶעם וֶועג אַרוֹיס פוּן בְּלָאטֶע?

## שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין אַ יוּנְגֶער בָּחוּר אוּן אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ זֵייעֶר מִיט שְׁוֶועֶרֶע נִסְיוֹנוֹת. שׁוֹין פוּן דִי נַיין יָאר הָאבּ אִיךְ זִיךְ פַארְשַׁאפְט אַ סְמַארְטְפָאוֹן מִיט אִינְטֶערְנֶעט אוּן גֶעקוּקְט דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן אוּן גֶעטוּן הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִיצְלָן, דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעטְרָאפְן בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן גֶעטוּן מִיט מִיר עֲבֵירוֹת, אוּן אַזוֹי אִיז מַיין לֶעבְּן מַמָּשׁ צוּגְרוּנְד גֶעגַאנְגֶען, אִיךְ בִּין פַארְנוּמֶען מִיט עֲבֵירוֹת טָאג טֶעגְלִיךְ, אוּן אִיךְ זוּךְ דֶעם וֶועג אַרוֹיס.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז יֶעצְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט קַיין סְמַארְטְפָאוֹן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אַ לֶעפְּטַאפּ וָואס מַיין טַאטֶע לָאזְט מִיר נוּצְן שׁוֹין פוּן אַלְס קְלֵיין קִינְד, עֶר וֵוייסְט אָבֶּער נִישְׁט אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ וֶועג ווי אַזוֹי אָנְצוּקוּמֶען צוּם אִינְטֶערְנֶעט דֶערְמִיט, אוּן לֵיידֶער נוּץ אִיךְ דָאס אוֹיךְ נָאר פַאר עֲבֵירוֹת.

אִיךְ וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל טְרֶעפְן אַ וֶועג אַרוֹיס, אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר הֶעלְפְן אוּן גֶעבְּן אַ וֶועג צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ אַ נָארְמַאלֶע עֶרְלִיכֶע לֶעבְּן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִי גִּלְיוֹן מִיט וָואס אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּה יֶעדֶע וָואךְ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת בְּרֵאשִׁית, אִסְרוּ חַג, כ"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז אַ גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר, אַזוֹיפִיל יָאר וָואס דוּ לִיגְסְט נֶעבֶּעךְ אִין אַזַא בְּלָאטֶע; פוּן אֵיין זַייט בִּיסְטוּ אַזוֹי יוּנְג, דוּ הָאסְט קוֹים אָנְגֶעהוֹיבְּן דַיין לֶעבְּן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט בִּיסְטוּ שׁוֹין אַזוֹי אַיינְגֶעזוּנְקֶען אִין עֲבֵירוֹת, אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִצְלָן, וָואס דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (וַיֵּשֶׁב קפח.; וַיְחִי ריט.) אַז וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, אִים הֶעלְפְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה.

**אָבֶּער** וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער רֶבִּי קֶען דִיר הֶעלְפְן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן זֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אַז אוֹיבּ מֶען זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עא): "קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פְּשַׁט אִין דֶעם זוֹהַר - נָאר אִיךְ, אוּן אִיךְ זָאג אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה, אֲפִלּוּ אֵיינֶער וָואס הָאט אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה"; דֶער רֶבִּי קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, אֲפִלּוּ אֵיינֶער וָואס אִיז קְרַאנְק אוּן לַיידְט פוּן דִי עֶקְלְדִיגֶע נִסְיוֹנוֹת קֶען אוֹיךְ אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן זַיינֶע עֶקְלְדִיגֶע גֶעמֵיינֶע שְׁמוּץ אוֹיבּ עֶר וֶועט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן.

**נֶעם** דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן יט):

"אֲפִלּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחְמָנָא לִצְלָן", אֲפִלּוּ אַ מֶענְטְש וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדֻשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ" - וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְש פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

**דֶערִיבֶּער** אַז דוּ בִּיסְט נֶעבֶּעךְ אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, אִיז דָא פַאר דִיר אֵיין עֵצָה: נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן הוֹיבּ אָן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת; לֶערְן אֵיין פֶּרֶק נָאכְן צְוֵוייטְן, אִין אָנְהוֹיבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט, וַוייל פוּן אַזוֹיפִיל מָאל זִינְדִיגְן אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הָאסְטוּ פַארְלוֹירְן דַיין מֹחַ, אַזוֹי וִוי דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (עַיֵּן פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, קי.): "סְלוּקָא דִיסוֹדָא עַד אַבָּא וְאִמָּא", אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית - מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּיְסוֹד, גֵייט דֶער פְּגַם בִּיזְן מֹחַ, מֶען פַארְלִירְט דֶעם כֹּחַ פוּן זִיךְ קֶענֶען קָאנְצֶענְטְרִירְן וְכוּ'; אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן רֶבִּי'ן

(כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) **אַז אֲפִלּוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט - זָאל מֶען וַוייטֶער זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה אַז מֶען וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, מֶען הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן אַ גֶעזוּנְטֶע לֶעבְּן, אַ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען לָאזְט אָפּ דִי מְטוּמְטָמְ'דִיגֶע עֲבֵירָה, מֶען הֶערְט אוֹיף צוּ טוּן עֲבֵירוֹת אוּן מֶען רַייסְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי קְלִפּוֹת.**

**נָאךְ** אַן עֵצָה הָאט דֶער רֶבִּי פַּאר דִיר, דוּ זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׂפְּרַאךְ; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, דֶערְצֵייל אִים דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, פוּן דִי נַיין יָאר וֶוען דוּ הָאסְט זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ סְמַארְטְפָאוֹן אוּן גֶעזֶען אַלֶע שְׁלֶעכְטְס פוּן דִי וֶועלְט, וַויין צוּ אִים אַז דוּ ווילְסְט אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דֶעם, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין בְּמֶשֶׁךְ הַיָמִים פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דַיין עָבַר.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תשסד

## ווי אַזוֹי מַאכְט מֶען אַ גֶעשְׁמַאקֶע אַטְמָאסְפֶער אִינְדֶערְהֵיים?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁעוּרִים און חִזּוּק וָואס הָאבְּן הָאבְּן מִיר מַמָּשׁ גֶעגֶעבְּן דֶעם שֵׂכֶל אִין לֶעבְּן ווי אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען מִיט זִיךְ אַלֵיין, מִיט דִי ווייבּ און קִינְדֶער, און מִיט אַלֶעם אִין לֶעבְּן.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט כְּסֵדֶר אַז מֶען דַארְף גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי ווייבּ און קִינְדֶער, מֶען דַארְף זֵיי מְקָרֵב זַיין און מַאכְן גוּט פִילְן שְׁטֶענְדִיג. אִיךְ בִּין נִישְׁט אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אַזוֹי, און אִיךְ ווייס פָּשׁוּט נִישְׁט ווי אַזוֹי מֶען טוּט דָאס, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר אוֹיסְלֶערְנֶען, גֶעבְּן דוּגְמָאוֹת - ווי אַזוֹי מֶען גֶעבְּט לִיבְּשַׁאפְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, ווי אַזוֹי אִיז מֶען מְקָרֵב דִי קִינְדֶער און דִי ווייבּ אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ שְׁפִּירְן גֶעשְׁמַאק צוּ זַיין אִינְדֶערְהֵיים?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת בְּרֵאשִׁית, אִסְרוּ חַג, כ"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן** (שַׁבָּת לא.) **עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ גוֹי צוּם הֵיילִיגְן תַּנָּא הִלֵּל הַזָּקֵן אַז עֶר ווִיל זִיךְ**

מְגַיֵּר זַיין בִּתְנַאי אוֹיבּ עֶר קֶען אִים אוֹיסְלֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה ווי לַאנְג עֶר שְׁטֵייט אוֹיף אֵיין פוּס, הָאט אִים הִלֵּל הַזָּקֵן גֶעזָאגְט דִי פָּאר וֶוערְטֶער: ״דְּעַלָּךְ סָנֵי, לַחֲבְרָךְ לָא תַעֲבֵיד״, וָואס דוּ ווילְסְט נִישְׁט מֶען זָאל טוּן פַאר דִיר - זָאלְסְטוּ נִישְׁט טוּן פַאר דַיין חַבֵר, ״זוֹ הִיא כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ״; דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר, אַז דוּ ווילְסְט וויסְן ווי אַזוֹי מֶען גֶעבְּט לִיבְשַׁאפְט אִין שְׁטוּבּ פַאר דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן: ׳דְּעַלָּךְ סָנֵי, לַחֲבְרָךְ לָא תַעֲבֵיד, וָואס דוּ ווילְסְט נִישְׁט מֶען זָאל טוּן פַאר דִיר, זָאלְסְטוּ נִישְׁט טוּן פַאר דַיין חַבֵר׳; ווי אַזוֹי וָואלְסְטוּ גֶעוָואלְט מֶען זָאל רֶעדְן צוּ דִיר? מֶען זָאל זִיךְ פִירְן מִיט דִיר? אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ זֵיי.

**אַז** דוּ ווילְסְט אוֹיפְבּוֹיעֶן דַיין שָׁלוֹם בַּיִת, דוּ ווילְסְט זַיין אַ גוּטֶער מַאן אוּן אַ גוּטֶער טַאטֶע - זָאלְסְטוּ בְּעִקָּר אַכְטוּנְג גֶעבְּן ווי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט צוּ דַיין וַוייבּ. גֶעבּ אַ קוּק וָואס דֶער תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן מֹשֶׁה רַבֵּנוּ גֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת יט, ג): ״כֹּה תֹאמַר לְבֵית יַעֲקֹב, וְתַגִּיד לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל״; ׳בֵּית יַעֲקֹב׳ דָאס מֵיינְט מֶען דִי פְרוֹיעֶן, אוּן ׳בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׳ דָאס מֵיינְט מֶען דִי מֶענֶער; בַּיי דִי פְרוֹיעֶן שְׁטֵייט אַ לָשׁוֹן: ׳תֹאמַר׳, וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוֹיף דֶעם (מְכִילְתָּא דְבַחוֹדֶשׁ, סִימָן ב; שַׁבָּת פז.): ״בַּאֲמִירָה רַכָּה״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּנוּ עֶר זָאל רֶעדְן צוּ זֵיי מִיט אַ וֵוייכֶע שְׁפְּרַאךְ, אוּן פַאר דִי מֶענֶער זָאל עֶר זָאגְן: ״׳וְתַגִּיד לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל׳ - עוֹנְשִׁים וְדִקְדּוּקִין פָּרֵשׁ לִזְכָרִים,

דְבָרִים הַקָשִׁין כְּגִידִין"; זָעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף רֶעדְן אִין שְׁטוּב וֵוייכֶע דִבּוּרִים.

**בֶּעט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִי תְּפִלָּה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מְתַקֵן גֶעוֶוען (תְּפִלָּה קֹדֶם הַתְּפִלָּה), וואו עֶר בֶּעט אִין דִי תְּפִלָּה: "'וְשֶׁנְּדַבֵּר כָּל אֶחָד אֶת חֲבֵרוֹ בַּדֶּרֶךְ הַיָּשָׁר וְהָרָצוּי לְפָנֶיךָ', הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַ צְוֵוייטְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּ מַיין וַוייבּ אֵיידְל אוּן שֵׁיין", אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין קַיין קַארְגֶער אוֹיף גוּטֶע וֶוערְטֶער, גוּטֶע וֶוערְטֶער אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶענוּג, וִויפִיל מֶען גֶעבְּט קֶען מֶען אַלְץ מוֹסִיף זַיין נָאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## תשסה

### קֶען מֶען אוֹיךְ פּוֹעֵל'ן אַ זִווּג שֵׁנִי אִין יַבְנְאֵל?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶ' מִיט דִי שִׁעוּרִים, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן עֶטְלִיכֶע מַסֶכְתּוֹת, אוּן אִיךְ גֵיי יֶעצְט עֶנְדִיגְן שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דֶעם אוּן פַאר אַלֶעם.

אִיךְ הָאבּ גֶעוואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דִי סְגֻלָּה פוּן מוֹהֲרָ"ש פַאר שִׁדּוּכִים, אַז מֶען זָאל אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ תְּהִלִּים בַּיי זַיין צִיּוּן; אוֹיבּ דָאס אִיז נָאר פַאר בָּחוּרִים, אָדֶער קֶען דָאס אוֹיךְ הֶעלְפְן צוּ טְרֶעפְן אַ זִווּג שֵׁנִי?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, אִסְרוּ חַג, כ"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**בַּיים** צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָ"שׁ אִין יַבְנְאֵל קֶען מֶען פּוֹעֵלְ'ן אַלֶע יְשׁוּעוֹת, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָ"שׁ שְׁרַייבְּט (צַוָּאַת מוֹהֲרָ"שׁ, אוֹת ה): "וּכְמוֹ בַּחַיִּים חַיּוּתִי נִתְעוֹרְרוּ עַל יְדֵי אֲנָשִׁים בִּתְשׁוּבָה", אַזוֹי וִוי וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶעבְּט זֶענֶען דוּרְךְ מִיר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן מֶענְטְשְׁן תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "כְּמוֹ כֵּן עַכְשָׁיו לְאַחַר הִסְתַּלְּקוּתִי לְעֵילָא כְּשֶׁיָּבוֹאוּ אֶל קִבְרִי יִתְעוֹרְרוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה", אַזוֹי אוֹיךְ נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר - וֶועט מֶען אוֹיךְ נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, "וְיַמְשִׁיכוּ לְעַצְמָם יְשׁוּעוֹת וּפְלָאוֹת בְּעֶזְרָתוֹ יִתְבָּרַךְ", בַּיי מַיין צִיּוּן וֶועט מֶען קֶענֶען פּוֹעֵלְ'ן ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע יְשׁוּעוֹת. "וְאֶהְיֶה לָהֶם לְמֵלִיץ יוֹשֶׁר בַּשָּׁמַיִם", וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין צִיּוּן וֶועל אִיךְ זַיין פַאר אִים אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר אִין הִימְל, "וְלֹא אָנוּחַ וְלֹא אֶשְׁקוֹט

עַד שֶׁיִּהְיֶה לְמִי שֶׁבָּא אֶל קִבְרִי לְהִתְפַּלֵּל וְלִלְמוֹד יְשׁוּעָה שְׁלֵמָה מִן הַשָּׁמַיִם", און אִיךְ וֶועל נִישְׁט רוּעֶן בִּיז אִיךְ וֶועל פּוּעֶל'ן אַ יְשׁוּעָה פַאר דֶעם וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר דַאוֶונֶען און לֶערְנֶען.

**בִּפְרַט** אִין דֶעם עִנְיָן פוּן שִׁדּוּכִים הָאט מוֹהֲרָא"ש צוּגֶעזָאגְט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַבְטָחָה בְּזֶה הַלָּשׁוֹן (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"ש, שָׁם): "אִיךְ זָאג צוּ אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁדּוּךְ און זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא אוֹיף מַיין קֶבֶר און דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען, אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁדּוּךְ. און דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג".

**מֶען** זֶעט אָפֶענֶע נִיסִים און יְשׁוּעוֹת יֶעדְן טָאג בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ; בָּחוּרִים און מֵיידְלֶעךְ קוּמֶען צוּ פָארְן אַהִין פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים צוּ טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁדּוּךְ.

**דֶעריִבֶּער** זָאלְסְטוּ וָואס שְׁנֶעלֶער פָארְן קַיין יַבְנְאֵל און דָארְט אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים לִזְכוּת מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁדּוּךְ.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# תשסו[יג]

## ווי אַזוֹי הַאלְט מֶען זִיךְ פְרֵיילִיךְ אִין שְׁוֶועֶרֶע צַייטְן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קֹדֶם וויל אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּאדַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר אַלֶע שִׁעוּרִים, עֶס גֶעבְּט מִיר אַסַאךְ חִזּוּק אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ דְזָשאבּ, אָבֶּער אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, אִיךְ פְּרוּבִיר זִיךְ צוּ הַאלְטְן שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ נִישְׁט דִי מִינִימוּם וָואס אַ מִשְׁפָּחָה מִיט פִינְף מֶענְטְשְׁן דַארְפְן הָאבְּן צוּם לֶעבְּן.

עֶס אִיז אָבֶּער דָא טֶעג וָואס אִיךְ וֶוער זֵייעֶר שְׁטַארְק צֶעבְּרָאכְן אוּן דֶעפְּרֶעסְט; ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אַזֶעלְכֶע מַצָּבִים?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אַייךְ בַּאצָאלְן פַאר אַלֶעס. אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעמַאכְט אַ סִיּוּם אוֹיף מַסֶּכֶת מַכּוֹת אוּן מַסֶּכֶת מְגִילָּה גְּמָרָא רַשִׁ"י; אַלֶעס אִין אַייעֶר זְכוּת.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, אִסְרוּ חַג, כ"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**ווֹאוִיל אִיז דִיר אַז דוּ פְּרוּבִירְסְט מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אֲפִלּוּ אִין דִי שְׁוֶועֶרֶע צַייטְן וְכוּ'; דֶער**

יג. מֶער אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, פְרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תשה.

זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָּמָה, ד.) יֶעדְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל וָואס רוּפְט אוֹיס: "מָאן מִנְכוֹן דִּי חֲשׁוֹכָא מְהַפְּכָן לִנְהוֹרָא", וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן טוּנְקְל - לִיכְטִיג? "וְטָעֲמִין מְרִירָא לְמִתְקָא עַד לָא יֵיתוּן הָכָא", וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן בִּיטֶער - זִיס? "מָאן מִנְכוֹן דִּמְחַכָּאן בְּכָל יוֹמָא לִנְהוֹרָא דְנָהִיר, וְכוּ'", וֶוער וַוארְט יֶעדְן טָאג אַז עֶס זָאל לִיכְטִיג וֶוערְן - דֶער וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר מַאכְט פוּן זַיין בִּיטֶערְע לֶעבְּן אַ זִיס לֶעבְּן אוּן פוּן זַיין טוּנְקְלְקֵייט - לִיכְטִיג, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אִין דִי טוּנְקְלְקֵייט אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן אִין דִי בִּיטֶערְנִישׁ אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער זִיסֶער בַּאשֶׁעפֶער - דֶער אִיז אַ צַדִּיק אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ עוֹלָם הַבָּא.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן לג, אוֹת ג): "יֵשׁ שְׁנֵי מִינֵי יָמִים: 'יְמֵי טוֹב וִימֵי רַע'", יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט גוּטֶע טֶעג אוּן שְׁוֶוערֶע טֶעג, וָואס אִיז דִי עֵצָה צוּ קֶענֶען אַרִיבֶּערְגֵיין בְּשָׁלוֹם דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג? זָאגְט דֶער רֶבִּי, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ז, יד): "בְּיוֹם טוֹבָה, הֱיֵה בְטוֹב", אִין אַ טָאג וָואס עֶס גֵייט דִיר גוּט, זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאנוּצְן מִיט דִי גוּטְס, "וּבְיוֹם רָעָה רְאֵה", אוּן אִין דִי שְׁלֶעכְטֶע טֶעג זָאלְסְטוּ קוּקְן, "הַיְנוּ שֶׁצָּרִיךְ לָאָדָם לְהִסְתַּכֵּל שָׁם הֵיטֵב הֵיטֵב, בְּוַדַּאי יִמְצָא שָׁם יְמֵי טוֹב", דָאס הֵייסְט, מֶען דַארְף גוּט אַרַיינְקוּקְן אִין דִי שְׁלֶעכְטְס וֶועט מֶען זִיכֶער טְרֶעפְן גוּטְס; אַז מֶען קוּקְט גוּט אַרַיין אִינֶעם שְׁוֶועריקֵייט זֶעט מֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מָלֵא רַחֲמִים אוּן עֶס אִיז אַלֶעס מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים.

**וואוּיל** אִיז דֶעם וָואס נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי וֶוערְטֶער פוּן הַיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר קוּקְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים - וֶועט עֶר זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זְמַנִּים.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## תשסז

### ווִי אַזוֹי קֶענֶען מִיר אַוֶועקְשְׁלֶעפְּן אוּנְזֶער בָּחוּר פוּנֶעם סְמַארְטְפָאוֹן?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר הָאבְּן אַ בָּחוּר וָואס פַאלְט לֵיידֶער, עֶר הָאט זִיךְ פַארְשַׁאפְט אַ סְמַארְטְפָאוֹן צוּ קוּקְן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אוּן בִּכְלַל אִיז זַיין הִתְנַהֲגוּת זֵייעֶר שְׁוַואךְ. אַ בַּעַל מְחַנֵּךְ הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה אִיךְ זָאל פָארְן מִיט אִים אוֹיף וַוייטֶע אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע פְלֶעצֶער אוּן אַזוֹי אִים מְקָרֵב זַיין, עֶר זָאל שְׁפִּירְן אַז מִיר ווִילְן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט אִים. מִיר הָאבְּן טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, מִיר זֶענֶען גֶעפָארְן מִיט אִים. קֹדֶם הָאט אוּנְז זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט אַז 'מִיר פָארְן דָאךְ וַוייל מִיר ווִילְן אִים מְקָרֵב זַיין, אוּן מִיר הָאפְן אַז אַזוֹי וֶועט עֶר הָאבְּן מֶער שְׁמִירַת עֵינַיִם, אוּן דֶערְוַוייל דַארְף מֶען זִיךְ דְרֵייעֶן אִין לוּפְטְפֶעלְד, אִין גוֹי'אִישֶׁע הָאטֶעלְן אוּן אִין נָאךְ אַזֶעלְכֶע פְּלֶעצֶער וָואס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעאֵייגְנְט פַאר שְׁמִירַת עֵינַיִם', אָבֶּער נָאךְ פִיל מֶער הָאט אוּנְז גֶעשְׁטֶערְט אַז זֵייעֶנְדִיג שׁוֹין דָארְט - אִיז עֶר וַוייטֶער אַלֶעמָאל גֶעוֶוען

פַארְנוּמֶען צוּ קוּקְן אִין זַיין טֶעלֶעפָאן, עֶס הָאט אִים בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט דִי אַלֶע אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן.

וָואס אִיז דִי עֵצָה, וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר מְקָרֵב זַיין אוּנְזֶער בָּחוּר? וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אוֹיפְן גְלַייכְן וֶועג?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**מִיר** דַארְפְן וַויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְן אוֹיף אוּנְז אוּן אוּנְז רַאטֶעוֶוען פוּן דֶעם חוֹשֶׁךְ כָּפוּל וּמְכֻפָּל - דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע צָרָה פוּן אִינְטֶערְנֶעט. ווִיפִיל מֶען זָאל נָאר רֶעדְן וֶועגְן דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן הָאבְן אַן אָפֶענֶעם קָאמְפְּיוּטֶער, סְמַארְטְפָאוֹן, אֵייפַּאד וְכוּ' - אִיז נִישְׁט גֶענוּג; דָאס הָאט שׁוֹין לֵייֶדער חָרוּב גֶעמַאכְט צֶענְדְלִיגֶער מִשְׁפָּחוֹת.

**דָאס** אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע צָרָה פַאר אוּנְזֶער דוֹר; וֶוען מֶען הָאט אַן אָפֶענֶעם קָאמְפְּיוּטֶער מִיט אִינְטֶערְנֶעט, אָדֶער אַן אֵייפַּאד, טֶעבְּלֶעט, סְמַארְטְפָאוֹן וְכוּ' - קֶען מֶען זֶען אַלֶע שְׁמוּץ אוֹיף דֶער וֶועלְט; דָאס נֶעמְט אַוֶועק דִי גַאנְצֶע יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן אַ מֶענְטְשׁ, דָאס קִילְט אָפּ דִי אֱמוּנָה פוּן אַ אִיד אוּן בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אִים כְּפִירוּת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת אוּן נָאכְדֶעם וֶוערְט מֶען אִינְגַאנְצְן אוּמְגְלִיקְלִיךְ.

וָוען מֶען קוּקְט שְׁמוּצִיגֶע מָאוִויס וְכוּ' וֶוערְט מֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם, בִּיז עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ אָפְּגֶעוואוֹינֶען דֶערְפוּן; אַזוֹי וִוי דִי וָואס זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדְן (עֶדִיקְטֶעד) צוּ דְרָאגְס וְכוּ' אָדֶער צוּ אַלְקָאהָאל וְכוּ' קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּרַייסְן דֶערְפוּן, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער וָואס הָאט אַ קָאמְפִּיוּטֶער מִיט אִינְטֶערְנֶעט, אָדֶער אַן אֵייפַּאד, סְמַארְטְפָאוֹן וְכוּ' אוּן קוּקְט שְׁמוּצִיגֶע מָאוִויס וְכוּ' - דֶער וֶוערְט זֵייעֶר צוּגֶעקְלֶעבְּט דֶערְצוּ בִּיז עֶס אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דֶעם, דֶער מֹחַ וֶוערְט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט פוּן דִי אַלֶע עֶקְלְדִיגֶע שְׁמוּצִיגֶע מָאוִויס, בִּיז מֶען פַאלְט אַרָאפּ אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן, נָאכְדֶעם הוֹיבְּט מֶען אָן צוּ הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה רַחְמָנָא לִצְלָן.

יֶעצְט וֶוען אַייעֶר זוּן אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם טֶעלֶעפָאן, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים שׁוֹין נִישְׁט קַיין שׁוּם זַאךְ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג אַיין טָאג אוֹיס עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אוֹיף אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין זֵיי אַ רֵיינְקֵייט זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי גְרוֹיס תְּפִלָּה אִיז; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד רֶבִּי נַפְתָּלִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי צְוֵויי עֵדוּת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶענוּמֶען פַארְן תִּקּוּן הַכְּלָלִי, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה): "וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט אוּן

מֶען וֶועט קוּמֶען אוֹיף מַיין צִיּוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה לִזְכוּתִי אוּן זָאגְן דֶעם תִּקּוּן הַכְּלָלִי [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], אֲפִלּוּ דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל עֲבֵירָה, וֶועל אִיךְ אִים מְתַקֵּן זַיין אוּן אִים אַ טוֹבָה טוּן; בַּיי דִי פֵּאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְצִיעֶן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית".

**רֶבִּי** נַפְתָּלִי הָאט גֶעהַאט אַ זוּן וָואס אִיז אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה רַחֲמָנָא לִצְלַן, פְלֶעגְט רֶבִּי נַפְתָּלִי גֵיין יֶעדְן טָאג צוּם צִיּוּן אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין אַז דֶער זוּן זָאל שְׁטַארְבְּן, תְּפִלָּה הָאט דָאךְ אַ גְרוֹיסְן כֹּחַ אוּן זַיין זוּן אִיז טַאקֶע גֶעשְׁטָארְבְּן. וֶוען רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דָאס גֶעהֶערְט - הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין חָבֵר רֶבִּי נַפְתָּלִי: "נַפְתָּלִי, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִיךְ נִישְׁט, אַז דוּ הָאסְט אַ כֹּחַ פוּן דַאוֶוענֶען - פַארְוָואס הָאסְטוּ גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל שְׁטַארְבְּן? וָואלְסְט גֶעדַארְפְט בֶּעטְן עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, וָואלְט עֶר זִיךְ צוּרִיקְגֶעקֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!"

**זָאלְסְט** יֶעדְן טָאג נָאס מַאכְן דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים מִיט טְרֶערְן, זָאלְסְט וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען; דָאס זָאלְסְטוּ טוּן וֶוען עֶר אִיז נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים, אָבֶּער בְּפָנָיו, פַאר אִים - זָאלְסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; זָאלְסְט אִים מְקָרֵב זַיין אוּן רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִים, עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ פָארְן אוֹיף פְלֶעצֶער וְכוּ'. אִין דִי צַייט וֶוען אַלֶע קִינְדֶער שְׁלָאפְן אָדֶער אִינְמִיטְן טָאג וְכַדּוֹמֶה - דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ וֵויינֶען צוּם

אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע שִׁנּוּיִים לְטוֹבָה בַּיי אִים, בִּיז עֶר וֶועט אִינְגַאנְצְן צוּרִיק קוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## תשסח

**וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ וִויל אֲפִילוּ נִישְׁט אָפְּלָאזְן מַיינֶע עֲבֵירוֹת?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ כּוֹלֵל אִינְגֶערְמַאן, אִיךְ הֵייס אַ חָשׁוּב'עֶר אִינְגֶערְמַאן, אָבֶּער וָואס אִיךְ בִּין בֶּאֱמֶת - וֵוייסְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, אִיךְ זִינְק לַיידֶער גָאר טִיף אִין בְּלָאטֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאב בַּאקוּמֶען אַ קַארְטְל פוּן אֵיינֶעם מִיט דִי נוּמֶער פוּן "קוֹל בְּרֶסְלֶב", אִיךְ הָאב אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁעוּרִים אוּן דְרָשׁוֹת, אוּן דָאס הָאט מִיךְ אַבִּיסְל אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן שְׁלָאף, אִיךְ הָאב אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט בְּרֶענְט נָאכְאַלְץ אִין מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק דֶער יֵצֶר הָרָע, אִיךְ פַּאל אוּן אִיךְ פַּאל כְּסֵדֶר, אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת.

אִיךְ וֵוייס אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר עֶנְטְפֶערְן אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַּאלְט אַרָאפּ טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט צֶעבְרֶעכְן, נָאר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן פְּרוּבִּירְן וַוייטֶער צוּ פַאררֶעכְטְן, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז אִיךְ הַאלְט אֲפִילוּ נִישְׁט בַּיים פַארְרֶעכְטְן, אִיךְ וִויל נָאר קוּקְן אוּן קוּקְן נָאךְ עֲבֵירוֹת, אִיךְ קֶען שְׁטֵיין צוּגֶענָאגְלְט צוּם פֶּענְסְטֶער פַּאר שָׁעוֹת צוּ קוּקְן אוֹיף פְּרוֹיעֶן,

אִיךְ קֶען קוֹיפְן אַ סְמַארְטְפָאוֹן צוּ קוּקְן, נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ חֲרָטָה אוּן אִיךְ צֶעבְּרֶעךְ עֶס, אוּן דֶערְנָאךְ גֵיי אִיךְ נָאכְאַמָאל קוֹיפְן. לַאכְט מִיר נִישְׁט אוֹיס, אָבֶּער דֶער נַאר שְׁטוּפְּט מִיךְ מַמָּשׁ צוּ קוּקְן נָאךְ אוּן נָאךְ, אוּן אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס.

אִיךְ וויל פְרֶעגְן אוֹיבּ דִי אַלֶע פְּרָאגְרַאמֶען וָואס הֶעלְפְן פַּאר עֶדִיקְשְׁנְס קֶענֶען מִיר עֶפֶּעס הֶעלְפְן? אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ פָאר אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט זָאגְן אַז דָאס אִיז גֶעמַאכְט נָאר פַּאר דִי גּוֹיִם, אָבֶּער וָואס קֶען הֶעלְפְן פַּאר אַ אִיד? וִוי אַזוֹי זֶע אִיךְ זִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וָואס** מַאכְסְטוּ זִיךְ אַזוֹי תַּמְ'עֲוַואטֶע צוּ פְרֶעגְן וָואס דִי עֵצָה אִיז? וֶוען אֵיינֶער הַאלְט אַ מֶעסֶער אִין הַאנְט אוּן שְׁטֶעכְט זִיךְ אֵיין מָאל, צְוֵויי מָאל, דְרֵיי מָאל - וָואס פַּאר אַן עֵצָה וָואלְסְטוּ אִים גֶעגֶעבְּן? וָואלְסְט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִים וֶוען עֶר וֵויינְט: "וָואס קֶען אִיךְ טוּן? אִיךְ צֶעשְׁנַייד זִיךְ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל", יֶעדֶער בַּר דַעַת וָואלְט אִים גֶעזָאגְט: "לֵייג אַרָאפּ דֶעם מֶעסֶער וֶועסְטוּ זִיךְ מֶער נִישְׁט צֶעשְׁנַיידְן!" וָואס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס דִי עֵצָה

פַאר דִיר אִיז? לֵייג אַרָאפּ דֶעם טֶעלֶעפָאן, וַוארְף עֶס אַוֶועק וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט.

**וְויסְן** זָאלְסְטוּ אַז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע עֲבֵירָה, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה יג:): "כָּל הַמּוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה חַיָּב מִיתָה", דֶער וָואס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן - אִיז חַיָּב מִיתָה. נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שָׁם): "כְּאִלּוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים", וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה, אִיז אַזוֹי וִוי אֵיינֶער אִיז עוֹבֵר אוֹיף רְצִיחָה אוּן שְׁפִיכוּת דָּמִים. אַזוֹי אוֹיךְ: "כְּאִלּוּ עוֹבֵד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים", עֶס אִיז אַזוֹי וִוי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה רַחְמָנָא לִצְלָן.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר, טוּ תְּשׁוּבָה. אַז דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן וֶועט דִיר גוּט זַיין; וֶוען דוּ זָאלְסְט וִויסְן וָואס פַאר אַ שְׁלֶעכְטְס דוּ בְּרֶענְגְסְט זִיךְ דוּרְךְ דֶעם - וָואלְסְטוּ זִיכֶער גֶעהַאט כֹּחַ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן נִישְׁט צוּ טוּן דִי עֶקְלְדִיגֶע זַאכְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית וֶוערְט אִים זֵייעֶר בִּיטֶער דָאס לֶעבְן, דֶער שָׁאדְן וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ - אִיז גֶעפֶערְלִיךְ. אַזוֹי וִוי דֶער מְחַבֵּר זָאגְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רמ, סְעִיף יד) וֶוען מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית - "זִקְנָה קוֹפֶצֶת עָלָיו, וְכֹחוֹ תָּשַׁשׁ" - וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, פַארְעֶלְטֶערְט אוּן מֶען פַארְלִירְט דִי כֹּחוֹת. אַזוֹי אוֹיךְ: "עֵינָיו כֵּהוֹת, וְרֵיחַ רַע נוֹדֵף מִפִּיו", דִי אוֹיגְן וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, מֶען הוֹיבְּט אָן זֶען זֵייעֶר

שְׁוואַך און עֶס הויבְּט אָן גֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ פוּן מויל; "וְשֵׂעַר רֹאשׁוֹ וְגַבּוֹת עֵינָיו וְרִיסֵי עֵינָיו נוֹשְׁרִים וְכוּ'", דִי הָאר פוּן קָאפּ פַאלְט אַרוֹיס, "וְהַרְבֵּה כְּאֵבִים חוּץ מֵאֵלּוּ בָּאִים עָלָיו", און עֶס בְּרֶענְגְט אַסאך וֵוייטָאג אויפְן מֶענְטְשׁ.

**וָוארְף** אַוֶועק דַיין טֶעלֶעפָאן וָואס דוּ קוּקְסְט אויף דֶעם עֲבֵירוֹת בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט. פַארְוָואס זָאלְסְטוּ פַארְלִירְן דַיין לֶעבְּן? מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס וֶוען מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית פַארְלִירְט עֶר דֶעם טַעַם פוּן דַאוֶונֶען. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן נ): "כִּי כָּל הַפּוֹגֵם בַּבְּרִית, אֵין יָכוֹל לְהִתְפַּלֵּל", וֶוער עֶס אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית - דֶער קֶען נִישְׁט דַאוֶונֶען.

**וָואס** הָאסְטוּ פוּן קוּקְן זֶבֶל און זֻהֲמָה נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל? הָאסְט דָאךְ שׁוֹין אַלֶעס גֶעזֶען! עֶס גֵייט דִיר נָאכְנִישְׁט אַרוֹיס פוּן דַיין נָאז? וָואס הָאסְטוּ פוּן שְׁטֵיין בַּיים פֶענְסְטֶער און קוּקְן אויף יֶעדֶע פְרוֹי? וָואס הָאסְטוּ פוּן קוּקְן בִּילְדֶער און מָאוִוים פוּן עֶקְלְדִיגֶע אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע פְרוֹיעֶן?! דָאס מַאכְט דִיר נָאכְדֶעם אַזוֹי דֶעפְּרֶעסְט! דוּ כַאפְּסְט נִישְׁט פוּן וָואס דוּ בִּיסְט אַזוֹי בְּעַצְבוּת! דַיין דֶעפְּרֶעסְיֶע און צֶעבְּרָאכְנְקֵייט קוּמְט פוּן קוּקְן עֲבֵירוֹת וָואס דָאס בְּרֶענְגְט צוּ פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִצְלָן!

דִי עֲבֵירוֹת מַאכְט דֶעפְּרֶעסְט און צֶעבְּרָאכְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער אִין דִי תוֹרָה: "וְזֶה בְּחִינַת

חוּלַאַת שֶׁקּוֹרִין בְּרֶעכֶענִישׁ, רַחֲמָנָא לִצְלָן, שֶׁשּׁוֹבֵר עֲצָמוֹת שֶׁל אָדָם", פוּן דִי עֲבֵירָה קוּמְט דִי מַחֲלָה וָואס הֵייסְט 'בְּרֶעכֶענִישׁ' - דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן אוֹיף שְׁטִיק שְׁטִיקְלֶעךְ אוּן שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין זַיין לֶעבְּן.

**אִיךְ** ווּאוּנְטְשׁ דִיר דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן.

## תשסט

**זָאל אִיךְ זִיךְ עֶקְשְׁנְ'עֶן נִישְׁט צוּ בַּאקוּמֶען טֵייעֶרֶע צִירוּנְגֶען?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קֹדֶם מוּז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת, וָואס הֶעלְפְט מִיר כְּסֵדֶר אִין מַיין לֶעבְּן. אִיךְ הָאב בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען אַ כַּלָּה צוּ וֶוערְן מִיט אַן עֶרְלִיכֶער שִׁדּוּךְ, אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאב אַלְץ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען, אוּן אוֹיךְ אִיז דֶער חָתָן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ תַּלְמִיד פוּן דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה, אוּן אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערְפַאר.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַסַאךְ וֶועגְן בִּילִיגֶע מַתָּנוֹת[יג], אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ דַארְף טַאקֶע נִישְׁט דִי גָאלְדֶענֶע צִירוּנְגֶען, וָואס זָאל אִיךְ אָבֶער טוּן אַז מַיין מַאמֶע וִויל יָא אִיךְ זָאל הָאבְּן אַזוֹי וִוי אַלֶע כַּלוֹת? אִיז מַיין שְׁאֵלָה צִי אִיךְ זָאל זִיךְ עֶקְשְׁנְ'עֶן אוֹיף בִּילִיג, אָדֶער בֶּעסֶער לָאזְן אַזוֹי אוּן בֵּיידֶע מְחוּתָּנִים זָאלְן דַארְפְן בַּאצָאלְן טֵייעֶר גֶעלְט?

---

יג. מֶער אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, אִין סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ז', מִכְתָּב תרה.

אויך הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט בֶּעטְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אויבּ עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ אִיךְ זָאל הָאבְּן דִי זְכִיָה דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל קוּמֶען צוּ מַיין חֲתוּנָה.

נָאכְאַמָאל, אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ אויף אַלֶעס.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

הַכַּלָּה ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מַזָּל טוֹב צוּ אַייעֶר שִׁדּוּךְ! אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועֶן צוּ בַּאקוּמֶען זַייעֶר אַ וואוילֶער חָתָן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט אויפְשְׁטֶעלְן מִיט אַייעֶר חָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ מִיט לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

בְּנוֹגֵעַ אויסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר מַתָּנוֹת וְכַדּוֹמֶה; אִיר קֶענְט זָאגְן שֵׁיינֶערְהֵייט פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אַז אִיר וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ בִּיז גָאר אֲפִלּוּ מִיט פָּשׁוּט'ע מַתָּנוֹת אָן אויסְגֶעבְּן גֶעלְט, און אַז זֵיי ווילְן נָאכְאַלְץ קויפְן טֵייעֶרֶע זַאכְן וַוייל 'אַזוֹי טוּט יֶעדֶער' - זָאלְט אִיר זֵיי דַאנְקֶען און שֶׁעצְן, נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אַוֶועק מַאכְן.

אִיךְ ווִיל אויךְ זַייעֶר שְׁטַארְק קוּמֶען צוּ אַייעֶר חֲתֻנָּה; אִיךְ בִּין אָבֶּער נִישְׁט תָּלוּי אִין מִיר אַלֵיין, מִמֵּילָא קֶען אִיךְ

נִישְׁט זָאגְן יֶעצְט וָואס וֶועט זַיין, דֶער תָּם פְלֶעגְט זָאגְן (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט׳, מֵחָכָם וְתָם): ״בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַלֶעס מֶעגְלִיךְ״.

**דֶער** עִקָּר זָאלְט אִיר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּן מִיט אַייךְ נָאךְ חֲסָדִים.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

## תשע

### ווי אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁעוּרִים, אִיךְ הֶער עֶס כְּסֵדֶר אוֹיס אוּן אִיךְ שֶׁעפּ אַסַאךְ חִזּוּק אוּן חִיּוּת דֶערְפוּן.

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק זַיין אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד בֶּאֱמֶת, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטֶער כְּסֵדֶר. וֶוען אִיךְ רֶעד אָבֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוער אִיךְ מְבוּלְבָּל אוּן פַארְלוֹירְן, אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט ווִי אִיךְ רֶעד צוּ מַיין חָבֵר, עֶס הַאלְט קוֹים אָן פַאר אֵיין מִינוּט, אוּן רוֹב וֶוערְטֶער זֶענֶען: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל רֶעדְן צוּ דִיר״, אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ הָאבְּן אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן כְּדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, שְׁפִּירְן אַז אִיךְ רֶעד צוּ מַיין טַאטֶע.

נָאךְ אַ זַאךְ וָואס בַּאדֶערְט מִיךְ שׁוֹין פוּן אַלְס קִינְד, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ וֶועל פָּטוּר וֶוערְן דֶערְפוּן אָבֶּער דֶערְוַוייל אִיז עֶס מִיטְגֶעוַואקְסְן מִיט מִיר; יֶעדֶעס מָאל אִיךְ גֵיי צוּם דָאקְטָאר אָדֶער דֶענְטִיסְט, בִּפְרָט פַאר מֶער עֶרְנְסְטֶע זַאכְן - כַּאפְּט מִיר אָן אַ פַּחַד אוּן אַ שְׁרֶעק, וָואס קֶען אִיךְ טוּן זִיךְ צוּ מִתְגַּבֵּר זַיין?

אַ יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דַיינֶע** תְּפִלּוֹת זֶענֶען אוֹיסְנַאם תְּפִלּוֹת; בֶּעט וַוייטֶער דִי הֶערְלִיכֶע וֶוערְטֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל רֶעדְן צוּ דִיר", זָאג עֶס אִיבֶּער טוֹיזְנְטֶער מָאל בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין אָנְצוּהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**עֶס** נֶעמְט אַ שְׁטִיק צַייט וִוי לַאנְג דֶער מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים אוֹיס, אַזוֹי וִוי וֶוען עֶר רֶעדְט צוּ אַ חָבֵר. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן יב): "הָיָה נִדְמֶה לוֹ תָּמִיד שֶׁאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל וְאֵין שׁוֹמְעִין לוֹ כְּלָל", וֶוען עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים שְׁטֶענְדִיג גֶעדַאכְט אַז קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִים אוּן מֶען הֶערְט נִישְׁט אוֹיס אוֹיבְּן אִין הִימְל וָואס עֶר בֶּעט, "רַק אַדְּרַבָּא, נִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ

מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּכָל מִינֵי הַרְחָקוֹת וּכְאִלּוּ אֵין רוֹצִין בּוֹ כְּלָל וּכְלָל", פַּארְקֶערְט, ווִי מֶער עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים אַלְץ מֶער גֶעדַאכְט ווִי מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, "כִּי הָיָה רוֹאֶה שֶׁחוֹלְפִין וְעוֹבְרִין כַּמָּה וְכַמָּה יָמִים וְשָׁנִים וַעֲדַיִן הוּא רָחוֹק מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְלֹא זָכָה עֲדַיִן לְשׁוּם הִתְקָרְבוּת", ווַייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ יָארְן אוּן עֶר הָאט נָאכְאַלְץ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "עַל כֵּן נִדְמֶה בְּעֵינָיו שֶׁאֵין שׁוֹמְעִין דְּבָרָיו כְּלָל, וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, רַק אַדְּרַבָּא, מַרְחִיקִין אוֹתוֹ בְּכָל מִינֵי הִתְרַחֲקוּת מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ", דֶערְפַאר הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אַדְּרַבָּה עֶס הָאט אִים אוֹיסְגֶעזֶען ווִי מֶען שְׁטוּפְּט אִים אַוֶועק פוּן דִי קְדֻשָּׁה, "אַךְ אַף עַל פִּי כֵן הָיָה מְחַזֵּק עַצְמוֹ מְאֹד, וְלֹא הִנִּיחַ אֶת מְקוֹמוֹ", מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, "וְכַמָּה פְּעָמִים הָיָה שֶׁהָיָה נוֹפֵל בְּדַעְתּוֹ מֵחֲמַת זֶה שֶׁרָאָה שֶׁהוּא מִתְפַּלֵּל וּמַעְתִּיר וּמַפְצִיר כָּל כָּךְ שֶׁיִּתְקָרֵב לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, וּמֵחֲמַת זֶה נָפַל לִפְעָמִים בְּדַעְתּוֹ וְלֹא הָיָה מְדַבֵּר עוֹד כָּל כָּךְ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ אֵיזֶה יָמִים", אַסַאךְ מָאל הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט בַּיים רֶבִּי'ן אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, זֶעעֶנְדִיג אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹי סַאךְ גֶעדַאוֶוענְט אוּן גֶעבֶּעטְן אָבֶּער עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, "אַחַר כָּךְ נִזְכַּר בְּעַצְמוֹ וְהִתְבַּיֵּשׁ בְּעַצְמוֹ עַל שֶׁהִרְהֵר אַחַר

מִדּוֹתָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי בֶּאֱמֶת בְּוַדַּאי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ חַנּוּן וְרַחוּם וְכוּ׳, וּבְוַדַּאי הוּא רוֹצֶה לְקָרְבוֹ וְכוּ׳, וְחָזַר וְנִתְחַזֵּק בְּדַעְתּוֹ וְהִתְחִיל שׁוּב לְהַעְתִּיר וּלְדַבֵּר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כַּנַּ״ל", בִּיז עֶר הָאט זִיךְ גֶעכַאפְּט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט אַז עֶר הָאט נָאכְגֶעלָאזְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, הָאט עֶר צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְכֵן הָיָה כַּמָּה פְּעָמִים", אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ מָאל, עַיֵּן שָׁם.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט אוֹיפְצוּהֶערְן בֶּעטְן אוּן דַאוֶוענֶען, אֲפִלּוּ וֶוען עֶס וֶוערְט פַארְמַאכְט דִי גֶעפִילְן, מֶען שְׁפִּירְט גָארְנִישְׁט אוּן מֶען זֶעט גָארְנִישְׁט; אַדְּרַבָּה, מֶען זֶעט נָאר פַארְקֶערְט, מֶען זֶעט ווִי מֶען בֶּעט אוּן מֶען בֶּעט אוּן עֶס רִירְט זִיךְ גָארְנִישְׁט, דַארְף מֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דִי עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. בַּיים סוֹף, וֶוער עֶס הַאלְט אָן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת - אִיז זוֹכֶה אַז עֶר בַּאקוּמְט אַ לוֹיטֶערֶער מֹחַ; עֶר הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה אוּן אַלֶע פְּחָדִים גֵייעֶן אַוֶועק פוּן אִים, עֶר הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, נִישְׁט פוּן קַיין דָאקְטֶער, דֶענְטִיסְט, מַלְאָכִים אוּן אֲפִלּוּ פוּנֶעם מַלְאַךְ הַמָּוֶת, נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תשעא

### ווי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט דִי וַוייבּ?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַ בְּרִיווּ[יד] וואוּ אֵיינֶער פְרֶעגְט אָן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס צוּ טוּן אַז זַיין וַוייבּ שְׁרַייט כְּסֵדֶר אוֹיף דִי קִינְדֶער, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ מַמָּשׁ גֶעשְׁפִּירְט אִין דִי שְׁאֵלָה, אָבֶער דֶער עֶנְטְפֶער הָאט מִיךְ נֶערְוֶועז גֶעמַאכְט; דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א עֶנְטְפֶערְט יֶענֶעם עֶר זָאל גֶעבְּן פַאר זַיין וַוייבּ דִי קוּנְטְרֵסִים אוֹיף חִינוּךְ הַיְלָדִים, אִיךְ בִּין אָבֶער אִין אַ מַצָּב אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט גֶעבְּן פַאר מַיין וַוייבּ קַיין בְּרֶסְלֶב'עֶר סְפָרִים, זִי וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט לֵיינֶען עֶפֶּעס וָואס זִי אִיז נִישְׁט אוֹיפְגֶעוַואקְסְן דֶערְמִיט, אוּן נָאכְדֶערְצוּ וֶוען דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס פַארְלַאנְגְט פוּן אִיר עֶפֶּעס צוּ פַארְרֶעכְטְן.

אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, וַוייל מַיין וַוייבּ טוּט אַזוֹיפִיל וֵוי מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אוֹיךְ מִיר. אִיךְ הֶער אַז מֶען דַארְף זַיין אַ גוּטֶער מַאן צוּ דִי וַוייבּ, אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶער אַז בַּיי מִיר אִיז דָאס נִישְׁט מֶעגְלִיךְ, וַוייל זִי וויל נָאר זַיין מַיין בַּעַל הַבַּיִת, זִי ווִיל אַלֶעמָאל ווִיסְן וָואס אִיךְ טוּ אוּן מִיט וֶועמֶען אִיךְ רֶעד, אוּן דָאס אִיז אוֹיסֶער מַיינֶע אֵייגֶענֶע נִסְיוֹנוֹת מִיט וָואס אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ שׁוֹין פוּן אַלְס בָּחוּר.

אִיךְ בִּין אַ צֶעקְלַאפְּטֶער אוּן טְרוֹיעֶרִיגֶער, אוּן צוּ אַלֶע צָרוֹת הָאבּ אִיךְ נָאךְ חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ פַארְרוּקְטֶע וַוייבּ וָואס גֵייט מִיר אוֹיף דִי נֶערְוְון, אִיךְ שְׁפִּיר אַז דָאס לֶעבְּן אִיז מִיר נִישְׁט וֶוערְד, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ אוּן אִינְטֶערֶעס צוּ טְרָאגְן דִי אַחְרָיוּת פוּן אַ שְׁטוּבּ ווִי לַאנְג אִיךְ לֶעבּ מִיט אַזַא סָארְט וַוייבּ.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיךְ אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין מַיין מַצָּב?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

---

יד. פְרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תשיג.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**מַאךְ** זִיךְ אַ שִׁעוּר אִינֶעם סֵפֶר: "אוֹצַר שָׁלוֹם בַּיִת", אוּן אִין דִי אִידִישֶׁע סְפָרִים: "מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ", "שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ", "סְ'אִיז גוּט"; אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר: "לָמָּה לְהִתְגָּרֵשׁ" - (אִין אִידִישׁ: "זִיךְ גֶטְ'ן אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה"). דָארְט וֶועסְטוּ זֶען וִוי מוֹהֲרַ"אשׁ לֶערְנְט אוּנְז וִוי אַזוֹי מֶען לֶעבְּט מִיט אַ וַוייבּ, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֶעלְפְן דִי וַוייבּ אוּן דָאס ווִיכְטִיגְקֵייט פוּן קוּקְן מִיט אַ גוּט אוֹיג אוֹיף אִיר אוּן רֶעדְן צוּ אִיר שֵׁיין.

**ווִיסְן** זָאלְסְטוּ אַז דַיינֶע צָרוֹת זֶענֶען צוּלִיבּ דַיינֶע עֲבֵירוֹת. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בְּמַחְשָׁבָה, עֶר טְרַאכְט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן - לַיידְט עֶר נָאכְדֶעם צָרוֹת פוּן זַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בְּדִבּוּר, עֶר רֶעדְט זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט - לַיידְט עֶר נָאכְדֶעם צָרוֹת פוּן זַיין וַוייבּ, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בְּמַעֲשֶׂה, עֶר זִינְדִיגְט אוּן טוּט עֲבֵירוֹת - לַיידְט עֶר נָאכְדֶעם פוּן מֶענְטְשְׁן"; אַנְשְׁטָאט דוּ זָאלְסְט וַוארְפְן דֶעם שׁוּלְד אוֹיף אִיר אוּן טְרַאכְטְן אַז זִי אִיז דִי פְּרָאבְּלֶעם - זָאלְסְטוּ עֶנְדֶערְשׁ תְּשׁוּבָה טוּן, זִיךְ גוּט אוֹיסְוַוייְנֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעם וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בְּמַחְשָׁבָה, דִבּוּר וּמַעֲשֶׂה, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט

(מִשְׁלֵי טז, ז): "בִּרְצוֹת ה' דַּרְכֵי אִישׁ, גַּם אוֹיְבָיו יַשְׁלִם אִתּוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועלְן זַיינֶע פַּיינְט וֶוערְן פְּרַיינְד; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה נד, א) וֶועם מֵיינְט מֶען זַיינֶע פַּיינְט? "רַבִּי יוֹחָנָן אָמַר, זוֹ אִשְׁתּוֹ", דָאס מֵיינְט מֶען דִי וַוייבּ; ווייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דֶעמָאלְט וֶוערְט זַיין וַוייבּ זַיין הֶעלְפֶּער, זִי וֶועט שָׁלוֹם מַאכְן מִיט אִים אוּן זַיין פַאר אִים אַן עֵזֶר.

קוּק ווי אַזוֹי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט אִין שְׁטוּבּ מִיט זֵייעֶר וַוייבּ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי חִיָּיא הָאט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע שְׁטוּבּ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְבָמוֹת סג.): "רֶבִּי חִיָּיא הֲוָה קָא מְצַעֲרָא לֵיהּ דְבֵיתְהוּ", רֶבִּי חִיָּיא'ס וַוייבּ פְלֶעגְט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ מְצַעֵר זַיין, מִיט דֶעם אַלֶעם: "כִּי הֲוָה מְשַׁכַּח מִידִי, צַיֵּיר לֵיהּ בְּסוּדְרֵיהּ וּמַיְיתֵי נִיהֲלֵהּ", וֶוען עֶר פְלֶעגְט זֶען אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס זַיין וַוייבּ הָאט לִיבּ, פְלֶעגְט עֶר אִיר דָאס אַהֵיים בְּרֶענְגֶען, הָאט רַב גֶעפְרֶעגְט פוּן רֶבִּי חִיָּיא: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, פַארְוָואס בְּרֶענְגְסְטוּ אִיר אֵייבִּיג אַהֵיים גוּטֶע זַאכְן, זִי אִיז דָאךְ דִיךְ מְצַעֵר?!" הָאט אִים רֶבִּי חִיָּיא גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דַּיֵּינוּ שֶׁמְגַדְּלוֹת בָּנֵינוּ, וּמַצִּילוֹת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא", מִיר אִיז גֶענוּג אַז זִי צִיט אוֹיף דִי קִינְדֶער אוּן זִי רַאטֶעוֶועט מִיךְ פוּן עֲבֵירוֹת; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תשעב

## ווי אַזוֹי טְרֶעפְט מֶען אַ שִׁדּוּךְ בַּיי דִי פֶערְצִיג יָאר?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר מַמָּשׁ אִינְגַאנְצְן צֶערִיסְן אוּן צֶעפְּלִיקְט. אִיר זֶענְט נָאךְ אַזוֹי יוּנְג אוּן אִיר הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶועזְן חֲתוּנָה צוּ מַאכְן אַ זוּן, אוּן אִיךְ בִּין שׁוֹין פֶערְצִיג יָאר אַלְט אוּן אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען יוּנְג הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר גֶעקְלוֹיבְּט אִין שִׁדּוּכִים, אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעזָאגְט יֶעדֶע שִׁדּוּךְ, קֵיין אֵיין שִׁדּוּךְ אִיז מִיר נִישְׁט גֶעפָאלְן. מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אִיךְ זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְקְלוֹיבְּן אַ גוּטְן שִׁדּוּךְ, אוּן יֶעצְט זֶענֶען שׁוֹין מַיינֶע עֶלְטֶערְן נִפְטָר גֶעוָוארְן, אוּן מַיין הַארְץ גִיסְט בְּלוּט אַז אִיךְ הָאבּ זֵיי אַזוֹי שְׁטַארְק מְצַעֵר גֶעוֶוען, אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט וֶוען זֵיי הָאבְּן נָאךְ גֶעלֶעבְּט.

פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶע אִיךְ אוֹיס וִוי אַ גֶעלוּנְגֶענֶער מֶענְטְשׁ, אִיךְ זֶע אוֹיס פִּיל יוּנְגֶער וִוי אִיךְ בִּין בֶּאֱמֶת, אָבֶּער אִינֶעוֵוייניג אִיז מַיין הַארְץ צֶעשְׁנִיטְן אוּן צֶערִיסְן פוּן יִסוּרִים, אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּרִיק טְרַאכְטְן פוּן דִי טָעוּתִים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אִין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז זֵייעֶנְדִיג אִין אוּמַאן הָאט מִיר אַ מֵפִיץ גֶעגֶעבְּן צְוֵויי קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, "יְשׁוּעָתְךָ קְרוֹבָה" אוּן "תַּפְסִיקוּ לִדְאוֹג", אוּן דִי קוּנְטְרֵסִים זֶענֶען מַמָּשׁ מַיין לֶעבְּן, אָן דֶעם וָואלְט אִיךְ שׁוֹין זִיכֶער גֶעכַאפְּט אַ הַארְץ אַטַאקֶע. עֶס אִיז מִיר אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז דַוְקָא דִי קוּנְטְרֵסִים וָואס אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל חוֹזֶק גֶעמַאכְט דֶערְפוּן אוּן גֶערֶעדְט קֶעגְן דֶעם, דַוְקָא דָאס זֶענֶען מִיר יֶעצְט אַזוֹי שְׁטַארְק מְחַזֵּק אִין לֶעבְּן, אִיךְ דַארְף זִיכֶער גֵיין צוּ מוֹהֲרָא"שְׁ'ס צִיּוּן אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן.

אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר זָאגְן וֶועלְכֶע נָאךְ קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָ"אשׁ קֶענֶען מִיךְ מְחַזֵּק זַיין, אִיךְ דַארְף הָאבְּן חִיזּוּק אָנְצוּגֵיין אוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת נֹחַ, כ"ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָ"אשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַזוֹיפִיל גֶעשְׁרִיבְּן פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דֶעם פַּיינְט וָואס רוּפְט זִיךְ: "צַייט", אַזוֹי וִוי עֶס גֵייט דֶער מַאֲמָר הַחָכָם: "הִזָּהֵר מִן הַזְּמַן כִּי הוּא אוֹיֵב רָע מְאֹד", מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי צַייט, אִיר צוּ הִיטְן - וַוייל עֶס גֵייט אַרִיבֶּער זֵייעֶר שְׁנֶעל, אוּן אַז מֶען וִויל נִישְׁט אָוֶועקְלֵייגְן דִי גַאֲוָה, נָאר מֶען קְלוֹיבְּט זִיךְ אוּן מֶען קְלוֹיבְּט זִיךְ, - בִּיז מֶען כַאפְּט זִיךְ אִיז מֶען שׁוֹין פַארְעֶלְטֶערְט וְכוּ'.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ טוּן אַ שִׁדּוּךְ דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען וָואס חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (יְבָמוֹת סג.): "נְחוֹת דַּרְגָּא וְנָסִיב אִיתְּתָא", גֵיי אַרָאפּ אַ מַדְרֵגָה וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁדּוּךְ; בְּדֶרֶךְ כְּלָל אִיז אַ מֶענְטְשׁ אַ בַּעַל גַּאֲוָה וְכוּ', עֶס פַּאסְט אִים נִישְׁט צוּ נֶעמֶען שִׁדּוּכִים וָואס מֶען טְרָאגְט אִים אָן אוּן עֶר

מַאכְט אַלֶעס אַוֶועק זָאגְנְדִיג: 'אִיךְ, דֶער גְרוֹיסֶער חָכָם - וֶועל נֶעמֶען דָאס?!' 'אִיךְ דֶער שֵׁיינֶער מֶענְטְשׁ, דֶער קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ - וֶועל חֲתֻנָּה הָאבְּן מִיט אַזוֹינְס?!' אַזוֹי דְרֵייט מֶען זִיךְ אַרוּם וְכוּ' זוּכְנְדִיג אַ שִׁדּוּךְ וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן; מֶען זוּכְט אוּן מֶען זוּכְט, מֶען גֵייט אַרוֹיס זִיךְ טְרֶעפְן וְכוּ' אַלְץ מִיט דִי כַּוָּנָה אַז אֶפְשָׁר וֶועט מֶען טְרֶעפְן אַ כַּלָּה וָואס וֶועט קוּמֶען צוּ רַייטְן אוֹיף אַ וַוייסֶע פֶערְד מִיט אָנְגֶעפִילְטֶע זֶעק מִיט גֶעלְט וְכוּ', מֶען וַוארְט עֶס זָאל גֶעבּוֹירְן וֶוערְן אַזַא פַּארְשׁוֹין אוּן מֶען כַּאפְּט נִישְׁט אַז בִּיז דֶערְוַוייל גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ צַייט, אוּן פְּלוּצְלוּנְג דֶערְזֶעט מֶען זִיךְ פַארְעֶלְטֶערְט...

**אַז** מֶען טְרָאגְט דִיר אָן אַ שִׁדּוּךְ - זָאלְסְטוּ גְלַייךְ נֶעמֶען דֶעם שִׁדּוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן דוֹרוֹת, מְקַיֵּם זַיין דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן חֲתֻנָּה הָאבְּן אוּן בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער. אַז מֶען הָאט נִישְׁט חֲתֻנָּה אִיז דָאס זֵייעֶר אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ, דֶער מְחַבֵּר הוֹיבְּט אָן דִי עֶרְשְׁטֶע סְעִיף אִין חֵלֶק אֶבֶן הָעֶזֶר פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט דִי הֲלָכָה: "חַיָּב כָּל אָדָם לִישָּׂא אִשָּׁה כְּדֵי לִפְרוֹת וְלִרְבּוֹת", יֶעדֶער אִיד אִיז מְחֻיָּב חֲתֻנָּה צוּ הָאבְּן מִיט אַ פְּרוֹי כְּדֵי צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, "וְכָל מִי שֶׁאֵינוֹ עוֹסֵק בִּפְרִיָּה וּרְבִיָּה כְּאִלּוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים וּמְמַעֵט אֶת הַדְּמוּת", אוּן וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט חֲתֻנָּה, עֶר אִיז נִישְׁט מְקַיֵּם דִי מִצְוָה פוּן פְּרִיָּה וְרִבְיָּה - אִיז אַזוֹי ווִי עֶר וָואלְט וֶוען גֶע'הַרְגְ'עֶט מֶענְטְשְׁן אוּן פַארְגָאסְן זֵייעֶר בְּלוּט, "וְגוֹרֵם לַשְּׁכִינָה שֶׁתִּסְתַּלֵּק מִיִּשְׂרָאֵל", אוּן עֶר בְּרֶענְגְט אַז דִי שְׁכִינָה זָאל נִישְׁט זַיין מִיט דִי אִידְן; חוּץ פוּן דֶעם וָואס עֶס פֶעלְט

אִים דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה וֶוען מֶען הָאט חֲתֻנָּה, אַזוֹי וִוי דֶער רְמָ"א זָאגְט דָארְט: "וְכָל מִי שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה, שָׁרוּי בְּלֹא בְּרָכָה בְּלֹא תּוֹרָה כוּ', וְלֹא נִקְרָא אָדָם, וְכֵיוָן שֶׁנָּשָׂא אִשָּׁה עֲוֹנוֹתָיו מִפַּקְפְּקִים שֶׁנֶּאֱמַר (מִשְׁלֵי יח, כב) 'מָצָא אִשָּׁה מָצָא טוֹב וַיָּפֶק רָצוֹן מֵאֵת ה'".

**אַז** דוּ הָאסְט מְבַזֶּה גֶעוֶוען אַ צַדִּיק וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דוּ הָאסְט חוֹזֶק גֶעמַאכְט אוּן גֶערֶעדְט קֶעגְן אִים - דַארְפְסְטוּ תְּשׁוּבָה טוּן תְּשׁוּבַת הַמִּשְׁקָל, נֶעמֶען דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן סְפָרִים אוּן דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַנְדֶערֶע.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תשעג

### וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ נָאךְ קִינְדֶער?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קֹדֶם אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִזּוּק, אִיךְ בִּין זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּה.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אַן עֵצָה וָואס מֶען קֶען טוּן גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט נָאךְ קִינְדֶער. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אֵיין קִינְד, פִיר יָאר אַלְט, אָבֶּער אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק נָאךְ קִינְדֶער. אִיךְ הָאבּ גֶעווִיסֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיי גוּטֶע דָאקְטוֹרִים, עֶס הָאט אָבֶּער נִישְׁט צוּפִיל גֶעהָאלְפְן,

און איךְ וויל נִישְׁט נֶעמֶען צופּיל רְפוּאוֹת פון זיי ווייל איךְ הָאבּ מוֹרָא אַז עֶס וֶועט מִיר שָׁאטְן. אִיךְ בֶּעט אַסאךְ דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן פַאר נָאךְ קִינְדֶער, און אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צו בַּאקוּמֶען עֵצוֹת אויף דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**דַאנְקְט** און לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אויף דִי נִסִּים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּן מִיט אַייךְ נָאךְ נִסִּים. בִּפְרַט אַז אִיר הָאט שׁוֹין אַ קִינְד, זָאלְט אִיר נִישְׁט אויפְהֶערְן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אויף אַייעֶר טֵייעֶרֶער קִינְד - וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צו נָאךְ קִינְדֶער.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְּלֶעגְט זָאגְן: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אָפּ, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, אִיךְ גֶעבּ אִים גוּטְס און דָאךְ רֶעדְט עֶר זִיךְ אָפּ, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט שְׁלֶעכְט', אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר אִיז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ און דַאנְקְבַּאר, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט גוּט', און מֶען גֶעבְּט אִים אַ גוּטֶע לֶעבְּן".

מָשִׁיחַ וֶועט אַרייַנבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט אַז מֶען זָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יד, ט): "עַל כָּל נְשִׁימָה וּנְשִׁימָה שֶׁאָדָם נוֹשֵׁם צָרִיךְ לְקַלֵּס לַבּוֹרֵא", אוֹיף יֶעדֶע אָטֶעם - זָאל מֶען לוֹיבְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קנ, ו): "כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ"; דִי רָאשֵׁי תֵּבוֹת פוּן כֹּ'ל הַ'נְּשָׁמָה תְּ'הַלֵּל אִיז נוֹטְרִיקוֹן דֶער הֵיילִיגֶער נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעם שֵׁם פוּן ת'כ'ה'; מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה: "הַטּוֹב שִׁמְךָ וּלְךָ נָאֶה לְהוֹדוֹת", אוּן דִי סוֹפֵי תֵּבוֹת פוּן וּלְ'ךָ נָאֶ'ה לְהוֹדוֹ'ת אִיז אוֹיךְ נוֹטְרִיקוֹן דֶעם הֵיילִיגְן שֵׁם, אוּן אוֹיפְן שְׁטֶערְן פוּן מָשִׁיחַ אִיז אוֹיפְגֶעקְרִיצְט דֶער שֵׁם פוּן ת'כ'ה', אַזוֹי אוֹיךְ בַּאטְרֶעפְט תכ"ה ווִיפִיל מָשִׁי"חַ בֶּ"ן דָוִ"ד מִיטְן כּוֹלֵל, מִיט דֶעם שֵׁם פוּן ת'כ'ה' וֶועט מָשִׁיחַ מַכְנִיעַ זַיין אַלֶע רְשָׁעִים.

**אַז** אִיר וֶועט יֶעדְן טָאג דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ נָאךְ קִינְדֶער, אָן קַיין רְפוּאוֹת אוּן אָן קַיין דָאקְטוֹרִים.

## תשעד

**ווִי אַזוֹי גֵייט מֶען זִיךְ אוּם מִיט חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער כְּסֵדֶר דִי שִׁעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר אִינְגֶעלַייט, אוּן דָאס הָאט גֶעטְוֹישְׁט אִינְגַאנְצְן מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן.

איך הָאלְט שוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם בַּיים חֲתֻנָּה מַאכְן מַיין עֶרְשְׁטֶע קִינְד בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז שַׁיָּיךְ אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל גֶעבְּן שִׁעוּרִים אוֹיךְ פַאר עֶלְטֶערֶע אִינְגֶעלַייט וָואס מַאכְן שוֹין חֲתֻנָּה קִינְדֶער, ווי אַזוֹי זִיךְ אוֹמְצוּגֵיין מִיט דִי אֵיידֶעמֶער אוּן שְׁנִירְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף ווִיסְן וֶוען מֶען מַאכְט שוֹין חֲתֻנָּה קִינְדֶער. אִיךְ ווִיל נִישְׁט שְׁפֶּעטֶער גֶעווָאוִיר וֶוערְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט טָעוּתִים.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ו' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר, בִּפְרַט אוֹיף דֶעם חֶסֶד אַז דַיינֶע קִינְדֶער גֵייעֶן אוּנְטֶער דִי חוּפָּה. ווִיפִיל צֶענְדְלִיגֶער אוּן הוּנְדֶערְטֶער שְׁטִיבֶּער שְׁטֵייעֶן אוּן וַוארְטְן אוֹיף דִי מַזָל'דִיגֶע שָׁעָה צוּ קֶענֶען פִירְן דִי קִינְדֶער אוּנְטֶער דִי חוּפָּה; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים, אוּן אִים בֶּעטְן וַוייטֶער פַאר זַיי אוּן פַאר אַלֶע אִידְן.

**נֶעם** דִי מִדָּה פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת א, יב): "הֱוֵי מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַהֲרֹן, אוֹהֵב שָׁלוֹם

וְרוֹדֵף שָׁלוֹם", אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הָאט גֶעזוּכְט ווי עֶר קֶען מַאכְן שָׁלוֹם; דָאס זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג טוּן. פַאר דַיין זוּן זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ וְכוּ' וְכוּ'", אוּן פַאר דַיין טָאכְטֶער זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג זָאגְן ווי צוּפְרִידְן דוּ בִּיסְט פוּן אִיר מַאן. יֶעדֶעס מָאל דוּ טְרֶעפְסְט דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען צוּ גֶעבְן גוּטֶע וֶוערְטֶער פוּן אֵיינֶעם אוֹיפְן צְוֵוייטְן, אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן שֵׁיין צוּ זֵיי פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, זָאג פַאר דַיין אֵיידֶעם: "דוּ הָאסְט אַ חָשׁוּבֶ'עֶר טַאטֶע וְכוּ'", אֲפִילוּ עֶר הָאט דִיר בַּא'גַנְבְ'עֶט בַּיי דִי חֲתֻנָּה, אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן פַאר דַיין שְׁנוּר גוּטֶע וֶוערְטֶער אוֹיף אִיר מִשְׁפָּחָה, אֲפִילוּ מֶען הָאט זִיךְ גֶעאַמְפֶּערְט וְכוּ' - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְן נַחַת פוּן זֵיי.

**דֶער** עִקָּר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן. מֶען הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד ווִי אַזוֹי עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס מֵיינְט אִיר, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען גוּטֶע קִינְדֶער אַזוֹי ווִי מֶען רַייסְט אַרָאפּ אַן עֶפְּל פוּן בּוֹים? אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט טְרֶערְן, נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען מַיינֶע טְרֶערְן אוּן זִיךְ אָפְּגֶעווִישְׁט דֶעם פָּנִים מִיט דִי טְרֶערְן; אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן: 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ מִיר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן זַיין גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת וְכוּ' וְכוּ'".

**דֶערְפַאר** דַארְפְן עֶלְטֶערְן גֶעדֶענְקֶען צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן

אויפְשְטֶעלְן עֶרְלִיכֶע דורות, מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְטְן סֵיי ווען די קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ קְלֵיין און סֵיי וֶוען מֶען הָאלְט שוין נָאכְן חֲתֻנָּה מַאכְן, דורְכְדֶעם ווֶעלְן זֵיי זוֹכֶה זַיין צו עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער און שֶעפְּן פון זֵיי אַסַאךְ אִידִיש נַחַת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תשעה

### ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן בַּיי דִי אַרְבֶּעט?

## שְאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאש יְשִיבָה שְלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְט מוּז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שִעוּרִים אוּן חִזּוּק וָואס הָאבְּן מִיר גֶעטוּישְט דָאס לֶעבְּן צוּם גוּטְן. אִיךְ אַרְבֶּעט אַ גַאנְצְן טָאג, אוּן אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְט גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ קֶען אוֹיךְ טְרֶעפְן צַייט צוּ לֶערְנֶען, אָבֶּער זַייט אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִעוּרִים - הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג; אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג, אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג דֶעם "בֵּית נִצְחִי" אוּן נָאךְ שִעוּרִים, אוּן אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְטְן.

אוֹיךְ מַיין וַוייבּ הֶערְט דִי שִעוּרִים אוּן דֶערְקְוִויקְט זִיךְ דֶערְמִיט, אוּן אַזוֹי אִיז אוּנְזֶער גַאנְצֶע שְטוּב גֶעוָוארְן פְּרֵיילִיךְ אוּן גֶעשְמַאק; אוּנְזֶער גַאנְצֶער לֶעבְּן אִיז גֶעוָוארְן תּוֹכְנְ'דִיג, עֶרְלִיךְ אוּן גֶעשְמַאק; אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְטְן אוֹיף דֶעם.

יֶעצְט צוּ מַיין שְאֵלָה, אִיךְ אַרְבֶּעט אִין אַ גְרוֹיסֶער מוֹסָד פוּן נִישְט גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער לֹא עָלֵינוּ, אִיךְ מַאךְ בָּרוּךְ הַשֵּם שֵיין פַּרְנָסָה, אָבֶּער אִיךְ

דַארְף זִיךְ אַסַאךְ דְרֵייעֶן אִין דִי בִּנְיָנִים אוּן אִין דִי קְלַאסְן, אוּן עֶס קוּמְט אוֹיס אַז אִיךְ דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן מִיט פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן וֶועמֶען אִיךְ סֶערְוִויר בַּיי דִי אַרְבֶּעט. כָאטְשׁ וָואס אִין מַיין אָפִּיס זִיצְן נָאר מֶענֶער, אִיז אָבֶּער אִין דִי אַנְדֶערֶע אָפִּיסֶעס דָארְט - אוֹיךְ דָא פְרוֹיעֶן, אוּן בִּכְלַל דְרֵייעֶן זִיךְ דָארְט אַסַאךְ פְרוֹיעֶן. אַלֶע פְרוֹיעֶן זֶענֶען נָאר פְרוּמֶע אוּן הֵיימִישֶׁע, מֶען רֶעדְט נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם קַיין אִיבְּרִיגֶע וֶוערְטֶער, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה שְׁפִּיר אִיךְ אַז מַיין שְׁמִירַת עֵינַיִם אִיז נִישְׁט גוּט בַּיי דִי אַרְבֶּעט, אוּן דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר עֵצָה'ן וָואס צוּ טוּן, פוּן אֵיין זַייט אִיז דָאס אַ גוּט בַּאצָאלְטֶע פַּרְנָסָה, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֵויס אִיךְ אָבֶּער נִישְׁט אוֹיבּ דָאס אִיז אַ כָּשֵׁר'עֶ פַּרְנָסָה וַוייל אִיךְ פַאל דָארְט אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ו' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְן צוּ הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן; אַז מֶען הִיט דִי אוֹיגְן אִיז דָא אַ בְּרָכָה אִין דִי אַרְבֶּעט אוּן אִין דִי גֶעלְט, אָבֶּער אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט אוֹיף פְרוֹיעֶן רַחְמָנָא לִצְלָן - דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁטָא קַיין בְּרָכָה אִין דִי גֶעלְט, וִויפִיל מֶען פַארְדִינְט הָאט מֶען נִישְׁט גֶענוּג וְכוּ'. מוֹהֲרַ"ש טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קמה,

טו): "עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ, וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ", 'יְשַׂבֵּרוּ' - קֶען מֶען לֵיינֶען מִיט אַ שִׂין: 'יְשַׁבֵּרוּ', אַז מֶען צֶעבְּרֶעכְט דִי אוֹיגְן - מֶען קוּקְט נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת - "וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ", וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן פַּרְנָסָה אִין צַייט.

**שְׁרַייִ** צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף מַיין יֵצֶר הָרָע וָואס ווִיל מִיךְ אוֹיסְרַייסְן פוּן דִי וֶועלְט אוּן פוּן יֶענֶע וֶועלְט; רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין מִיט דִי אוֹיגְן, אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג נָאר זֶען אֱלֹקוּת אִין יֶעדֶע זַאךְ, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן אִין מִיר", אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן שְׁטֶענְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע.

**אַז** דוּ וֶועסְט הִיטְן דִי אוֹיגְן, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט דִיר אוֹיס צוּ רֶעדְן בַּיי דִי אַרְבֶּעט מִיט פְרוֹיעֶן וֶועסְטוּ זִיךְ הִיטְן וְכוּ' - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַּרְנָסָה בְּרֶוַח, וַוייל וֶוען מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן קוּמְט מֶען נָאכְדֶעם צוּ פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אַלֶע צָרוֹת אוֹיפְן מֶענְטְשׁ; דָאס בְּרֶענְגְט אָרֶעמְקַייט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (פִּנְחָס, רמד:): "מַאן דִמְזַלְזֵל בְּפִרוּרִין דְנַהֲמָא, עֲנִיוּתָא רָדִיף אֲבַתְרֵיהּ", וֶוער עֶס וַוארְפְט אַרָאפּ בְּרֶעקְלֶעךְ פוּן בְּרוֹיט וֶועט זַיין אַן אָרֶעמַאן, "כָּל שֶׁכֵּן מַאן דִמְזַלְזֵל בְּפִירוּרִין דְמוֹחָא", אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז

# אויב מֶען איז מוֹציא זֶרע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן פַּארְלִירְט מֶען דָאס מַזָּל און מֶען וֶוערְט אַן אָרֶעמַאן.

# דֶער אַייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תשעו

### ווִי אַזוֹי דֶערְהַאלְט אִיךְ זִיךְ וֶוען מַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל און אִיךְ מוּז זִיךְ קֹדֶם בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁעוּרִים, וָואס גֶעבְּן מִיר דִי כֹּחַ און מוּט אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן.

אִיךְ גֵיי אַדוּרְךְ אַסַאךְ שְׁוֶועריקַייטְן אִין מַיין לֶעבְּן, מַיינֶע עֶלְטֶערְן קוּמֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיס צְווִישְׁן זִיךְ, זֵיי קְרִיגְן זִיךְ אַסַאךְ, און פִּיל מָאל אוֹיךְ אִין דֶער עֶפְנְטְלִיכְקֵייט. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז צוּלִיב דִי דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִישׁ אִיךְ זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיין, אָבֶּער דָאס מַאכְט מִיר פִּיל צַעַר און עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס אַרִיבֶּערְצוּטְרָאגְן.

אוֹיךְ שְׁטֶערְט דָאס מִיר זֵייעֶר וֶוען אִיךְ בִּין אִין שוּלֶע, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן גֶעהֶעריג צוּ וָואס דִי לֶעֶרערִינְס רֶעדְן, און דֶערְנָאךְ קֶען אִיךְ נִישְׁט גוּט, מֶען שְׁרֵייט אַסַאךְ אוֹיף מִיר, און פִּיל מָאל וֶוער אִיךְ בַּאשְׁטְרָאפְט דֶערְפַאר.

אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט בַּאקְוֶועם דָאס אַדוּרְכְצוּרֶעדְן מִיט קֵיין אֵיין לֶערֶעריִן אִין שוּלֶע, און אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר הֶעלְפְן מִיט אַן עֵצָה?

אויך הָאבּ אִיךְ צְוֵויי עֶלְטֶערֶע בְּרִידֶער אִין דִי יָארְן פוּן שִׁדּוּכִים, מַיינֶע עֶלְטֶערְן ווֶעלְן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן דֶערְוַוייל ווֶערְן זֵיי עֶלְטֶער אוּן עֶלְטֶער, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא אַז דָאס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן אויךְ צוּ מִיר ווֶען עֶס ווֶעט קוּמֶען מַיין רֵייעֶ אִין שִׁדּוּכִים, אַז זֵיי ווֶעלְן זִיךְ אַסַאךְ ווֶעלְן, אוּן אִיךְ ווֶעל ווֶערְן אַן עֶלְטֶערֶע מֵיידְל; ווָאס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, ו' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**אִיךְ** בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, דֶערְהַאלְטְס אַייךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה, אַז אַלֶעס ווָאס פַּאסִירְט מִיט אַ מֶענְטְשׁ - אִיז פוּנֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן; דָאס ווָאס אִיר גֵייט אַרִיבֶּער אִיז זִיכֶער מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן פוּנֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן, אוּן אַז אִיר ווֶעט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן - ווֶעט אִיר נָאר פַארְדִינֶען פוּן דֶעם.

**נֶעמְט** דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה ווָאס מָשִׁיחַ ווֶעט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי ווֶעלְט - דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; רֶעדְט צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף אַייעֶר מַאמֶע לָשׁוֹן, דֶערְצֵיילְט אִים אַייעֶרֶע ווֵייטָאגְן, בֶּעטְס אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְּרֵיילִיךְ,

הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין שְׁטַארְק בַּיי מִיר, אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַּאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, הֶעלְף אַז מַיין טַאטֶע מַאמֶע זָאלְן לֶעבְן בְּשָׁלוֹם, זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אֵיינֶער מִיטְן צְווייטְן; עֶס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר וֶוען זֵיי קְרִיגְן זִיךְ, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי מַיין לֶעבְן גֵייט מִיר צוּגְרִינְד פוּן דֶעם, אִיךְ קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, מַיין גַאנְצֶע קָאפּ פְּלִיט מִיר אַוֶועק, אִיךְ קֶען נִישְׁט מִיטְהַאלְטְן דִי לִמוּדִים אִין שׁוּלֶע, פוּן טְרַאכְטְן טָאג אוּן נַאכְט פוּן דִי קְרִיגֶערַייעֶן אִין שְׁטוּב.

גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶּער, דֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין שְׁטַארְק בַּיי מִיר, הֶעלְף אַז מַיינֶע בְּרִידֶער זָאלְן שׁוֹין טְרֶעפְן זֵייעֶרֶע שִׁדּוּכִים אוּן הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל בְּקָרוֹב טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁדּוּךְ".

מִיט תְּפִלָּה וֶועט אִיר אַלֶעס פּוֹעֵלְ'ן, וַוייל תְּפִלָּה טוּישְׁט אַלֶעס, תְּפִלָּה אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ וָואס אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט; מֶען קֶען אַלֶעס בַּאקוּמֶען אוּן אַלֶעס טוּישְׁן דוּרְךְ תְּפִלָּה. אַז מֶען אִיז שְׁטַארְק מִיט תְּפִלָּה אוּן מֶען הָאט סַבְלָנוּת אוּיס צוּ וַוארְטְן בִּיז דִי יְשׁוּעָה קוּמְט - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט וָואס מֶען דַארְף נָאר.

ווִי מֶער אִיר וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט אַייךְ קְלָארֶער וֶוערְן דִי אֱמוּנָה, אִיר וֶועט זַיין שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ, עֶס וֶועט אַייךְ זַיין קְלָאר אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז

מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תשעז

**מֶעג מֶען מַאכְן נְדָרִים אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר פְלֶעגְט מַאכְן אַסַאךְ נְדָרִים אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט דָאס אוֹיסְצוּפִירְן. אִיז דָאס גֶעמַאכְט אוֹיךְ פַאר אוּנְז? מֶעג מֶען מַאכְן אַ נֶדֶר אוֹיף אַ זַאךְ וָואס גֵייט זַיין שְׁוֶוער אוֹיסְצוּפִירְן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן טו), אַז אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן פְלֶעגְט עֶר זִיךְ פִירְן צוּ מַאכְן נְדָרִים; עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אוֹיסְשְׁטֶעלְן אַ סֵדֶר הַיּוֹם אוּן מַאכְן אַ נֶדֶר אַז עֶר גֵייט עֶס מְקַיֵּם זַיין, אַזוֹי הָאט עֶר נִישְׁט

גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה, עֶר הָאט גֶעמוּזְט טוּן וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט כְּדֵי מְקַיֵּם צוּ זַיין דֶעם נֶדֶר. אַיינְמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן, אַז לוֹיט דִי גְּמָרָא (נְדָרִים כב.) אִיז דָאךְ נִישְׁט קַיין גוּטֶע זַאךְ צוּ מַאכְן נְדָרִים, וְוִי אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי יָא גֶעמַאכְט נְדָרִים? הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס מֵיינְט מֶען אַזֶעלְכֶע שְׁלִימַזָל'נִיקֶעס וְוִי אַייךְ; דִי גְּמָרָא מֵיינְט מֶענְטְשְׁן וְוִי אַייךְ וָואס וֶועלְן נִישְׁט מְקַיֵּם זַיין דֶעם נֶדֶר, דִי טָארְן נִישְׁט מַאכְן קַיין נְדָרִים, אָבֶער אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זִיכֶער בַּיי מִיר אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט עוֹבֵר זַיין דֶעם נֶדֶר וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען" (עַיֵּן סֵפֶר פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, אוֹת מט-נ).

**אַז** עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע תַּאֲוָה אָדֶער אַ שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוֹיף דֶעם - טָאג אַיין טָאג אוֹיס, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; מִיט דִי הַנְהָגָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת דַארְפְן מִיר נָאכְמַאכְן דֶעם רֶבִּי'ן, דָאס אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ מִיט וָואס מֶען קֶען וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דוּרְךְ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוֹיפְן פָּשׁוּט'ן שְׁפְּרַאךְ, מַאמֶע לָשׁוֹן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן י) אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען וַוייל עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַסַאךְ גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תשעה

### וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר פְרוּם?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר פְּרוּם, אִיךְ וִויל וִויסְן וָואס אִיךְ קֶען טוּן דֶערְצוּ, וַוייל אִיךְ הָאבּ שְׁוֶועֶרע נִסְיוֹנוֹת.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**מֶען** דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן בַּיי וֶועם מֶען נֶעמְט הַדְרָכָה ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן נָאךְ דִי חֲתֻנָּה וְכוּ'; זֵייעֶר אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט אוּן וַוייבְּלֶעךְ מוּטְשֶׁען זִיךְ נָאךְ דִי חֲתֻנָּה וְכוּ' נָאכְדֶעם וָואס מֶען הָאט מִיט זֵיי גֶעלֶערְנְט חוּמְרוֹת אוּן פְּרִישׁוּת; דָאס מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אוּן מֶען פַאלְט נָאכְדֶעם אַדוּרְךְ אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

**מוֹהֲרָא"שׁ** אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוֹיף דִי מַדְרִיכִים אוּן מַדְרִיכוֹת וָואס לֶערְנֶען מִיט חֲתָנִים אוּן כַּלּוֹת פְּרִישׁוּת מִיט חוּמְרוֹת, אָדֶער דִי וָואס לֶערְנֶען אוֹיס הַנְהָגוֹת פוּן צַדִּיקִים שַׂרְפֵי מַעְלָה פַאר פְּשׁוּטֵי עָם - חֲתָנִים אוּן כַּלּוֹת פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן; מֶען דֶערְשְׁרֶעקְט זֵיי מִיט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע

עוֹנְשִׁים: קְרַאנְקֶע קִינְדֶער, שְׁטוּמֶע קִינְדֶער, בְּלִינְדֶע קִינְדֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת אוּן אִיז קֶעגְן דִי הֲלָכָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן בְּפֵרוּשׁ (נְדָרִים כ:) אַז מֶען פַּסְקְ׳נְט נִישְׁט אַזוֹי וִוי דִי אַלֶע עוֹנְשִׁים, נָאר מֶען פַּסְקְ׳נְט אַז מֶען וֶועט הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער וְכוּ׳.

**עֶם** רַייסְט דָאס הַארְץ וֶוען מֶען זֶעט אִינְגֶעלַייט אוּן וַוייבְּלֶעךְ וָואס פַאלְן נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, אַלְץ נָאר וַוייל מֶען הָאט זֵיי מַדְרִיךְ גֶעוֶוען מִיט קְרוּמֶע דֵעוֹת בְּאִיצְטְלוּתָא דְרַבָּנָן; פַארְפוּילְטֶע שִׁיטוֹת פוּן פַארְקְרוּמְטֶע מֹחוֹת וָואס זֶעט אוֹיס מִיט אַ לָשׁוֹן פוּן אַן עוֹבֵד הַשֵּׁם, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ; וֶוען מֶען זָאל זֵיי לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה - וָואלְטְן זֵיי נִישְׁט אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

קוּק נִישְׁט אַרָאפּ דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳, זִי אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג; זִי וִויל טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט, זִי וִויל טוּן דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם. זִי מֵיינְט אַז וָואס דִי כַּלָּה טִיטְשֶׁער הָאט אִיר אַיינְגֶערֶעדְט - דָאס אִיז רָצוֹן הַשֵּׁם; בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט אִיר נִישְׁט אַרָאפְּרַייסְן, מַאךְ נִישְׁט חוֹזֶק פוּן אִיר, וַוייל זִי וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אִיז הֲלָכָה אוּן וָואס אִיז חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת, קוּק אוֹיף אִיר מִיט שֶׁעצוּנְג אַז זִי אִיז פֶעלְזְן פֶעסְט מִיט אִידִישְׁקֵייט.

**אִיךְ** וָואלְט דִיר גֶע׳עֵצָה׳ט זָאלְסְט אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט דַיין וַוייבּ צוּ אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס פִירְט זִיךְ עַל פִּי תּוֹרָה אוּן אִיז מַדְרִיךְ זַיינֶע מֶענְטְשְׁן עַל פִּי דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶר וֶועט עֶנְק מַדְרִיךְ זַיין וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אָן קַיין חוּמְרוֹת אוּן

פְּרִישׁוּת, עֶר וֶועט אִיר מַסְבִּיר זַיין ווי אַזוֹי מֶען לֶעבְּט אַ אִידִישֶׁע לֶעבְּן; וָוען זִי וֶועט עֶס הֶערְן פוּן אִים - וֶועט זִי אָפְּלָאזְן אַלֶע חוּמְרוֹת אוּן פְּרִישׁוּת, וֶועט אִיר הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## תשעט

### אִיךְ הֶער אַסַאךְ רֶעדְן קֶעגְן מוֹהֲרָא"שׁ, ווי אַזוֹי דֶערְהַאלְט אִיךְ זִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז דִי שִׁעוּרִים, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן לֶערְנֶען דִי סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אִין אַ סְבִיבָה וואו עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ בְּרֶסְלֶב'עֶר אִידְן, אָבֶּער זֵיי הַאלְטְן נִישְׁט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אוּן זֵיי רֶעדְן אַסַאךְ קֶעגְן אִים, אוּן עֶס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק. כָאטְשׁ וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט כְּסֵדֶר אַז מֶען דַארְף קוּקְן נָאר וָואס אִיךְ בַּאקוּם, וָואס אִיךְ הָאבּ אִין דִי הַאנְט[טו], שְׁפִּיר אִיךְ אָבֶּער אַז אִיךְ דַארְף נָאךְ חִזּוּק אוֹיף דֶעם נוֹשֵׂא, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיךְ מְחַזֵּק זַיין?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

טו. מֶער אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, פְרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תשמה.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, י' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מִישׁ** נִישְׁט צְוִוישְׁן צְוַואם אֵיינְס מִיטְן צְוֵוייטְן; אַז זֵיי רֶעדְן קֶעגְן צַדִּיקִים זֶענֶען זֵיי שׁוֹין נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים.

**וְוִיסְן** זָאלְסְטוּ אַז מֶען קֶען זִיצְן אִין בְּרֶסְלֶב, זִיךְ דְרֵייעֶן אִין בְּרֶסְלֶב, קֶענֶען אַלֶע בְּרֶסְלֶב'עֶר מֶענְטְשְׁן וְכוּ' וְכוּ' - אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיט בְּרֶסְלֶב; כָּל זְמַן מֶען פָּאלְגְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּי'ן - אִיז מֶען אַ גְרוֹיסֶער רַחֲמָנוּת. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אוֹיף צְווֵיי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, "עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוּרָב וֶוערְן צוּ מִיר אוּן זֶענֶען נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן, "וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי", אוּן אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ מִיר אוּן פָאלְגְן מִיךְ נִישְׁט; "כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִּהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב, וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה, אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז", וַוייל עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם

טִיר (דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן - וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִּיס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם טִיר), דֶעמָאלְט וֶועט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ בַּאטְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס אוּן עֶר וֶועט חֲרָטָה הָאבְּן: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן? וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט', אָבֶער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

**אִיךְ** וָואלְט דִיר גֶע'עֵצָה'ט אַז דוּ זָאלְסְט עֶנְדֶערְשׁ גֵיין דַאוֶוענֶען אִין אַ שׁוּל וואוּ מֶען רֶעדְט נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע, אֲפִלּוּ עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין בְּרֶסְלֶב'עֶר שׁוּל, וִוי אֵיידֶער זִיצְן מִיט לֵצִים, מְנֻוָּלִים - וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ בְּרֶסְלֶב'עֶר; וַוייל וֶוער עֶס רֶעדְט אוֹיף צַדִּיקֵי אֱמֶת, צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט - אִיז אַ סִימָן אַז עֶפֶּעס טוֹיג נִישְׁט מִיט אִים, זַיינֶע עֲבֵירוֹת שְׁרֵייעֶן אַרוֹיס פוּן אִים. מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט כַּמָּה פְּעָמִים אַז דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן אוֹיף אִים - זֶענֶען גְרוֹיסֶע בַּעֲלֵי עֲבֵירָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ז:): "כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ לוֹ עַזּוּת פָּנִים, בְּיָדוּעַ שֶׁנִּכְשַׁל בַּעֲבֵרָה", וֶוער עֶס אִיז אַן עַזּוּת פָּנִים אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ בַּעַל עֲבֵירָה; וִוי אִיז דָא אַ גְרֶעסֶערֶער עַזּוּת פָּנִים וִוי אֵיינֶער וָואס דֶערְוַוייגְט זִיךְ צוּ רֶעדְן אוֹיף צַדִּיקֵי אֱמֶת?

**פָּאלְג** מִיךְ, דְרֵיי זִיךְ נִישְׁט דָארְט מִיט לֵצִים וָואס רֶעדְן קֶעגְן צַדִּיקִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן

לח) דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן אוֹיף צַדִיקִים אוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן - ווִילְן בֶּאֱמֶת רֶעדְן קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ אוּן הָאבְּן מוֹרָא אַז מֶען וֶועט זֵיי אָנְשְׁרֵייעֶן וֶוען זֵיי רֶעדְן קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, דֶערְפַאר פַארְדְרֵייעֶן זֵיי דִי וֶוערְטֶער כְּאִלּוּ זֵיי רֶעדְן אוֹיף צַדִיקִים. מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים עג, ט): "שַׁתּוּ בַשָּׁמַיִם פִּיהֶם, וּלְשׁוֹנָם תִּהֲלַךְ בָּאָרֶץ"; 'שַׁתּוּ בַשָּׁמַיִם פִּיהֶם', זֵיי ווִילְן בֶּאֱמֶת רֶעדְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן מוֹרָא, דֶערִיבֶּער - 'וּלְשׁוֹנָם תִּהֲלַךְ בָּאָרֶץ', רֶעדְן זֵיי אוֹיף צַדִיקֵי אֱמֶת, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז 'שַׁתּוּ בַשָּׁמַיִם פִּיהֶם'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## תשפ

### מַיין מַאן אִיז נָאר פַארְנוּמֶען מִיט מָאוִויס, זָאל אִיךְ אִים אָפְּלָאזְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְּרוֹי, אוּן אִיךְ מוּז זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי שִׁעוּרִים וָואס גֶעבְּן מִיר אַזוֹיפִיל חִזּוּק אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן טָאג טֶעגְלִיךְ.

אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר צְוֵויי יָאר צוּרִיק, אוּן מַיין מַאן הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן מֶער אוּן מֶער, עֶר זִיצְט בַּיינַאכְט אוֹיף זַיין סְמַארְטְפָאוֹן אוּן קוּקְט מָאוִויס, אִינְדֶערְפְרִי שְׁטֵייט עֶר אוֹיף שְׁפֶּעט, עֶר גֵייט נִישְׁט

דַאוֶועֶנְען און עֶר לֶערְנְט נִישְׁט, און אִיךְ זֶע נִישְׁט וואו זַיין אִידִישְׁקֵייט אִיז, עֶס גֵייט אִים גָארְנִישְׁט אָן, און דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי.

לֶעצְטְנְס שְׁפִּיר אִיךְ זֵייעֶר דֶערְוַוייטֶערְט פון אִים, אִיךְ עֶקְל זִיךְ פָּשׁוּט פון אִים. אִיךְ הָאב שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַזוֹיפִיל מָאל אִים צוּ זָאגְן ווִי שְׁטַארְק אִיךְ שֶׁעץ וֶוען עֶר דַאוֶוענְט און לֶערְנְט, און אִיךְ זָאג אִים אוֹיךְ עֶר זָאל לֵייגְן אַ פִילְטֶער אוֹיף זַיין טֶעלֶעפָאן, אָבֶער עֶס הֶעלְפְט גָארְנִישְׁט.

אִיךְ זָאג אַסַאךְ תְּהִלִּים פַאר אִים, אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶער אַז אִיךְ פְּלַאץ שׁוֹין און אִיךְ ווִיל אִים שׁוֹין אָפְּלָאזְן, וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן אַייעֶר שְׁאֵלָה; אִיךְ בִּין נִישְׁט דָא צוּ צֶעבְּרֶעכְן אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶער, אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶער.

**עֶס** אִיז אַ גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף דֶעם וָואס פַאלְט אַרַיין אִין דִי בְּלָאטֶע פון קוּקְן מָאוִוי"ס; וֶוען מֶען קוּקְט מָאוִוים וֶוערְט מֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם, בִּיז עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ אָפְּגֶעוואוֹינֶען דֶערְפוּן. אַזוֹי ווִי דִי וָואס זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדְן (עֶדִיקְטֶעד) צוּ דְרָאגְס, אַלְקָאהָאל וְכוּ'; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּרַייסְן דֶערְפוּן, דֶער מֹחַ וֶוערְט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט פון

דִי אַלֶע עֶקְלְדִיגֶע שְׁמוּצִיגֶע מָאוִוים, בִּיז מֶען פַּאלְט אַרָאפּ אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן אוּן נָאכְדֶעם הוֹיבְּט מֶען אָן צוּ הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה רַחְמָנָא לִצְלָן.

**אִיר** הָאט אֵיין עֵצָה: בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייֶער שְׁפְּרַאךְ עֶס זָאל אַרֵיינְגֵיין אַ רוּחַ טָהֳרָה אִין אִים, עֶר זָאל זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן פוּן דֶעם - (יְשַׁעְיָה נא, כא): "שְׁכֻרַת וְלֹא מִיָּיִן", וֶועט אִיר זֶען ווִי עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. תְּפִלָּה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק, אַזוֹי גְרוֹיס אוּן אַזוֹי וואוּנְדֶערְלִיךְ, עֶס הֶעלְפְּט אוֹיף אַלֶעס, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אַסַאךְ גֶעדוּלְד אוֹיס צוּ וַוארְטְן בִּיז דִי יְשׁוּעָה קוּמְט.

**אִיךְ** וֵוייס אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן בְּרֶסְלֶב'עֶר פְּרוֹיעֶן אִין אוּנְזֶער דוֹר, וָואס הָאבְּן גֶעהַאט סַבְלָנוּת צוּ זֵייעֶרֶע מֶענֶער. זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט דִי זֶעלְבֶּע צָרָה וָואס אִיר הָאט אוּן נָאךְ מֶער, אָבֶער זֵיי הָאבְּן וַוייטֶער מְכַבֵּד גֶעוֶועוְן דֶעם מַאן אוּן גֶעוִויזְן לִיבְשַׁאפְט וְכוּ', אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט הָאבְּן זֵיי אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט; וֶוען דֶער מַאן פְלֶעגְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטוּב פְלֶעגְן זֵיי קַייכְן אוֹיפְן קוֹל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר לַאנְגֶע חֳדָשִׁים אוּן יָארְן, אוּן וֶוען דֶער מַאן אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָפְּגֶעוַואשְׁן דֶעם פָּנִים אוּן גֶעמַאכְט שֵׁיין כְּאִלּוּ לֹא הָיָ', זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט צֶעבְּרֶעכְן זֵייעֶר שְׁטוּב, אוּן בַּיים סוֹף הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶעפִירְט, זֵיי הָאבְּן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט זֵייעֶר מַאן צוּ אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט הֶערְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן הָאבְּן שֵׂכֶל וְוִי אַזוֹי אִים אִיבֶּער צוּ דְרֵייעֶן.

# תשפא

**אִיז נָאךְ דָא אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ יוּנְגֶער בָּחוּר אוּן אִיךְ פַּאל אַסאַךְ אַדוּרְךְ אִין פְּגַם הַבְּרִית, אִיךְ קוּק אַסאַךְ שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אוּן אִיךְ בִּין אוֹיךְ מְטַמֵא אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים רַחְמָנָא לִצְלָן, אִיךְ זֶע שׁוֹין בַּאלְד נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס; אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיךְ רַאטְעוֶועוְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**טוּ** תְּשׁוּבָה אוּן הֶער אוֹיף נָאכְלוֹיפְן אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים.

**אוֹיבּ** דוּ וֶועסְט נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן וֶועסְטוּ וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט בַּיי אַלֶעמֶען אוּן עֶס וֶועט אַרוֹיסְגֵיין אוֹיף דִיר אַ

שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען; קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט אַ קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ וָואס לוֹיפְט נָאךְ בָּחוּרִים אוּן קִינְדֶער, אַלֶע ווֶעלְן זִיךְ אָפְּשָׁאקְלֶען פוּן דִיר ווִי מֶען שָׁאקְלְט זִיךְ אָפּ פוּן אַ מְצוֹרָע; וואוּ דוּ ווֶעסְט גֵיין אוּן שְׁטֵיין ווֶעט מֶען רֶעדְן אוּנְטֶער דַיין רוּקְן אַז דוּ בִּיסְט אַ קְרַאנְקֶער. אוֹיךְ קֶענְסְטוּ כַּאפְּן קְלֶעפּ; אוֹיב אַ טַאטֶע אָדֶער אַ בְּרוּדֶער פוּן אַ בָּחוּר ווֶעט זִיךְ דֶערְווִיסְן וָואס דוּ טוּסְט מִיט זַיין זוּן/בְּרוּדֶער ווֶעט עֶר דִיר גֶעבְּן קְלֶעפּ אוּן מֶען ווֶעט דִיר צֶעבְּרֶעכְן דַיינֶע בֵּיינֶער. אָפְּגֶערֶעדְט אַז דוּ ווֶעסְט נִישְׁט קֶענֶען חֲתֻנָה הָאבְּן, קֵיינֶער ווֶעט נִישְׁט נֶעמֶען פַאר זַיינְ׳ס אַ טָאכְטֶער אַ בָּחוּר וָואס טוּט עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן; פְּרֶעג אִיךְ דִיר: "וָואס פֶעלְט דִיר אוֹיס צוּ ווֶערְן פַארְשֶׁעמְט אוּן אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְט?" עֶנְדֶערְשׁ טוּ תְּשׁוּבָה אוּן לָאז אָפּ בָּחוּרִים.

אִיךְ בֶּעט דִיר, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דַיין לֶעבְּן; דוּ בִּיסְט אַ יוּנְגֶער בָּחוּר, אַ יוּנְגֶע בֵּיימֶעלֶע, דוּ קֶענְסְט הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ אַלֵיין הַרְגְ׳עֶנֶען דַיין לֶעבְּן, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ שְׁטַארְבְּן יוּנְג? חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה יג:): "כָּל הַמּוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה חַיָּב מִיתָה", ווֶער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, אִיז חַיָּב מִיתָה; "רַבִּי יִצְחָק וְרַבִּי אַמִּי אָמְרֵי, כְּאִלּוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים", רַבִּי יִצְחָק אוּן רַבִּי אַמִּי זָאגְן, דָאס אִיז אַזוֹי ווִי אֵיינֶער אִיז עוֹבֵר אוֹיף רְצִיחָה אוּן שְׁפִיכוּת דָּמִים; "רַב אַסִּי אָמַר, כְּאִלּוּ עוֹבֵד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים", רַב אַסִּי זָאגְט אַז דָאס אִיז אַזוֹי ווִי אֵיינֶער דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה רַחְמָנָא לִצְלָן.

**הֶער** אוֹיף קוּקְן עֲבֵירוֹת אוּן וַוארְף אַוֶועק דַיין טֶעלֶעפָאן; וַוארְף אַוֶועק דַיין טֶעבְּלֶעט אוּן לָאז אָפּ דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים - וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל זַיין אוֹיף וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען.

**אוֹיבּ** דוּ ווילְסְט - קֶענְסְטוּ נָאךְ זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק; אַז דוּ וֶועסְט נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת, דוּ וֶועסְט יֶעדְן טָאג זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען בְּלֶעטֶער גְמָרָא אֲפִלוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, סְתַם זָאגְן דִי וֶוערְטֶער - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אָפְּוַואשְׁן פוּן דִיר אַלֶע אַלְטֶע חֲטָאִים.

**מִשְׁנַיוֹת** נֶעמְט אַרָאפּ אַלֶע פְלֶעקְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ; מוֹהֲרַ"ש זָאגְט אַז מִשְׁנַיוֹת אִיז אַזוֹי ווִי סְטִילְוָואל וָואס קְרַאצְט אַרָאפּ אַלֶע שְׁמוּץ פוּן אַ שְׁמוּצִיגֶע כֵּלִי, וֶוען מֶען זָאגְט מִשְׁנַיוֹת וֶוערְט מֶען זוֹיבֶּער אוּן רֵיין. אוּן גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִפּוֹת, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ 'לִילִית', עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", 'תַּלְמוּד' בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע מִסְפָּר ווִי דֶער נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית; אוּן דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט אָנֶנעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער, וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

# תשפב

**פַארְוָועס גֶעבְּט מֶען יָא צְדָקָה, און פַאר וָועס נִישְׁט?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם שֵׁיין פַּרְנָסָה און אִיךְ טֵייל אַסַאךְ צְדָקָה, אַסַאךְ מָאל זֶעט מִיר אָבֶּער אוֹיס אוֹיף גֶעווִיסֶע מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי גֵייעֶן נִישְׁט פַּאר אַן עֶכְטֶע צְוֶועק, נָאר זֵיי זָאגְן סְתַם אַ צְוֶועק צוּ מַאכְן גֶעלְט, וָוען אִיךְ זֶע אַזַא מֶענְטְשׁ גֶעבּ אִיךְ אִים גֶעוֶוענְלִיךְ גָארְנִישְׁט.

אִיךְ ווֵייס נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ טוּ רִיכְטִיג, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ ווִיסְן פַאר וָועמֶען יָא צוּ גֶעבְן און פַאר וָועמֶען נִישְׁט?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וָוען עֶס קוּמְט צוּ גֶעבְן צְדָקָה - דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי, וָוען און וואוּ צוּ גֶעבְן דִי צְדָקָה. ווַייל מִיר גֶעפִינֶען (בָּבָא בַּתְרָא ט:) יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא הָאט גֶעשָׁאלְטְן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן שְׁטָאט עֲנָתוֹת אַז אֲפִילוּ וָוען זֵיי גֶעבְן צְדָקָה זָאל עֶס נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ דִי רִיכְטִיגֶע צְדָקָה, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ

שֶׁל עוֹלָם, אֲפִלּוּ בְּשָׁעָה שֶׁכּוֹפִין אֶת יִצְרָן וּמְבַקְשִׁין לַעֲשׂוֹת צְדָקָה לְפָנֶיךָ", אֲפִלּוּ וֶוען זֵיי גֶעבְּן צְדָקָה, "הַכְשִׁילֵם בִּבְנֵי אָדָם שֶׁאֵינָן מְהוּגָּנִין", זָאל דִי גֶעלְט אָנְקוּמֶען אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע פְּלֶעצֶער, "כְּדֵי שֶׁלֹּא יְקַבְּלוּ עֲלֵיהֶן שָׂכָר", כְּדֵי זֵיי זָאלְן נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין שָׂכָר; עֶס קֶען זַיין אַ מֶענְטְשׁ זָאל מֵיינֶען אַז עֶר גֶעבְּט צְדָקָה אָבֶער בֶּאֱמֶת הָאט עֶר נָאכְנִישְׁט מְקַיֵּם גֶעוֶוען דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, וַוייל דִי גֶעלְט קוּמְט אָן צוּ אַ שַׁקְרָן, אַ רַמַאי, אַ צָבוּעַ'נִיק.

וֶוען מֶען קוּמְט דִיר בֶּעטְן צְדָקָה אוּן דוּ וֵוייסְט נִישְׁט צִי דָאס אִיז אֱמֶת אָדֶער עֶר אִיז אַ צָבוּעַ'נִיק, אִיז גוּט צוּ גֶעבְּן עֶפֶּעס אָדֶער יֶענֶעם מְפַיֵּס זַיין; קֵיינְמָאל זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַוֶועק שִׁיקְן אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַ בִּזָּיוֹן, מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט. מֶען קֶען יֶענֶעם מְכַבֵּד זַיין מִיט אַ טְרִינְק, מִיט עֶסְן וְכוּ', אָבֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק שִׁיקְן מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט.

עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע צְדָקָה וִוי צוּ גֶעבְּן גֶעלְט פַאר סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה וּמְפַרְסֵם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַשַּׁחַר הֲלָכָה ה', אוֹת לו) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קיט, קמב): "צִדְקָתְךָ צֶדֶק לְעוֹלָם, וְתוֹרָתְךָ אֱמֶת", וֶועלְכֶע צְדָקָה בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג? וֶוען מֶען גֶעבְּט צְדָקָה צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי לִמּוּדִים פוּנֶעם צַדִּיק וָואס אִיז מְגַלֶּה תּוֹרַת אֱמֶת, עֶר וַוייזְט פַאר אַלֶעמֶען אַז מֶען קֶען נָאךְ צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג.

**בִּפְרַט** אִין אוּנְזֶער דוֹר וואוּ מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ אִין אַ וֶועלְט וָואס אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט כְּפִירוּת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת, אוּן מֶען קֶען זֵייעֶר גְרִינְג אָנְקוּמֶען צוּ עֲבֵירוֹת. עֶס וֶוערְן גֶעדְרוּקְט יֶעדֶע רֶגַע אַזוֹיפִיל עֶקְלְדִיגֶע אוּן אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע מַאגַאזִינֶען וְכוּ', עֶס וֶוערְט פַארְשְׁפְּרֵייט אַזוֹיפִיל מָאוִוים אוּן ווִידִיאוֹס פוּן עֲבֵירוֹת, מֶען קֶען אַזוֹי גְרִינְג אַרָאפְּפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ. אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶוערְן אַוֶועק גֶערִיסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר דִי סְפָרִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאבְּן אַ כֹּחַ אוּן בְּרֶענְגֶען צוּרִיק אַזוֹיפִיל אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִלּוּ פוּן דִי וַוייטְסְטֶע פְּלֶעצֶער; אִיז נִישְׁטָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע צְדָקָה ווִי דְרוּקְן דִי סְפָרִים.

**וואוֹיל** אִיז פַאר דֶעם וָואס גֶעבְּט זַיין צְדָקָה צוּ קֶענֶען דְרוּקְן דִי סְפָרִים, בִּפְרַט אַז עֶר הֶעלְפְט דְרוּקְן דִי קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרַא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן - וָואס עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי תַּמְצִית פוּן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, כְּדֵי עֶס זָאל זַיין גְרִינְג צוּ פַארְשְׁטֵיין פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען שׁוֹין וַוייט פַארְקְרָאכְן - אִיז נִישְׁטָא קֵיין גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תשפג

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער שִׁדּוּךְ?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוָואלְט בַּאדַאנְקֶען פַארְן לֵיינֶען מַיינֶע שְׁאֵלוֹת אוּן צוּרִיק שְׁרַייבְּן אַ תְּשׁוּבָה[טו], אִיךְ בִּין דִי מֵיידְל וָואס הָאט גֶעפְרֶעגְט וָואס צוּ טוּן אַז אִיךְ וויל דַוְקָא אַ חֲסִידִי'שֶׁע בְּרֶסְלֶבֶ'ער שִׁדּוּךְ, אוּן אַזוֹי ווִי אִיךְ קוּם פוּן אַ לִיטְוִוישֶׁע שְׁטוּבּ אִיז עֶס שְׁוֶוער פַאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן צוּ פַארְשְׁטֵיין, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז מֶען דַארְף נָאר קוּקְן אוֹיבּ דֶער בָּחוּר הָאט גוּטֶע מִדּוֹת אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס מַאכְט נִישְׁט קַיין חִילוּק וואוּ דֶער בָּחוּר בַּאלַאנְגְט, וויל אִיךְ יֶעצְט אַבִּיסְל בֶּעסֶער מַסְבִּיר זַיין פַארְוָואס אִיךְ דַארְף דַוְקָא אַזַא סָארְט שִׁדּוּךְ.

בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ בַּאלַאנְגְט מֶען נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ, מֶען רֶעדְט אוֹיף אַלֶע קְרֵייזְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם וַוארֶעמְקֵייט אוּן פְרֵיילִיכְקֵייט סַיי אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוּן סַיי סְתָם אִין לֶעבְּן, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶס אִיז דָא בַּיי אוּנְז - אִיז נָאר חוּמְרוֹת, מֶען וֶועט עוֹבֵר זַיין אוֹיף דְאוֹרַיְיתוֹת, פַארְשֶׁעמֶען מֶענְטְשְׁן אוּן צֶעשְׁטֶערְן דִי שָׁלוֹם בַּיִת - בְּלוֹיז צוּלִיבּ אַ ווַייטֶע חוּמְרָא, אוּן בִּכְלַל גֵייט אַלֶעס צוּ מִיט קוֹלוֹת אוּן קְלֶעפּ.

אַזוֹי בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶעוַואקְסְן, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מַיין לֶעבְּן אִיז גֶעוֶוען בִּיטֶער אוּן פִינְסְטֶער, אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין טַעַם אִין לֶעבְּן, וּבִפְרַט וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן וֶוערְן עֶלְטֶער אוּן עֶלְטֶער אוּן נִישְׁט גֶעטְרָאפְן מַיין שִׁדּוּךְ, בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן גָאר שְׁטַארְק דֶעפְּרֶעסְט אוּן דֶערְבִּיטֶערְט.

אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ טֶערֶעפִּיסְט זִי זָאל מִיר הֶעלְפְן, זִי הָאט אָבֶער בִּכְלַל נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּם זַאךְ, זִי הָאט מִיר גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן,

---

טו. פְרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תשלב.

און אַזוֹי אִיז מַיין מַצָּב גֶעוָוארְן נָאךְ עֶרְגֶער, אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן נָאךְ מֶער דֶערפְּרֶעסְט. בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר און אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַייעֶרע שִׁיעוּרִים און חִיזּוּק, דָאס הָאט מִיר מַמָּשׁ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט, אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן מַמָּשׁ אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, און דָאס הָאט מַמָּשׁ גֶערַאטֶעוֶועט מַיין לֶעבְּן.

אִיךְ שְׁפִּיר אַז אוֹיבּ ווִיל מֶען זַיין גֶעזוּנְט און פְרֵיילִיךְ און דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט גֶעשְׁמַאק, מוּז מֶען הָאבְּן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען אָנְגֵיין. מִמֵּילָא וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, ווִיל אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק הָאבְּן אַ מַאן וָואס אִיז אוֹיךְ אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר, עֶר לֶעבְּט אוֹיךְ מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, און אִיךְ ווִיל אַז מַיינֶע קִינְדֶער זָאל אוֹיךְ בַּאקוּמֶען אַזַא חִינוּךְ. אִיךְ בִּין בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט חַתוּנָה צוּ הָאבְּן מִיט אַ קַאלְטֶער בָּחוּר, און צוּרִיקְפַאלְן צוּ מַיינֶע בִּיטֶערֶע צַייטְן, און פַארְבִּיטֶערְן דָאס לֶעבְּן פוּן מַיינֶע קִינְדֶער.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן וָואס אִיךְ קֶען יָא טוּן צוּ בַּאקוּמֶען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר שִׁדּוּךְ, אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען אַ תְּשׁוּבָה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס שְׁנֶעלֶער.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעפַאלְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז

זַייעֶר גְרוֹיס, עֶר וֶועט אַייך הֶעלְפְן איר זָאלְט טְרֶעפְן אַייעֶר שִׁדּוּךְ און אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע וַוארֶעמֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּב.

**בֶּעטְס** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס איר ווילְט און וָואס אִיר דַארְפְט; זָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעם גַאנְצְן בִּרְיוו, זָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן די גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, וואו אִיר זֶענְט אוֹיפְגֶעוַואקְסְן, ווי מֶען מַאכְט חוֹזֶק פוּן אַלֶעס, מֶען לַאכְט פוּן יֶעדְן און מֶען קְרִיגְט זיךְ וְכוּ', אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן ווי שְׁטַארְק איר ווילְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר שְׁטוּב, אַ שְׁטוּב וָואס וֶועט זיךְ פִירְן מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת און אַז אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן ווילְן נִישְׁט וְכוּ' וְכוּ' - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַייךְ הֶעלְפְן.

**תְּפִלָּה** אִיז זַייעֶר שְׁטַארְק, זַייעֶר גְרוֹיס און הֶעכֶער פוּן אַלֶעס, מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען אַלֶעס בַּאקוּמֶען, אֲפִלּוּ טוּישְׁן אַ שִׁדּוּךְ. אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת חִתּוּן, סִימָן ט): "עַל יְדֵי תְּפִלָּה יָכוֹל לְשַׁנּוֹת זִוּוּגוֹ הַנִּכְרָז בַּשָּׁמַיִם", מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵלְ'ן, מֶען קֶען אֲפִלּוּ טוּישְׁן אַ שִׁדּוּךְ וָואס מֶען הָאט שׁוֹין אוֹיסְגֶערוּפְן אִין הִימְל.

**עַקְשְׁנְ'ט** זיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִיר בַּאקוּמֶען וָואס אִיר דַארְפְט.

# תשפד

## ווִי אַזוֹי אִיז מֶען מְיַיחֵד יִחוּדִים?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בְּרֶענְגֶען פוּן אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ אַז מְיַיחֵד זַיין יִחוּדִים אִיז גְרֶעסֶער פוּן לִימוּד הַתּוֹרָה, ווִיל אִיךְ ווִיסְן ווִי אַזוֹי הוֹיבְּט מֶען אָן דָאס צוּ טוּן, אוּן ווִי אַזוֹי ווייסְט מֶען אוֹיבּ מֶען טוּט עֶס רִיכְטִיג?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ב חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**הוֹיבּ** אָן טְרַאכְטְן פוּנֶעם שֵׁם הַוַיָ"ה בָּרוּךְ הוּא; טְרַאכְט פוּן אוֹת י', אוֹת ה', אוֹת ו' אוּן אוֹת ה', אוּן לֵייג דָאס צוּזַאמֶען פַאר דַיינֶע אוֹיגְן. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן ב) אַז אַלְס אִינְגֶל פְלֶעגְט עֶר שְׁטֶענְדִיג פְּרוּבִּירְן צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם שֵׁם הַוַיָ"ה בָּרוּךְ הוּא, עֶר הָאט גֶעוָואלְט מְקַיֵּם זַיין דֶעם (תְּהִלִּים טז, ח): "שִׁוִּיתִי ה' לְנֶגְדִּי תָמִיד", עֶר פְלֶעגְט זִיךְ זֵייעֶר אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוֹיסְצוּמָאלְן דִי אוֹתִיּוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען פַאר זִיךְ, דָאס הָאט גֶעמַאכְט אַז עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן אוּן פַארְשְׁטֵיין וָואס דֶער

**מְלַמֵּד הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אִים, וַוייל עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעטְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

**צוּבִּיסְלִיךְ** וֶועסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ דֶעם. נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ גֵיין וַוייטֶער; זָאלְסְט מְיַחֵד זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען מִיט דִי פִּיר וֶועגְן דוּרְךְ דֶעם מִלּוּי פוּן ע"ב, ס"ג, מ"ה אוּן ב"ן; דֶער אוֹת י' אִיז דֶער מִסְפָּר צֶען, אָבֶּער וֶוען מֶען זָאגְט אַרוֹיס יוּ"ד וֶוערְט דָאס צְוָואנְצִיג[טז], אוּן אַזוֹי מִיט דִי אַנְדֶערֶע אוֹתִיוֹת; זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְמָאלְן מִיט דַיינֶע אוֹיגְן וִוי דוּ זֶעסְט דֶעם נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע פִּיר אוֹתִיוֹת אָנְגֶעפִּילְט מִיט דֶעם אוֹת יוּ"ד, אַזוֹי: יוּ"ד, הֵ"י, וָי"ו, הֵ"י; וָואס צוּזַאמֶען בַּאטְרֶעפְט דָאס צְוֵוי אוּן זִיבֶּעצִיג (ע"ב). נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְמָאלְן מִיט דַיינֶע אוֹיגְן וִוי דוּ זֶעסְט דֶעם נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעשְׁרִיבְּן דְרֵיי אוֹתִיוֹת אָנְגֶעפִּילְט מִיט דֶעם אוֹת י', אַזוֹי: יוּ"ד, הֵ"י, וָא"ו, הֵ"י; וָואס צוּזַאמֶען בַּאטְרֶעפְט דָאס דְרֵיי אוּן זֶעכְצִיג (ס"ג). נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְמָאלְן מִיט דַיינֶע אוֹיגְן וִוי דוּ זֶעסְט דֶעם נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעשְׁרִיבְּן דִי אוֹתִיוֹת אָנְגֶעפִּילְט מִיט דֶעם אוֹת א', אַזוֹי: יוּ"ד, הֵ"א, וָא"ו, הֵ"א; וָואס צוּזַאמֶען בַּאטְרֶעפְט דָאס פִּינְף אוּן פֶערְצִיג (מ"ה). נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְמָאלְן מִיט דַיינֶע אוֹיגְן וִוי דוּ זֶעסְט דֶעם נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעשְׁרִיבְּן דִי אוֹתִיוֹת אָנְגֶעפִּילְט מִיט דֶעם אוֹת ה', אַזוֹי: יוּ"ד, הֵ"ה, וָ"ו, הֵ"ה; וָואס צוּזַאמֶען בַּאטְרֶעפְט דָאס צְוֵוי אוּן פִּיפְצִיג (ב"ן).

---

טז. י [10] + ו [6] + ד [4] = 20

**וְוִיסְן** זָאלְסְטוּ אַז יֶעדֶעס מָאל מֶען אִיז מְיַיחֵד אַ יִחוּד, מֶען טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֲרִיזַ״ל זָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה וֶוען מֶען אִיז מְיַיחֵד זַיין נָאמֶען. אִין אָנְהוֹיבּ אִיז דָאס נִישְׁט גְרִינְג, וַוייל אוּנְזֶער גַאנְצֶע קָאפּ אִיז פִיל מִיט נַארִישְׁקַייטְן, מִיט שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אָבֶּער ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ אַרְבֶּעט זִיךְ אוֹיס, עֶר אִיז זִיךְ מְבַטֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה; עֶר וֵוייסְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט אִין דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי אוּן מְדַבֵּר. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְן אִים, דֶעמָאלְט לַייכְט אִים דִי אַלֶע שֵׁמוֹת.

**ווְאוֹיל** אִיז דֶעם וָואס קֶען בָּאטְשִׁיג אֵיינְמָאל אַ טָאג מְיַחֵד זַיין דִי אַלֶע שֵׁמוֹת, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רוּעֶן בַּיי אִים.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תשפה

## רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ הֶפְסֵק?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁעוּרִים, חִזּוּק אוּן עֵצוֹת, אִיךְ בִּין זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ' מִיט דֶעם, עֶס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן אוּן זַיין נָאנְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער מִיט שִׂמְחָה אוּן גֶעשְׁמַאק. בִּפְרַט דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, וָואס דָאס הַאלְט מִיךְ מַמָּשׁ בַּיים לֶעבְן, אִיךְ רֶעד צוּ אִים וֶוען אִיךְ קֶען, סְפֶּעצְיֶעל וֶוען אִיךְ גֵיי אוֹיפְן גַאס אוּן אוֹיךְ בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה נָאךְ יִהְיוּ לְרָצוֹן.

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי מוּסָף הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעטְרָאפְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן אוֹיבּ דָאס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, וַוייל מֶען טָאר דָאךְ נִישְׁט מַפְסִיק זַיין צְווִישְׁן דִי תְּקִיעוֹת, ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ דָאס הֵייסְט טַאקֶע אַ הֶפְסֵק[יז].

אוֹיךְ וֶוען מֶען הָאט גֶעזָאגְט יוֹצְרוֹת הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ; אִיךְ ווֵייס נִישְׁט אוֹיבּ דָאס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אָבֶער אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט מֶער אַ גֶעשְׁמַאק צוּ רֶעדְן פוּן מַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי צוּ זָאגְן דִי יוֹצְרוֹת וָואס אִיךְ פַארְשְׁטֵיי גֶעווֶענְלִיךְ נִישְׁט דִי טַייטְשׁ דֶערְפוּן.

וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

יז. נָאךְ אַ בְּרִיוו וָואס רֶעדְט זִיךְ פוּן דֶעם נוֹשֵׂא אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ב חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וואֵיל** אִיז דִיר אַז דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דוּ בִּיסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד סַיי אוֹיפְן גַאס און סַיי בַּיים דַאווְענֶען. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, מִיר זָאלְן אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; פוּן וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן אוֹיף אִינְדֶערפְרִי בִּיז וֶוען מִיר גֵייעֶן שְׁלָאפְן - זָאלְן מִיר שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן צו)[יח].

**דֶער** רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן י) עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כה; ק) עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַסַאךְ צַדִיקִים אַז זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת, ווַייל מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אָן הִתְבּוֹדְדוּת; וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט, אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אָן הִתְבּוֹדְדוּת, זֶענֶען דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ און הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען אוֹיסְצוּרֶעכֶענֶען נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אוֹיף יֶעדְן נָאמֶען ווָאס זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט, אַז אַלֶע פוּן זֵיי הָאבְּן אִים בְּפֵרוּשׁ גֶעזָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

---

יח. מֶער אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, ווַייטֶער אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תשפח.

רֶעדְן צום אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נִישְׁט קַיין הֶפְסֵק; אֲפִילוּ דָארְט וואו מֶען טָאר נִישְׁט מַפְסִיק זַיין מֵיינְט מֶען נִישְׁט מַפְסִיק זַיין מִיטְן רֶעדְן צום אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען מֵיינְט שְׁמוּעֶסְן און רֶעדְן צו מֶענְטְשְׁן וְכוּ', אָבֶער צום אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען און מוּז מֶען רֶעדְן וואו אִימֶער מֶען גֶעפִינְט זִיךְ; אַזוֹי הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט גְרוֹיסֶע צַדִיקִים זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ, זֵייעֶר דַאוֶועןֶען אִיז גֶעוֶוען אֵיין שְׁטִיק הִתְבּוֹדְדוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## מֶעג מֶען רֶעדְן צום אֵייבֶּערְשְׁטְן צְווִישְׁן דִי תְּקִיעוֹת אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה?[יט]

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִין דִי טֶעג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁעָבְרוּ עָלֵינוּ לְטוֹבָה, אִיז מִיר אַיינְגֶעפַאלְן אַ שְׁאֵלָה. וֶוען מֶען דַאוֶונְט דִי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה פוּן מוּסָף אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מֶעג מֶען דָארְט רֶעדְן צום אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אָדֶער אֶפְשָׁר אִיז עֶס אַ הֶפְסֵק צְווִישְׁן דִי תְּקִיעוֹת?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

יט. סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק א', מִכְתָּב סג.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה-א, ז' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

**וואויל** אִיז דִיר אוּן וואויל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ טוּסְט דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ק): "מִקָּטָן וְעַד גָּדוֹל אִי אֶפְשָׁר לִהְיוֹת אִישׁ כָּשֵׁר בֶּאֱמֶת, כִּי אִם עַל יְדֵי הִתְבּוֹדְדוּת", מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַז מֶען מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת; דָאס הֵייסְט, מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, מֶען זָאל אִים אַלֶעם דֶערְצֵיילְן - אַלֶע יְרִידוֹת, אַלֶע נְפִילוֹת אוּן אַלֶעם וָואס טוּט וֵויי פַארְן מֶענְטְשׁ.

**אוּן** דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן צו): "אֲפִלּוּ כְּשֶׁאֵין יְכוֹלִין לְדַבֵּר כְּלָל, אֲפִלּוּ כְּשֶׁמְּדַבְּרִין רַק דִּבּוּר אֶחָד, גַּם כֵּן טוֹב מְאֹד", אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין דִיבּוּרִים וָואס צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען נָאר זָאגְן אֵיין וָוארְט, אִיז דָאס אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (שָׁם חֵלֶק א', סִימָן ט): "עִקַּר הַחִיּוּת מְקַבְּלִין מֵהַתְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: 'תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי'", דֶער גַאנְצֶער חַיוּת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ קוּמְט פוּן דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַאוֶוענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן סב) אַז תְּפִילָּה אִיז אַזוֹי וִוי דִי נָאז פוּנֶעם מֶענְטְשׁ; אַ מֶענְטְשׁ אָן אַ נָאז

קֶען נִישְׁט לֶעבְּן, וַוייל מֶען אָטֶעמְט פוּן דִי נָאז, אַזוֹי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ צוּגֶעוואוינֶען אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ לֶעבְּן מִיט תְּפִילָה אַז עֶס זָאל זַיין בַּיי אִים מַמָּשׁ ווִי אָטֶעמֶען; עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן פַּאר אַ מֶענְטְשׁ יֶעצְט קֶען מֶען יָא אָטֶעמֶען, יֶעצְט קֶען מֶען נִישְׁט אָטֶעמֶען, אָטֶעמֶען דַארְף מֶען אַ גַאנְצְן צַייט, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ צוּגֶעוואוינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע מִינוּט אוּן יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע - אַ גַאנְצְן טָאג, אַזוֹי אוֹיךְ אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, אוּן דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין הֶפְסֵק. פַארְקֶערְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעווֹאוינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיים דַאוֶוענֶען, אִיז אִים דָאס גַאנְצֶע דַאוֶוענֶען גָאר אַנְדֶערְשׁ, עֶר שְׁפִּירְט ווִי עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ גֶעווֹאוינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט בַּיי אִים שְׁטֶערְקֶער זַיין אֱמוּנָה, עֶר הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט עֶר גָאר אַנְדֶערְשׁ דַאוֶוענֶען, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן סב): "וּבֶאֱמֶת, אִם הָיָה יוֹדֵעַ הָאָדָם יְדִיעָה בְּלֵב שָׁלֵם, 'שֶׁמְּלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ', וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹמֵד בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה, וְשׁוֹמֵעַ הַתְּפִלָּה, וַדַּאי הָיָה מִתְפַּלֵּל בְּהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל, וְהָיָה מְדַקְדֵּק מְאֹד לְכַוֵּן אֶת דְּבָרָיו", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט וֶוען גֶעווֹאוּסְט בַּיי זִיךְ קְלָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים בִּשְׁעַת עֶר דַאוֶוענְט, אוּן עֶר הֶערְט צוּ יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר בֶּעט, וָואלְט עֶר גֶעדַאוֶוענְט אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין,

און עֶר וָואלְט מְכַוֵּן גֶעוֶוען יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע וָוארְט ווִי אַזוֹי עֶר זָאגְט עֶס אַרוֹיס.

מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַלְטֶע בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים וָואס הָאבְּן גֶעוואוֹינְט אִין אוּמַאן, אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד אַ שׁוּסְטֶער, זֵייעֶר אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד, וֶוען מֶען פְלֶעגְט אַרַיין קוּמֶען צוּ אִים אִין זַיין גֶעשֶׁעפְט, הָאט מֶען גֶעזֶען אַ מוֹרָא'דִיגֶער בִּילְד פַאר זִיךְ, עֶר פְלֶעגְט שְׁטֵיין און הַאקְן מִיטְן הַאמֶער אוֹיף דִי שִׁיךְ און רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פַארְטִיפְט אִין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר פְלֶעגְט נִישְׁט בַּאמֶערְקְן ווִי אֵיינֶער אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין גֶעשֶׁעפְט.

וֶוען עֶר פְלֶעגְט בַּאמֶערְקְן ווִי אֵיינֶער שְׁטֵייט דָארְט, פְלֶעגְט עֶר אָפְּשְׁטֶעלְן דִי אַרְבֶּעט און פְרֶעגְן דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען: "אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה, אִיךְ אַרְבֶּעט מִיט שִׁיךְ, און וֶוען מֶען כַאפְּט אָן שִׁיךְ וֶוערְט מֶען טָמֵא, און אִיךְ ווִיל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִיל אִיךְ ווִיסְן צִי אִיךְ מֶעג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען אִיךְ אַרְבֶּעט מִיט דִי שִׁיךְ?" מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן עֶטְלִיכֶע בְּרֶסְלֶב'עֶר אִידְן, וָואס אַלֶע הָאבְּן גֶעהַאט דִי זֶעלְבֶּע מַעֲשֶׂה, און אַלֶע הָאבְּן דֶערְצֵיילְט אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס אִים צוּ עֶנְטְפֶערְן.

בְּשַׁעַת מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה אִינְמִיטְן שִׁיעוּר הָאט אַ אִינְגֶערְמַאן אַרַיינְגֶעפְרֶעגְט: "לְמַעֲשֶׂה מֶעג

מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס מֶען טָאר נִישְׁט לֶערְנֶען, אָדֶער וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוַואשְׁן דִי הֶענְט?" און מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶס אִיז בְּגֶדֶר 'הֲלָכָה וְאֵין מוֹרִין כֵּן"; דָאס הֵייסְט, עֶס אִיז דָא הֲלָכוֹת וָואס מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן אַז מֶען זָאל אַזוֹי טוּן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** גְּמַר חֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תשפו

### פַארְוָואס דְרוּקְט מֶען נָאר דִי נֵייעֶ סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ גֵיי אַסַאךְ מָאל הֶפָּצָה נָאךְ דִי אַרְבֶּעט, מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן מִיר אַסַאךְ מָאל אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וִוי לְמָשָׁל לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אָדֶער לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, אָבֶּער גֶעוֶוענְלִיךְ הָאבּ אִיךְ נָאר דִי קוּנְטְרֵסִים. הָאבּ אִיךְ טַאקֶע גֶעוָואלְט פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דִי קֶרֶן הַדְּפָסָה הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ דְרוּקְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, נָאר בְּעִקָּר דִי נֵייעֶ סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ב חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרַט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וואוּיל** אִיז דִיר אַז דוּ גֵייסְט הֲפָצָה, דוּ פַּארְשְׁפְּרֵייטְסְט דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים פַּאר אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת, קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אַזַא גְרִינְגֶע שְׁפְּרַאךְ וָואס יֶעדֶער קֶען דָאס פַּארְשְׁטֵיין אִין יֶעדֶע מַצָּב ווִי עֶר זָאל זִיךְ נָאר גֶעפִינֶען. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים און רֶבִּי נָתָן'ס סְפָרִים און מִיט אַ הֶעכֶערֶע כֹּחַ, אַ כֹּחַ פוּן הִימְל - דָאס אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אַזוֹי נִידְרִיג אַז פְּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן ווִי מִיר זֶענֶען, זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן אַ גֶעפִיל אִין דֶעם; מִיר זָאלְן אוֹיךְ וֶועלְן טוּן דִי עֵצוֹת און לֶעבְּן אַ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אִין** אָנְהוֹיבּ הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעדְרוּקְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים און דָאס פַּארְשְׁפְּרֵייט אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, צוּבִּיסְלִיךְ הָאבְּן נָאךְ מֶענְטְשְׁן אָנְגֶעהוֹיבְּן דְרוּקְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים און הַיינְט קֶען מֶען שׁוֹין בַּאקוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וואוּ מֶען גֵייט און וואוּ מֶען שְׁטֵייט. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט אַז הַיינְט דַארְפְן מִיר שׁוֹין נִישְׁט דְרוּקְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וַוייל אַנְדֶערֶע דְרוּקְן דָאס שׁוֹין און מֶען קֶען דָאס בַּאקוּמֶען אִיבֶּערָאל; מִיר דַארְפְן בְּעִקָּר דְרוּקְן דִי סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים וָואס זֶענֶען מְחַיֶּ' אַלֶעמֶען.

שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער מִיט הֲפָצָה; בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק פַארְבְּלָאנְדְזְשֶׁעטֶע נְשָׁמוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תְּרוּמָה קכח:) "תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בִּיְדָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא. גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא. וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ. וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; עֶר נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט. דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תשפז

## ענְדֶערְשׁ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּב, אָדֶער ענְדֶערְשׁ לוֹיפְן צוּ אַ הַצָּלָה רוּף?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט כְּסֵדֶר אַז מֶען זָאל ענְדֶערְשׁ זַיין אִינְדֶערְהֵיים אוּן הֶעלְפְן דִי וַוייבּ, ווִי אֵיידֶער אַרוֹיסְגֵיין הֶעלְפְן חֲבֵרִים, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען אִין זְכוּת פוּן הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אַ שְׁטֵייגֶער ווִי דִי אָרְגַאנִיזַאצְיֶעס "הַצָּלָה", "שׁוֹמְרִים", "חֲבֵרִים" אוּן דָאס גְלַייכְן.

אִיךְ בִּין אַ הַצָּלָה מַאן, אוּן אִיךְ דַארְף אַסַאךְ מָאל אַרוֹיסְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ צוּ גֵיין הֶעלְפְן אוּן רַאטֶעוֶוען אִידְן, ווִי אַזוֹי וֵויים אִיךְ וֶוען אִיךְ דַארְף יָא גֵיין אוּן וֶוען אִיךְ דַארְף ענְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן הֶעלְפְן אִינְדֶערְהֵיים?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ב חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרַט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וואוֹיל** אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק מִיט דֶעם וָואס דוּ רַאטֶעוֶועסְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דוּ בִּיסְט אַ הַצָּלָה מַאן אוּן דוּ גֶעבְּסְט זִיךְ אַוֶועק צוּ רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

**אָבֶער** אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט דַארְפְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען דַארְף אוֹיךְ הֶעלְפְן דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; מֶען קֶען נִישְׁט אַוֶועק לוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ וֶוען דִי וַוייבּ אִיז אָנְגֶעוִויזְן אוֹיפְן מַאן מִיטְן אוֹיסְרֵייד: "הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע"; אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט פוּן גֵיין הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע הָאט מֶען דִי מִצְוָה פוּן הֶעלְפְן דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

**בָּעט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט וִויסְן וֶוען יָא צוּ גֵיין אוּן וֶוען נִישְׁט צוּ גֵיין; וֶוען מֶען רוּפְט דִיר צוּ רַאטֶעוֶועןאַ צְוֵוייטְן, לְמָשָׁל אֵיינֶער הָאט גֶע'חַלֶשְׁ'ט, אֵיינֶער אָטֶעמְט נִישְׁט - דֶעמָאלְט דַארְף מֶען לוֹיפְן וָואס שְׁנֶעלֶער אוּן מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְזוֹימֶען קַיין רֶגַע, אָבֶער וֶוען מֶען רוּפְט דִיר אַז אֵיינֶער הָאט זִיךְ צֶעשְׁנִיטְן, צֶעבְּרָאכְן אַ בֵּיין וְכוּ' וְכוּ', דֶעמָאלְט וֶוענְדְט זִיךְ דִי מַצָּב אִין שְׁטוּבּ; אוֹיבּ דַיין וַוייבּ אִיז אָנְגֶעוִויזְן אוֹיף דִיר - דַארְפְסְטוּ עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אוּן לָאזְן דִי מִצְוָה פַאר אַ צְוֵוייטְן.

**נֶעם** דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; שְׁמוּעֶס אַסַאךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, סַיי דִי גוּטֶע זַאכְן אוּן סַיי דִי שְׁוֶועְרִיקֵייטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד וֶוערְט אִים זַיין מֹחַ קְלָאר, עֶר וֵוייסְט וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן בַּיי יֶעדְן פַאל.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תשפח

## דַארְף מֶען רֶעדְן אַ גַאנְצְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וואו זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן טָאג, וֶוען עֶר הָאט נָאר צַייט?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, ט"ו חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן צו): "שֶׁרְצוֹנוֹ שֶׁיִּהְיֶה לָנוּ כָּל הַיּוֹם כֻּלּוֹ הִתְבּוֹדְדוּת וּלְבַלּוֹת כָּל הַיּוֹם עַל זֶה", אִיךְ ווִיל אַז יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל הָאבְּן אַ גַאנְצְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען זָאל פַארְבְּרֶענְגֶען דֶעם גַאנְצְן טָאג מִיטְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אַךְ לָאו כָּל אָדָם יָכוֹל לְקַיֵּם זֹאת", אוּן אַזוֹי ווִי נִישְׁט אַלֶע קֶענֶען דָאס מְקַיֵּם זַיין, "עַל כֵּן בְּהֶכְרֵחַ לְצַוּוֹת לָהֶם שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם עַל כָּל פָּנִים אֵיזֶה שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת כִּי גַּם זֶה טוֹב מְאֹד", דֶערִיבֶּער זָאל מֶען כָאטְשׁ פְּרוּבִּירְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵיין שָׁעָה אִין טָאג, ווַייל אַבִּיסְל אִיז

אויך גוט, "אֲבָל מִי שֶׁלִּבּוֹ חָזָק בַּהַשֵּׁם, וְרוֹצֶה לְקַבֵּל עָלָיו עֹל עֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת, רְצוֹנוֹ שֶׁיִּהְיֶה לוֹ כָּל הַיּוֹם הִתְבּוֹדְדוּת", אָבֶּער וֶוער עֶס וויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת - זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוינֶען מִיט דִי הַנְהָגָה, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן טָאג, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת כא.): "וּלְוַאי שֶׁיִּתְפַּלֵּל אָדָם כָּל הַיּוֹם כֻּלּוֹ", הַלְוַאי זָאל מֶען דַאוֶוענֶען אַ גַאנְצְן טָאג.

**וואוּיל** אִיז דֶעם וָואס פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן; וֶוען מֶען הָאט צַייט אִיז מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן בְּזֶה הָעוֹלָם דֶעם גַּן עֵדֶן אַלֵיין, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן דִי זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע לִיבְּטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## תשפט

### דַארְף אִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן מַיין מַאמֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר אוֹיבּ אִיךְ דַארְף אִיבֶּערְבֶּעטְן מַיין מַאמֶע, וָואס הָאט גֶעמַאכְט אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ בִּיטֶערֶער יָאר, מִיט קַיין אֵיין טָאג וָואס אִיךְ זָאל קֶענֶען זַיין פְרֵיילִיךְ.

איך דַארְף הָאבְּן חִזּוּק אוֹיף כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַסַאךְ מָאל חוּצְפָּה'דִיג צוּ מַיין מַאמֶע; אִיךְ בִּין אַזוֹי בְּרוֹגֶז אוֹיף אִיר און אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט שְׁמֵייכְלֶען צוּ אִיר, בִּפְרַט נָאכְדֶעם וָואס זִי הָאט מִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ז חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶרְשְׁטְנְס** זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז פָארְן קַיין אוּמַאן הֶעלְפְט נִישְׁט פַאר אַן עַזּוּת פָּנִים, אַ מְחוּצָף; דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵרוּשׁ גֶעזָאגְט: "אִיךְ קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן חוּץ אַן עַזּוּת פָּנִים"; אַ מְחוּצָף הָאט נִישְׁט קַיין פְּלַאץ בַּיים רֶבִּי'ן.

**צְוֵוייטְנְס,** וָואס אִיז בִּכְלַל דַיין שְׁאֵלָה אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט אִיבֶּערְבֶּעטְן דַיין מַאמֶע?! אַוַדַאי זָאלְסְטוּ אִיר אִיבֶּערְבֶּעטְן, זָאלְסְט פַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד און קְלַאפְּן עַל חֵטְא מִיט דַיין קָאפּ צוּם עֶרְד אוֹיף דַיין אוֹיפְפִירוּנְג צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן. אָךְ און וֵויי פַאר דֶעם וָואס פִּירְט זִיךְ מִיט חוּצְפָּה צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן, וֵויי פַאר אַ קִינְד וָואס עֶפְנְט אַ מוֹיל צוּ רֶעדְן מִיט חוּצְפָּה צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן, וֵויי פַאר אַ קִינְד וָואס שְׁפֶּעט אָפּ פוּן זַיין אַלְטֶע מַאמֶע!

קוּק וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ל, יז): "עַיִן תִּלְעַג לְאָב", אַן אוֹיג וָואס שְׁפֶּעט אָפּ פוּן זַיין טַאטֶע, "וְתָבוּז לִיקְּהַת אֵם", אוּן דֶער וָואס שְׁפֶּעט אָפּ פוּן דִי קְנֵייטְשְׁן פוּן זַיין מַאמֶע (וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט עֶלְטֶער וֶוערְט דֶער פָּנִים פִיל מִיט קְנֵייטְשְׁן), "יִקְּרוּהָ עֹרְבֵי נַחַל", זָאלְן קוּמֶען דִי רוֹיבּ פוֹיגְל וָואס זֶענֶען גְרוֹיסֶע אַכְזָרִים אוּן אִים אוֹיסְשְׁטֶעכְן דִי אוֹיגְן, "וְיֹאכְלוּהָ בְנֵי נָשֶׁר", אוּן דִי אָדְלֶער זָאלְן אִים אוֹיפְעֶסְן.

**כִּיבּוּד** אָב וָאֵם אִיז פוּן דִי חֲמוּרוֹת שֶׁבַּחֲמוּרוֹת; דָאס אִיז פוּן דִי הַארְבְּסְטֶע מִצְווֹת וָואס אִיז דָא. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי קִדּוּשִׁין פֶּרֶק א, הֲלָכָה ז): "רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי אוֹמֵר, גָּדוֹל הִיא כִּיבּוּד אָב וָאֵם שֶׁהֶעֱדִיפוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹתֵר מִכְּבוֹדוֹ", רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי זָאגְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע מֶער ווִי מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

**אַז** דַיין מַאמֶע דֶערְבִּיטֶערְט דִיר דַיין לֶעבְּן אִיז נִישְׁט קֵיין תֵּירוּץ צוּ זַיין אַ מְחוּצָף; אַז עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער דַיין לֶעבְּן - זָאלְסְטוּ גֵיין אִין אַ ווִינְקְל אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אַוֶועק נֶעמֶען פוּן דִיר דִי דִינִים אוּן עֶס זָאל דִיר גוּט וֶוערְן אִין לֶעבְּן.

**אִיךְ** הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ וֶועסְט פוּן הַיינְט פַארְרֶעכְטְן דַיין צוּגַאנְג צוּ דַיין טַאטֶע מַאמֶע, וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

# תשצ

## ווי אַזוֹי קֶען מֶען וֶוערְן אַ תַּלְמִיד חָכָם דוּרְכְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

איך מוז זיך זייער בַּאדַאנְקֶען פַאר די שִׁעוּרִים וָואס הָאבְּן גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן, ווי אויך דָאס לֶעבְּן פוּן מַיין וַוייבּ און קִינְדֶער - צוּם גוּטְן.

איך קוּם פוּן אַ לִיטְווִישֶׁע מִשְׁפָּחָה, איך הָאבּ אָבֶער נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אִין לֶערְנֶען אוֹיפְן לִיטְווִישְׁן דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, און איך הָאבּ זיך צוּגֶעכַאפְּט צוּם רֶבִּינְ'ס דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, מִיט וָואס איך בִּין זיך מַמָּשׁ מְחַיֶּ'.

איך הָאבּ אָבֶער צְוֵויי פְּרַאגֶעס אִיבֶּער דֶעם. אֵיינְס, דֶער דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן הָאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מַעֲלָה אַז איך קֶען לֶערְנֶען אִין יֶעדֶע צַייט, אֲפִלּוּ וֶוען איך הָאבּ נָאר אַפָּאר מִינוּט, און איך בִּין נִישְׁט אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין קֵיינֶעם, אִיךְ דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף אַ חַבְרוּתָא, און דָאס גְלַייכְן. פוּן די אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דָאס אָבֶער אַ פְּרָאבְּלֶעם, וַוייל די גְּמָרָא זָאגְט דָאךְ הַארְבֶּע זַאכְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען אַלֵיין נָאר מִיט אַ חַבְרוּתָא, און דֶער דֶּרֶךְ הַלִּימוּד קֶען איך נִישְׁט לֶערְנֶען מִיט אַ חַבְרוּתָא.

צְווֵייטְנְס, איך פַארְשְׁטֵיי אַז זָאגְן די וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה הָאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חֲשִׁיבוּת, אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי זָאגְט און מֶען טְרֶעפְט דָאס אויך אִין זוֹהַר און אִין נָאךְ סְפָרִים, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אָבֶער נִישְׁט ווי אַזוֹי מֶען קֶען וֶוערְן אַ תַּלְמִיד חָכָם דוּרְכְן לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם וֶועג. איך הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶטְלִיכֶע מַסֶכְתּוֹת, אָבֶער איך הָאבּ בְּלוֹיז 'גֶעדַאוֶוענְט' די וֶוערְטֶער, איך שְׁפִּיר נִישְׁט אַז איך קֶען יֶעצְט עֶפֶּעס מֶער פוּן פַאר דֶעם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ -יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ז חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵייא זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דַיין לֶעבְּן אִיז דִיר לִיכְטִיג גֶעוָוארְן זַייט דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעווּאוּסְט וָואס מֶען בַּאקוּמְט וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת - וָואלְטְן אַלֶע גֶענוּמֶען דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ מְחַיֶּה' גֶעוֶוען מִיט דֶעם.

**דִי** אַלֶע וָואס רֶעדְן אוֹיף בְּרֶסְלֶב, וֶוען זֵיי וָואלְטְן וֶוען גֶעווּאוּסְט בֶּאֱמֶת וָואס אִיז בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידוּת - נִישְׁט נָאר זֵיי וָואלְטְן נִישְׁט גֶערֶעדְט אוֹיף בְּרֶסְלֶב, נָאר זֵיי וָואלְטְן אַלֶע גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן מִיט דִי קִינְדֶער. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפב): "עָלַי אֵין חוֹלְקִים כְּלָל, רַק הֵם חוֹלְקִים עַל מִי שֶׁעָשָׂה כָּךְ, כְּמוֹ שֶׁבּוֹדִים הַחוֹלְקִים עָלָיו, וְעַל אִישׁ כָּזֶה בְּוַדַּאי רָאוּי לַחֲלֹק", אוֹיף מִיר קְרִיגְן זֵיי נִישְׁט, זֵיי קְרִיגְן אוֹיף אֵיינֶעם וָואס מֶען זָאגְט אוֹיף אִים דִי אַלֶע לָשׁוֹן הָרֶע'ס אוּן אוֹיף אִים דַארְף מֶען קְרִיגְן, אוֹיף אַזַא אֵיינֶעם קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "זֵייא הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גִּשְׁנִיצְט אַ מֶענְטְשׁ, אוּן קְרִיגְן אוֹיף אִיהם", אוֹיף אִים קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ.

**בְּנוֹגֵעַ** דַיין פְרַאגֶע ווִי אַזוֹי מֶעג מֶען לֶערְנֶען אַלֵיין אָן אַ חַבְרוּתָא וֶוען דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן זֵייעֶר שַׁארְף

(תַּעֲנִית ז.) אוֹיפְן פָּסוּק (יִרְמְיָה נ, לו): "חֶרֶב", עֶס זָאל קוּמֶען אַ שְׁוֶוערְד, "אֶל הַבַּדִּים", אוֹיף דִי וָואס לֶערְנֶען אַלֵיין אָן קַיין חַבְרוּתָא; "וְנֹאָלוּ", מֶען ווערְט פַארְנַארְט אוּן מֶען קוּמְט צוּ זִינְד ווען מֶען לֶערְנְט אַלֵיין; זָאגְט מֶען נָאךְ פוּנֶעם הֵיילִיגְן חֲזוֹן אִישׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (רְאֵה שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת תְּשׁוּבוֹת וְהַנְהָגוֹת חֵלֶק א, סִימָן תקמב; וְעוֹד) אַז דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אִין דִי צַייטְן פוּן חֲזַ"ל ווען עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין סְפָרִים אוּן מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט בְּעַל פֶּה, דֶעמָאלְט אוֹיב מֶען לֶערְנְט אַלֵיין - קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען מִיט טָעוּתִים דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען לֶערְנֶען מִיט אַ חַבֵר, אָבֶּער הַיינְט ווען מֶען לֶערְנְט אִין סְפָרִים - דַארְף מֶען נִישְׁט לֶערְנֶען דַוְקָא מִיט אַ חַבֵר; בִּפְרַט אַז מֶען זִיצְט אוּן מֶען פְלוֹידֶערְט מִיט אַ חַבֵר דֶעמָאלְט אִיז זִיכֶער בֶּעסֶער צוּ לֶערְנֶען אַלֵיין. ווייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֲגִיגָה יב:): "כָּל הַפּוֹסֵק מִדִּבְרֵי תוֹרָה וְעוֹסֵק בְּדִבְרֵי שִׂיחָה, מַאֲכִילִין אוֹתוֹ גַּחֲלֵי רְתָמִים", ווער עֶס אִיז מַפְסִיק אִינְמִיטְן לֶערְנֶען בַּאקוּמְט אַן עֹנֶשׁ אַז מֶען גֶעבְּט אִים צוּ עֶסְן גַּחֲלֵי רְתָמִים.

יֶעצְט אוֹיף דַיין צְווייטֶע פְרַאגֶע, אוֹיב דוּרְךְ זָאגְן קֶען מֶען אָנְקוּמֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין; עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט אַרַיינְקוּקְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "טוֹב לִלְמֹד בִּמְהִירוּת וְלִבְלִי לְדַקְדֵק הַרְבֵּה בְּלִמּוּדוֹ. רַק לִלְמֹד בִּפְשִׁיטוּת בִּזְרִיזוּת. וְלִבְלִי לְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ הַרְבֵּה בִּשְׁעַת לִמּוּדוֹ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ", עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן נִישְׁט מְדַקְדֵק זַיין צוּפִיל בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט, נָאר זֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין

דֶעם פַּשְׁטוּת הַפְּשַׁט, "וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", און אוֹיבּ מֶען פַאְרשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען נִישְׁט פַארבְּרֶענְגֶען אַסאךְ צַייט אוֹיף דֶעם עִנְיָן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין וַוייטֶער, "וְעַל פִּי הָרֹב יֵדַע אַחַר כָּךְ מִמֵּילָא מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בִּתְחִלָּה, כְּשֶׁיִּלְמַד כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת לְהַלָּן יוֹתֵר", און אַז מֶען לֶערְנְט אַסאךְ וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער פַאְרשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר נִישְׁט אַזוֹי גוּט פַאְרשְׁטַאנֶען.

**נָאךְ** שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן (שָׁם) אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִלּוּ מֶען פַאְרשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", און בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַאְרשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִים מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַאְרשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיין - אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַאְרשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַאְרשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, מֶען זָאל נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן און מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיין פַאְרשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ", און אוֹיבּ מֶען פַאְרשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַאְרשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל; און אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַאְרשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל - אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט,

"כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת סג.; עֲבוֹדָה זָרָה יט.): 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִלִּים קיט, כ): 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִלּוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזוֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", וַוייל אַז מֶען גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין; וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער וִוי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטַייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע

וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ', "אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל, בְּלִי דִקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ מִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן דֶערְמַאנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ, אוּן עֶר וֶועט לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְּמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ, מִיט אַלֶע מִדְרָשִׁים, אוּן זֹהַר הַקָּדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לָאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן דוּרְכְלֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ. עַיֵּן שָׁם.

**וואוֹיל** אִיז דֶעם וָואס נֶעמְט אָן דִי וֶוערְטֶער בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, עֶר לֶערְנְט זַיינֶע שִׁעוּרִים כְּסִדְרָן אוֹיפְן דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן רֶבִּי'ן; וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין אַז עֶס וֶועט זִיךְ עֶפֶּענֶען פַאר אִים זַיין מֹחַ, עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תשצא

## ווי אַזוֹי איז מֶען זִיךְ מִתְגַבֵּר אוֹיף נִסְיוֹנוֹת פוּן כַּעַס?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁטְ מוּז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי שִׁיעוּרִים אוּן חִזּוּק וָואס אִיז מַמָּשׁ מְחַיֶּ' נְפָשׁוֹת, וֶוען עֶס מַאכְט זִיךְ אַמָאל עֶטְלִיכֶע טֶעג וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פְרִישֶׁע שִׁיעוּרִים, שְׁפִּיר אִיךְ מַמָּשׁ ווִי עֶס פֶעלְט מִיר פַאר דִי נְשָׁמָה.

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי אוּן אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ אַסַאךְ מִיט נִסְיוֹנוֹת פוּן כַּעַס, וֶוען אִיךְ וֶוער אוֹיפְגֶערֶעגְט נֶעמְט מִיר זֵייעֶר לַאנְג אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דֶעם מַצָּב, וְוִיפִיל אִיךְ פְּרוּבִיר זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, גֵייט עֶס מִיר נִישְׁט, אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַאר מִיר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ז חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**גֶעבְּט** זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן וֶוערְן אִין כַּעַס. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת כַּעַס, סִימָן טו): "כַּעַס שֶׁל אִשָּׁה מַחֲרִיב אֶת הַבַּיִת", אַ פְרוֹי וָואס רֶעגְט זִיךְ - מַאכְט חָרוּב אִיר שְׁטוּבּ; וֶוען דִי מַאמֶע אִיז אַ כַּעַס'ניֶע - וַואקְסְן דִי קִינְדֶער אוֹיף נַארָאנִים, דֶערְשְׁרָאקְן אוּן

אוּמְזִיכֶער. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן כד): "עַל יְדֵי כַּעַס מוֹלִיד בָּנִים שׁוֹטִים", וֶוען מֶען אִיז בְּכַעַס וואַקְסְן דִי קִינְדֶער נַארָאנִים; מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר אַז וֶוען מֶען שְׁרֵייט אוֹיף דִי קִינְדֶער אוּן מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף זֵיי - וֶוערְן זֵיי דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַארְמַאכְט, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט אוֹיסְוַואקְסְן גֶעזוּנְט.

**נֶעמְט** דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן אוֹיף כַּעַס, זֶעט צוּ עֶסְן אִינְדֶערְפְרִי פַּת שַׁחֲרִית; אַ מַאמֶע פוּן קִינְדֶער דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ עֶסְן צוּ דֶער זֶעט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן יז): "סְגֻלָּה לְכַעַס שֶׁיֹּאכַל פַּת שַׁחֲרִית", עֶסְן פַּת שַׁחֲרִית אִיז מְסֻגָּל אוֹיף כַּעַס; זָאלְט אִיר פוּן הַיינְט מַקְפִּיד זַיין יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי זִיךְ צוּ וַואשְׁן אוֹיף בְּרוֹיט אוּן עֶסְן אַ גוּטְן פְרִישְׁטָאג, וֶועט אִיר וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט פוּן כַּעַס.

**מִיט** אַלֶע חָכְמוֹת אוּן עֵצוֹת דַארְף מֶען אַסַאךְ תְּפִלּוֹת בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, בִּפְרַט עֶרֶב שַׁבָּת דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת; וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע צִיטֶערְט זֵייעֶר פוּנֶעם שַׁבָּת, עֶר וֵוייסְט אַז שַׁבָּת אִיז אַ צֵייט וָואס דֶער אִיד קְלֶעבְּט זִיךְ צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן שַׁבָּת בּוֹיט דֶער אִיד זַיין שְׁטוּבּ, דֶערְפַאר מַאכְט עֶר עֶס זָאל זַיין מַחְלֹקֶת אוּן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט, אַבִּי דֶער שַׁבָּת זָאל זַיין צֶעשְׁטֶערְט. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א זָאגְט (סֵפֶר עֲבוֹדַת הַקֹּדֶשׁ מוֹרֶה בְּאֶצְבַּע סִימָן ד, אוֹת קמ) אַז עֶרֶב שַׁבָּת קוּמְט דֶער שָׂטָן אִין יֶעדֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ אוּן מַאכְט עֶס זָאל אוֹיסְבְּרֶעכְן אַ מַחְלֹקֶת צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ; עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ פַארְטְרָאגְן

זִיךְ, בְּעֶקָר אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וַוייל וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ פַארְטְרָאגְן זִיךְ אוּן לֶעבְּן צוּזַאמֶען בְּאַהֲבָה וְשָׁלוֹם - דֶעמָאלְט הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׁלִיטָה אוֹיף זֵיי.

**דֶערְפַאר** דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אוּן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט בֵּייזֶערְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס פַּאסִירְט, אַזוֹי אַרוּם וֶועט מֶען נִצּוֹל וֶוערְן פוּנֶעם שָׂטָן, וָואס זַיין זַאךְ אִיז מַחְלֹקֶת, אוּן עֶר גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה, סִימָן סו): "בִּמְקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן", דָארְט וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ - דָארְט אִיז דֶער שָׂטָן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תשצב

**וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז מַיין וַוייבּ זָאל נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף מִיר?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין וַוייבּ שְׁרֵייט אַסַאךְ מָאל אוֹיף מִיר, אִיךְ וֵויים נִישְׁט פַארְוָואס. אִיךְ קוֹיף אִיר אַסַאךְ מַתָּנוֹת, אָבֶּער גָארְנִישְׁט הֶעלְפְט מִיר, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ז חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן פז) מִיט דִי כַּוָנוֹת פוּן אֱלוּל קֶען מֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי וַוייבּ זִי זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיטְן מַאן.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (שָׁם חֵלֶק א', סִימָן ו): "וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", אַז מֶען הֶערְט ווִי מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט אוּן מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ - דָאס אִיז דֶער עִקָּר ווִי אַזוֹי מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, דִי כַּוָנוֹת פוּן אֱלוּל אִיז "לִידֹּם וְלִשְׁתֹּק", נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען שְׁרֵייט אוּן מֶען פַארְשֶׁעמְט; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁוַוייגְט אוּן עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט וֶוען מֶען אִיז אִים מְבַזֶּה - וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין אַז זַיין וַוייבּ וֶועט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן וֶועט זַיין אַ הֶעלְפֶער פַאר אִים, בִּתְנַאי אַז דֶער מַאן וֶועט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן; נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן אוּן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן אוֹיף דִי בִּזְיוֹנוֹת וָואס עֶר לַיידְט פוּן זַיין וַוייבּ, נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארֶרעכְטְן וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּפְגַם הַבְּרִית וָואס דָאס מַאכְט אִיר זִי זָאל זִיךְ קְרִיגְן מִיט אִים.

**מַתָּנוֹת** אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ גֶעבְּן אָבֶּער נִישְׁט דָאס אִיז דִי עֵצָה, נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן וָואס "עֲצָתוֹ - אֱמוּנָה";

אַנְטלוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶס מִיט אִים אוּן דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, אוּן וָואס מֶער עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער - זָאלְסְטוּ אַלְץ מֶער זִיךְ צִיעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. שְׁוַוייג אָפּ אוֹיף דַיינֶע בִּזְיוֹנוֹת וְכוּ׳, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט טוּן מִיט דִיר, אַלֶעס אַלֶעס וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּם גוּטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תשצג

**ווִי אַזוֹי וֶוערְט מֶען פָּטוּר פוּן פַּאנִיק אַטַאקֶעס?**[ב]

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

צוּם עֶרְשְׁט מוּז אִיךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם גֶעוַואלְדִיגְן חֶסֶד וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט מִיר אַז מִיט גְרוֹיס הַשְׁגָחָה פְּרָטִית הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ שִׁעוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען פַאר מִיר מַמָּשׁ כַּמַּיִם קָרִים עַל נֶפֶשׁ עֲיֵפָה, אוּן דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן נָאךְ אוּן נָאךְ שִׁעוּרִים, אוּן דָאס הָאט מִיךְ מַמָּשׁ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן מִיר גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן יֶעדְן טָאג ח״י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, עֶטְלִיכֶע בְּלַאט גְּמָרָא אוּן אַזוֹי וַוייטֶער נָאךְ שִׁעוּרִים, אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר כְּסֵדֶר צוּ רֶעדְן עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

ב. מֶער אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, אִין סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ב׳, מִכְתָּב קי; חֵלֶק ג׳, מִכְתָּב רד..

יֶעצְט הָאבּ איךְ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אוֹיבּ אִיר קֶענְט מִיר הֶעלְפְן, מַיין וַוייבּ לַיידְט אַסַאךְ פוּן פַּאנִיק אַטַאקֶעס, זִי הָאט אַסַאךְ עֶנְקְזַייעֶטִי אוּן פְּחָדִים, מִיר הָאבְּן שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַסַאךְ עֵצוֹת - אָבֶּער דֶערְוַוייל הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן.

מִיר פְּרוּבִּירְן צוּ רֶעדְן אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי מִיר הֶערְן בַּיי דִי שִׁעוּרִים, צוּ רֶעדְן אַסַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיר בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, אָבֶּער דֶערְוַוייל הָאבְּן מִיר נָאכְנִישְׁט גֶעזֶען קַיין שִׁנּוּי לְטוֹבָה.

איךְ וֵוייס אַז מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, מֶען דַארְף נָאר וַוייטֶער בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן, אָבֶּער מַיין וַוייבּ וִויל זֵייעֶר אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל אוּנְז שְׁרַייבְּן עֶפֶּעס עֵצוֹת אוּן חִזּוּק, וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה אוּן בִּטָּחוֹן צוּ קֶענֶען פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי אַלֶע פְּחָדִים אוּן בִּלְבּוּלִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן וַוייטֶער כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, י"ז חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אַייעֶר מַאן הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל אַייךְ שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער.**

**ווִיסְן זָאלְט אִיר אַז וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ חַזֶר'ט אֱמוּנָה, עֶר נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה - אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ**

לֶעבְּן אַ רוּאִיגֶע און פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן. וַוייל אֱמוּנָה מַאכְט שְׁטַארְק דִי נֶערְוְון; מֶען הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ און מֶען לֶעבְּט רוּאִיג, אַזוֹי ווִי אַ קְלֵיין קִינְד פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף זַיין טַאטֶע. ווִידֶער אוֹיבּ מֶען הָאט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט קַיין שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען מֵיינְט אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ אָן קַיין בַּעַל הַבַּיִת, זַאכְן פַּאסִירְן סְתָם אָן קַיין חֶשְׁבּוֹן, מֶען קוּקְט אוֹיף דִי וֶועלְט ווִי עֶס פִירְט זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם מִיט טֶבַע, מִקְרֶה און מַזָל - דֶעמָאלְט לֶעבְּט מֶען שְׁטֶענְדִיג מִיט פְּחָדִים און שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת; מֶען בַּאשׁוּלְדִיגְט זִיךְ כְּסֵדֶר און פוּן דֶעם קוּמֶען אַלֶע נֶערְוְון קְרַאנְקְהֵייטְן לֹא עָלֵינוּ וְלֹא עֲלֵיכֶם.

**אֱמוּנָה** אִיז דִי רְפוּאָה פַאר אַלֶע פְּחָדִים (עֶנְקְזַייעֶטִי, פַּאנִיק אַטַאקֶעס וְכוּ'), דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה פַאר דִי וָואס הָאבְּן שְׁוַואכֶע נֶערְוְון, דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי זַייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן אֱמוּנָה, און גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ה): "דֶער עִקָר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אַרְבֶּעטְן צוּצוּקוּמֶען צוּ אֱמוּנָה, וַוייל אָן אֱמוּנָה אִיז זַייעֶר שְׁוֶוער דָאס לֶעבְּן. עֶס זֶענֶען דָא זַייעֶר אַסַאךְ קְרֶענְק וָואס קוּמְט נָאר צוּלִיבּ וָואס מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; דִי אַלֶע יִסוּרֵי הַנֶּפֶשׁ וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן זִיךְ נֶעבֶּעךְ צַאם, אַלֶעס קוּמְט פוּן חִסָרוֹן אֱמוּנָה, אוֹיף דֶעם הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין רְפוּאוֹת, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה אוֹיף דֶעם אִיז אֱמוּנָה".

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ אַייךְ זַייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה; פַארְלָאזְט אַייךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי

וֶועלְן צוּבִּיסְלִיךְ אַוֶועק גֵיין אַלֶע פְּחָדִים. אַזוֹי ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אות בִּטָּחוֹן, סִימָן א): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ בִּטָּחוֹן, אֵין לוֹ שׁוּם פַּחַד", וֶוער עֶס הָאט בִּטָּחוֹן - הָאט נִישְׁט קַיין פַּחַד פוּן קֵיינֶעם; מֶען לֶעבְּט מִיט דִי מַחְשָׁבָה אַז 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר; אִיךְ לִיג אִין זַיינֶע הֶענְט', אַזוֹי ווי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קלא, ב): "כְּגָמֻל עֲלֵי אִמּוֹ כַּגָּמֻל עָלַי נַפְשִׁי", אִיךְ בִּין ווי אַ קִינְד וָואס פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף דִי מַאמֶע, אָן קַיין שׁוּם דַאֲגוֹת אוּן אָן קַיין שׁוּם פְּחָדִים.

**אִיךְ** שִׁיק אַייךְ דָא אַ תְּפִלָּה וָואס אִיר זָאלְט זָאגְן יֶעדְן טָאג; אוֹיב אִיר וֶועט זָאגְן דִי תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג - לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין מָאל, וֶועט אִיר בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק; אִיר וֶועט הָאבְּן שְׁטַארְקֶע נֶערְוְון אוּן מֶער נִישְׁט הָאבְּן קַיין פְּחָדִים וְכוּ'.

"גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ דַאנְק דִיךְ פַאר אַלֶעם גוּטְס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר, אִיךְ דַאנְק דִיךְ פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר; פַאר מַיין טַייעֶרֶער מַאן, פַאר מַיין טַייעֶר לִיבְּטִיג קִינְד אוּן פַאר אַלֶעם גוּטְס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אִיךְ זָאל הֲנָאָה הָאבְּן פוּן מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן; וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאב נִישְׁט הֲנָאָה פוּן מַיין לֶעבְּן, אִיךְ בִּין אַזוֹי שְׁטַארְק דֶעפְּרֶעסְט אִיךְ וֵויין זֵייעֶר אַסאַךְ, עֶס קוּמֶען אַרַיין אִין מִיר שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת פוּן וֶועלְכֶע אִיךְ קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן?

**אִיךְ** בֶּעט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אַז דוּ הִיטְסְט מִיךְ, אוּן קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה אוּן אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה; אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט דִיר אוּן דִיךְ שְׁפִּירְן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער, מַיין קָאפּ דְרֵייט זִיךְ מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת. אִיךְ טְרַאכְט אַ גַאנְצְן טָאג נָאר שְׁלֶעכְטְס; מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת פַּיינִיגְן מִיר, אִיךְ שְׁפִּיר אַסַאךְ מָאל וִוי אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס, אִיךְ שְׁפִּיר אַז מַיינֶע נֶערְוְון פְּלַאצְן מִיר פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, טַאטֶע זִיסֶער, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת! הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נָאר טְרַאכְטְן פַּאזֶעטִיוו, אִיךְ זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט בַּאשׁוּלְדִיגְן נָאר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס קוּמְט פוּן דִיר.

**בַּאשֶׁעפֶּער**, אַסַאךְ מָאל שְׁפִּיר אִיךְ וִוי מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר גָארְנִישְׁט וֶוערְד; אִיךְ טְרַאכְט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אִיךְ וִויל אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַיין לֶעבְּן, אָבֶּער אִיךְ וֵוייס דָאךְ דֶעם אֱמֶת אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, נָאר צוּ דִיר טַאטֶע זִיסֶער.

**דֶערְפַאר** קוּם אִיךְ צוּ דִיר אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר: הֶעלְף מִיר! הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דַיינֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן פַאר דַיינֶעט וֶועגְן; הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים אַבְרָהָם, יִצְחָק אוּן

יַעֲקֹב, הָעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי אִמָהוֹת הַקְדוֹשׁוֹת שָׂרָה, רִבְקָה, רָחֵל אוּן לֵאָה, אוּן בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רַבֵּנוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, בִּזְכוּת זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן בִּזְכוּת מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אָמֵן".

אִיר זָאלְט זָאגְן דִי תְּפִלָּה נִישְׁט אֵיין מָאל אוּן נִישְׁט צְוֵויי מָאל - נָאר יֶעדֶעס מָאל אִיר שְׁפִּירְט ווִי אַייעֶרֶע מַחְשָׁבוֹת קוּמֶען צוּ לוֹיפְן אוּן שְׁטוּרְמֶען אַייעֶר קָאפּ, אִיר שְׁפִּירְט ווִי אַייעֶר קָאפּ דְרֵייט זִיךְ מִיט אַלֶע נֶעגֶעטִיוֶוע מַחְשָׁבוֹת, זָאלְט אִיר נֶעמֶען דִי תְּפִלָּה אוּן דָאס זָאגְן אוֹיפְן קוֹל, ווֶעט אִיר זֶען בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט ווִי עֶס ווֶעט אַייךְ בֶּעסֶער ווֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תשצד

### ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז מַיין מִשְׁפָּחָה זָאל מִיךְ צוּרִיק אָנְנֶעמֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר הֶעכֶער דִי אַכְצְן יָאר, אִיךְ בִּין אַרוֹיס פוּן יְשִׁיבָה שׁוֹין אִיבֶּער צְווֵיי יָאר צוּרִיק, אוּן אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אַרְבֶּעטְן. מַיין טַאטֶע אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן פוּן מִיר אוּן פוּן דִי ווֶעג ווִי אַזוֹי אִיךְ זֶע אוֹיס,

מַיין טַאטֶע און מַיינֶע בְּרִידֶער הָאבְּן מִיר כְּסֵדֶר זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט און אַרָאפְּגֶעקוּקְט, בִּיז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה און אִיךְ בִּין אַנְטְלָאפְן פוּן שְׁטוּבּ.

אִיךְ וֵויים אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט גֶעטוּן, יֶעצְט הָאבּ אִיךְ שְׁטַארְק חֲרָטָה אוֹיף דֶעם, און אִיךְ הָאבּ שְׁטַארְק חֵשֶׁק צוּרִיק צוּ גֵיין אַהֵיים, אִיךְ וֵויים אָבֶער אַז מַיין טַאטֶע און מַאמֶע און מַיינֶע בְּרִידֶער גֵייעֶן נִישְׁט וֶועלְן רֶעדְן מִיט מִיר, און אֲפִלּוּ אוֹיבּ יָא - גֵיי אִיךְ בְּלַייבְּן דֶער אוֹיסְוואוּרְף פוּן דִי מִשְׁפָּחָה; אִיךְ ווִיל זֵיי זָאלְן מִיךְ אָנְנֶעמֶען אַזוֹי ווִי אִיךְ בִּין, אִיךְ ווִיל שְׁפִּירְן ווִי אַ חֵלֶק פוּן דִי מִשְׁפָּחָה.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן און אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אַן עֵצָה פַאר מִיר.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ט חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר און נֶעבְּן דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ און עֶר וַוארְט צוּ הֶערְן דַיין קוֹל; עֶר ווִיל הֶערְן ווִי דוּ רֶעדְסְט צוּ אִים, עֶר ווִיל הֶערְן אֲפִלּוּ אֵיין וָוארְט ווִי דוּ רוּפְסְט אִים; זָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר! אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְלוֹירְן, אִיךְ ווִיל זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט מַיינֶע

עֶלְטֶערְן, אִיךְ ווִיל הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִיר אוּן צוּ דִי תּוֹרָה"; דָאס אִיז דִי עֵצָה ווֶען מֶען אִיז צֶעבְּרָאכְן, מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס מַאכְט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל ווֶערְן אוֹיס צֶעבְּרָאכְן אוּן אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן.

גֵיי אַהֵיים צוּרִיק צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן מִשְׁפָּחָה; דַיינֶע עֶלְטֶערְן ווֶעלְן דִיךְ צוּרִיק נֶעמֶען מִיט בֵּיידֶע הֶענְט, זֵיי בֶּענְקֶען נָאךְ דִיר אוּן ווַארְטְן אוֹיף דִיר. עֶס אִיז נִישְׁט ווִי דוּ טְרַאכְסְט אַז זֵיי גֵייעֶן נִישְׁט ווֶעלְן רֶעדְן מִיט דִיר, דַיינֶע עֶלְטֶערְן ווֶעלְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ קוּמְסְט צוּרִיק אַהֵיים.

עֶס זִיךְ נִישְׁט אוֹיף מִיט דַיין פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, לָאז אָפּ ווָאס אִיז גֶעווֶען. מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט אַרוּמְדְרֵייעֶן מִיט אַ שׁוּלְד גֶעפִיל אוֹיפְן עָבָר, נָאר שְׁטֶענְדִיג פַארְגֶעסְן ווָאס אִיז גֶעווֶען אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "בַּיי דִי ווֶעלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָרוֹן"; מֶען קֶען הֶערְן ווִי מֶענְטְשְׁן רֶעדְן זִיךְ אָפּ אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין גוּטֶע זִכָּרוֹן, זֵיי פַארְגֶעסְן ווָאס אִיז גֶעווֶען, מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ חִסָרוֹן, "אָבֶּער בַּיי מִיר - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אִיז שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה; ווֶען עֶס ווָאלְט ווֶען נִישְׁט גֶעווֶען שִׁכְחָה ווָאלְט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווַייל מֶען ווָאלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, פוּן אַלֶע דוּרְכְפֶּעלֶער אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען ווָאס מֶען אִיז אַדוּרְךְ, אוּן דָאס ווָאלְט גֶעמַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט

וועלן נָאכְאַמָאל פְּרוּבִירְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶער יֶעצְט אַז עֶס אִיז דָא שִׂכְחָה, קֶען מֶען זִיךְ בַּאנֵייעֶן אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי"; זַיי מְכַבֵּד דַיינֶע עֶלְטֶערְן פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער.

**אַז** דַיינֶע בְּרִידֶער וֶועלְן דִיר אַרַיינְזָאגְן וְכוּ' - זָאלְסְטוּ נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק פוּן דֶעם, זָאלְסְט זֵיי נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, וֶועסְטוּ מִיט דֶעם פַּארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען. אַזוֹי וְוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ו): "וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", אַז מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט אוּן מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ - דָאס אִיז דֶער עִקָּר וְוי אַזוֹי מֶען טוּט תְּשׁוּבָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תשצה

**זָאל אִיךְ דַאוֶוענֶען אֲפִלּוּ וֶוען אִיךְ קֶען נִישְׁט אִינְזִין הָאבְּן?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שֵׁיינֶע חִזּוּק אוּן שִׁעוּרִים אוּן פַארְן מִיר גֶעבְּן אַ נֵייעֶ לֶעבְּן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז, וֶוען אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהֶערִיג דֶעם קָאפּ אוֹיפְן פְּלַאץ, צִי מֶעג אִיךְ דֶעמָאלְט דַאוֶוענֶען אוּן זָאגְן קְרִיאַת שְׁמַע אָדֶער בִּרְכַּת הַמָּזוֹן וְכַדּוֹמֶה, אִין דִי צַייט וָואס אִיךְ טְרַאכְט בִּכְלַל נִישְׁט אַרַיין אִין דִי וֶוערְטֶער, נָאר אִיךְ זָאג אַזוֹי וְוי תְּהִלִּים?

איך הָאבּ גֶעהֶערְט אַ דְרָשָׁה פוּן אֵיינֶעם וֶועגְן אִינְזִין הָאבְּן דָאס דַאוֶונֶען, אִיךְ זֶע אָבֶּער בַּיי מִיר אַז וֶוען אִיךְ הָאבּ לַחַץ אַז אִיךְ מוּז אִינְזִין הָאבְּן, וֶועל אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט דַאוֶונֶען. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַסַאךְ פְּרוּבִּירְט, אָבֶּער אַ מִינוּט שְׁפֶּעטֶער פְּלִיט שׁוֹין מַיין קָאפּ אַוֶועק.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

### וֶוען דוּ טְרֶעפְסְט זִיךְ אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט דַיינֶע מַחְשָׁבוֹת אוּן זֵיי אַוֶועק שְׁטוּפְּן, נָאר אָנְהוֹיבְּן אִינְזִין הָאבְּן פוּן דָארְט וואוּ דוּ הַאלְטְסְט, אוּן אַז דַיין מַחְשָׁבָה פְּלִיט נָאכְאַמָאל אַוֶועק זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן דֶערְמִיט, נָאר פְּרוּבִּירְן אִינְזִין הָאבְּן דָארְט וואוּ דוּ הַאלְטְסְט.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט אַ מַחְשָׁבָה; וֶוען מֶען זֶעט ווִי דִי מַחְשָׁבוֹת הוֹיבְּן אָן אַוֶועק פְלִיעֶן דַארְף מֶען טְרַאכְטְן פוּן גוּטֶע זַאכְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רלג): "כְּשֶׁמִּתְגַּבְּרִים עַל הָאָדָם מַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת וְהִרְהוּרִים וְהוּא מִתְחַזֵּק וּמִתְגַּבֵּר עֲלֵיהֶם וּמְנַצֵּחַ אוֹתָם, יֵשׁ לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא תַּעֲנוּג גָּדוֹל מִזֶּה, וְהוּא יָקָר מְאֹד בְּעֵינֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נִישְׁט גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת

און עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף דִי מַחְשָׁבוֹת און אִיז זֵיי מְנַצֵּחַ, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ גְרוֹיסֶער תַּעֲנוּג און נַחַת רוּחַ פוּן אִים, "כְּמָשָׁל שֶׁיֵּשׁ אֵצֶל הַמְּלָכִים, לִפְעָמִים בְּיוֹמָא דְּפַגְרָא הֵם מַנִּיחִין כַּמָּה חַיּוֹת שֶׁיְּנַצְּחוּ זֶה עִם זֶה, וְהֵם עוֹמְדִים וּמִסְתַּכְּלִים, וְיֵשׁ לָהֶם תַּעֲנוּג גָּדוֹל מִן הַנִּצָּחוֹן", אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא בַּיי דִי קֶענִיגְן, אִין גֶעוִויסֶע טֶעג בְּרֶענְגֶען זֵיי חַיּוֹת זָאלְן זִיךְ קְרִיגְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, אַלֶע שְׁטֵייעֶן און קוּקְן וֶוער עֶס גֵייט מְנַצֵּחַ זַיין, זֵיי הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶער תַּעֲנוּג וֶוען דִי חַיּוֹת זֶענֶען מְנַצֵּחַ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, "כְּמוֹ כֵן מַחֲשָׁבוֹת קְדוֹשוֹת הֵם חַיּוֹת טְהוֹרוֹת וּמַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת הֵם חַיּוֹת טְמֵאוֹת", אַזוֹי אִיז מִיט דִי מַחְשָׁבוֹת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דִי מַחְשָׁבוֹת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זֶענֶען אַזוֹי וִוי חַיּוֹת, גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת זֶענֶען אַזוֹי וִוי טָהוֹר'עֶ חַיּוֹת און שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת זֶענֶען אַזוֹי וִוי טָמֵא'נֶע חַיּוֹת, "וּמַנִּיחִים בְּכַוָּנָה מִלְּמַעְלָה שֶׁיְּנַצְּחוּ זֶה עִם זֶה", מֶען בְּרֶענְגְט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת פוּן אוֹיבְן זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיט דִי גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת, "וְיֵשׁ לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא תַּעֲנוּג גָּדוֹל כְּשֶׁהָאָדָם מִתְגַּבֵּר עַל הַחַיּוֹת טְמֵאוֹת וּמְנַצֵּחַ אוֹתָם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶער תַּעֲנוּג און נַחַת רוּחַ וֶוען מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף זֵיי.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "הַכְּלָל שֶׁאִי אֶפְשָׁר בְּשׁוּם אֹפֶן בָּעוֹלָם שֶׁיִּהְיוּ שְׁנֵי מַחֲשָׁבוֹת בְּיַחַד בְּפַעַם אֶחָד", עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ מֶען זָאל טְרַאכְטְן צְוֵויי מַחְשָׁבוֹת אוֹיף אֵיין מָאל, "עַל כֵּן בְּקַל יְכוֹלִין לְגָרֵשׁ מַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת רַק בְּשֵׁב וְאַל תַּעֲשֶׂה, דְּהַיְנוּ שֶׁלֹּא לַחֲשֹׁב אוֹתוֹ הַמַּחֲשָׁבָה, רַק לַחֲשֹׁב אֵיזֶה מַחֲשָׁבָה אַחֶרֶת בְּתוֹרָה אוֹ עֲבוֹדָה, אוֹ אֲפִלּוּ מַשָּׂא וּמַתָּן, כִּי אִי אֶפְשָׁר

שֶׁיִּהְיוּ שְׁנֵי מַחֲשָׁבוֹת בְּיַחַד בְּשׁוּם אֹפֶן", מִמֵּילָא אִיז זֵייעֶר גְּרִינְג נִישְׁט צוּ טְרַאכְטְן קַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַ גוּטֶע מַחְשָׁבָה, מֶען טְרַאכְט פוּן תּוֹרָה, תְּפִלָּה אָדֶער אֲפִלּוּ פוּן בִּיזְנֶעס, אַזוֹי גֵייט פוּן זִיךְ אַלֵיין אַוֶועק דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבָה.

**נָאךְ** זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן עב): "אֵין צְרִיכִין לַעֲשׂוֹת מִלְחָמָה וּלְנַעְנֵעַ רֹאשׁוֹ אָנֶה וָאָנָה כְּדֵי לְגָרֵשׁ הַמַּחֲשָׁבוֹת רָעוֹת", עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס זִיךְ צוּ שְׁלָאגְן מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת אָדֶער וַוארְפְן דִי קָאפּ אַהֶער אוּן אַהִין אַוֶועק צוּ שְׁטוּפְּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבָה, "כִּי אֵין זֶה מוֹעִיל כְּלָל", וַוייל עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן, "אַדְּרַבָּא, עַל יְדֵי זֶה מִתְגַּבְּרִים יוֹתֵר", פִּינְקְט פַּארְקֶערְט, עֶס וֶועט נָאר שְׁטֶערְקֶער מַאכְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבָה, "רַק לִבְלִי לְהַשְׁגִּיחַ עֲלֵיהֶם כְּלָל, רַק לַעֲשׂוֹת אֶת שֶׁלּוֹ בַּמֶּה שֶׁהוּא עוֹסֵק, בְּתוֹרָה אוֹ תְּפִלָּה אוֹ מַשָּׂא וּמַתָּן", דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג מַאכְן פוּן דֶעם, מֶען זָאל טְרַאכְטְן פוּן תּוֹרָה אוּן פוּן תְּפִלָּה אוּן אֲפִלּוּ פוּן בִּיזְנֶעס, "וְלִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל לַאֲחוֹרָיו כְּלָל וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא תִּסְתַּלֵּק", מֶען זָאל בִּכְלַל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זֵיי, וֶועלְן זֵיי מִמֵּילָא אַוֶועק גֵיין.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תשצו

**ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּגֵיין צוּ מַיין חֲתֻנָּה מִיט אַ פַּארְשְׁמִירְטֶע מֹחַ?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ כַּלָּה, עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים צוּ דִי חֲתֻנָּה, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא צוּצוּגֵיין צוּ דִי חוּפָּה. אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעקוּקְט שְׁלֶעכְטֶע מָאוִוים אִין מַיין לֶעבְּן, ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּגֵיין צוּ דִי חֲתֻנָּה וֶוען דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן הַאלְטְן אִין אֵיין אַרוֹיפְקוּמֶען בַּיי מִיר אִין קָאפּ[כא]?

אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר הֶעלְפְן אוּן גֶעבְּן אַן עֵצָה, אִיךְ וִויל זַיין פוּן יֶעצְט נָאר הֵיילִיג אוּן עֶרְלִיךְ, וָואס קֶען אִיךְ טוּן? אִיךְ שְׁפִּיר ווי אִיךְ בִּין זִיךְ שׁוֹין מְיַיאֵשׁ אִינְגַאנְצְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

הַכַּלָּה ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט גֶעטְרָאפְן אַייעֶר שִׁדּוּךְ; אִיר קוּמְט שׁוֹין נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּ דִי חֲתֻנָּה אוּן אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל.**

---

כא. מֶער אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן אוֹיסְרֵיינִיגְן דִי קָאפּ פוּן מָאוִוים אוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן; אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ז', מִכְתָּב תרסב.

**אִיךְ** בֶּעט אַייךְ זַייעֶר, יֶעצְט הוֹיבְּט זִיךְ אָן בַּיי אַייךְ אַ נַייעֶ תְּקוּפָה אִין לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אַ חָתָן דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת יז.): "כֵּיצַד מְרַקְּדִין לִפְנֵי הַכַּלָּה", אַז מְרַקְּדִים אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען, "כֵּיצַד 'מְרַקְּדִין וּמְדַלְּגִין' עַל מַה שֶּׁהָיָה לִפְנֵי הַכַּלָּה, הַיְנוּ לִפְנֵי הַחֲתֻנָּה", דָאס הֵייסְט אַז אַ חָתָן דַארְף אִיבֶּערְשְׁפְּרִינְגֶען וָואס אִיז גֶעוֶוען פַאר דִי חֲתֻנָּה, עֶר דַארְף פַארְגֶעסְן זַיין גַאנְצֶע עָבַר אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנַיי (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקפו).

**אַזוֹי** אוֹיךְ מִיט דִי כַּלָּה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל פַאר חָתָן כַּלָּה אַלֶע עֲבֵירוֹת; מֶען וֶוערְט נֵיי גֶעבּוֹירְן אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן אַ נַייעֶ לֶעבְּן. אַז אִיר וֶועט נִישְׁט צוּרִיק לוֹיפְן צוּ דִי אַלְטֶע וֶועגְן, אִיר וֶועט נִישְׁט קוּקְן קַיין שְׁמוּצִיגֶע וְכוּ' - וֶועט אִיר זַיין רֵיין אוּן הֵיילִיג אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

**דֶער** רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה וְכוּ'", וֶוער עֶס ווִיל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, זָאל זָאגְן תְּהִלִּים. יֶעדֶער אִיד ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּפִירְן זַיין ווִילְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה ווַייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, אוּן אֲפִלּוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת

תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וֵוייסְט עֶר נִישְׁט ווִי אַזוֹי מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, עֶר טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'וָואס דַארְף אִיךְ טוּן אִיךְ זָאל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?' אוּן אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן עֶר וֵוייסְט וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן כְּדֵי צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר נָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען עֶר דֶערְזֶעט זִיךְ אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער דִי צַייט אוּן עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן וואוּ עֶר לִיגְט וְכוּ'; פִּירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס: "וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, אֲפִלּוּ מִי שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, הוּא מִתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר זָאגְט תְּהִלִּים, אֲפִלּוּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת, וֶוערְט מֶען נִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן דוּרְךְ דֶעם, "וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר; נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", אוּן מֶען בַּאקוּמְט דִי נוֹיטִיגֶע שְׁטַארְקְקֵייט זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**מַאכְט** זִיךְ אַ שְׁטַארְקֶע סֵדֶר צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים; אוֹיבּ אִיר קֶענְט זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים אִיז זֵייעֶר גוּט, דָאס וֶועט אוֹיסְוַואשְׁן אַייעֶר קָאפּ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס אִיר הָאט גֶעזֶען.

# תשצז

## ווי יוּנְג קֶען מֶען אָנְהוֹיבְּן מִתְפַּלֵּל צוּ זַיין פַאר אַ שִׁדּוּךְ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דִּי אַלֶע תְּפִלּוֹת וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּט פַאר בָּחוּרִים צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ שִׁדּוּךְ, און אַז "עֶבְּט וויל אִיךְ זַיין גוּט, אִיךְ בִּין גְרֵייט חֲתֻנָּה צוּ הָאבְּן, נָאר אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן מַיין שִׁדּוּךְ", אִיז דָאס אוֹיךְ פַאר יוּנְגֶע בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען נָאכְנִישְׁט אִין דִי עֶלְטֶער וָואס מֶען הָאט גֶעוֶוענְלִיךְ חֲתֻנָּה? אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט זָאגְן דִי תְּפִלּוֹת, וַוייל לְכְאוֹרָה וֶועל אִיךְ סַיי ווי נִישְׁט קֶענֶען חֲתֻנָּה הָאבְן פַאר דִי אַכְצְן יָאר.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ב חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

## אַוַדַאי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף חֲתֻנָּה הָאבְן, אֲפִלּוּ דוּ בִּיסְט נָאךְ אַ יוּנְגֶער בָּחוּר; יֶעדֶע תְּפִלָּה וָואס מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - רֶעכְנְט מֶען צוּזַאם בִּיז מֶען בַּאקוּמְט דִי יְשׁוּעָה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (דְּבָרִים רַבָּה ב, יז) אוֹיפְן פָּסוּק (דְּבָרִים ד, ז): "כִּי מִי גוֹי גָּדוֹל אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו

כַּה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶע תְּפִלָּה; "אָמְרוּ רַבָּנָן, יֵשׁ תְּפִלָּה שֶׁנַּעֲנֵית לְאַרְבָּעִים יוֹם", עֶס אִיז דָא אַמָאל וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס דִי תְּפִלּוֹת אַז מֶען בֶּעט פֶּערְצִיג טֶעג, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּנוּ, וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים ט, יח): "וָאֶתְנַפַּל לִפְנֵי ה' כָּרִאשֹׁנָה אַרְבָּעִים יוֹם וְגוֹ'", עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פֶּערְצִיג טֶעג; "וְיֵשׁ תְּפִלָּה שֶׁנַּעֲנֵית לְעֶשְׂרִים יוֹם", עֶס אִיז דָא מָאלְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס דִי תְּפִלּוֹת וֶוען מֶען בֶּעט צְוָואנְצִיג טֶעג, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דָנִיאֵל; אַמָאל וֶוערְט מֶען גֶעהָאלְפְן נָאךְ דְרֵיי טֶעג דַאוֶוענֶען, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי יוֹנָה הַנָּבִיא, אוּן אַמָאל הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער יֶענֶעם טָאג; אָבֶער יֶעדֶע תְּפִלָּה וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען.

וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעווּאוּסְט וָואס פַאר אַ כֹּחַ תְּפִלָּה הָאט, וָואלְט מֶען נָאר גֶעדַאוֶוענְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען וָואלְט אַלֶעס בַּאקוּמֶען, אָבֶער דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט אַז מֶען זָאל הָאבְן סְפֵקוֹת אִין תְּפִלָּה, מֶען זָאל טְרַאכְטְן: 'וֶועט עֶס דֶען קֶענֶען פַּאסִירְן?' אַזוֹי וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעקִילְט פוּן בֶּעטְן; אָבֶער וֶוען מֶען וָואלְט גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעמוּטְשֶׁעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וָואלְט מֶען אַלֶעס גֶע'פּוֹעֵל'ט.

מֶען דַארְף הָאבְן אַסַאךְ סַבְלָנוּת בַּיי תְּפִלָּה; וֶוען מֶען בֶּעט אוּן מֶען בֶּעט אוּן מֶען זֶעט נִישְׁט גְלַייךְ וִוי דִי תְּפִלּוֹת

גֵייעֶן אַרוֹיף - דַארְף מֶען אַסַאךְ סַבְלָנוּת צוּ אוֹיסְוַוארְטְן דִי יְשׁוּעָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ב): "וְיֵשׁ מֵעַמֵּנוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל שֶׁטּוֹעִים חַס וְשָׁלוֹם בְּלִבָּם, שֶׁכָּל הַתְּפִלּוֹת הֵם לָרִיק", עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה, זֵיי מֵיינֶען אַז אַלֶע תְּפִלּוֹת וָואס מֶען בֶּעט גֵייט צוּ דִי לוּפְט, "אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵינוֹ כֵּן, אֶלָּא סַלְקִינָן וַאֲפִינָן וּבַשְׁלִינָן, הַיְנוּ כָּל הַתְּפִלּוֹת סַלְקִינָן וְעוֹלִין", אָבֶער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, אַלֶע תְּפִלּוֹת גֵייעֶן אַרוֹיף אוֹיבְן צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן, נָאר יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ פְּרַייז וְוִיפִיל תְּפִלּוֹת מֶען דַארְף מַאכְן פַאר דֶעם בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ דִי יְשׁוּעָה, וְוִי דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט אוֹיס דֶעם מַאֲמַר פוּן רַבָּה בַּר בַּר חָנָה (בָּבָא בַּתְרָא עג:): "וְכַד חַם נַּבֵּיהּ אִתְהַפֵּיךְ", וְוען דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת זֶעט מֶען אַז אַלֶע תְּפִלּוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעמֵיינְט אַז דָאס אִיז - "סַבְרִינָן יַבֶּשְׁתָּא הוּא", אוֹיסְגֶעטְרִיקְנְט, עֶס גֵייט נִישְׁט אַרוֹיף, דֶעמָאלְט זֶעט מֶען - "וְסַלְקִינָן וְאָפִינָן וּבַשְׁלִינָן אַנַּבֵּיהּ", אַז דָאס גֵייט יָא אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן עֶס בְּרֶענְגְט רַחֲמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תשצח

### ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּגֵיין צוּ מַיין חֲתֻנָּה מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁעוּרִים, נִיגוּנִים אוּן חִזּוּק, וָואס אִיז מִיר אַזוֹי שֵׁיין מַדְרִיךְ אוֹיפְן טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן.

אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ חָתָן גֶעוָוארְן, דִי חֲתֻנָּה אִיז אִין עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים, אָבֶער ווי נֶענְטֶער עֶס וֶוערְט צוּ דִי חֲתֻנָּה וֶוער אִיךְ מֶער נֶערְוֶועז אוּן דֶערְשְׁרָאקְן, 'אֶפְשָׁר אִיז דָאס נִישְׁט מַיין רִיכְטִיגֶע שִׁדּוּךְ?' 'אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען מִיט אִיר?' 'דִי כַּלָּה אִיז נִישְׁט אַזוֹי שֵׁיין, ווי אַזוֹי וֶועט זִי מִיר הֶעלְפְן זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן?' אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, בִּין אִיךְ פִיל מִיט בִּלְבּוּלִים אוּן פְּחָדִים. אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א אַן עֵצָה פַאר מִיר ווי אַזוֹי אִיךְ זָאל קֶענֶען צוּגֵיין צוּ דִי חוּפָּה פְּרֵיילִיכֶערְהֵייט?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ז חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דַאנְק** אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן דַיין שִׁדּוּךְ אוּן דוּ בִּיסְט שׁוֹין גְרֵייט צוּם חוּפָּה גֵיין; לָאז אָפּ דִי נַארִישֶׁע מַחְשָׁבוֹת וָואס בּוּזְשֶׁעוֶוען אִין קָאפּ: 'אוֹיבּ

דָאס אִיז טַאקֶע דַיין בַּאשֶׁערְטֶע', דָאס אִיז אַלֶעס עֲצַת הַיֵּצֶר הָרָע וָואס פַארגִינְט נִישְׁט אַז דוּ גֵייסְט זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן אָדָם הַשָּׁלֵם, דוּ גֵייסְט אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה.

**בְּנוֹגֵעַ** דַיין פַּחַד אוֹיב דוּ וֶועסְט קֶענֶען לֶעבְּן מִיט אִיר בְּשָׁלוֹם וְכוּ'; דָאס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִין דִיר, אַז דוּ וֶועסְט זַיין אַ וַתְּרָן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט זוּכְן אוֹיסְצוּפִירְן - וֶועסְטוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, נֶעם זִיךְ פָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט זוּכְן אוֹיסְצוּפִירְן - וֶועט דִיר גוּט זַיין. עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ וֶוען דִי וַוייבּ אִיז גֶערֶעכְט, מֶען וֶוערְט נִישְׁט קְלֶענֶער וֶוען זִי אִיז גֶערֶעכְט.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ זַיין אַ גֶעבִּיגֶער; זָאלְסְט נִישְׁט זַיין אַ קַמְצָן, סַיי מִיט גֶעלְט אוּן סַיי מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער, זָאלְסְט אִיר שְׁטֶענְדִיג גֶעבְּן גֶעלְט אוּן אִיר בַּאגִיסְן מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער.

**בְּנוֹגֵעַ** שְׁמִירַת עֵינַיִם וְכוּ'; נָאךְ דִי חֲתֻנָּה דַארְף מֶען וַוייטֶער אַרְבֶּעטְן אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם. עֶס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז אֵיינְמָאל מֶען הָאט חֲתֻנָּה הָאט מֶען מֶער נִישְׁט קַיין נִסְיוֹנוֹת, מֶען הָאט וַוייטֶער דִי זֶעלְבֶּע נִסְיוֹנוֹת נָאךְ דִי חֲתֻנָּה, נָאר עֶס אִיז גְרִינְגֶער זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט אַ וַוייבּ, אָבֶער מֶען דַארְף זִיךְ וַוייטֶער הִיטְן דִי מַחְשָׁבָה אוּן דִי אוֹיגְן. מֶען דַארְף וַוייטֶער שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הַעֲבֵר עֵינַי מֵרְאוֹת שָׁוְא', הִיט מִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְשְׁוַוארְצְט וֶוערְן בָּזֶה וּבַבָּא".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן.

# תשצט

## מוּז אַ פְרוֹי גֵיין אִין שׁוּל דַאווֶענֶען?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מִיר אַזוֹי מְחַזֵק, וּבִפְרַט פַאר דִי שִׁיעוּרִים פַאר פְרוֹיעֶן וָואס הֶעלְפְן מִיר אַזוֹיפִיל אִין לֶעבְן, קֵיינֶער אִין דֶעם דוֹר גֶעבְּט נִישְׁט אַזֶעלְכֶע שִׁיעוּרִים וָואס לֶערְנֶען אוֹיס ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִינֶעם פַּאקְטִישְׁן לֶעבְּן יֶעדְן טָאג.

אִיךְ בִּין אַ יוּנְגֶע פְרוֹי, אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט קַיין קִינְדֶער, דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ אוֹיבּ אִיךְ זָאל עֶנְדֶערְשׁ גֵיין אִין שׁוּל דַאווֶענֶען אוּן מִתְפַּלֵל זַיין, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִינְדֶערְהֵיים; פוּן אֵיין זַייט קֶען אִיךְ טַאקֶע גֵיין אִין שׁוּל, אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט קַיין קִינְדֶער זִיךְ צוּ דַארְפְן אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט שְׁפִּיר אִיךְ זִיךְ נִישְׁט בַּאקְוֶועם צוּ ווַיינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין שׁוּל צְווִישְׁן פְרוֹיעֶן, ווֶען מֶען ווֶעט קוּקְן אוֹיף מִיר אוּן זֶען ווִי אִיךְ ווַיין.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ז חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט בַּאקְוֶועם צוּ דַאווֶענֶען אִין שׁוּל - קֶענְט אִיר דַאווֶענֶען אִין שְׁטוּבּ; ווֶען אִיר הָאט צַייט - זָאלְט אִיר שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן וָואס אִיר**

דַארְפְט. דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה וֶוערְט גֶעשְׁטַארְקְט דִי אֱמוּנָה; מֶען הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז עֶס גֵייט שׁוֹין נִישְׁט אָן וָואס מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן אוּן רֶעדְן וְכוּ'.

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף צוּקוּמֶען צוּ אַזַא מַדְרֵגָה, צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַז עֶס זָאל אִים נִישְׁט אָנְגֵיין וָואס אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זָאגְן אוּן טְרַאכְטְן אוֹיף אִים. וַוייל וֶוען מֶען אִיז אַ נִצְרָךְ לַבְּרִיּוֹת - מֶען רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז אַ צְוֵוייטֶער קֶען הֶעלְפְן אָדֶער שָׁלֶעכְטְס טוּן - זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרָכוֹת ו:): "כֵּיוָן שֶׁנִּצְטָרֵךְ אָדָם לַבְּרִיּוֹת פָּנָיו מִשְׁתַּנּוֹת כִּכְרוּם" - דַארְף מֶען זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְן מִיט אַנְדֶערֶע קָאלִירְן, מֶען קֶען נִישְׁט דַאוְוענֶען צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן, וַוייל מֶען טְרַאכְט אַ גַאנְצְן צַייט: 'אֶפְשָׁר וֶועט אֵיינֶער קוּקְן ווִי אַזוֹי אִיךְ דַאוֶוען?' 'אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ הָאבְּן כָּבוֹד?' 'אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ קְרִיגְן גֶעלְט?' דֶעמָאלְט זָאגְט דֶער רֶבִּי בְּפֵרוּשׁ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סו): "כִּי מִי שֶׁהוּא נִצְרָךְ לַבְּרִיּוֹת", וֶוער עֶס טְרַאכְט פוּן מֶענְטְשְׁן, עֶר מֵיינְט אַז מֶענְטְשְׁן קֶענֶען אִים הֶעלְפְן, "קָשֶׁה לוֹ מְאֹד לְהִתְפַּלֵּל בָּרַבִּים", פַאר אִים אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ דַאוְוענֶען צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן, "וְטוֹב וְנוֹחַ לוֹ לְהִתְפַּלֵּל בְּיָחִיד", אַזַא אֵיינֶער אִיז בֶּעסֶער עֶר זָאל דַאוְוענֶען פְּרִיוַואט.

אַז אִיר וֶועט אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִיר אָנְהוֹיבְּן זֶען אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; אִיר וֶועט אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט וֶועט אַייךְ שׁוֹין נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין קַיין שׁוּם זַאךְ. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "מִי שֶׁאֵינוֹ נִצְרָךְ

לַבְּרִיּוֹת, שֶׁאֵינוֹ צָרִיךְ לָהֶם לְשׁוּם דָּבָר", וָוער עֶס טְרַאכְט נִישְׁט פוּן מֶענְטְשְׁן, עֶר אִיז נִישְׁט אָנְגֶעהָאנְגֶען אוֹיף קֵיינֶעם, "יוּכַל לַעֲמֹד בֵּין אֲלָפִים אֲנָשִׁים לְהִתְפַּלֵּל בֶּאֱמֶת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְבַדּוֹ", דֶער קֶען דַאוֶוענֶען צְווִישְׁן טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן אוּן דַאוֶוענֶען נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, "מֵאַחַר שֶׁאֵין נִצְרָךְ לְשׁוּם בְּרִיָּה, לֹא לְפַרְנָסָה, וְלֹא לְכָבוֹד, וְלֹא לְשׁוּם דָּבָר, רַק 'שִׂבְרוֹ עַל ה' אֱלֹקָיו'", וַוייל עֶר דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעם, עֶר דַארְף נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם פַּרְנָסָה, עֶר דַארְף נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם כָּבוֹד, עֶר דַארְף גָארְנִישְׁט, עֶר דַארְף נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תת

### ווי אַזוֹי אַרְבֶּעט מֶען אוֹיף שִׂמְחָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם וָואס אִיר טוּט, בִּפְרַט פַארְן עֶנְטְפֶערְן מַיין שְׁאֵלָה וָואס אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעפְרֶעגְט, ווי אַזוֹי מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווי צוּ אַ חָבֵר[כב], עֶס אִיז גֶעוֶוען פַאר מִיר אַ גְרוֹיסֶער תּוֹעֶלֶת אוּן חִזּוּק צוּ זֶען אַז אוֹיךְ דֶער רֶבִּי אַלֵיין אִיז דָאס דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען, אוּן דָאס אִיז דֶער וֶועג צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, עֶס קוּמְט נִישְׁט אָן גְרִינְג אִין אָנְהוֹיבּ.

---

כב. פְרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תשע.

יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעוואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק ב', סִימָן כד) אַז מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיטְן גַאנְצְן כֹּחַ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן זִיךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ מִיט מִילֵי דִשְׁטוּתָא; ווי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ אִין יֶעדְן מַצָב, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי גוּט, אֲפִילוּ וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ גֶעפְּלַאנְט?

אוֹיךְ ווִי אַזוֹי מַאכְט מֶען זִיךְ פְרֵיילִיךְ מִיט מִילֵי דִשְׁטוּתָא?

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ח חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ; רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זָאגְן: "אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט 'מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד' - מִן הַסְתָם אִיז דָא מִיט וָואס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ".

דוּ פְרֶעגְסְט ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זַיין פְרֵיילִיךְ וֶוען זַאכְן אַרְבֶּעטְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיס ווִי גֶעפְּלַאנְט וְכוּ'; ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווֵייסְט קְלָאר אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן הִימְל, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל, נָאר אַלֶעס אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

אַלֵיין, אַזַא אֵיינֶער וֶוערְט נִישְׁט בְּעַצְבוּת וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט ווִי גֶעפְּלַאנְט, עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז פַאר זַיין טוֹבָה, עֶר וֵוייסְט אַז עֶס וָואלְט נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין אַנְדֶערְשׁ, וַוייל ווִי אַזוֹי עֶס אִיז גֶעוֶוען - אִיז זִיכֶער גוּט אוּן מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן.

דֶער עִקָּר דַארְף מֶען זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם אַז 'אִיךְ בִּין נִישְׁט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אַ גוֹי, אִיךְ בִּין אַ אִיד'. דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק, הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי צָדוֹק הַכֹּהֵן מִלוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אִין זַיין סֵפֶר פְּרִי צַדִּיק אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה (פְּרִי צַדִּיק חַג הַשָּׁבוּעוֹת, אות יג) אַז דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג זָאגְן דִי בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל, אֵיין טָאג הָאט עֶר פַארְפֶעלְט צוּ זָאגְן דִי בְּרָכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", אִיז אֵיינֶער צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט: "רֶבִּי, אִיר הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט אַ בְּרָכָה, דִי בְּרָכָה פוּן שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעמַאכְט הַיינְט דִי בְּרָכָה! וֶוען אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן בַּיי מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן קַיין שׁוּם זַאךְ מִיט וָואס זִיךְ צוּ מְחַיֶּה' וּמְחַזֵּק זַיין, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'אַ אִיד בִּין אִיךְ דָאךְ, אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוֹי', אוּן פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה הָאבּ אִיךְ מִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן אוּן אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי'; מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְחַיֶּה' גֶעוֶוען".

זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז אֲפִלּוּ אַזַא הֵיילִיגֶער צַדִּיק וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָנְגֶערוּפְן "פְּאֵר הַדּוֹר" (עַיֵּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קצו) - הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס צוּ מְחַזֵּק זַיין נָאר

מִיטְן "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מִיר קְלֵיינְטְשִׁיגֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ וָואס מִיר זֶענֶען טַאקֶע גָארְנִישְׁט, דַארְפְן מִיר זִיכֶער נֶעמֶען דֶעם "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי" אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דֶעם. טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג צוּ זִיךְ: 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוֹי טָמֵא, אִיךְ בִּין אַ אִיד'.

**אוֹיף** דַיין פְרַאגֶע ווִי אַזוֹי אִיז מֶען מְקַיֵּם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד): "עַל כֵּן צָרִיךְ לְהַכְרִיחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכֹחַ גָּדוֹל לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד וּלְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכָל אֲשֶׁר יוּכַל וַאֲפִלּוּ בְּמִלֵּי דִּשְׁטוּתָא", מֶען דַארְף זִיךְ צְווִינְגֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אֲפִלּוּ מִיט נַארִישֶׁע זַאכְן אַבִּי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ - ווִי אַזוֹי מֶען אִיז דָאס מְקַיֵּם בְּרַבִּים; דָאס זָאלְסְטוּ מְקַיֵּם זַיין בַּיי דִיר אִין שְׁטוּב, דוּ קֶענְסְט זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן מִיט דַיינֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער, טַאנְצְן מִיט זֵיי אוּן זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן וְכוּ' וְכוּ'.

**דֶער** אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתא

### הָאט דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער אָנְגֶענוּמֶען מַיין תְּשׁוּבָה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אֶת חֲטָאַי אֲנִי מַזְכִּיר הַיּוֹם, פַאר אַסַאךְ יָארְן בִּין אִיךְ לֵיידֶער גֶעוֶוען אַיינְגֶעטוּנְקֶען אִין עֲבֵירוֹת, בִּיז דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם זוּמֶער וֶוען אִיךְ הָאב

גֶעשְׁפִּירְט אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער אַזוֹי אָנְגֵיין, און אִיךְ וֵויס נִישְׁט אויב אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן רִיכְטִיג, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ אֵיין טָאג צֶעבְּרָאכְן און אַלֶעם דֶערְצֵיילְט פַאר מַיין וַוייבּ, זִי הָאט מִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, און פוּן דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ זִינְדִיגְן.

מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט מְקַבֵּל מַיין תְּשׁוּבָה, וַוייל עֶס זֶעט מִיר אוֹיס ווִי עֶר צֶעשְׁטֶערְט מִיר מַמָּשׁ יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ וִויל טוּן, לְמָשָׁל אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ גֵיי בַּאקוּמֶען אַ פָּאסְטְן אַלְס מְלַמֵּד אִין אַ פְּלַאץ וָואס מֶען צָאלְט מֶער פוּן וָואס אִיךְ פַארְדִין הַיינְט, און מֶען הָאט מִיךְ לְמַעֲשֶׂה נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען, אָדֶער לְמָשָׁל פַאר סוּכּוֹת הָאבּ אִיךְ דָאס יָאר צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אַרוֹיסְגֶעבּוֹיט מַיין פָּארְטִשׁ צוּ קֶענֶען הָאבְּן אַ רַחֲבוּת'דִיגֶע סוּכָּה, און פְּלוּצְלוּנְג בִּין אִיךְ זֵייעֶר פַארְקִילְט גֶעוָוארְן און נִישְׁט גֶעקֶענְט הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דִי סוּכָּה, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל מִיר צֶעשְׁטֶערְן דֶעם יוֹם טוֹב.

אִיךְ וִויל זִיךְ שְׁטַארְקְן און וַוייטֶער גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און נִישְׁט צוּרִיק פַאלְן צוּ מַיינֶע עֲבֵרוֹת, בִּיטֶע הֶעלְפְט מִיר און זַייט מִיךְ מְחַזֵק.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ח חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וואוֹיל** אִיז דִיר און וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ הָאסְט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, דוּ הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט אַלֶע דַיינֶע חֲטָאִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסִיקְתָּא דְּרַב כַּהֲנָא, פַּרְשָׁה מד):

"גָּדוֹל כּוֹחָהּ שֶׁל תְּשׁוּבָה", תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, "שֶׁכֵּיוָן שֶׁאָדָם מְהַרְהֵר בְּלִבּוֹ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", אַז וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט פוּן תְּשׁוּבָה - עֶר טְרַאכְט 'אִיךְ ווִיל זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן', "מִיַּד הִיא עוֹלָה לֹא עַד עֲשָׂרָה יָמִים, וְלֹא עַד עֶשְׂרִים וְלֹא עַד מֵאָה, אֶלָּא עַד מַהֲלַךְ חֲמֵשׁ מֵאוֹת שָׁנִים; וְלֹא עַד רָקִיעַ רִאשׁוֹן וְשֵׁנִי, אֶלָּא שֶׁהִיא עוֹמֶדֶת לִפְנֵי כִּסֵּא הַכָּבוֹד", קוּמְט עֶר גְלַייךְ אָן צוּם כִּסֵּא הַכָּבוֹד.

**אַ** אִיד טָאר נִישְׁט זָאגְן אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צֶעשְׁטֶערְט מִיר יֶעדֶע זַאךְ", אָדֶער: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צֶעשְׁטֶערְט מַיין יוֹם טוֹב"; זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף וָואס אִיךְ זָאג דִיר דָאס, אַ אִיד טָאר אַזוֹי נִישְׁט רֶעדְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט אוּן טוּט נָאר גוּטְס מִיט אוּנְז.

**דָּוִד** הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קמה, יז): "צַדִּיק ה' בְּכָל דְּרָכָיו, וְחָסִיד בְּכָל מַעֲשָׂיו", אוּן (שָׁם, ט): "טוֹב ה' לַכֹּל וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם; אֲפִלּוּ אִיךְ זֶע עֶס נִישְׁט, אֲפִלּוּ אִיךְ פַארְשְׁטֵיי עֶס נִישְׁט - דַארְף אִיךְ הָאבְּן אֱמוּנָה אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה, אוּן דָאס אַז אִיךְ זֶע עֶס נִישְׁט אוּן פַארְשְׁטֵיי עֶס נִישְׁט - דָאס אִיז אוֹיךְ פַאר מַיין טוֹבָה.

**וֶוען** אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט - וֶוערְט בַּיי אִים אָפְּגֶעקִילְט דִי אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן כב): "הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִים כְּפִירָה לָאָדָם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט גֵייט אַרַיין אִין אִים מַחְשָׁבוֹת פוּן כְּפִירָה; מֶען הוֹיבְּט אָן הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה. דוּ דַארְפְסְט נָאךְ אַסַאךְ

תְּשׁוּבָה טוּן עֶס זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִיר אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, דוּ זָאלְסְט זַיין אִיבֶּערְגֶעגֶעבְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זֶע צוּ זָאגְן תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אֱמֶת'עֶ תְּשׁוּבָה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן זָאל זָאגְן תְּהִלִּים. רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם 'יוֹם תְּהִלִּים', אַזוֹי עֶנְדִיגְט מֶען יֶעדֶע וָואךְ גַאנְץ תְּהִלִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתב

### וֶועלְכֶע צָרוֹת הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעהַאט?[כג]

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזּוּק וָואס אִיר גֶעבְּט מִיר.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין זַיין צַוָּאָה אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין גוּטְן טָאג אִין זַיין לֶעבְן. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פַארְשְׁטֵיין, וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען מוֹהֲרָא"שְׁ'ס צָרוֹת אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי אוֹיסְגֶעדְרוּקְט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

כג. מֶער אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, וַוייטֶער אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תכט.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ח חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרַט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נִישְׁט אַלֶעס קֶען מֶען שְׁרַייבְּן, אָבֶּער אַז מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אַזוֹי אִין זַיין צַוָּאָה, אוּן עֶר הָאט גֶעהֵייסְן אוֹיפְשְׁרַייבְּן אוֹיף זַיין מַצֵּבָה דִי וֶוערְטֶער: "וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו" - עֶר הָאט גֶעלִיטְן שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע יִסּוּרִים זַיין גַאנְץ לֶעבְּן - אִיז דָאס פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ; וָואס אִיז אַ נַפְקָא מִינָהּ וָואס, וֶוען אוּן וואוּ, דֶער עִקָר דַארְף מֶען זִיךְ לֶערְנֶען פוּן אַזַא צַדִיק וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן. מוֹהֲרָא"שׁ מִיט אַלֶע זַיינֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶען אוֹיף אִים קַיין שׁוּם סִימָן פוּן יִסּוּרִים, אַדְּרַבָּה, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעהַאט אַ פָּנִים מְאִירוֹת, אַ פְרֵיילִיכֶע לִיכְטִיגֶע פָּנִים. מֶען הָאט גֶעקֶענְט זֶען אוֹיף זַיין פָּנִים אַן עֶכְטֶע פְרֵיילִיכְקֵייט, אַ בִּיטוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מִיר דַארְפְן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ וִוי עֶר הָאט נָאר גֶעזוּכְט וִוי אַזוֹי פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן אַנְדֶערֶע.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט דֶעם סִיפּוּר הִתְקַרְבוּת פוּן רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער (הֵיילְפְּרִין) וִוי אַזוֹי עֶר אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן; אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אִין שֵׁמוֹת אַ בְּרִיוו, עֶר לֵיינְט אִינֶעם בְּרִיוו וִוי אֵיינֶער אִיז מְחַזֵק זַיין זוּן מִיט שְׁטַארְקֶע חִזּוּק, אוּן עֶר עֶנְדִיגְט דֶעם בְּרִיוו מִיט דֶעם

לְשׁוֹן: "אִיךְ קֶען נִישְׁט מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ שְׁרַייבְּן וַוייל דִי פָּאלִיצֵיי וַוארְט אוֹיף מִיר, מִיר צוּ נֶעמֶען אִין תְּפִיסָה וְכוּ'"[כד], רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין ווִי קֶען זַיין אַ אִיד וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער אַזַא שְׁוֶוערֶע צָרָה, מֶען גֵייט אִים אַיינְשְׁפַּארְן אִין תְּפִיסָה - דָאךְ הָאט עֶר אַזַא יִשּׁוּב הַדַּעַת צוּ קֶענֶען שְׁרַייבְּן אַזָאלְכֶע שֵׁיינֶע חִזּוּקִים, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אַ אִיד וָואס דִי פָּאלִיצֵיי שְׁטֵייעֶן בַּיי זַיין שְׁטוּבּ אוּן מֶען גֵייט אִים טְרָאגְן אִין תְּפִיסָה, קֶען נָאךְ מְחַזֵּק זַיין אַ צְוֵוייטְן?! אִיךְ מוּז ווִיסְן וֶוער דָאס אִיז'.

עֶר אִיז נָאכְגֶעגַאנְגֶען אוּן זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט וֶוער עֶס הָאט גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם סֵפֶר 'עָלִים לִתְרוּפָה', הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיינְקוּקְן אִין דֶעם סֵפֶר וַוייל דָאס הָאט גֶעשְׁרִיבְּן רֶבִּי נָתָן פוּן בְּרֶסְלֶב. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֶערְט וָואס דִי מִתְנַגְּדִים זָאגְן, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר מְקוֹרָב גֶעוָוארְן, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע לַייט אִין בְּרֶסְלֶב.

בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִיז פִיל מֶער פוּן דֶעם; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאט נָאר צָרוֹת אוּן מִיט דֶעם הָאט עֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען יֶעדְן אֵיינֶעם. וֶוען מֶען הָאט גֶעזֶען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט חָלוֹמ'עֶן וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער, (אִיךְ אַלֵיין, אַפָּאר יָאר נָאךְ מַיין הִתְקָרְבוּת - הָאבּ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט בִּכְלַל אַז מוֹהֲרָא"שׁ הָאט עֶפֶּעס צָרוֹת וְכוּ'). דָאס דַארְפְן מִיר זִיךְ

כד. עַיֵּן סֵפֶר עָלִים לִתְרוּפָה, מִכְתָּב קעט, קפב.

אָפְּלֶערְנֶען פוּן אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַאלְן וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע טֶעג, מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן אוּן הָאבְּן קַשְׁיוֹת חַס וְשָׁלוֹם אוֹיף דִי אֱמוּנָה, נָאר וַוייטֶער גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין גֶעטְרֵיי צוּ אִים, אוּן זוּכְן וִוי מֶען קֶען הֶעלְפְּן נָאךְ אַ אִיד אוּן נָאךְ אַ אִיד.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן מִיר אַלֶע זָאלְן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק, וֶועלְן מִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן צַדִיקִים.

## תתג

**וָואס טוּ אִיךְ וֶוען מַיינֶע עֶלְטֶערְן מִישְׁן מִיךְ אַרַיין אִין זֵייעֶר מַחְלוֹקֶת?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זִיךְ קֹדֶם בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי מוֹרָא'דִיגֶע שִׁעוּרִים וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט יֶעדְן טָאג, עֶס גֶעבְּט מִיר חַיוּת אָנְצוּגֵיין. סְפֶּעצִיעֶל דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ טוּן יֶעדְן טָאג, אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהַאט בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה; אִיךְ שְׁרַייבּ עֶס אַרָאפּ אוּן וֶוען אִיךְ בִּין אַבִּיסַל צֶעבְּרָאכְן לֵיין אִיךְ עֶס אוּן דָאס גֶעבְּט מִיר אַסַאךְ חִזּוּק, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ בִּין אַ נַיינְצְן יֶערִיגֶע מֵיידְל פוּן אַ שְׁוֶוערֶע שְׁטוּבּ, מַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ אַסַאךְ, אוֹיךְ אִין פָּארְנְט פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן אַסַאךְ מָאל אִיז עֶס מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּצוּקוּקְן. זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל מַאכְט זִיךְ אַז אֵיינֶער

פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן מִיךְ אַרֵיינְמִישְׁן אִין דִי מַחְלֹקֶת אוּן מִיךְ הֵייסְן זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר זֵיי אוּן רֶעדְן קֶעגְן דֶעם אַנְדֶערְן. אִיךְ וֵויים אַז אִיךְ טָאר דָאס נִישְׁט טוּן, אָבֶּער וָואס זָאל אִיךְ יָא טוּן אִין אַזַא צַייט?

אַוֶועקְגֵיין פוּן שְׁטוּב אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה פַאר מִיר, וַוייל בַּיי מַיין בַּאבֶּע אוּן זֵיידֶע - אִיז נָאךְ עֶרְגֶער; הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א עֶפֶּעס אַן עֵצָה פַאר מִיר? דָאס אִיז מִיר נוֹגֵעַ כִּמְעַט יֶעדְן טָאג.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ח חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה ג.) מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר: "עַד הֵיכָן הוּא כִּיבּוּד אָב וָאֵם", בִּיז וִויפִיל אִיז אַ מֶענְטְשׁ מְחֻיָּב צוּ מְכַבֵּד זַיין זַיינֶע עֶלְטֶערְן? הָאט רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וְלִי אַתֶּם שׁוֹאֲלִין", וָואס פְרֶעגְט אִיר מִיר? "לְכוּ שַׁאֲלוּ לְדָמָה בֶּן נְתִינָה", גֵייט פְרֶעגְן דָמָה בֶּן נְתִינָה. "רֹאשׁ פַּטְרְבּוּלֵי הָיָה", עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי גְרֶעסְטֶע גֶענֶערַאלְן אִין דִי מִילִיטֶער, "פַּעַם אַחַת הָיְתָה אִמּוֹ מְסַטֶּרְתּוֹ", אֵיינְמָאל הָאט אִים זַיין מַאמֶע גֶעשְׁלָאגְן מִיט אַ שׁוּךְ, "בִּפְנֵי כָּל בּוּלֵי שֶׁלּוֹ", פַאר אַלֶע סָאלְדַאטְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אוּנְטֶער אִים, "וְנָפַל קוּרְדְקוֹן שֶׁלָּהּ מִיָּדָהּ", אוּן דִי שׁוּךְ אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּן אִירֶע הֶענְט, "וְהוֹשִׁיט לָהּ שֶׁלֹּא

תִּצְטַער", הָאט ער זיךְ אַרָאפְּגֶעבּוֹיגְן אוּיפְצוּהֵייבְּן דִי שׂוּךְ אוּן דָאס גֶעגֶעבְּן פַּאר זַיין מַאמֶע אַז זי זָאל זיךְ נִישְׁט דַארְפְן אַרָאפְּבֵּייגְן אוּן זיךְ מְצַער זַיין.

**אִין** דֶעם זְכוּת וָואס אִיר וֶועט מְכַבֵּד זַיין אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אִיר וֶועט זיךְ נִישְׁט מִישְׁן וֶוען זֵיי קְרִיגְן זִיךְ, אִיר וֶועט זֵיי בֵּיידֶע מְכַבֵּד זַיין - וֶועט אִיר טְרֶעפְן בְּקָרוֹב אַייעֶר זִוּוג.

**אִיךְ** שְׁרַייבּ אַייךְ אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס אִיר זָאלְט בֶּעטְן וֶוען מֶען וִויל אַייךְ אַרַיינְשְׁלֶעפְּן אִין אַ קְרִיגֶערֵיי: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן נִישְׁט צוּ מְזַלְזֵל זַיין אִין דִי כָּבוֹד פוּן מַיין טַאטֶע מַאמֶע; הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת וָואס אִיךְ בִּין זֵיי מְכַבֵּד אוּן אִיךְ בִּין נִישְׁט מְזַלְזֵל אִין זֵיי, אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ אַן עֶרְלִיכֶער גוּטֶער חָתָן, אוּן צוּזַאמֶען בּוֹיעֶן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ".

**דָאס** זָאלְט אִיר שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן שְׁטִילֶערְהֵייט.

## תתד

### וִוי אַזוֹי וֶועט מֶען מִיךְ אָנְקוּקְן נָאכְן זיךְ גֶעטְ'ן צְוֵויי מָאל?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין מַיין מַצָּב. אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען אֵיינְמָאל גֶעְ'גֶט אוּן אִיךְ הָאבּ נָאכְאַמָאל חֲתֻנָּה גֶעהַאט, אוּן מִיר הָאבְּן

גֶעהַאט צְווֵיי קִינְדֶער צוּזַאמֶען. לְמַעֲשֶׂה הָאט דֶער מַצָּב בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן גַיין זֵייעֶר שְׁלֶעכְט אִין דִי לֶעצְטֶע צְווֵיי יָאר, דִי קִינְדֶער וָואס מַיין ווַייבּ הָאט מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט הָאבְּן מִיר מַמָּשׁ דֶערְבִּיטֶערְט דָאס לֶעבְּן, אוּן זֵי אִיז נָאר גֶעשְׁטַאנֶען מִיט זֵיי קֶעגְן מִיר, אִיךְ בִּין נִישְׁט אַנֶערְקֶענְט גֶעוָוארְן אַלְס טַאטֶע אִין שְׁטוּבּ, נָאר אַלְס אֵיינֶער וָואס דַארְף בְּרֶענְגֶען גֶעלְט. אוּן דֶערְפַאר הָאבְּן מִיר זִיךְ יֶעצְט צֶעטֵיילְט, אוּן מִיר גֵייעֶן זִיךְ גֶטְ'ן בְּקָרוֹב.

מֶענְטְשְׁן קוּקְן מִיךְ אָן ווִי אַ לֹא יוּצְלַח, 'עֶר גֵייט זִיךְ שׁוֹין גֶטְ'ן צוּם צְווֵייטְן מָאל...' אִיךְ ווֵייס אָבֶער אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אַזוֹי שְׁלֶעכְט, כָאטְשׁ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט קַיין מוּשְׁלָם, שְׁפִּיר אִיךְ אַז אִיךְ בִּין פָּשׁוּט אַרַיינְגֶעפַאלְן צְווֵיי מָאל.

אוּן יֶעצְט טְרַאכְט אִיךְ ווִי אַזוֹי אִיךְ וֶועל קֶענֶען אַרִיבֶּערְגֵיין דִי שְׁוֶוערֶע תְּקוּפָה; דִי צְווֵיי קִינְדֶער זֶענֶען בַּיי מִיר, אוּן וֶוער וֶועט מִיךְ יֶעצְט וֶועלְן נֶעמֶען נָאכְן זִיךְ גֶטְ'ן צְווֵיי מָאל, אוּן נָאךְ מִיט צְווֵיי קִינְדֶער? אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק הָאבְּן אַ נָארְמַאלֶע לֶעבְּן, אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן שִׂמְחָה, אוּן אוֹיבּ וֶועט זַיין שְׁוֶוערִיקֵייטְן זָאלְן מִיר עֶס דוּרְכְגֵיין צוּזַאמֶען בְּשָׁלוֹם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ח חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן מֶען ווֵייסְט נִישְׁט קַיין פְּרָטִים וְכוּ'; בִּפְרַט וֶוען דוּ

הַאלְסְט נָאךְ פַּארְן גֶט, אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן וַוייל זִיךְ גֶטְ'ן אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס קִינְדֶער גֵייעֶן אַרִיבֶּער וֶוען עֶלְטֶערְן גֶטְ'ן זִיךְ; דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶלְטֶערְן קֶענֶען טוּן פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִיז זִיךְ גֶטְ'ן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ. אִיךְ קֶען דִיר זָאגְן וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: זִיךְ גֶטְ'ן אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה, בִּפְרַט וֶוען עֶס אִיז דָא קִינְדֶער אִין שְׁטוּבּ; וַוייל אוֹיבּ מֶען גֶט זִיךְ לַיידְן דִי קִינְדֶער פוּן דֶעם זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

בְּמֶשֶׁךְ דִי פוּפְצְן יָאר וָואס אִיךְ בִּין עוֹסֵק מִיט קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז רוֹב פְּרָאבְּלֶעמֶען מַאכְן זִיךְ בַּיי קִינְדֶער פוּן גֶע'גֶט'ֶע שְׁטִיבֶּער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (גִּיטִּין צ:): "כָּל הַמְגָרֵשׁ אֶת אִשְׁתּוֹ, אֲפִלּוּ מִזְבֵּחַ מוֹרִיד דְּמָעוֹת", וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ גֶטְ'ן זִיךְ - וֵויינְט דֶער מִזְבֵּחַ. פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: פַארְוָואס וֵויינְט דַוְקָא דֶער מִזְבֵּחַ? עֶס זֶענֶען דָאךְ דָא אַסַאךְ כֵּלִים אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; פַארְוָואס וֵויינְט נִישְׁט דֶער שֻׁלְחָן, דֶער מְנוֹרָה, דֶער אָרוֹן, וָואס עֶפֶּעס דַוְקָא דֶער מִזְבֵּחַ? נָאר דֶער מִזְבֵּחַ וֵויינְט, וִוי צוּ זָאגְן: "מֶען אִיז שׁוֹין מַקְרִיב אוֹיף מִיר גֶענוּג קָרְבָּנוֹת, פַארְוָואס פֶעלְט אוֹיס מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען נָאךְ קָרְבָּנוֹת..."

דִי נְקוּדָה אִיז נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן קוּקְן דִיךְ אָן אוּן וָואס מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זָאגְן; וָואס אַרְט דִיר וָואס מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זָאגְן? דוּ דַארְפְסְט טְרַאכְטְן מֶער פוּן דִי קִינְדֶער וִוי טְרַאכְטְן וָואס מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זָאגְן.

זַיי זִיך מְחַזֵּק מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי אַרוֹיס אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אִין אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, דָארְט זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט וויסְן וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן; זָאג אִים דַיין וֵוייטָאג, בֶּעט אִים: "'וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ', אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבּ מִיר אַ גוּטֶע עֵצָה אִיךְ זָאל ווִיסְן וָואס צוּ טוּן", אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דֶעם - וֶועסְטוּ וויסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז זִיכֶער אַ גוּטֶע עֵצָה, מֶען זָאל אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל וויסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן; דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט ווִי אֵיינֶער דַאוֶוענְט מַעֲרִיב אוּן עֶר כַאפְּט אָפּ דִי וֶוערְטֶער: "וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ", הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלח): "דִי וֶוערְטֶער דַארְף מֶען דָאךְ זָאגְן מִיט גְרוֹיס כַּוָּנָה, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ חָשׁוּב'עֶר תְּפִלָּה", וַוייל דֶער עִקָּר פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, מֶען הָאט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ סְפֵקוֹת צִי מֶען זָאל טוּן אַזוֹי צִי אַזוֹי, אוּן מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "'וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ', רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר אַ גוּטֶע עֵצָה אִיךְ זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ וויסְן וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן.

# תתה

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ חֲבוּרַת "הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ" אִין מַיין שְׁטָאט?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

רֵאשִׁית כֹּל וויל אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע שִׁעוּרִים אוּן עֵצוֹת, אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעוָואֹרְן זֵייעֶר מְקוּשָׁר צוּ דִי שִׁעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, צוּ דִי סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אוּן פוּן רֶבִּי'ן, אוּן אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט מִיר מַמָּשׁ גֶעגֶעבְּן אַ נֵייעֶ לֶעבְּן מִיט דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת.

אִיךְ וואוֹין אִין יְרוּשָׁלַיִם, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר מְקַנֵּא דִי אִידְן פוּן אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער וָואס הָאבְּן אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ, וואוּ זֵיי קֶענֶען לֶערְנֶען דִי סְפָרִים, הֶערְן שִׁעוּרִים, אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִינְאֵיינֶעם מִיט נָאךְ חֲבֵרִים. בַּיי אוּנְז אִין שְׁטָאט אִיז נִישְׁטָא קַיין בֵּית הַמִּדְרָשׁ הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בֵּית הַמִּדְרָשׁ וואוּ עֶס גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ. אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ זֵייעֶר אַיינְזַאם, אִיךְ בִּין זִיךְ נָאר מִתְחַזֵּק מִיט מַיין ווייבּ, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט נָאךְ חֲבֵרִים.

אִיךְ וויל זֵייעֶר שְׁטַארְק הָאבְּן דָא אַ חֲבוּרָה פוּן אִינְגֶעלַייט פוּן הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ, זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן צוּזַאמֶען מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ. אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת ווי אַזוֹי דָאס אוֹיסְצוּפִירְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ח חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וָואס** אִיז דָא מְקַנֵּא צוּ זַיין? טוּ צוּ דֶער זַאךְ אוּן עֶפְן אַ "בֵּית הַמִּדְרָשׁ הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ" אִין יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקֹּדֶשׁ - וֶועסְטוּ הָאבְּן חִזּוּק פַאר דִיר אַלֵיין אוּן נָאךְ מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין, דוּ וֶועסְט זִיךְ קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ עֶפֶענֶען אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ עַל שֵׁם רַבֵּנוּ וואוּ מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

**אַז** דוּ עֶפְנְסְט אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ זָאלְסְטוּ זֶען מֶען זָאל רֶעדְן נָאר דִבּוּרִים פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה. דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה אַז דֶער פְּרוּמֶער בַּעַל תְּפִלָּה פְלֶעגְט אַרוּמְגֵיין רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי פוּן תַּכְלִית (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב), דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פְלֶעגְט זָאגְן פַאר אַלֶעמֶען: "עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין אַנְדֶערֶע תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", אוּן וָואס דֶער גִּיבּוֹר הָאט גֶעזָאגְט פַארְן בַּעַל תְּפִלָּה: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּנֶעם קֶענִיג אַז פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ חוּץ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין תַּאֲוַת מָמוֹן", אוּן וָואס דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט גֶעזָאגְט: "נָאכְאַלְץ ווילְט אִיר גֶעלְט? פוּן גֶעלְט זָאלְט אִיר מִיט מִיר נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן".

מוֹהֲרָא"ש הָאט אויפְגֶעשְׁרִיבְּן דִי וֶוערְטֶער אויפְן בֵּית הַמִּדְרָשׁ הַגָּדוֹל אִין יַבְנְאֵל. יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ בִּין זוֹכֶה צוּ זַיין אִין יַבְנְאֵל גֵיי אִיךְ נָאכְאַמָאל זֶען דָאס בֵּית הַמִּדְרָשׁ וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעבּויט, אִיךְ גֵיי קוּקְן דֶעם טָאוֶול וָואס שְׁטֵייט בַּיים אַרַיינְגַאנְג צוּם בֵּית הַמִּדְרָשׁ; מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אויפְן טִיר פוּנֶעם בֵּית הַמִּדְרָשׁ דִי וֶוערְטֶער "הַבַּעַל תְּפִלָּה אָמַר: 'עֲדַיִן אַתֶּם רוֹצִים מָמוֹן, מִמָּמוֹן לֹא תְּדַבְּרוּ כְּלָל'", אִין אִידִישׁ "דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט גֶעזָאגְט: 'נָאכְאַלְץ ווילְט אִיר גֶעלְט? פוּן גֶעלְט זָאלְט אִיר מִיט מִיר נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן'"; דָאס בְּרֶענְגְט יֶעדֶעס מָאל אַרַיין אִין מִיר אַ שְׁטַארְקֶע הִתְעוֹרְרוּת, זֶעעֶנְדִיג ווִי מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעלֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן ווִי שְׁטַארְק מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אָן קַיין חָכְמוֹת אוּן אָן קַיין דְרֵיידְלֶעךְ.

הוֹיבּ אָן אויף אַ קְלֵיינֶעם פַארְנֶעם; עֶס קֶען זַיין בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ (מִיט רְשׁוּת פוּן דַיין וַוייבּ). הוֹיבּ אָן מִיט שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת; קֹדֶם וֶועט קוּמֶען אֵיינֶער נָאכְדֶעם אַ צְוֵוייטֶער, אַזוֹי וֶועט עֶס נִתְפַּרְסֵם וֶוערְן, צוּבִּיסְלִיךְ וֶועלְן קוּמֶען נָאךְ אוּן נָאךְ מִתְפַּלְּלִים, בִּיז דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ פְּלַאץ אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתו

## דֶער מְלַמֵּד הֶערְט נִישְׁט אוֹיף שְׁלָאגְן מַיין אִינְגְל, ווִי אַזוֹי רַאטֶעוֶוע אִיךְ אִים?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין אִינְגְל אִיז אַרַיין דָאס יָאר צוּ אַ נַייעֶר מְלַמֵּד אִין כִּתָּה ו', דֶער מְלַמֵּד הָאט אַ מִנְהָג אַז אָנְהוֹיבּ יָאר שְׁלָאגְט עֶר יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג דִי קִינְדֶער מִיט אַ שְׁטַארְקֶע רְצִיחָה פַאר יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ, ווִי לְמָשָׁל נִישְׁט טַייטְלֶען אִינְמִיטְן פַּארְלֶערְנֶען, אוּן אַזוֹי קוּמְט מַיין אִינְגְל אַהֵיים יֶעדְן טָאג ווֵיינֶעדִיג.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶערֶעדְט צוּם מְנַהֵל עֶטְלִיכֶע מָאל, עֶר פַארְשְׁטֵייט אָבֶּער נִישְׁט ווָאס דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז, עֶר זָאגְט אַז זַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ הָאבְּן אוֹיךְ גֶעלֶערְנְט בַּיי דֶעם מְלַמֵּד אוּן עֶר שֶׁעפְּט פוּן זֵיי נַחַת, אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אַז מֶען שְׁלָאגְט אַ אִינְגְל, אַזוֹי ווַאקְסְט מֶען אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן.

ווָאס נָאךְ קֶען אִיךְ טוּן דֶערְוֶועגְן? אִיךְ ווִיל נִישְׁט אַז מַיין אִינְגְל זָאל חָרוּב ווֶערְן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ט חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי אַרִיבֶּער צוּם מְלַמֵּד אוּן רֶעד מִיט אִים; קֹדֶם זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט אִים מִיט שֵׁיינֶעם, זָאג אִים ווִי שְׁטַארְק דוּ בִּיסְט צוּפְרִידְן אַז דַיין קִינְד לֶערְנְט בַּיי אִים אוּן ווִי שְׁטַארְק דַיין זוּן הָאט לִיבּ

זַיין רֶבִּי. דֶערְנָאךְ דֶערְצֵייל אִים אַז דַיין קִינְד קוּמְט אַהֵיים וֵויינֶענְדִיג יֶעדְן טָאג, עֶר צִיטֶערְט צוּ גֵיין אִין חֵדֶר, מַמָּשׁ עֶר וֵויינְט פוּן פַּחַד. בֶּעט אִים שֵׁיינֶערְהֵייט אַז עֶר זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן דַיין קִינְד.

**אוֹיבּ** וֶועט דָאס נִישְׁט הֶעלְפְן אוּן דַיין קִינְד וֶועט וַוייטֶער אַהֵיימְקוּמֶען וֵויינֶען אַז עֶר כַאפְּט פֶּעטְשׁ, זָאלְסְטוּ אָנְכַאפְּן דֶעם מְלַמֵּד בַּיים קַארְג אוּן אִים זָאגְן קְלָאר אוּן דַייטְלִיךְ: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט שְׁלָאגְן מַיין קִינְד וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן אַזֶעלְכֶע קְלֶעפּ, אִיךְ וֶועל דִיר צֶעבְּרֶעכְן דִי בֵּיינֶער". וַוייל אֵיינֶער וָואס שְׁלָאגְט - טָאר נִישְׁט אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער, אַזַא אֵיינֶער דַארְף אַרְבֶּעטְן בַּי דִי מִיסְט. מוֹהֲרָא"שׁ פְּלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן אַז דִי וָואס שְׁלָאגְן דַארְפְן אַרְבֶּעטְן בַּיים שְׁלֶעפְּן דִי מִיסְט, וַוארְפְן אוּן הָאקְן דִי מִיסְט קַאנֶעס (גַארְבִּידְזְשׁ קֶענְס).

**וִויפִיל** קִינְדֶער פַאלְן אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט וַוייל מֶען הָאט זֵיי גֶעשְׁלָאגְן אוּן גֶע'הַרְגְ'עט וֶועגְן טַייטְלֶען וְכַדוֹמֶה; אַז דֶער מְנַהֵל הָאט אַ נֵס אַז עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט זַיינֶע קִינְדֶער מֵיינְט נָאךְ נִישְׁט אַז אַלֶע וֶועלְן מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דֶעם וֶועג, "אֵין סוֹמְכִין עַל הַנֵּס" (פְּסָחִים סד:).

**דֶער** רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער. אַז מֶען טְרַאכְט גוּט אַרַיין זֶעט מֶען אַז פֶּעטְשׁ אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חִנּוּךְ; וֶוען מֶען שְׁלָאגְט אַ קִינְד אִיז דָאס נָאר אוֹיסְצוּגֶעבְּן דִי נֶערְווְן, דֶערִיבֶּער טָאר מֶען נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער. נִישְׁט נָאר עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן, עֶס וֶועט נָאר מַאכְן אַסַאךְ עֶרְגֶער וְכוּ'. (אוֹיבּ דוּ וֶועסְט דַארְפְן נוּצְן דֶעם וֶועג, זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דַיין קִינְד זָאל נִישְׁט וִויסְן

פון דֶעם כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט מְזַלְזֵל זַיין אִין זַיין מְלַמֵּד, מֶען דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ שֶׁעצְן דֶעם מְלַמֵּד פַארְן קִינְד. דָאס זָאל זַיין פְּרִיוַואט צְווִישְׁן דִיר אוּן דֶער מְלַמֵּד, וד"ל).

**בֶּעט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַסַאךְ וַויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ ווִי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יֶעדֶע נַאכְט בְּשָׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תִּקּוּן חֲצוֹת הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפִילְט אַ כּוֹס מִיט טְרֶערְן, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער"; דָאס אִיז דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## תתז

### וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים בַּיים אָפְּשֶׁערְן אַ אִינְגְל?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ גְרֵייט זִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם צוּם אָפְּשֶׁערְן פוּן מַיין אִינְגֶעלֶע, אִים צוּ מַאכְן פֵּאוֹת, וְוייל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז דָא גֶעווִיסֶע מִנְהָגִים וָואס מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן אִין דֶעם טָאג, פַארְן אִינְגְל אוּן פַאר דִי עֶלְטֶערְן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.**

**דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ גֵייסְט מַאכְן הֵיילִיגֶע פֵּאוֹת פַאר דַיין קִינְד, פֵּאוֹת אִיז דֶער יְסוֹד פוּן אַ אִיד.**

**קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט** (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת גִּילּוּחַ הַלְּכָה ג', אוֹת ב'): **"עִקַּר הַדָּת יִשְׂרָאֵל וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת", דִי בָּארְד אוּן פֵּאוֹת אִיז אַן עִקָּר פוּן אַ אִיד אוּן פוּן דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט, "וּבָהֶם נִכָּר הַיְּהוּדִי כִּי הוּא מִזֶּרַע בֵּרַךְ ה', מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל", אוּן מֶען דֶערְקֶענְט אַ אִיד דוּרְךְ זַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת אַז עֶר אִיז אַ אִידִישׁ קִינְד. "וּמִי שֶׁרוּחַ אַחֶרֶת עִמּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, וְרוֹצֶה לְכַפֵּר, חַס וְשָׁלוֹם, בֶּאֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל", אוּן וֶוער עֶס ווִיל לֵייקֶענֶען אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "תְּחִלַּת הַכְּפִירָה הוּא, שֶׁמַּשְׁלִיךְ חַס וְשָׁלוֹם מֵעָלָיו הַזָּקָן וְהַפֵּאוֹת", דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ נֶעמְט עֶר אַרָאפּ זַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, "כִּי בֶּאֱמֶת כָּל דַּת יִשְׂרָאֵל הַקָּדוֹשׁ הוּא תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת", ווַייל דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם בָּארְד אוּן פֵּאוֹת; קוּק אַרַיין דָארְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער מֶער בַּאֲרִיכוּת.**

**מֶען פִירְט זִיךְ אַז דָאס קִינְד זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין נִישְׁט אִידְן אִינֶעם טָאג וָואס עֶר וֶוערְט דְרֵיי יָאר,**

דֶערְפַאר וֶוען מֶען טְרָאגְט אִים אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ צוּ גֵיין אִין חֵדֶר וִויקְלְט מֶען אִים אַרוּם מִיט אַ טַלִּית, כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין נִישְׁט אִידְן.

**מֶען** פִירְט זִיךְ צוּ גֵיין אִין חֵדֶר; דֶער מְלַמֵּד זָאגְט מִיטְן קִינְד דִי א-ב, אוּן נָאכְדֶעם שְׁמִירְט דֶער מְלַמֵּד אָן דִי א-ב מִיט הָאנִיג אוּן דָאס קִינְד לֶעקְט אָפּ דִי הָאנִיג פוּן דִי א-ב.

**זָאלְסְט** מַקְפִּיד זַיין אַז דִי פֵּאוֹת זָאלְן זַיין שֵׁיין גֶעקְרֵייזְלְט; דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען צוּ גֵיין מִיט שֵׁיינֶע גֶעקְרֵייזְלְטֶע פֵּאוֹת (עַיֵּן חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקז), עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶס לִיגְט אִין דֶעם גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## תתח

### מֶעג מֶען לֶערְנֶען פַארְן גֵיין אִין מִקְוֶה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס אִיז דִי הֲלָכָה וֶועגְן זָאגְן תְּהִלִּים, בִּרְכוֹת הַתּוֹרָה, לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער - פַארְן גֵיין אִין מִקְוֶה? פַארְשְׁטֵייט זִיךְ וֶוען עֶס אִיז נוֹגֵעַ אוּן מֶען דַארְף גֵיין אִין מִקְוֶה.

אִיךְ הָאבּ לִיבּ צוּ לֶערְנֶען פַּארְטָאגְס אִינֶדערְהֵיים וֶוען דִי קִינֶדער שְׁלָאפְן נָאךְ אוּן וֶוען זֵיי שְׁטֵייעֶן אוֹיף, עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה אוּן נָאכְדֶעם צוּרִיק אַהֵיימְגֵיין.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וִויסְן** זָאלְסְטוּ אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוֹבְלְ'ט זִיךְ אִין מִקְוֶה - טוֹבְלְ'ט מֶען זַיין נְשָׁמָה אוֹיבְן אִין הִימְל. מֶען אִיז זוֹכֶה אַרָאפּ צוּ נֶעמֶען פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן כב): "עַל יְדֵי טְבִילַת מִקְוֶה נִתְבַּטֵּל הַצָּרוֹת, וִישׁוּעָה בָּאָה".

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "'מִקְוֶה' אִיז דִי זֶעלְבֶּע לָשׁוֹן פוּן 'תִּקְוָה'; אַז מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה הָאט מֶען אַ תִּקְוָה אַז מֶען וֶועט אַלֶעס פַּארְרֶעכְטְן". אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: "מִקְוֶה אִיז טַאקֶע נִישְׁט קַיין מִצְוָה, אָבֶער צוּ וָואס מִקְוֶה קֶען צוּבְּרֶענְגֶען - קֶען נִישְׁט קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע מִצְוָה צוּבְּרֶענְגֶען".

**אוֹיב** מֶען הָאט אַ מִקְוֶה אִיז זִיכֶער כְּדַאי צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה פַארְן לֶערְנֶען אוּן זָאגְן תְּהִלִּים. וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעוְויסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין וֶוען מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה - וָואלְסְטוּ זִיכֶער דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גֶעלָאפְן אִין מִקְוֶה. קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער מָאוֹר וָשֶׁמֶשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט (פַּרְשַׁת אֱמוֹר, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל וְנִרְאֶה) אַז דִי כַּת שַׁ"ץ יִמַּח שְׁמָם זֶענֶען גֶעוָוארְן אֶפִּיקוֹרְסִים וַוייל זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען נִזְהָר אִין טְבִילַת עֶזְרָא; זֵיי הָאבְּן עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין קַבָּלָה אָן טָהֳרָה. אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת וַוייל עֶר הָאט זִיךְ אַסַאךְ גֶע'טוֹבְלְ'ט.

**אוֹיב** מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מִקְוֶה - דֶעמָאלְט קֶען מֶען זִיךְ מְטַהֵר זַיין מִיט תִּשְׁעָה קַבִּין (פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נָאר טְבִילַת עֶזְרָא) - כְּדֵי נִישְׁט מְבַטֵּל צוּ זַיין תּוֹרָה וּתְפִלָּה, אָבֶּער אַז מֶען הָאט אַ מִקְוֶה - אִיז זִיכֶער מֶען זָאל גֵיין ווִי שְׁנֶעלֶער זִיךְ טוֹבְלְ'ן, אַרָאפּ צוּ נֶעמֶען אַלֶע שְׁלֶעכְטְס פוּן זִיךְ.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# תתט

## וִוי אַזוֹי זֶעט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן אַ מַחְלֹקֶת?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ צְוֵויי שְׁוָואגֶערְס וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען שׁוּתְּפִים אִין אַ בִּיזְנֶעס אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּם סוֹף צֶעקְרִיגְט אוֹיף זֵייעֶר אַ שְׁוֶועֶרער פַּארְנֶעם, מֶען זִיצְט אַסַאךְ בַּיי דִין תּוֹרָה'ס אוּן מֶען רֶעדְט זֵייעֶר אַסַאךְ אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן. אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַרַיינְגֶעמִישְׁט אִינְדֶערְמִיט קֶעגְן מַיין ווִילְן, וַוייל מַיין טַאטֶע שִׁיקְט מִיט מִיר מֶעסֶעדְזְשֶׁעס צוּ מַיין שְׁוֶוער, אוּן מַיין שְׁוֶוער שִׁיקְט אוֹיף צוּרִיק, אוּן בֵּיידֶע שְׁוָואגֶערְס זֶענֶען בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר וַוייל יֶעדֶער הַאלְט אַז אִיךְ הֶעלְף דִי אַנְדֶערֶע זַייט, אוּן אַזוֹי וֶוער אִיךְ צֶערִיסְן פוּן בֵּיידֶע זַייטְן - וִוי אַזוֹי זֶעט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן אַזַא פְּלָאנְטֶער?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת פַּחַד חֵלֶק ב', סִימָן ג): "מִי שֶׁבּוֹרֵחַ מִן הַצָּרָה, הוּא פִּקֵּחַ", אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ אַנְטְלוֹיפְט פוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען; נֶעם דִיר דִי וֶוערְטֶער פַאר דַיין וֶועג וַוייזֶער אִין לֶעבְּן: "זָאלְסְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען".

**אַז** דַיין מִשְׁפָּחָה אִיז פַארְמִישְׁט מִיט מַחְלֹקֶת - וָואס דַארְפְסְטוּ אַרַיינְשְׁטֶעקְן דַיין קָאפּ צְווִישְׁן זֵיי? בַּיים סוֹף וֶועסְטוּ לַיידְן מֶער פוּן אַלֶעמֶען, וַוייל מֶען וֶועט דִיךְ נֶעמֶען פַארְן כַּפָּרָה הִינְדְל. אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפִינֶען, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת נו.) רָבָא אִיז גֶעזִיצְן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ וֶוען פְּלוּצְלוּנְג הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַ גֶעשְׁרֵיי, עֶר הָאט גֶעזֶען ווִי צְווֵיי בְּלִינְדֶע מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ, אִיז רָבָא צוּגֶעגַאנְגֶען אוּן אָפְּגֶעטֵיילְט אֵיינֶער פוּנֶעם צְווֵייטְן, הָאבְּן זֵיי בֵּיידֶע גֶענוּמֶען שְׁלָאגְן רָבָא; זֶעט מֶען פוּן דֶעם, וֶוען מֶען זֶעט ווִי מֶען קְרִיגְט זִיךְ - זָאל מֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָארְט, נִישְׁט צוּ הָאבְּן צוּטוּן מִיט דִי מַחְלֹקֶת.

**זָאלְסְט** נִישְׁט טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען שְׁלֶעכְטְס פוּן אֵיינֶער צוּם צְווֵייטְן; אַז דַיין טַאטֶע הֵייסְט דִיר זָאגְן דָאס אוּן יֶענְץ - מֵיינְט נִישְׁט אַז דוּ דַארְפְסְט דָאס טוּן, דָאס אִיז נִישְׁט כִּיבּוּד אָב; מֶען הֶערְט אוֹיס וָואס דֶער טַאטֶע זָאגְט, מֶען עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט אוּן מֶען טְרָאגְט נִישְׁט וַוייטֶער.

**כִּיבּוּד** אָב וָאֵם אִיז נִישְׁט דָאס, נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען טוּן וְכוּ'; כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ. אַז דוּ וֶועסְט בּוֹיעֶן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ, דוּ וֶועסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ אוּן מְחַנֵּךְ זַיין דַיינֶע קִינְדֶער - דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

**דֶער** גְרֶעסְטֶער כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז וֶוען עֶלְטֶערְן זֶעעֶן ווִי דִי קִינְדֶער פִירְן זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.) אוֹיפְן פָּסוּק (דְבָרִים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ" - זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אַ קִידּוּשׁ הַשֵּׁם

דוּרְךְ דִיר אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל בַּאלִיבְּט וֶוערְן דוּרְךְ דִיר. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אֵיידְל אוּן צְנִיעוּת'דִיג אוּן פִּירְט זִיךְ ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וָואס זָאגְן מֶענְטְשְׁן? "אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תוֹרָה", וואוּיל זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תוֹרָה; "אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תוֹרָה", וואוּיל אִיז פַאר זַיין רֶבִּי וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט תוֹרָה; "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תוֹרָה", וֵויי אִיז פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין תוֹרָה. וֶוען אֵיינֶער פִּירְט זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ זָאגְן דִי מֶענְטְשְׁן: "קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, וִויבַּאלְד עֶר לֶערְנְט תוֹרָה פִּירְט עֶר זִיךְ אוֹיף אַזוֹי עֶרְלִיךְ". אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (יְשַׁעְיָה מט, ג): "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט אַזַא אֵיינֶעם.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן שֵׂכֶל זָאלְסְט שְׁטֵיין וַוייט פוּן מַחְלֹקֶת.

## תתי

**וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען וֶוערְט נִישְׁט גֶעהָאלְפְּן דוּרְךְ תְּפִלָּה?**[כה]

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער כְּסֵדֶר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ אִיז נָאר תְּפִלָּה. ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיב עֶס אִיז טַאקֶע מַמָּשׁ

בה. מֶער אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, וַוייטֶער אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תתכח.

אַזוֹי, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַמָאל דְרָשׁוֹת פוּן מַגִידִים אַז מֶען קֶען בֶּעטְן דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אוֹיבּ בַּאקוּמְט מֶען נִישְׁט וָואס מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן - מֵיינְט דָאס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט "נֵיין" אוֹיף דִי תְּפִלָּה, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט מֶען זָאל בַּאקוּמֶען יֶענֶע זַאךְ.

ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ טַאקֶע ווִיסְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶנְטְפֶערְט מִיר? אַסַאךְ מָאל בֶּעט אִיךְ אַ זַאךְ און אִיךְ זֶע אַז אִיךְ בַּאקוּם עֶס נִישְׁט, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל מִיר נִישְׁט גֶעבְּן דִי זַאךְ, אָדֶער אִיךְ דַארְף פָּשׁוּט נָאךְ וַוייטֶער בֶּעטְן און בֶּעטְן בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר גֶעבְּן וָואס אִיךְ דַארְף?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תוֹלְדוֹת, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצו): "אָסוּר לְאָדָם לַעֲמֹד עַצְמוֹ עַל שׁוּם דָּבָר, הַיְנוּ שֶׁאָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ בִּתְפִלָּתוֹ שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יַעֲשֶׂה לוֹ דַּוְקָא אֶת בַּקָּשָׁתוֹ וְכוּ'", אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט אַיינ'עַקְשְׁנ'עֶן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז אִים טוּן ווִי אַזוֹי עֶר ווִיל, "רַק צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל וּלְהִתְחַנֵּן לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים, אִם יִתֵּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יִתֵּן, וְאִם לָאו לָאו", נָאר מֶען דַארְף

בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחְמָנוּת, אַזוֹי וִוי מֶען בֶּעט זִיךְ בַּיי אֵיינֶעם עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן - אִיז גוּט, אוּן אַז עֶר וֶועט אִים נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן - אִיז נִישְׁט. דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט אוֹיס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, יג): "אַל תַּעַשׂ תְּפִלָּתְךָ קֶבַע", קֶבַע אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן גְזֵילָה, "הַיְנוּ שֶׁכָּל מַה שֶּׁהוּא מְבַקֵּשׁ, הֵן פַּרְנָסָה אוֹ בָּנִים אוֹ שְׁאָר צְרָכִים, אָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ וְלַעֲמֹד עַצְמוֹ בִּתְפִילָּתוֹ, שֶׁדַּוְקָא יַעֲשֶׂה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת תְּפִלָּתוֹ", וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, אוֹיף קִינְדֶער אָדֶער סַיי וֶועלְכֶע אַנְדֶערֶע גֶעבֶּעט, טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁנְ'עֶן אַז עֶס מוּז זַיין אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, "כִּי זֶה הוּא תְּפִילַּת קֶבַע, שֶׁלּוֹקֵחַ הַדָּבָר בְּחָזְקָה בִּגְזֵלָה", וַוייל דָאס אִיז אַזוֹי וִוי דוּ גַנְבְ'עֶסְט מִיט דַיינֶע תְּפִלּוֹת, "רַק יִתְפַּלֵּל רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים כַּנַּ"ל".

וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ אוֹיפְגֶעבְּן וֶוען מֶען זֶעט וִוי עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ צַייט אוּן מֶען בַּאקוּמְט נִישְׁט וָואס מֶען בֶּעט; מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוֹיס צוּ וַוארְטְן אוֹיף דִי יְשׁוּעָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וַוייטֶער מִתְפַּלֵּל זַיין צוּ אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן שִׁיקְן דִי יְשׁוּעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתיא

## וֶועלְכֶע קָאלִירְן פוּן קְלֵיידֶער זֶענֶען נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִזּוּק אוּן עֵצוֹת, אוּן סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי שֵׂכֶל וָואס לִיגְט אִין דִי בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, דָאס אִיז מַמָּשׁ מַיין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה אִין צְנִיעוּת וָואס אִיךְ בִּין קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען קְלָאר אִין דֶעם. וָואס אִיז דִי מְקוֹר פוּן נִישְׁט גֵיין אָנְגֶעטוּן רוֹיט, אִיז עֶס אַן הֲלָכָה, אַ מִנְהָג? אוּן וָואס אִיז לְגַבֵּי קִינְדֶער אוּנְטֶער דְרֵיי יָאר, מֶעגְן זֵיי יָא גֵיין מִיט רוֹיט? אוּן וָואס אִיז מִיט אִינְגְלֶעךְ? אוּן וָואס אִיז מִיט אַלֶע קָאלִירְן וָואס זֶענֶען 'נִישְׁט מַמָּשׁ' רוֹיט, וִוי: רָאסְט, בּוּרְגֶענְדִי, מֶערוּן, הַאט פִּינְק, וְכַדוֹמֶה? אַסַאךְ מָאל אִיז דֶער קְלֵייד אַן אַנְדֶערֶע קָאלִיר נָאר מִיט אַ קְלֵיינֶע דִיזַיין אָדֶער אַ לֵיין, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אִיז דָאס אַ פְּרָאבְּלֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**דֶער מְקוֹר פוּן נִישְׁט גֵיין אִין רוֹיט - וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ** (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן קעח, סְעִיף א) **אַז מֶען זָאל נִישְׁט**

גֵיין מִיט רוֹיטֶע קְלֵיידֶער, אַלְס (וַיִּקְרָא יח, ג): "וּבְחֻקֹּתֵיהֶם לֹא תֵלֵכוּ", מֶען זָאל נִישְׁט זַיין גְלַייךְ צוּ דִי אֻמּוֹת הָעוֹלָם. אוֹיךְ גֶעפִינֶען מִיר (בְּרָכוֹת כ.) רַב אַדָא בַּר אַהֲבָה הָאט גֶעזֶען אַ פְרוֹי אִין גַאס מִיט אַ רוֹיטֶע קְלֵייד, הָאט עֶר עֶס אַרָאפְּגֶערִיסְן פוּן אִיר וַוייל עֶס אִיז אַ פְּרִיצוּת פַאר אַ פְרוֹי צוּ גֵיין מִיט דֶעם, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעזֶען אַז דִי פְרוֹי אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַ אִידִישֶׁע, נָאר אַ גוֹי'אִישֶׁע פְרוֹי אוּן עֶר הָאט גֶעדַארְפְט בַּאצָאלְן גֶעלְט פַאר דִי פְרוֹי פַארְן אִיר פַארְשֶׁעמֶען; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי טָאר נִישְׁט גֵיין מִיט גוֹי'אִישֶׁע קְלֵיידֶער.

**אַנְדֶערֶע** קָאלִירְן אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶער מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין שְׁרֵייעֶדִיג אוּן אוֹיפְפַאלְנְד.

**בְּעֶטְס** דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ גֶעפִיל אִין צְנִיעוּת; אִיר זָאלְט זֶען דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידֶל, אִיר זָאלְט ווִיסְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵייד אוּן יֶעדֶע מַלְבּוּשׁ אוֹיב עֶס אִיז אֵיידְל אוּן צִי אִיר זָאלְט גֵיין דֶערְמִיט, וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, קִינְדֶער צַדִיקִים. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה ח, ט) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קכח, ג): "אֶשְׁתְּךָ כְּגֶפֶן פֹּרִיָּה בְּיַרְכְּתֵי בֵיתֶךָ בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ", דַיין וַוייבּ וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן קִינְדֶער אַזוֹי ווִי אַ וַויינְשְׁטָאק וָואס אִיז פוּל מִיט טְרוֹיבְּן - "בִּזְמַן שֶׁהִיא נוֹהֶגֶת בְּעַצְמָהּ דַּת יְהוּדִית, שֶׁהִיא צְנוּעָה"; בִּזְכוּת וָואס זִי פִירְט זִיךְ בִּצְנִיעוּת - "זוֹכָה שֶׁיוֹצְאִין מִמֶּנָּה בָּנִים בַּעֲלֵי

מִקְרָא, בַּעֲלֵי מִשְׁנָה, בַּעֲלֵי מַעֲשִׂים טוֹבִים", וָועט זֵי הָאבְּן קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען מִקְרָא, מִשְׁנָה און טוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, "הֲדָא הוּא דִכְתִיב, 'בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים'".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתיב

**ווי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען אוֹיס קִינְדֶער זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן?**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ אוֹיף דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁעוּרִים וָואס זֶענֶען אוּנְז שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵּק.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט כְּסֵדֶר אַז מֶען דַארְף אָנְזָאגְן דִי קִינְדֶער זִיךְ צוּ הִיטְן דִי הֶענְט, נִישְׁט צוּרִירְן וואוּ מֶען טָאר נִישְׁט. ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיב מֶען דַארְף זֵיי אוֹיךְ זָאגְן דָאס וָואס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אֶבֶן הָעֶזֶר סִימָן כג, סְעִיף ז), אַז חֲסִידִים הָרִאשׁוֹנִים הָאבְּן זִיךְ אוֹיךְ גֶעהִיטְן דִי אוֹיגְן און נִישְׁט גֶעקוּקְט דָארְט וואוּ מֶען טָאר נִישְׁט, אָדֶער אִיז דָאס נָאר פַאר בַּעֲלֵי מַדְרֵגָה?

בִּכְלָל ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיב עֶרְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן דַארְפְן זִיךְ אוֹיךְ אַזוֹי פִירְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרַט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַוַדַאי** זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן ווִי דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן; וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים. מִיר גֶעפִינֶען, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיח:) מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי: "פַארְוָואס הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען מֶען זָאל דִיךְ רוּפְן רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מִיָּמַי לֹא נִסְתַּכַּלְתִּי בְּמִילָה שֶׁלִּי", אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעהִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דִי מְקוֹם הַמִּילָה, דֶערִיבֶּער רוּפְט מֶען מִיךְ מִיט דֶעם טִיטְל רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן הֵיילִיג.

**בִּפְרַט** וֶוען דוּ נֶעמְסְט דַיינֶע קִינְדֶער אִין מִקְוֶה זָאלְסְטוּ זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען מִדַּת הַצְּנִיעוּת. זֵיי זָאלְן זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן, זֵיי זָאלְן שְׁטֵיין אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם וַואנְט בִּצְנִיעוּת. ווַייל דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט בְּפֵרוּשׁ אַז מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין מִדַּת חֲסִידוּת, דָאס אִיז אַן אִיסוּר. אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפִינֶען (זֹהַר הַקָּדוֹשׁ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, דַּף סו:): "אָסוּר לְאִסְתַּכְּלָא בְּקֶשֶׁת", מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיפְן אוֹת הַבְּרִית; נָאךְ זָאגְט דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים פד:):

"אָסִיר לֵיהּ לְבַר נָשׁ לְאִסְתַּכְּלָא בְּאָת קַיָּמָא דִּילֵיהּ", עֶס אִיז אָסוּר פַארְן מֶענְטְשׁ צוּ קוּקְן אוֹיפְן אוֹת הַבְּרִית; זָאלְסְטוּ צוּגֶעוואוֹינֶען דַיינֶע קִינְדֶער פוּן קְלֵיינְוַוייז אָן זֵיי זָאלְן זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין.

**וואוֹיל** אִיז דֶעם וָואס הִיט זַיינֶע קִינְדֶער פוּן יוּנְגְוַוייז אָן, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער צַדִּיקִים.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתיג

### אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין חֲתֻנָּה גֶעהַאט בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אָבֶּער אִיךְ לִיג טִיף אִין דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ בִּין צוּגֶעבִּינְדְן צוּם אִינְטֶערְנֶעט, דָארְט טְרֶעף אִיךְ זִיךְ מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אִיךְ הָאבּ שַׁיְיכוּת מִיט פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן; אִיז דָא עֶפֶּעס אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן דֶעם? הָאט אִיר עֶפֶּעס עֵצוֹת אוּן חִזּוּק אִין דֶעם עִנְיָן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

# אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וֵויי** אוּן בִּיטֶער אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט שַׁיְיכוּת מִיט פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן, דוּ הָאסְט חֲתֻנָּה גֶעהַאט אוּן דוּ בַּאהַאלְסְט זִיךְ מִיט עֲבֵירוֹת; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה כו, ה): "עַל הַכֹּל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַאֲרִיךְ אַפּוֹ", אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט וַוארְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, "חוּץ מִן הַזְּנוּת", אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ נִאוּף רַחְמָנָא לִצְלָן - דָארְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט מַאֲרִיךְ אַף, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשְׁטְרָאפְט דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט אַ בִּיטֶערְן עוֹנֶשׁ.

**זָאלְסְט** נִישְׁט מֵיינֶען אַז מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט עֲבֵירוֹת וְכוּ'; מֶען קֶען גֵיין מִיט פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן וְכוּ' רַחְמָנָא לִצְלָן - אוּן דָאס וֶועט בְּלַייבְּן אַ סוֹד, וַוייל דֶער פָּסוּק זָאגְט (אִיּוֹב כד, טו): "וְעֵין נֹאֵף שָׁמְרָה נֶשֶׁף לֵאמֹר לֹא תְשׁוּרֵנִי עָיִן", דִי בַּעֲלֵי עֲבֵירוֹת טְרַאכְטְן בַּיי זִיךְ: 'מִיר וֶועלְן וַוארְטְן עֶס זָאל וֶוערְן נַאכְט - דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר טוּן עֲבֵירוֹת; מִיר וֶועלְן גֵיין אִין בַּאהַאלְטֶענֶע פְלֶעצֶער - אַז קֵיינֶער זָאל אוּנְז נִישְׁט זֶען', אַזוֹי מֵיינְט מֶען, זָאגְן אוֹיף דֶעם דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בַּמִּדְבָּר רַבָּה ט, א): "הַנּוֹאֵף אוֹמֵר אֵין בְּרִיָּה יוֹדַעַת בִּי, לְפִי שֶׁכָּל מַעֲשָׂיו אֵינָן אֶלָּא בַּחֹשֶׁךְ", אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט טַאקֶע אַז עֶר

קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? "וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְפַרְסְמָן בָּעוֹלָם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַּארְשֶׁעמְט אִים פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

מֵיין נִישְׁט אַז מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ, נְאֻם ה'" (יִרְמְיָה כג, כד), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: ווִי קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ בַּאהַאלְטְן פוּן מִיר? "הֲלוֹא אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ אֲנִי מָלֵא, נְאֻם ה'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אִיבֶּערָאל!

הַאק אָפּ אַלֶע קְשָׁרִים וָואס דוּ הָאסְט מִיט עֲבֵירוֹת; אֲפִלּוּ זֵיי שְׁרַייבְּן דִיר אוּן רוּפְן דִיךְ אָן - זָאלְסְטוּ זֵיי נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן. טוּישׁ דַיין נוּמֶער אוּן פַארְמַאךְ אַלֶע דַיינֶע סָאוֹשְׁל מִידִיעֶ אַקַאוּנְטְס, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן מֶער צוּטוּן מִיטְן שָׂטָן.

אַז דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר מוֹחֵל זַיין, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט וַוייטֶער הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט פְרֶעמְדֶע וְכוּ' הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ - וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְלִירְן. דוּ וֶועסְט פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן בַּיי אַלֶע דַיינֶע חֲבֵרִים, דַיין מִשְׁפָּחָה וֶועט נִישְׁט וֶועלְן הָאבְּן מִיט דִיר, אָפְּגֶערֶעדְט דַיין וַוייבּ וֶועט גְלַייךְ וֶועלְן אַ גֶט, אוּן דִי קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט וֶועלְן קוּקְן אוֹיף דִיר, דוּ וֶועסְט זִיךְ אַרוּמְדְרֵייעְן פַארְוָואגְלְט דַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

הָאבּ שֵׂכֶל פַאר דוּ וֶועסְט חֲרָטָה הָאבְּן אוּן עֶס וֶועט זַיין אַבִּיסְל שְׁפֶּעט.

# תתיד

## מֶעג מֶען זיךְ שֵׁיין מַאכְן בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

איךְ וויל פְרֶעגְן אוֹיבּ אַ פְרוֹי מֶעג זיךְ שֵׁיין מַאכְן אוּן זיךְ שְׁמִירְן דָאס פָּנִים עֶרֶב שַׁבָּת אוּן אַזוֹי צִינְדְן דִי שַׁבָּת לִיכְט? אָדֶער אִיז עֶס אַ בִּזָּיוֹן פַאר דִי שַׁבָּת לִיכְט אַז מֶען שְׁטֵייט אַזוֹי פַאר דִי לִיכְט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם זיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן לְכָבוֹד שַׁבָּת; אַדְּרַבָּה, עֶס אִיז אַ מִנְהָג בַּיי אַסַאךְ מְקוֹמוֹת זיךְ אָנְצוּטוּן סְפֶּעצִיעֶלֶע מַלְבּוּשִׁים בִּשְׁעַת מֶען צִינְדְט דִי לִיכְט, עֶס זֶענֶען דָא וָואס זֶענֶען מַקְפִּיד אָנְצוּטוּן אַ טִיכְל מִיט אַ שִׁירְצְל וֶוען מֶען גֵייט צִינְדְן דִי שַׁבָּת לִיכְט. מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט בְּשֵׁם דֶעם הֵיילִיגְן מִנְחַת אֶלְעָזָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַ רֶמֶז אוֹיף דֶעם, "נֵר" (לִיכְט) אִיז בְּגִמַטְרִיָּא "צָעִיף" (בַּאטְרֶעפְט אַזוֹי וִוי טִיכְל), אוּן צָעִי"ף אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּבוֹת: עַ'מְּךָ יִ'שְׂרָאֵל צְ'רִיכִים פַּ'רְנָסָה,

אִידִישֶׁע קִינְדֶער דַארְפְן פַּרְנָסָה; אִיז דָא וָואס בִּשְׁעַת מֶען צִינְדְט דִי שַׁבָּת לִיכְט טוּעֶן זֵיי זִיךְ אָן אַ טִיכְל כְּדֵי מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין פַּרְנָסָה פַאר דִי גַאנְצֶע וָואךְ (עַיֵּן דִבְרֵי תוֹרָה חֵלֶק ו', סִימָן סח).

**נָאךְ** בְּרֶענְגְט מוֹהֲרָא"ש אַז בִּשְׁעַת הַדְלָקַת הַנֵרוֹת אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען פּוֹעֵל'ן קִינְדֶער; אִיז דָא וָואס טוּעֶן אָן אַ שִׁירְצְל (סִינָר) וָואס קוּמְט מְרַמֵז זַיין וָואס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נו, ג): "וְאַל יֹאמַר הַסָּרִים, הֵן אֲנִי עֵץ יָבֵשׁ", אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט זָאגְן: "אִיךְ בִּין אַ טְרוּקֶענֶער בּוֹים וָואס קֶען נִישְׁט בְּרֶענְגֶען קַיין קִינְדֶער", דֶערְפַאר טוּט מֶען זִיךְ אָן דִי שִׁירְצְל (סִינָר) וָואס אִיז דִי סוֹפֵי תֵּבוֹת: "וְאַל יֹאמַ'ר הַסָּרִי'ם הֵ'ן אֲנִ'י עֵץ יָבֵשׁ", צוּ וַוייזְן אַז אֲפִילוּ דִי דָאקְטוֹירִים זָאגְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער, אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ווִי יֵאוּשׁ; בִּשְׁעַת לִיכְט צִינְדְן קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן קִינְדֶער.

וֶוען מֶען צִינְדְט דִי שַׁבָּת לִיכְט אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע צַייט; עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִיקִים אַז בִּשְׁעַת דִי לִיכְט בְּרֶענֶען קֶען דֶער שָׂטָן נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין אוּן דִי מַזִּיקִים הָאבְּן נִישְׁט קַיין שְׁלִיטָה. (עַיֵּן בַּעַל הַטוּרִים פַּרְשַׁת תְּרוּמָה עַל הַפָּסוּק "וְעָשִׂיתָ מְנֹרַת זָהָב טָהוֹר", שְׁמוֹת כה, לא): "בְּמָקוֹם נֵר אֵין שָׂטָן וְאֵין מַזִּיק, וּבִזְכוּת נֵר מִצְוָה וְתוֹרָה אוֹר סוֹתֵם פִּיו שֶׁל שָׂטָן מִלְהַסְטִין"; עֶס אִיז אַן עֵת רָצוֹן צוּ פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת בִּכְלַל, בִּפְרַט קֶען מֶען דֶעמָאלְט פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת פַאר קִינְדֶער.

וֶוען פְרוֹיעֶן וָואלְטְן וֶוען גֶעוואוּסְט ווִי חָשׁוּב זֵייעֶרֶע תְּפִלּוֹת זֶענֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּפְרַט דִי תְּפִלּוֹת וָואס מֶען

בֶּעט וֶוען מֶען צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט - וָואלְטְן זֵיי מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זִיךְ, פַארְן מַאן אוּן בְּעִקָר פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן. עֶס אִיז נִישְׁט קַיין בִּזָיוֹן פַאר דִי לִיכְט אַז מֶען מַאכְט זִיךְ שֵׁיין לְכָבוֹד שַׁבָּת.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין וַוייבּ אוּן טֶעכְטֶער, אַז וֶוען זֵיי צִינְדְן אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְן זֵיי בֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַזוֹי וִוי אִיךְ צִינְד אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט אוּן אִיךְ מַאךְ לִיכְטִיג דָא אִין שְׁטוּב, זָאלְסְטוּ לִיכְטִיג מַאכְן פַאר אַלֶע אִידְן, זָאלְסְט אַרַיין שַׁיינֶען אִין אַלֶע אִידְן דִי לִיכְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן"; אַזוֹי דַארְפְן אַלֶע פְרוֹיעֶן בֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, טַאטֶע זִיסֶער! גֶעבּ מִיר אַ שֵׁיינֶע שַׁבָּת, אַ שֵׁיינֶע לֶעבְן, אַ לֶעבְן מִיט שָׁלוֹם, אַ לֶעבְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט; אִיךְ זָאל זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט מַיין מַאן אוּן אִיךְ זָאל אִים שֶׁעצְן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶער אוֹיס מַיין גֶעבֶּעט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִיךְ דִינֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַזוֹי וִוי אִיךְ מַאךְ לִיכְטִיג דִי שְׁטוּב, אִיךְ צִינְד יֶעצְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט, מַאךְ אוּנְז לִיכְטִיג אוּנְזֶער לֶעבְן אוּן מַאךְ לִיכְטִיג פַאר אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אַלֶע זָאלְן וִויסְן פוּן דִיר, אַלֶע זָאלְן וִויסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אֵייעֶרֶע וֶועגְן.

# תתטו

## וָואס טוּ אִיךְ אַז קֵיינֶער טְרָאגְט נִישְׁט אָן קַיין שִׁדּוּכִים?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אָבֶער אִיךְ לֶערְן בַּיי אַייךְ אִין יְשִׁיבָה; אִיךְ לֶערְן אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, אוּן אִיךְ פְּרוּבִיר זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. אִיךְ הָאבּ גֶעקוֹיפְט דֶעם נַייעֶם סֵפֶר "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" אוּן וֶוען אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ צֶעבְּרָאכְן עֶפְן אִיךְ דֶעם סֵפֶר, אִיךְ זָאג דִי וֶוערְטֶער אוּן בַּאקוּם דָארְט אַסַאךְ חִזּוּק.

אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ סֵדֶר הַיּוֹם וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן טָאג טֶעגְלִיךְ. אִיךְ בִּין שׁוֹין קָרוֹב צוּ דִי צְוָואנְצִיג יָאר, אָבֶער אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ וִוי אַ יוּנְגֶער בָּחוּר, קֵיינֶער טְרָאגְט נִישְׁט אָן קַיין שִׁדּוּכִים אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם. אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַסַאךְ אוֹיף אַ שִׁדּוּךְ, אָבֶער דֶערְוַוייל זֶעט נִישְׁט אוֹיס אַז עֶפֶּעס זָאל אָנְקוּמֶען.

אוֹיךְ טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא דָא קַיין חֲבוּרַת הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ, אַז בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט זָאלְן זִיךְ קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין אִינְאֵיינֶעם; אַזוֹיפִיל בָּחוּרִים וַוארְטְן אוֹיף דֶעם, זִיךְ צוּ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי דִּבּוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ד' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר מַיין טֵייעֶרעֶר לִיבֶּער בְּרוּדֶער, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כּחוֹת; זַיי נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם וָואס מֶען טְרָאגְט דִיר נִישְׁט אָן קַיין שִׁדוּכִים, עֶס זֶעט דִיר אוֹיס ווִי דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן אַלֵיין חַס וְשָׁלוֹם; גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס אִיז דָא פַאר דִיר אַ שִׁדוּךְ.

**אִיךְ** ווֵייס אַז עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג פַאר דִיר, עֶס זָאגְט זִיךְ גְרִינְג: "שְׁטַארְק זִיךְ", אָבֶּער ווִי אַזוֹי שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ וֶוען מֶען אִיז צֶעבְּרָאכְן אוֹיף שִׁבְרֵי שְׁבָרִים, מֶען שְׁפִּירְט ווִי 'קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט מִיר נִישְׁט'? ווַייל קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי צַעַר וָואס אַ בָּחוּר גֵייט אַרִיבֶּער. עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא צַעַר אוֹיף דִי וֶועלְט ווִי דִי צַעַר פוּן אַ בָּחוּר, ווַייל מֶען הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, דָאס מַאכְט נָאכְדֶעם זֵייעֶר בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן ווִיפִיל מֶען ווִיל אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דֶעם - הַאלְט מֶען אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן; דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כּחוֹת. נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט, דִי עֵצָה פוּן "הִתְבּוֹדְדוּת". זוּךְ דִיר אוֹיף אַ פְּלַאץ ווָאוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זָאג פַארְן בַּאשֶׁעפֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם טַאטֶע זִיסֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שׁוֹין טְרֶעפְן מַיין שִׁדוּךְ; עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער

צוּ זַיין אַ בָּחוּר אֵיינֶער אַלֵיין. דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין מִיר אוּן וַוארְפְט מִיךְ אַרָאפּ יֶעדְן טָאג נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, עֶר וַוארְפְט מִיךְ אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, אִיךְ וִויל נִישְׁט טוּן דִי אַלֶע עֲבֵירוֹת אָבֶער אִיךְ בִּין אַזוֹי וִוי אַ גֶעבִּינְדֶענֶער מֶענְטְשׁ אָן קַיין בְּחִירָה.

**טַאטֶע** זִיסֶער, טַאטֶע גֶעטְרֵייעֶר! הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שׁוֹין טְרֶעפְן מַיין שִׁדּוּךְ אוּן אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתֻנָּה צוּ הָאבְּן אוּן לֶעבְּן בִּקְדֻשָּׁה, בִּזְכוּת אַלֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִיר".

**בַּאפּ** זִיךְ אַרִיבֶּער קַיין יַבְנְאֵל צוּם צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַבְטָחָה (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת ה): "אִיךְ זָאג צוּ אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁדּוּךְ אוּן זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא אוֹיף מַיין קֶבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען, אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁדּוּךְ. אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג".

מֶען זֶעט אָפֶענֶע נִיסִים אוּן יְשׁוּעוֹת בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ; בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ קוּמֶען צוּ פָארְן אַהִין פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים אוּן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁדּוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין זִוּוּג.

# תתטז

## וִוי אַזוֹי מַאכְט מֶען אַז אַלֶע קִינְדֶער אִין קְלַאס זָאלְן זִיךְ שְׁפִּירְן אֵיינִיג?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ שֵׁיינֶע פָּאר יָאר אַ מְלַמֵּד פַאר עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער, אָבֶער זַייט אִיךְ הֶער דִי שִׁעוּרִים - הָאט זִיךְ אַלֶעס גֶעטוּישְׁט. מֶען קֶען נִישְׁט גֶענוּג מַסְבִּיר זַיין וִוי אַנְדֶערְשׁ עֶס אִיז וֶוען מֶען לֶערְנְט מִיט קִינְדֶער מִיט דִי הַקְדָּמוֹת אִין חִנּוּךְ וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א לֶערְנְט אוּנְז; אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין קְלַאס אֵיידֶער אִיךְ הֶער אוֹיס אַ שִׁעוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן אַ גֶעשְׁמַאקֶע לוּפְט אִין קְלַאס, אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ שְׁפִּירְן אֵיינִיג. לֵיידֶער אִיז דָא הַיינְט אַזַא זַאךְ אַז מֶען טֵיילְט אַיין דִי קִינְדֶער וֶוער עֶס אִיז פוּן דִי בֶּעסֶערֶע, וֶוער עֶס אִיז פוּן דִי שְׁוַואכֶערֶע אוּן וֶוער אִיז נָאךְ שְׁוַואכֶער. אִיךְ וִויל דָאס זַייעֶר נִישְׁט טוּן, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה אִיז דָאךְ דָא קִינְדֶער וָואס אִיךְ דַארְף זֵיי זָאגְן אַז אִיךְ בִּין צוּפְרִידְן בְּלוֹיז וֶוען זֵיי קֶענֶען דִי גְּמָרָא, אוּן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער דַארְפְן קֶענֶען אוֹיךְ דִי תּוֹסְפוֹת וְכַדוֹמֶה; וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זָאלְן אַלֶע קִינְדֶער זִיךְ שְׁפִּירְן אֵיינִיג?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, הַשֵּׁם כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וואוּיל** אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד דַּרְדְּקֵי; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָאַרְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט אוֹיבְן אִין הִימְל פוּן מְלַמְּדִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:) אוֹיפְן פָּסוּק (דָּנִיאֵל יב, ג): "'וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד', אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִינוֹקוֹת", אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער - אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס וָואס בַּאלַייכְטְן אוּן בַּאשַׁיינֶען דִי וֶועלְט.

**מוֹהֲרַ"אשׁ** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז דָאס זֵייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר, אַז פִּינְקְט ווִי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס פוּן דִי וֶועלְט - אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן וִויפִיל זְכוּתִים אַ מְלַמֵּד הָאט. וַוייל אַ מְלַמֵּד פְלַאנְצְט אַיין אִין דִי קִינְדֶער תּוֹרָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף אוּן טוּעֶן גוּטֶע זַאכְן - גֵייט אַלֶעס אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּנֶעם מְלַמֵּד.

**דֶער** עִקָּר זָאלְסְטוּ אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם; דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, דָאס וֶועט אוֹיפְפְלַאמֶען זֵייעֶר הַארְץ זֵיי זָאלְן וֶועלְן אוֹיסְוַואקְסְן צַדִּיקִים. עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דֶער סִפּוּר אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רֶבּ

זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵּד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער צִי עֶר לֶערְנְט מוּסָר מִיט זֵיי, הָאט דֶער מְלַמֵּד אִים גֶעזָאגְט: "יָא"; הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ מוּסָר סְפָרִים לֶערְנְסְטוּ מִיט זֵיי?" זָאגְט עֶר: "חוֹבַת הַלְּבָבוֹת", הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב גֶעזָאגְט: "נִישְׁט דָאס מֵיין אִיךְ מוּסָר, אִיךְ פְרֶעג צִי דוּ לֶערְנְסְט 'מוּסָר', צִי דוּ פַארְצֵיילְסְט זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ"; וַוייל מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים פֵייעֶרְט אוֹיף דָאס הַארְץ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**אוֹיף** דַיין פְרַאגֶע ווִי אַזוֹי מֶען מַאכְט דִי קִינְדֶער זָאלְן שְׁפִּירְן אֵיינִיג; דָאס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מְלַמֵּד. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן לד): "כִּי יֵשׁ בְּכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל דָּבָר יָקָר מַה שֶּׁאֵין בַּחֲבֵרוֹ, כְּמַעֲשֶׂה דְּאַבַּיֵי וְאַבָּא אֻמָּנָא, שֶׁהֵשִׁיבוּ לוֹ: 'לָא מָצִית לְמֶעֱבַד כְּעֻבְדָּא דְּאַבָּא אֻמָּנָא'", יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ אַ נְקוּדָה וָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט, אֵיינֶער צֵייכְנְט זִיךְ אוֹיס אִין לֶערְנֶען, אַ צְוֵוייטֶער צֵייכְנְט זִיךְ אוֹיס אִין גוּטֶע מִדּוֹת, אַ דְרִיטֶער הָאט אַ שְׁטַארְקֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן דֶער פֶערְטֶער הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ יִרְאַת שָׁמַיִם. אוּן דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם מְלַמֵּד אִיז, אַרוֹיס צוּ בְּרֶענְגֶען דָאס גוּטְס פוּן יֶעדְן תַּלְמִיד; אֲפִלּוּ דֶער קִינְד וָואס פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט גְּמָרָא רַשִׁ"י וְתוֹסְפוֹת, דַארְף מֶען אוֹיסְרִימֶען מִיט זַיין נְקוּדָה. וֶוען מֶען זֶעט אַ גוּטֶע נְקוּדָה בַּיי דֶעם קִינְד מַאכְט מֶען פוּן דֶעם אַן עֵסֶק, מֶען בּוֹיט אִים אוֹיף דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען בְּרֶענְגְט

אַרוֹיס דָאס גְרוֹיסְקֵייט און חֲשִׁיבוּת פוּן זַיין גוּטֶע זַאךְ וָואס עֶר פַארְמָאגְט.

**אַז** דוּ וֶועסְט קוּקְן גוּט אוֹיף אַלֶע קִינְדֶער, דוּ וֶועסְט זוּכְן אִין זֵיי גוּטֶע זַאכְן - וֶועלְן זֵיי אַלֶע זַיין פְרֵיילִיךְ, זֵיי וֶועלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתיז

### מֶעג אַ פְּרוּי זִיךְ שֵׁיין אַהֶערְשְׁטֶעלְן פַארְן מַאן אִינְדֶערְהֵיים?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ נִסְיוֹנוֹת, מַיין וַוייבּ אִיז נִישְׁט אַזוֹי שֵׁיין, און אִיךְ בֶּעט אִיר אַלְץ אַז וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים זָאל זִי זִיךְ שֵׁיין אַהֶערְשְׁטֶעלְן פַאר מִיר. אִיךְ וֵויים נִישְׁט אוֹיבּ דָאס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אָבֶּער אִיךְ מֵיין אַז דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין נִסְיוֹנוֹת אוֹיפְן גַאס; וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע און אוֹיסְגֶעהַאלְטֶענֶע וֶועג אִין דֶעם עִנְיָן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, הַשֵּׁם כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**בֶּעט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט אִין שְׁטוּבּ צְווִישְׁן דִיר אוּן דַיין וַוייבּ - וֶועט זִיךְ אַלֶעס טוּישְׁן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין וַוייבּ זָאל הָאבְּן חֵן אִין דַיינֶע אוֹיגְן - וֶועט זִי בַּאקוּמֶען חֵן אִין דַיינֶע אוֹיגְן.

**אוֹיף** אַלֶעס דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי וַוייבּ זָאל זַיין שֵׁיין. אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפִינֶען, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כג:) דֶער הֵיילִיגֶער אֲמוֹרָא רֶבִּי מָנִי הָאט זִיךְ בַּאקְלָאגְט פַאר רֶבִּי יִצְחָק בֶּן אֶלְיָשִׁיב: "לָא מִיקַבְּלֵי עֲלַי אִינְשֵׁי בֵיתִי", אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ מַיין וַוייבּ, זִי אִיז נִישְׁט שֵׁיין פַאר מִיר, הָאט רֶבִּי יִצְחָק מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען פַאר אִיר זִי זָאל שֵׁיין וֶוערְן אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁען אַ נֵס אַז זִי אִיז שֵׁיין גֶעוָוארְן. נָאכְדֶעם אִיז עֶר גֶעקוּמֶען וֵוייְנֶען צוּ רֶבִּי יִצְחָק אוּן גֶעזָאגְט: "קָא מִגַּנְדְּרָא עֲלַי", פוּן וֶוען זִי אִיז שֵׁיין גֶעוָוארְן גְרוֹיסְט זִי זִיךְ אוֹיף מִיר, זִי אִיז מְזַלְזֵל אִין מִיר, הָאט רֶבִּי יִצְחָק גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אַוֶועק גֵיין דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אִיר, זִי זָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אִיר מַאן אוּן זִי אִיז צוּרִיק גֶעוָוארְן ווִי פְרִיעֶר; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין

לִיבְּשַׁאפְט אִין שְׁטוּבּ צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, אוּן מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי וַוייבּ זָאל הָאבְּן חֵן, וַוייל מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס בַּאקוּמֶען.

**אַ** פְרוֹי מֶעג זִיךְ שֵׁיין מַאכְן פַארְן מַאן; נִישְׁט נָאר זִי מֶעג, נָאר עֶס אִיז אַ מִצְוָה פַאר אִיר, וַוייל מִיט דֶעם הִיט זִי אָפּ אִיר מַאן פוּן עֲבֵירוֹת. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כג:) דִי חֲכָמִים הָאבְּן גֶעזֶעהן וִוי דִי וַוייבּ פוּן אַבָּא חִלְקִיָּה - אַן אֵיינִיקְל פוּן חוֹנִי הַמְּעַגֵּל - גֵייט אָנְגֶעטוּן מִיט שֵׁיינֶע צִירוּנְגֶען אוֹיפְן גַאס, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס גֵייט דַיין וַוייבּ אָנְגֶעטוּן מִיט צִירוּנְגֶען אוֹיפְן גַאס?" הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "כְּדֵי שֶׁלֹּא אֶתֵּן עֵינַי בְּאִשָּׁה אַחֶרֶת", זִי הִיט מִיךְ אָפּ אִיךְ זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע פְרוֹיעֶן, זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַ פְרוֹי דַארְף זִיךְ שֵׁיין מַאכְן פַארְן מַאן.

**גֶעבּ** אַכְטוּנְג צוּ רֶעדְן שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ; רֶעד צוּ אִיר מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ - וֶועט זִי טוּן דַיין ווִילְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתיח

## זָאל אִיךְ וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט שַׁדְכָנוּת?

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ חֲתֻנָּה גֶעהַאט נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פַּרְנָסָה, הָאבּ אִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין אַ שַׁדְכָן. אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעטְרָאגְן צְווֵיי שִׁדּוּכִים וָואס בֵּיידֶע זֶענֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעוָוארְן, אָבֶּער בַּיי אֵיין שִׁדּוּךְ הָאבְּן בֵּיידֶע צְדָדִים בִּכְלַל נִישְׁט בַּאצָאלְט, אוּן בַּיים צְווֵייטְן שִׁדּוּךְ הָאט נָאר אֵיין זַייט גֶעצָאלְט פִינְף הוּנְדֶערְט דָאלֶער, דֶער מְחוּתָּן הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר וֶועט הָאבְּן - וֶועט עֶר גֶעבְּן מֶער.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע עַגְמַת נֶפֶשׁ דֶערְפוּן, וַוייל אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט פַאר בֵּיידֶע שִׁדּוּכִים אוּן אִיךְ וֵויס נִישְׁט צִי אִיךְ זָאל וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין אַזוֹי?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**ווָאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט,** זַיין אַ שַׁדְכָן; דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן פד) עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט אִין הִימְל וָואס וֶועט זַיין זַיין פַּרְנָסָה,

הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ וֶועסְט זַיין אַ שַׁדְכָן"; מוֹהֲרַ"אשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט: "פַארְוָואס הָאט דָאס דֶער רֶבִּי אוּנְז דֶערְצֵיילְט? וַוייל דֶער רֶבִּי ווִיל אַז מִיר זָאלְן אִים נָאכְמַאכְן מִיט אַלֶע זַיינֶע זַאכְן; מִיר זָאלְן נָאר עוֹסֵק זַיין אִין אוֹיפְשְׁטֶעלְן אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן".

**מוֹהֲרַ"אשׁ** הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן עוֹסֵק גֶעוֶועוְ אִין מַאכְן שִׁדּוּכִים; מוֹהֲרַ"אשׁ שְׁרַייבְּט אִין זַיין צַוָּאָה (אות יז): "בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ אַ חֵלֶק אִין אִיבֶּער צְווֵיי טוֹיזְנְט קָאפְּלְס וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ אוּן זֵיי חֲתֻנָּה מַאכְן, אוּן ווִי לַאנְג אִיךְ לֶעבּ בֶּעט אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ אוּן מַאכְן נָאךְ שִׁדּוּכִים פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ אוּן מִיט דֶעם זֵיי רַאטֶעוֶועוְ פוּן עֲבֵירוֹת"; מִיר דַארְפְן נָאכְגֵיין דִי וֶועגְן פוּן מוֹהֲרַ"אשׁ צוּ טוּן פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, מַאכְן שִׁדּוּכִים.

**אַז** דוּ וֶועסְט מַאכְן שִׁדּוּכִים פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט אִינְזִין הָאבְּן גֶעלְט - וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט אִינְזִין הָאבְּן גֶעלְט וְכוּ' - וֶועסְטוּ הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, בִּיז דוּ וֶועסְט דָאס אָפְּלָאזְן. מוֹהֲרַ"אשׁ שְׁרַייבְּט מִיר אִין אַ בְּרִיוו בַּיים עֶפֶענֶען דִי מֵיידְל סְקוּל "בֵּית פֵיגָא", עֶס אִיז מְקוּבָּל פוּן צַדִּיקִים, וֶוען מֶען טוּט אַ זַאךְ מִיטְן כַּוָּנָה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן - דֶעמָאלְט אִיז מֶען מַצְלִיחַ, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען הָאט אִינְזִין כָּבוֹד אָדֶער גֶעלְט - הָאט דָאס נִישְׁט

קַיין קִיוּם, דָא הָאסְטוּ דֶעם לָשׁוֹן פוּנֶעם בְּרִיוו (אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ד׳, מִכְתָּב שסח):

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רֶבּ זי״ע, בַּעַל ״דִבְרֵי יוֹאֵל״, הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זַיין מֵיידְל שׁוּלֶע ׳בֵּית רָחֵל׳ מִיט צְוַויי תַּלְמִידוֹת, אוּן עֶס אִיז צוּאוַואקְסְן גֶעוָואהְרְן אַ גַאנְצֶע אִימְפֶּערְיֶע, קָרוֹב צוּ צֶען טוֹיזְנְט מֵיידְלֶעך כֵּן יִרְבּוּ, דָאס אִיז מְקוּבָּל פוּן צַדִיקִים אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוּן מִיט אֱמֶת, הָאט הַצְלָחָה, אָבֶּער אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט אִינְזִינֶען זִיךְ וְכוּ׳, יֵשׁוּת וְכוּ׳, פִּרְסוּם וְכוּ׳, אִיז צוּם סוֹף פַאלְט דָאס אַוֶועק אוּן סְ׳וֶוערְט בָּטֵל וּמְבוּטָל כְּעַפְרָא דְאַרְעָא, אִיבֶּערְדֶעם וַוייל קַיין שׁוּם מוֹסָד ווִיל נִישְׁט אַריינְנֶעמֶען אוּנְזֶערֶע טֶעכְטֶער, וַוייל זֵייעֶרֶע זִין לֶערְנֶען אִין אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה, זֶע אִיךְ נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה, נָאר אוֹיפְמַאכְן אַ מֵיידְל שׁוּלֶע, מֶען דַארְף אָנְהוֹיבְּן מִיט קְלֵיינֶעם, נִישְׁט מִיט קַיין גְרוֹיסְן סְטֶעפּ, וֶועט מֶען הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

**אִיךְ** בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֶען מְבַטֵל זַיין אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זָאלְסְט גוּט גֶעדֶענְקֶען, כָּל זְמַן מֶען הָאט זִיךְ אִינְזִינֶען וְכוּ׳ וֶוערְט לֶעבֶּער פוּן אַלֶע זַייטְן וְכוּ׳, אוּן עֶס רִינֶען אַרוֹיס דִי הַשְׁפָּעוֹת וְכוּ׳, אוּן מֶען וֶוערְט פַארְפְּלָאנְטֶערְט אִין אַלֶע עֶרְלֵיי פַארְפְּלָאנְטֶערְנִישְׁן, אָבֶּער וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר אִיז זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר ווִיל גָארְנִישְׁט נָאר טוּן דֶעם רָצוֹן פוּן

בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶער הָאט נִישְׁט קַיין מוֹרָא פוּן קַיין מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דָאס קֶען זַיין דִי כַּוָּנָה וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה (בְּרֵאשִׁית ו׳, ט׳) ׳אֶת הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ׳, נֹחַ אִיז גֶעגַאנְגֶען נָאר מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם הָאט עֶר נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט.

*

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## תתיט

### ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיכֶער מַאכְן אַז מַיין גֶעלְט זָאל מִיר נִישְׁט פַארְלוֹירְן גֵיין?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיךְ אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער אִין אַ בִּיזְנֶעס, אוּן אִיךְ בַּאקוּם שֵׁיין בַּאצָאלְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה זֶע אִיךְ נִישְׁט דָאס גֶעלְט, אִיךְ פִּיל ווִי עֶס רִינְט מִיר אַרוֹיס פוּן צְווִישְׁן דִי פִינְגֶער, סוֹף וָואךְ בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער פוּן דִי גֶעלְט, אוּן אִיךְ הָאבּ נָאךְ חוֹבוֹת אוֹיךְ. לוֹיטְן חֶשְׁבּוֹן וָואלְט אִיךְ גֶעדַארְפְט הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מוֹהֲרָא״ש** הָאט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג מַזְהִיר גֶעוֶוען מִיר זָאלְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן פוּן אִינֶעוֵוייְנִיג. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט אַז בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אִין אַ סִדּוּר - אִיז מְסֻגָּל פַאר עֲשִׁירוּת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי י, כב): ״בִּרְכַּת ה׳ הִיא תַעֲשִׁיר וְלֹא יוֹסִף עֶצֶב עִמָּהּ״, אַז מֶען בֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן בְּשִׂמְחָה - אִיז דָאס מְסֻגָּל פַאר עֲשִׁירוּת; זָאלְסְטוּ מַקְפִּיד זַיין פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער צוּ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן נָאר פוּן אַ בֶּענְטְשֶׁער.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן ״נְטִילַת יָדַיִם״; וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ זִיךְ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער, וֶוען דוּ גֵייסְט אִין בֵּית הַכִּסֵּא זָאלְסְטוּ אָפְּגִיסְן דִי הֶענְט אוּן אוֹיךְ פַארְן עֶסְן זָאלְסְטוּ זִיךְ אָפְּגִיסְן דִי הֶענְט אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה אִיז; דָאס אִיז מְסֻגָּל אוֹיף עֲשִׁירוּת. דִי רָאשֵׁי תֵּבוֹת פוּן ״עַ׳ל נְ׳טִילַת יְ׳דַיִם״״, אִיז עָ׳נִ׳י׳, וַוייל וֶוער עֶס אִיז מְזַלְזֵל אִין נְטִילַת יָדַיִם וֶוערְט פַארְאָרֶעמְט (עַיֵּן סֵפֶר אַבוּדְרְהָם הַשַּׁעַר הַשְּׁלִישִׁי, בִּרְכַּת הַמִּצְווֹת וּמִשְׁפְּטֵיהֶם).

**מִיר** גֶעפִינֶען, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת סב:): ״אָמַר רַב חִסְדָּא״, רַב חִסְדָּא הָאט גֶעזָאגְט, ״אֲנָא מִשַּׁאי

מְלֹא חָפְנֵי מַיָא, וְיַהֲבֵי לִי מְלֹא חָפְנֵי טִיבוּתָא", אִיז גִים זִיךְ אָפּ נְטִילַת יָדַיִם מִיט אַ פוּלֶע טֶעפְּל, גֶעבְּט מִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַסַאךְ גֶעלְט; רַב חִסְדָא אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר רַייךְ בִּזְכוּת דֶעם וָואס עֶר הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן נְטִילַת יָדַיִם.

**פַּארְשְׁטֵייט** זִיךְ אַז דֶער עִקָר אִיז תְּפִלָּה; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה" - וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סט): "עִקָּר הָעֲשִׁירוּת בָּאָה בִּזְכוּת הָאִשָּׁה", דֶער עִקָּר עֲשִׁירוּת קוּמְט בִּזְכוּת וָואס מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ; אַז דוּ וֶועסְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן דַיין וַוייבּ אוּן דוּ וֶועסְט אִיר מְכַבֵּד זַיין - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶוַח.

**אַז** דוּ וֶועסְט בֶּענְטְשְׁן אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער, דוּ וֶועסְט מַקְפִּיד זַיין אוֹיף נְטִילַת יָדַיִם, דוּ וֶועסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוּן דוּ וֶועסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גְרוֹיסֶע עֲשִׁירוּת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# תתכ

## ווי אַזוֹי אִיז מֶען מְחַנֵּךְ קִינְדֶער?

## שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הֶער אַסַאךְ דִי שִׁעוּרִים, און צוּבִּיסְלִיךְ טוּישׁ אִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ זַאכְן אִין מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ הֶער אַסַאךְ פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועגְן חִנּוּךְ, אַז מֶען דַארְף מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, אָבֶּער אִיךְ וֵוייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי עֶס צוּ טוּן.

דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען הָאט מִיךְ מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען - אִיז זִיכֶער נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט, אָדֶער הָאבּ אִיךְ גֶעקֶענְט טוּן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט, און וֶוען אִיךְ הָאבּ יָא בַּאקוּמֶען מוּסָר - אִיז עֶס גֶעוֶוען אוֹיף אַ וֶועג וָואס הָאט מִיךְ זֵייעֶר דֶערְוַוייטֶערְט פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן.

אִיךְ ווִיל יָא הָאבְּן אַ נָאנְטֶע קֶשֶׁר מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זַיין שְׁטְרֶענְג און זָאגְן מוּסָר פַּאר דִי קִינְדֶער און צוּ דִי זֶעלְבֶּע צַייט זַיין נָאנְט מִיט זֵיי, נָאכְדֶערְצוּ וֶוען זֵיי זֶענֶען יוּנְג?

אִיךְ וָואלְט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר עֶנְטְפֶערְן, און אוֹיךְ אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר שְׁרַייבְּן אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט"ו כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נט): "מְסֻגָּל יוֹתֵר לַבָּנִים לִהְיוֹת רָחוֹק מֵהֶם, לִבְלִי לִהְיוֹת דָּבוּק בָּהֶם לְשַׁעֲשֵׁעַ בָּהֶם בְּכָל פַּעַם, רַק לִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עֲלֵיהֶם כְּלָל", עֶס אִיז גֶעזוּנְטֶער פַאר קִינְדֶער וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ זֵיי צוּ שְׁטַארְק, נָאר מֶען לָאזְט זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן אַלֵיין; מוֹהֲרָא"שׁ גֶעבְּט אוּנְז צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי שִׂיחָה, וַוייל וִוי מֶער מֶען אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ קִינְדֶער, מֶען צֶערְטְלְט זֵיי אוּן מֶען שְׁפִּילְט מִיט זֵיי וִוי אַ חַבֵר, קוּקְן זֵיי אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן וִוי אוֹיף אַ חַבֵר, נָאכְדֶעם וֶוען מֶען זָאגְט זֵיי וָואס צוּ טוּן וְכוּ' - פָאלְגְן זֵיי נִישְׁט דִי עֶלְטֶערְן, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט רֶעדְן; בִּיז דִי עֶלְטֶערְן פַארְלִירְן זִיךְ אוּן שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער. אָבֶער וֶוען דִי עֶלְטֶערְן לָאזְן זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן אַלֵיין, זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי קִינְדֶער וִוי חֲבֵרִים - דֶעמָאלְט קֶענֶען זֵיי מִיט אַ שְׁטְרֶענְגֶע קוּק מִיט דִי אוֹיגְן - אַלֶעס מְסַדֵּר זַיין, מֶען דַארְף נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוּן חַס וְשָׁלוֹם שְׁלָאגְן; אַזוֹי וַואקְסְן זֵיי אוֹיף גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

**גֶעבּ** נִישְׁט פַאר דַיינֶע קִינְדֶער דֶעם גֶעפִיל אַז דוּ בִּיסְט זֵייעֶר חַבֵר - וֶועסְטוּ זֵיי נִישְׁט דַארְפְן מוּסַר'ן אוֹיף אַן אוֹפְן

צו וֶוערְן דֶערְוַוייטֶערְט פוּן זֵיי, זֵיי וֶועלְן דִיךְ לִיבּ הָאבְּן אוּן פָאלְגְן וָואס דוּ זָאגְסְט זֵיי.

בְּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַלֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, זָאג דִי קוּרְצֶע תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג, וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען מְגַדֵל זַיין מַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט זֵיי, ווִי אַזוֹי מֶען אִיז מְחַנֵךְ קִינְדֶער.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל רֶעדְן שֵׁיין צוּ מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אִיךְ זָאל זֵיי נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען, אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּ זֵיי אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט צוּ דֶערְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן אוּן אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן וֶוען זֵיי פָאלְגְן נִישְׁט, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז: 'קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער', 'קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְט וֶוען זֵיי טוּעֶן נִישְׁט וָואס מֶען הֵייסְט זֵיי'. אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן וָואס חִנוּךְ מֵיינְט, אַז מֶען דַארְף נָאכְאַמָאל זָאגְן אוּן נָאכְאַמָאל זָאגְן בִּיז דִי וֶוערְטֶער גֵייעֶן אַרַיין אִין זֵיי; הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן אוּן גֶערֶעגְט אוֹיבּ זֵיי פָאלְגְן נִישְׁט.

אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער צוּ דִיר, אִיךְ גֶעבּ דִיר אִיבֶּער אַלֶע מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת, אַלֶע מַיינֶע דִבּוּרִים אוּן אַלֶע מַיינֶע מַעֲשִׂים פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג

און פון אַלֶע מַיינֶע טֶעג. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גוט-מוּטִיג, וַוייל וֶוען אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ - אִיז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב פְרֵיילִיךְ און אַז אִיךְ און מַיין וַוייבּ זֶענֶען פְרֵיילִיךְ - וֶועלְן דִי קִינְדֶער זַיין רוּאִיג און צוּפְרִידְן.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט און אִיךְ וִויל גָארְנִישְׁט - נָאר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לִיכְטִיג מַאכְן דִי וֶועלְט, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן נָאר טוּן דַיין ווִילְן״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתכא

## וָואס שְׁמוּעֶסְט מֶען בַּיים שַׁבָּת טִישׁ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

בַּיי אַ שִׁעוּר דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל רֶעדְן נַייעֶס בַּיים שַׁבָּת טִישׁ און אוֹיךְ מִלֵּי דִשְׁטוּתָא וְכַדוֹמֶה, נָאר מֶען זָאל זַיין שְׁטַארְק און גֶעדֶענְקֶען צוּרִיקְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם שְׁמוּעֶס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וָואס מֵיינְט עֶס און וִוי אַזוֹי טוּט מֶען דָאס?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט"ו כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן א): "כִּי אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי צָרִיךְ תָּמִיד לְהִסְתַּכֵּל בְּהַשֵּׂכֶל שֶׁל כָּל דָּבָר וּלְקַשֵּׁר עַצְמוֹ אֶל הַחָכְמָה וְהַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר", אִין יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען זֶעט - דַארְף מֶען אוֹיפְזוּכְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דֶעם, "כְּדֵי שֶׁיָּאִיר לוֹ הַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל יְדֵי אוֹתוֹ הַדָּבָר", וֶוען מֶען זֶעט עֶפֶּעס אַ זַאךְ דַארְף מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם אַ וֶועג צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אֲפִלּוּ מֶען הֶערְט אַ שְׁמוּעֶס, אַ נַייעֶס וְכַדּוֹמֶה, דַארְף מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם רְמָזִים וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נב): "מִכָּל הַדְּבָרִים צוֹעֵק כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כִּי מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, וַאֲפִלּוּ מִסִּפּוּרֵי הַגּוֹיִים צוֹעֵק גַּם כֵּן כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", פוּן יֶעדֶע זַאךְ זֶעט מֶען אַרוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִלּוּ פוּן דִי נַייעֶס פוּן דִי אֻמּוֹת הָעוֹלָם - הֶערְט מֶען אוֹיךְ אַרוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס הֵייסְט, יֶעדֶעס מָאל וֶוען מֶען הֶערְט אַ נַייעֶס - דַארְף מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם אַ וֶועג אִין לֶעבְּן.

**אַ** שַׁבָּת טִישׁ קוּמְט נִישְׁט צוּ דֶערְצֵיילְן נַייעֶס, אַ שַׁבָּת סְעוּדָה אִיז אַ צַייט וָואס דֶער טַאטֶע לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער

אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה, דָאס וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט בַּיים שִׁעוּר אַז מֶען זָאל דֶערְצֵיילְן נֵייעֶס בַּיים טִישׁ - דָאס אִיז נָאר אִין אַ פַאל וֶוען דִי קִינְדֶער וִוילְן נִישְׁט הֶערְן קַיין תּוֹרוֹת וְכוּ', דֶעמָאלְט זָאל מֶען זֵיי מְקָרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט חָכְמָה, דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן נֵייעֶס, אוּן אִין דִי שְׁמוּעֶס לֵייגְט מֶען אַרַיין אַ וָוארְט דָא אַ וָוארְט דָארְט, פוּן אֱמוּנָה וְכוּ'.

יֶעצְט אַז עֶס הָאט פַּאסִירְט אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּאסִירוּנְג, רוֹצְחִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען הַרְגֶ'עֶנֶען אִידְן, זֵיי הָאבְּן גֶע'הַרְגֶ'עֶט אַן אוּמְשׁוּלְדִיגֶער בָּחוּר מִיט אַן אוּמְשׁוּלְדִיגֶע מַאמֶע פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער[כו] ה' יִנְקֹם דָמָם, וואוּ מֶען גֵייט אוּן וואוּ מֶען שְׁטֵייט קָאכְט זִיךְ דִי נֵייעֶס, קֶען מֶען מִיט דִי נֵייעֶס מַאכְן אַ כֵּלִי אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען לֵייגְט אַרַיין אִינְמִיטְן פוּנֶעם שְׁמוּעֶס וָואס מוֹהֲרָ"אשׁ זָאגְט, אַז פַאר מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ זָאל מֶען לֵייגְן דִי הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן בֶּעטְן אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הִיט מִיךְ, בְּרֶענְג מִיךְ צוּרִיק אַהֵיים גֶעזוּנְטֶערְהֵייט", אוּן וֶוען מֶען קוּמְט אָן אַהֵיים - זָאל מֶען לֵייגְן דִי הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן זָאגְן: "יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין צוּרִיק אַהֵיים בְּשָׁלוֹם".

כו. דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח י"ב כִּסְלֵו, הָאט פַּאסִירְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע שִׁיסֶעַריי טֶערָאר-אַטַאקֶע אִין דְזשֶׁערְסִי סִיטִי, ווִי עֶס זֶענֶען לֵיידֶער אוּמְגֶעקוּמֶען:

הַבָּחוּר מֹשֶׁה צְבִי עָלָיו הַשָּׁלוֹם בֶּן להבחל"ח ר' אַבְרָהָם שָׁלוֹם אַהֲרֹן דַייטְשׁ הי"ו.

מָרַת לֵאָה מִינְדְל עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם בַּת להבחל"ח ר' בִּנְיָמִין צְבִי הי"ו.

מֶער אִיבֶּער דֶעם טְרַאגֶעדְיֶע וַוייטֶער אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תכה, תמא, תמב.

מֶען קֶען אַריינלֵייגְן אִינֶעם שְׁמוּעֶס אַז מִיר זֶענֶען אִין גָּלוּת, "עֵשָׂו שׂוֹנֵא לְיַעֲקֹב" (ספְרִי פָּרָשַׁת בְּהַעֲלֹתְךָ, פִּסְקָא יא), דִי נִישְׁט אִידְן הָאבְּן אוּנְז פַּיינְט; מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אַיינֶרעדְן קַיין אֵיין רֶגַע אַז דִי גּוֹיִם זֶענֶען אוּנְזֶערֶע פְרַיינְד אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, מֶען דֶערְצֵיילְט דִי נִסִּים אוּן חֲסָדִים וָואס מֶען הָאט גֶעזֶען אִינֶעם צָרָה אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

**בְּנוֹגֵעַ** מִילְתָא דִשְׁטוּתָא; דֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵּן לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, נְפִילַת אַפַּיִם ד, ה): "עֶס הָאט אַ פָּנִים אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ נָאר אַז מֶען מַאכְט זִיךְ נַארִישׁ"; דָאס קֶען מֶען מְקַיֵּם זַיין אִין שְׁטוּב מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען מַאכְט זִיךְ פְרֵיילִיךְ מִיט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, מֶען טוּט אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט אַבִּי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתכב

## קֶענְט אִיר אוּנְז מְחַזֵּק זַיין אוֹיף הִלְכוֹת הַרְחָקוֹת?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִזּוּק אוּן דִי שֵׁיינֶע דְרָשׁוֹת, פַאר אַלֶע עֵצוֹת אִין לֶעבְּן, אִיךְ מִיט מַיין וַוייבּ זֶענֶען זִיךְ מוֹרָא'דִיג מְחַיֶּה דֶערְמִיט.

איך שֶׁעם זיך צוּ פְרֶעגְן, אָבֶער מִיר דַארְפְן הִתְחַזְקוּת זיך צוּ הַאלְטְן שְׁטַארְק מִיט דִי הִלְכוֹת הַרְחָקוֹת. מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן זיך הַאלְטְן שְׁטַארְק אִין בַּייְשְׁטֵיין דִי נִסְיוֹנוֹת, אָבֶער עֶס אִיז אוּנְז זֵייעֶר שְׁוֶוער.

מִיר ווילְן זַיין עֶרְלִיךְ, אוּן מִיר ווילְן הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אָבֶער מִיר דַארְפְן הִתְחַזְקוּת אוֹיף דֶעם.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ז כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרַט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיר** זֶענְט מְזַלְזֵל אִין דִי הֲלָכוֹת וַוייל אִיר וֵוייסְט נִישְׁט דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן נִישְׁט הִיטְן דִי הֲלָכוֹת אוּן דֶער עוֹנֶשׁ וָואס מֶען בַּאקוּמְט אוֹיבּ מֶען הִיט נִישְׁט הִלְכוֹת הַרְחָקוֹת.

**אֵלִיָּהוּ** הַנָּבִיא הָאט דֶערְצֵיילְט (שַׁבָּת יג.) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זֵייעֶר פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט אוּן עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן זֵייעֶר יוּנְג, זַיין וַוייבּ הָאט דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוּמְלוֹיפְן צוּ אַלֶע שׁוּלְן אוּן יְשִׁיבוֹת אוּן גֶעפְרֶעגְט: ווִי אַזוֹי קֶען זַיין אַז מַיין מַאן אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן יוּנְג, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין דִי תּוֹרָה (דְּבָרִים ל, כ): ״כִּי הוּא חַיֶּיךָ וְאֹרֶךְ יָמֶיךָ״, וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה וֶועט לַאנְג

לֶעבְּן, מַיין מַאן הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ תּוֹרָה - חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת און גְּמָרָא, פַארְוָואס אִיז עֶר נִפְטָר גֶעוָוארְן אַזוֹי יוּנג?! און קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס אִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן, אֵיינְמָאל - דֶערְצֵיילְט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא - בִּין אִיךְ אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דִי פְרוֹי און זִי הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעפְרֶעגְט: "אִיר הָאט גֶעהַאלְטְן טָהֳרַת הַמִשְׁפָּחָה?" הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַוַדַאי הָאבְּן מִיר גֶעהַאלְטְן טָהֳרַת הַמִשְׁפָּחָה", הָאט אִיר אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אויסְגֶעפְרֶעגְט פִּינְקְטְלִיךְ צִי זִי הָאט גֶעהִיטְן אויף אַלֶע הִלְכוֹת הַרְחָקוֹת, בִּיז זִי הָאט מוֹדֶה גֶעוֶוען אַז אִיר מַאן הָאט נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אויף הַרְחָקוֹת; הָאט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיר גֶעזָאגְט: "בָּרוּךְ הַמָּקוֹם שֶׁהֲרָגוֹ", גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶר הָאט אִים גֶע'הַרְגְ'עֶט, וַוייל אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (וַיִּקְרָא יח, יט): "וְאֶל אִשָּׁה בְּנִדַּת טֻמְאָתָהּ לֹא תִקְרַב"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אויבּ מֶען הִיט נִישְׁט דִי הַרְחָקוֹת בַּאקוּמְט מֶען אַן עוֹנֶשׁ אַז מֶען שְׁטַארְבְּט יוּנְגֶערְהֵייט.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁעוּר צוּ אִיבֶּערְ'חַזֶר'ן דִי הִלְכוֹת הַרְחָקוֹת; מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט כְּסֵדֶר מְעוֹרֵר זַיין דִי אִינְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען הִלְכוֹת טָהֳרָה אָן אַ שִׁעוּר מָאל, הֱיוֹת דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי אוּרִי מִסְטְרֶעלִיסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶע'חַזֶר'ט הִלְכוֹת טָהֳרָה אִיבֶּער טוֹיזְנְט מָאל; פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְן: "אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק, וָואס אִיז גֶעוֶוען מֻבְדָּל וּמוּפְרָשׁ פוּן דִי וֶועלְט, ווי מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן 'דֶער שָׂרָף פוּן סְטְרֶעלִיסְק' הָאט אִיבֶּערְ'גֶע'חַזֶר'ט טוֹיזְנְט מָאל הִלְכוֹת טָהֳרָה - וָואס זָאלְן מִיר זָאגְן?"

**אַז** מֶען הִיט אָפּ דִי הֲלָכוֹת - הָאט מֶען נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, ווִידֶער אוֹיב מֶען שְׁפִּילְט זִיךְ אַרוּם מִיט דִי הֲלָכוֹת, מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין דֶעם - בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטְרָאף אַז דִי קִינְדֶער וֶוערְן גֶעבּוֹירְן נִישְׁט גֶעזוּנְט חַס וְשָׁלוֹם, מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ נָאכְדֶעם אַ גַאנְץ לֶעבְּן. זָאלְט אִיר פוּן יֶעצְט אָנְהוֹיבְּן הִיטְן דִי הֲלָכוֹת, מְדַקְדֵק זַיין אוֹיף יֶעדֶע סְעִיף אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹיף יֶעדֶע הַרְחָקָה, וֶועט אִיר נִצּוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתכג

### בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה דַארְף מֶען לֵיינֶען אַלֶע דְרֵיי פַּרְשִׁיוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה דַארְף מֶען לֵיינֶען אַלֶע דְרֵיי פַּרְשִׁיוֹת, אָדֶער אִיז גֶענוּג דִי עֶרְשְׁטֶע פַּרְשָׁה? אִיךְ זֶע אַז עֶס אִיז דָא סִדּוּרִים וָואס לֵייגְן אַלֶע דְרֵיי אוּן בַּיי אַנְדֶערֶע סִדּוּרִים אִיז דָא נָאר דִי עֶרְשְׁטֶע, ווִיל אִיךְ ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ח כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

איך הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל הָאֲרִיזַ״ל; די דְרֵיי פַּרְשִׁיּוֹת פוּן קְרִיאַת שְׁמַע אוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶועְן. רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, הֲלָכָה ב) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע בַּיינַאכְט פַּאר עֶר גֵייט שְׁלָאפְן אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה - ״אֵינוֹ זָז מִשָּׁם עַד שֶׁמּוֹחֲלִין לוֹ״, אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת; אִיז זִיכֶער זָאלְסְטוּ לֵיינֶען אַלֶע דְרֵיי פַּרְשִׁיּוֹת.

**דֶער** יֵצֶר הָרָע פַּארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר מֶען זָאל מְזַלְזֵל זַיין אִין קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה - וַוייל דָאס הַרְגֶ׳עט אִים. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.): ״כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ, מַזִּיקִין בְּדֵילִין הֵימֶנּוּ״, דֶער וָואס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַּאר עֶר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן - גֵייעֶן אַלֶע מַזִּיקִים אַוֶועק פוּן אִים; דֶער יֵצֶר הָרָע, דֶער מַלְאָךְ הַמַּזִּיק - וֶוערְט אוֹיס דוּרְךְ קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, עֶר הָאט מוֹרָא פוּן דֶעם. נָאךְ זָאגְן זֵיי (שָׁם): ״כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ כְּאִלּוּ אוֹחֵז חֶרֶב שֶׁל שְׁתֵּי פִּיּוֹת בְּיָדוֹ״, וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר׳ן גֵיין שְׁלָאפְן - אִיז אַזוֹי ווִי עֶר הַאלְט אַ מֶעסֶער וָואס אִיז שַׁארְף פוּן בֵּיידֶע זַייטְן, אוּן אַזוֹי הַרְגֶ׳עט עֶר אוֹיס אַלֶע מַזִּיקִים.

**נָאךְ** זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרָכוֹת ח:) רָבָא הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער: "אַל תֵּשְׁבוּ עַל מִטַּת אֲרַמִּית", אִיר זָאלְט נִישְׁט שְׁלָאפְן אִין אַ גוֹי'אִישֶׁע בֶּעט, זָאגְט דִי גְּמָרָא עֶטְלִיכֶע פְּשָׁטִים וָואס דָאס מֵיינְט, דֶער עֶרְשְׁטֶער פְּשַׁט אִיז: "לֹא תִגְנוּ בְּלֹא קְרִיאַת שְׁמַע", עֶר הָאט זֵיי אָנְגֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן אָן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי חָשׁוּב עֶס אִיז וֶוען מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתכד

**אוֹיף וָואס זֶענֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מַקְפִּיד בַּיים קוֹיפְן נֵייעֶ תְּפִלִּין?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁעוּרִים, אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ גֵיין אוּן צוּ לֶעבְּן מִיט דִי חִזּוּק אוּן עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיף וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן מַקְפִּיד גֶעוֶוען בַּיים קוֹיפְן נֵייעֶ תְּפִלִּין, אוֹיף וֶועלְכֶע הִדּוּרִים הָאט מֶען מַקְפִּיד גֶעוֶוען בַּיי דִי בָּתִּים אוּן פַּרְשִׁיּוֹת?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יום ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ח כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** עִקָּר דַארְף מֶען נֶעמֶען תְּפִלִּין וּמְזוּזוֹת פוּן אַן עֶרְלִיכְן סוֹפֵר, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט תְּפִלִּין וָואס קוּמְט פוּן אַן עֶרְלִיכֶער סוֹפֵר. דֶעם רֶבִּינְ׳ס תְּפִלִּין אִיז גֶעקוּמֶען פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִּיק רֶבִּי אֶפְרָיִם סוֹפֵר זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן הָאבְּן אַזַא תְּפִלִּין (עַיֵּן סֵפֶר פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תתמט).

**וְוִי** אַזוֹי קֶען מֶען וויסְן אוֹיף אַ סוֹפֵר צִי עֶר הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם? מֶען אִיז בּוֹדֵק זַיין רֶעדְן, מֶען הֶערְט וְוִי אַזוֹי עֶר רֶעדְט; אוֹיבּ עֶר רֶעדְט וֵוייניג אוּן אֵיידְל - אִיז גוּט אוּן אַז נִישְׁט - דַארְף מֶען זִיךְ הִיטְן פוּן זַיינֶע פַּרְשִׁיּוֹת. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט אַז דָאס אִיז מְרוּמָז אִינֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים מה, ב): ״לְשׁוֹנִי, עֵט סוֹפֵר מָהִיר״, אַז מֶען הִיט דֶעם צִינְג - דֶעמָאלְט אִיז מֶען אַ סוֹפֵר מָהִיר, אַ גוּטֶער סוֹפֵר.

**לֵיידֶער** בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים זֶענֶען דָא סוֹפְרִים קַלִּים וְרֵיקִים, אִינְדְרוֹיסְן זֶעעֶן זֵיי אוֹיס וְוִי חֲסִידִי׳שֶׁע אִינְגֶעלַייט אָבֶּער אִינֶעוֵוייניג זֶענֶען זֵיי פַארְדָארְבְּן. אִיךְ הָאבּ דָאס לֵיידֶער גֶעזֶען מִיט מַיינֶע אוֹיגְן. בִּשְׁעַת אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעלֶערְנְט סוֹפְרוּת פְלֶעג אִיךְ זִיךְ דְרֵייעֶן צְווִישְׁן סוֹפְרִים, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען וְוִי

אַזוֹי סוֹפְרִים שְׁרַייבְּן. עֶס הָאט מִיר דֶעמָאלְט אָנְגֶעכַאפְּט אַ פַּחַד און אַ צִיטֶער; דֶער הֶערְט רַאדִיאָ, אַ צְוֵוייטֶער הַאלְט אִינְמִיטְן שְׁרַייבְּן אַ סֵפֶר תּוֹרָה און רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה, אַנְדֶערֶע זִיצְן און מַאכְן לֵיצָנוּת וְכוּ' וְכוּ'. מַמָּשׁ וָואס דֶער מָשִׁיחַ שֶׁקֶר שַׁ"ץ יִמַּח שְׁמוֹ הָאט גֶעטוּן, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט זַיינֶע סוֹפְרִים וָואס בִּשְׁעַתְ'ן שְׁרַייבְּן הָאבְּן זֵיי גֶעטְרַאכְט וָואס זֵיי הָאבְּן נֶעבֶּעךְ גֶעטְרַאכְט, און אַזוֹי הָאבְּן זֵיי אַוֶועק גֶעפִירְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן טְרֶעפְן עֶרְלִיכֶע סוֹפְרִים יִרְאֵי שָׁמַיִם.

## תתכה

### ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְחַזֵּק נָאךְ דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע שִׂיסֶעְרַיי אִין דְזְשֶׁערְסִי סִיטִי?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אֶפְשַׁר קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן אַבִּיסְל חִזּוּק וֶוערְטֶער נָאךְ דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע שִׂיסֶערַיי און טְרַאגֶעדְיֶע וָואס הָאט פַּאסִירְט לֶעצְטְנְס אִין דְזְשֶׁערְסִי סִיטִי?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ה כִּסְלֵיו, א' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**שְׁלֹמֹה** הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ט, יב): "כִּי גַּם לֹא יֵדַע הָאָדָם אֶת עִתּוֹ כַּדָּגִים שֶׁנֶּאֱחָזִים בִּמְצוֹדָה רָעָה, וְכַצִּפֳּרִים הָאֲחֻזוֹת בַּפָּח כָּהֵם יוּקָשִׁים בְּנֵי הָאָדָם לְעֵת רָעָה כְּשֶׁתִּפּוֹל עֲלֵיהֶם פִּתְאֹם", דַרְשְׁ'עֶנְעֶן אוֹיף דֶעם דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (סַנְהֶדְרִין פא:): "מַאי מְצוֹדָה רָעָה, אָמַר רֵישׁ לָקִישׁ, 'חַכָּה'", רַשִׁ"י גֶעבְּט צוּ פַארְשְׁטֵיין, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע נֶעץ, נָאר אַ שְׁוַואכֶע קְלֵיינְטְשִׁיגֶע הֶעקֶעלֶע וָואס דִי פִּישׁ קֶענֶען נִישְׁט בַּאמֶערְקְן, אַזוֹי כַאפְּט עֶס אַרַיין אִין זִיךְ פְּלוּצְלוּנְג גְרוֹיסֶע פִּישְׁן. אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען מִיר צוּגֶעגְלִיכְן צוּ פִּישׁ, מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט וִוי אִינְמִיטְן וַואסֶער, אוּן אַזוֹי וִוי אִין וַואסֶער קוּמֶען פִּישׁ כַאפֶּערְס אוּן פַאנְגֶען פִּישׁ - יֶעדֶע מָאל וֶוערְט פַארְכַאפְּט נָאךְ אוּן נָאךְ פִּישׁ, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוערְן יֶעדְן טָאג פְּלוּצְלוּנְג אַוֶועק גֶענוּמֶען מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער וֶועלְט; קֵיינֶער נֶעמְט נִישְׁט אַרוֹיס דֶערְפוּן אַ מוּסָר הַשְׂכֵּל אַרַיין צוּ טְרַאכְטְן: 'עֶס קֶען דָאךְ צוּ מִיר פַּאסִירְן דָאס זֶעלְבֶּע', מֶען פָּאפְּט זִיךְ אַלֵיין אָפּ מִיטְן טְרַאכְטְן: 'דָאס פַּאסִירְט נָאר מִיט אַנְדֶערֶע, אָבֶּער אִיךְ וֶועל קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁטַארְבְּן'.

וֶוען עֶס פַּאסִירְט אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶע - דַארְף דָאס גֶעבְּן אַ קִיצְל דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען דַארְף זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען:

'וָואס וֶועל אִיךְ מִיטְנֶעמֶען מִיט מִיר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט?' פוּן אַלֶע זַאכְן וָואס מֶען לוֹיפְט נָאךְ - בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער, נָאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה, דָאס נֶעמְט מֶען מִיט זִיךְ. מוֹהֲרַ"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזְרְ'ן וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק טו): "לְפִי שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת, הֵם הַמְלַוִּים אוֹתוֹ עַד שֶׁיַּגִּיעַ לְבֵית עוֹלָמוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר שְׁמוּעֶסְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס בַּאגְלֵייט אִים צוּ זַיין אֵייבִּיגֶער רוּ.

וֶוען מֶען הֶערְט אַזֶעלְכֶע שׁוֹידֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת - דַארְף דָאס גֶעבְּן אַ שְׁטֶעל אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען דַארְף זִיךְ פְרֶעגְן: 'וָואס וֶועל אִיךְ מִיטְנֶעמֶען מִיט מִיר?' חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ו, ט): "לְפִי שֶׁבִּשְׁעַת פְּטִירָתוֹ שֶׁל אָדָם, אֵין מְלַוִּין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶּסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת, אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבָד", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט - בְּלַייבְּט דִי גַאנְצֶע גֶעלְט אוּן זִילְבֶּערְנֶע כֵּלִים וְכוּ' וְכוּ' אִין שְׁטוּבּ אוּן מֶען נֶעמְט גָארְנִישְׁט מִיט, נָאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה.

**ווֹאוּיל** אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט מִיט דֶעם מַחְשָׁבָה, עֶר חַזֶר'ט זִיךְ יֶעדְן טָאג: 'אֵיין טָאג וֶועל אִיךְ אִיבֶּערְלָאזְן דִי וֶועלְט, עֶס וֶועט פוּן מִיר גָארְנִישְׁט אִיבֶּערבְּלַייבְּן נָאר דָאס בִּיסְל תּוֹרָה וָואס אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג; נָאר דִי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן דַפִּים גְּמָרָא וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג - דָאס וֶועט מִיךְ בַּאגְלֵייטְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט'.

**אַ** לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

# תתכו

## זָאל אִיךְ מַאכְן לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מוּז זִיךְ קֹדֶם בַּאדַאנְקֶען פַּארְן מִיר גֶעבְּן לֶעבְּן, זַייט אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי שִׁיעוּרִים בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ. אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶע'חָלוֹמְ'ט אַז דִי תּוֹרָה הָאט עֶפֶּעס מִיט מִיר; אִיךְ אַרְבֶּעט שְׁוֶוער אַ גַאנְצְן טָאג, אָבֶּער יֶעצְט בִּין אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַסַאךְ תּוֹרָה. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז דִי תּוֹרָה בַּאלַאנְגְט פַּאר מִיר, פּוּנְקְט וִוי פַּארְן רָב פוּן שְׁטָאט.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאלְטְן וֶועגְן מַאכְן "לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס"; אִיז עֶס אַן אִיבְּרִיגֶע זַאךְ, אָדֶער אֶפְשָׁר גָאר אַ חִסָּרוֹן אִין אֱמוּנָה?

אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעמַאכְט אַפָּאר יָאר צוּרִיק, דַארְף אִיךְ עֶס מְבַטֵּל זַיין?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ו כִּסְלֵיו, ב' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דִי בֶּעסְטֶע אִינְשׁוּרֶענְס אִיז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה! חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִדּוּשִׁין פב.) דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי נְהוֹרַאי**

זָאגְט: "מַנִּיחַ אֲנִי כָּל אֻמָּנוּת שֶׁבָּעוֹלָם וְאֵינִי מְלַמֵּד אֶת בְּנִי אֶלָּא תּוֹרָה", אִיךְ לֶערְן מִיט מַיינֶע קִינְדֶער תּוֹרָה, אִיךְ לֶערְן זֵיי נִישְׁט אוֹיס קַיין אַנְדֶערֶע אַרְבֶּעט, "כְּשֶׁאָדָם בָּא לִידֵי חֹלִי אוֹ לִידֵי זִקְנָה אוֹ לִידֵי יִסּוּרִין וְאֵינוֹ יָכוֹל לַעֲסוֹק בִּמְלַאכְתּוֹ, הֲרֵי הוּא מֵת בְּרָעָב", ווייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט קְרַאנְק, אָדֶער וֶוען מֶען וֶוערְט אַלְט, אָדֶער וֶוען מֶען הָאט שְׁוֶוערֶע יִסּוּרִים אוּן מֶען קֶען נִישְׁט אַרְבֶּעטְן - שְׁטַארְבְּט מֶען פוּן הוּנְגֶער, "אֲבָל הַתּוֹרָה אֵינָהּ כֵּן", אָבֶער וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה - אִיז נִישְׁט אַזוֹי, "אֶלָּא מְשַׁמַּרְתּוֹ מִכָּל רָע בְּנַעֲרוּתוֹ", דִי תּוֹרָה הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, "וְנוֹתֶנֶת לוֹ אַחֲרִית וְתִקְוָה בְּזִקְנוּתוֹ", אוּן עֶס גֶעבְּט כֹּחַ אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן.

גֶעבּ אַכְטוּנְג פוּן דִי אַלֶע וָואס ווילְן אַרוֹיסְנֶעמֶען גֶעלְט פוּן דִיר מִיט זֵייעֶרֶע זִיסֶע רֵייד וְכוּ' וְכוּ', לָאז זִיךְ נִישְׁט פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ וְכוּ'; לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס אִיז נִישְׁט קַיין חִסָּרוֹן אִין אֱמוּנָה, עֶס אִיז אַ חִסָּרוֹן אִין חָכְמָה; עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס אוּן עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט וְכוּ' וְכוּ', עֶנְדֶערְשׁ גְרֵייט זִיךְ אָן מִיט פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן דַפִּים גְּמָרָא - וֶועסְטוּ הָאבְּן פַאר דִיר אַ גוּט לֶעבְּן אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן וָואס אִיבֶּער צוּ לָאזְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ. אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, כו): "בְּיִרְאַת ה'", לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "מִבְטַח עֹז", אִיז אַ שְׁטַארְקֶע פַארְזִיכֶערוּנְג, "וּלְבָנָיו", אוּן פַאר זַיינֶע קִינְדֶער, "יִהְיֶה מַחְסֶה", וֶועט עֶר זַיין אַ בַּאשִׁיצוּנְג; דִי קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ פַארְזִיכֶערְן מִיט דִי זְכוּתִים פוּן טַאטְן.

**נֶעם** דִי אִינְשׁוּרֶענְס וָואס מֶען גֶעניסְט פוּן "מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין" - וֶועסְטוּ הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): "לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם", מֶען זָאל יֶעדֶע וָואךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין צְווֵיי מָאל דִי חוּמָשׁ אוּן אֵיין מָאל דֶעם תַּרְגּוּם, "שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו", ווייל וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה - וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים; דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע אִינְשׁוּרֶענְס פַאר אֲרִיכוּת יָמִים אוּן דָאס רַאטֶעוֶועט אַ מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

**אַ** לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

## תתכז

**ווִי אַזוֹי קְרִיךְ אִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיינֶע עֶקְלְדִיגֶע תַּאֲווֹת?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ שֶׁעם זִיךְ זֵייעֶר צוּ פְרֶעגְן מַיין שְׁאֵלָה, אָבֶּער אִיךְ ווֵייס אַז פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מֶען אַלֶעס פְרֶעגְן, וֶועל אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן בֶּעטְן אַן עֵצָה אוֹיף מַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטַארְקֶע תַּאֲוָה צוּ קוּקְן אוֹיף זִיסֶע יוּנְגֶע בָּחוּרִים אוּן קִינְדֶער, אִיךְ טוּ נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אָבֶּער אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אײַנְהַאלְטְן פוּן קוּקְן.

וֶוען אִיךְ גֵיי אִין מִקְוֶה קֶען אִיךְ זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, אִיךְ מוּז קוּקְן וואוּ מֶען טָאר נִישְׁט. אִיךְ רֶעד נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם אוּן אִיךְ טוּ

גָארְנִישְׁט, אָבֶער אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן פוּן קוּקְן. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה וֶוען עֶס אִיז לֵיידִיג, אוּן אִיךְ טְרַאכְט אַז 'אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ אוֹיפְהֶערְן צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה בִּכְלָל?'

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מִתְגַּבֵּר זַיין אוּן אִיךְ זָאג מִשְׁנַיוֹת, אָבֶער וָואס טוּ אִיךְ בִּיז דֶערְוַוייל?

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ ווִיסְן, וֶוען עֶס פַּאסִירְט אַ מִקְרֶה לַיְלָה רַחְמָנָא לִצְלָן אִינְמִיטְן דִי נַאכְט - דַארְף מֶען גְלַייךְ לוֹיפְן אִין מִקְוֶה, אָדֶער מֶען קֶען ווַארְטְן בִּיז אִינְדֶערְפְרִי?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ו כִּסְלֵיו, ב' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וָואס** מֵיינְסְטוּ צוּ זָאגְן: "אִיךְ טוּ נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת"? קוּקְן אִיז נִישְׁט קַיין עֲבֵירָה? טְרַאכְטְן פוּן נִאוּף אִיז נִישְׁט קַיין עֲבֵירָה?! חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא כט.): "הִרְהוּרֵי עֲבֵירָה קָשִׁים מֵעֲבֵירָה", טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת אִיז נָאךְ עֶרְגֶער פוּן טוּן עֲבֵירוֹת, ווַייל דֶער מֶענְטְשׁ בְּרֶענְגְט זִיךְ צוּ טוּן עֲבֵירוֹת; אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן קוּמְט מֶען צוּ טְרַאכְטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס - בִּיז מֶען פַאלְט אַרָאפּ אוּן מֶען ווֶערְט טָמֵא. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים זָאגְן (סוֹטָה ח.): "אֵין יֵצֶר הָרָע שׁוֹלֵט אֶלָּא בְּמַה שֶּׁעֵינָיו רוֹאוֹת", דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז מַצְלִיחַ אַרָאפּ

צוּ וַוארְפְן דֶעם מֶענְטְש נָאר אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן; אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן וַוארְפְּט עֶר אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְש אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִצְלָן.

**נָאךְ** זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (עַיֵּן בַּמִּדְבָּר רַבָּה י, ב; תַּנְחוּמָא שְׁלַח, טו): "עֵינָא וְלִבָּא תְּרֵי סַרְסוּרֵי דַּעֲבֵירָה", דִי אוֹיגְן אוּן דִי הַארְץ זֶענֶען דִי סֶעילְסְלַייט (מֶעקְלֶער) צוּ עֲבֵירוֹת, "עַיִן רוֹאֶה", עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַז מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת, "וְהַלֵּב חוֹמֵד", נָאכְדֶעם גְלוּסְט מֶען צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, "וּכְלֵי הַמַּעֲשֶׂה גוֹמְרִים", בִּיז מֶען פַאלְט אַרָאפּ, מֶען זִינְדִיגְט רַחְמָנָא לִצְלָן; דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי אוֹיגְן, נִישְׁט צוּ קוּקְן קַיין שׁוּם קוּק וָואס בְּרֶענְגְט צוּ טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת.

**אִיךְ** הָאבּ גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר אַז דוּ בִּיסְט נֶעבֶּעךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי מַחֲלָה פוּן קוּקְן וְכוּ'; דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְּבָרִים כח, לד): "וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה", זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם, מֶען זֶעט מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אַזוֹי מְשֻׁגָּע, מֶען זִיצְט שָׁעוֹת אִין מִקְוֶה קוּקְנְדִיג אוֹיף בָּחוּרִים, אוֹיךְ קֶען מֶען זֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ קְרַאנְק אִין קָאפּ, שְׁטֵייעֶן אוּן קוּקְן אוֹיף יוּנְגֶע בָּחוּרִים וְכוּ' וְכוּ', בִּיז מֶען פַאלְט אַרָאפּ אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת.

**נֶעם** דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; זוּךְ דִיר אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע

מַחְשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִיר, בֶּעט אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ וִויל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן אוּן נִישְׁט קוּקְן קַיין עֲבֵירוֹת, אָבֶער וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן? אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט, דִי תַּאֲוַת נִיאוּף פְּלַאקֶערְט אִין מִיר, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער רַאטֶעוֶוע מִיךְ, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶער אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן. אִיךְ זוּךְ צוּ קוּקְן אוֹיף (זָאג אַרוֹיס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דוּ קוּקְסְט) אוּן נָאכְדֶעם פַאל אִיךְ אַדוּרְךְ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלַן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, מַמָּשׁ דֶער לֶעבְּן אִיז מִיר נִמְאָס.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; יֶעדֶעס מָאל זָאג אִיךְ דִיר צוּ אַז אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט אוּן נָאכְדֶעם פַאל אִיךְ נָאכְאַמָאל אַרַיין אִין מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, אִיךְ בִּין אַזוֹי קְרַאנְק צוּ קוּקְן אוֹיף ... (זָאג אַרוֹיס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דוּ קוּקְסְט) אַז אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן; אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, לֵייג אַרַיין אִין מִיר אַ רוּחַ טָהֳרָה אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט קוּקְן קַיין שְׁלֶעכְטְס אוּן נִישְׁט טוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט אִים בֶּעטְן עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן אַלֶעס שְׁלֶעכְטְס.

**אוֹיף** דַיין פְרַאגֶע וֶועגְן מִקְוֶה וְכוּ'; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "דָאס עֶרְשְׁטֶע אִיז מִקְוֶה" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא); וֶוען מֶען

ווייל מְתַקֵּן זַיין וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּפְגַם הַבְּרִית - אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ 'מִקְוֶה', דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ גֵיין וִוי פְּרִיעֶר אִין מִקְוֶה וֶועסְטוּ אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דִיר אַלֶע שְׁלֶעכְטְס. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן כב): "עַל יְדֵי טְבִילַת מִקְוֶה נִתְבַּטֵּל הַצָּרוֹת, וִישׁוּעָה בָּאָה", אַז מֶען טוֹבְל'ט זִיךְ אִין מִקְוֶה אִיז מֶען מְבַטֵּל אַלֶע צָרוֹת אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אַ יְשׁוּעָה. נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן פא): "הַמִּקְוֶה מַמְתִּיק הַדִּין", אַז מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה נֶעמְט מֶען אַוֶועק אַלֶע דִינִים; גֵיי אִין מִקְוֶה וִוי פְּרִיעֶר גְלַייךְ וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע נִיסִים.

**אַ** לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

## תתכח

### פַארְוָואס וֶוער אִיךְ נִישְׁט גֶעהָאלְפְן אֲפִלּוּ נָאכְן בֶּעטְן?[כז]

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ דִי חִזּוּקִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, עֶס אִיז מִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק, אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ פָאלְגְן וָואס אִיךְ הֶער אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן עֶס מְקַיֵּם צוּ זַיין.

עֶס קוּמְט מִיר נִישְׁט אָן גְרִינְג, אָבֶּער אִיךְ שְׁטְרֶענְג זִיךְ אָן צוּ וֶוערְן מֶער עֶרְלִיךְ אוּן וואויל, עֶס טוּט מִיר אָבֶּער זֵייעֶר וֵויי אַז אַסַאךְ מָאל

כז. מֶער אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, פְּרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תתי.

בֶּעט איך דֶעם אײבֶּערשְׁטְן גֶעװיסֶע זַאכְן און איך זֶע נישְׁט אַז איך זָאל װֶערְן גֶעהָאלְפְן. בִּפְרַט װֶען עֶס קוּמְט צוּ פַּרְנָסָה, איך בֶּעט און איך בֶּעט אַזױ סַאך אױף דֶעם, און איך זֶע נישְׁט קַײן יְשׁוּעָה, איך מוּטְשֶׁע זיך זײעֶר שְׁטַארְק, און איך זֶע נישְׁט אַז דֶער אײבֶּערשְׁטֶער זָאל אָנְנֶעמֶען מַײנֶע תְּפִלּוֹת.

איך פַארְשְׁטֵיי אַז דָאס איז מַײן נִסָּיוֹן און איך טָאר זיך נישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, אָבֶער װי לַאנְג נָאך װֶעל איך דַארְפְן װַארְטְן?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ו כִּסְלֵיו, ב' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### איך הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַײן בְּרִיװ.

**אֱמֶת** דוּ מוּטְשֶׁעסְט זיך זײעֶר, דוּ אַרְבֶּעטְסְט בִּיטֶער שְׁװֶער צוּ קֶענֶען בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אָבֶער אַז דוּ װֶעסְט אַרַײנְטְרַאכְטְן און צוּרִיק קוּקְן דִי אַלֶע יָארְן, װֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְן לֶעבְן? װֶער הָאט דִיךְ מְפַרְנֵס גֶעװֶען בִּיז אַהֶער? װֶעסְטוּ זֶען אַז דֶער אײבֶּערשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס דַײנֶע תְּפִלּוֹת און גֶעבְּט דִיר לֶעבְּן.

**אַ** מֶענְטְשׁ מְשַׁלְ'ט זיך אוֹיס אַז דֶער אײבֶּערשְׁטֶער װֶעט אִים אוֹיסְהֶערְן און אִים גֶעבְן אַ פֶּעקְל גֶעלְט פוּן מִילְיָאן דָאלֶער, (בֶּאֱמֶת קֶען מֶען דָאס אוֹיךְ בַּאקוּמֶען דוּרְךְ תְּפִלָּה); מֶען שְׁטֵייט און מֶען װַארְט װֶען װֶעט אַרָאפְּפַאלְן אַ פֶּעקְל אִין

דִי סוּמֶע פוּן כַּךְ וְכַּךְ גֶעלְט אוּן מֶען וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז עֶס קוּמְט נִישְׁט אָן, אָבֶּער מֶען כַאפְּט נִישְׁט אוּן מֶען לֵייגְט נִישְׁט צוּ קָאפּ אַז לְמַעֲשֶׂה לֶעבְּט מֶען וַוייטֶער אוּן מֶען גֵייט אָן מִיטְן לֶעבְּן; מֶען הָאט עֶסְן יֶעדְן טָאג, דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער הָאבְּן עֶסְן, וֶוער גֶעבְּט דָאס אַלֶעס? וֶוער בְּרֶענְגְט דָאס אַלֶעס? דָאס קוּמְט אַלֶעס פוּן דִי תְּפִלּוֹת וָואס מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זָאג נִישְׁט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט נִישְׁט אוֹיס מַיינֶע תְּפִלּוֹת", זָאג נִישְׁט: "אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה"; קוּק אוֹיף צוּרִיק וֶועסְטוּ זֶען ווִי יֶעדֶע תְּפִלָּה וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֶערְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי עֶסְן אוּן דִי קְלֵיידֶער בִּיז אַהֶער הָאט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן.

**מוֹהֲרָא"ש** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזְרֶ'ן דֶעם וָוארְט פוּן הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (תּוֹרַת מֹשֶׁה, פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא) וָואס עֶר טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (שְׁמוֹת לג, כג): "וְרָאִיתָ אֶת אֲחֹרָי וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ", אַז אַ מֶענְטְשׁ ווִיל זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי אַזוֹי עֶר וֶועט אִים הֶעלְפְן - דָאס קֶען מֶען נִישְׁט זֶען, אָבֶּער אַז מֶען קוּקְט צוּרִיק זֶעט מֶען ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן. מִיט דֶעם טַייטְשְׁט עֶר: "וְרָאִיתָ אֶת אֲחֹרָי" - קוּק אוֹיף צוּרִיק, וֶועסְטוּ מִיךְ קֶענֶען זֶען, קוּק וָואס פַאר אַ חֲסָדִים אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן מִיט דִיר בִּיז יֶעצְט, וֶועסְטוּ מִיךְ זֶען; אָבֶּער "וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ" - 'וָואס וֶועט זַיין?' 'ווִי אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן דִי יְשׁוּעָה?' דָאס ווֵייסְט מֶען נִישְׁט

און מֶען קֶען דָאס נִישְׁט זֶען פוּן פָאְרְאוֹיס, מֶען דַארְף גְלֵייבְּן און וַוארְטְן, הָאפְן און בֶּעטְן.

זַיי מְכַבֵּד דַיין וַוייבּ און רֶעד צוּ אִיר שֵׁיין; זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִיר, און חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען און טְשֶׁעפֶּען - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֲשִׁירוּת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סט): "עִקַּר הָעֲשִׁירוּת עַל יְדֵי הָאִשָּׁה", דִי גַאנְצֶע פַּרְנָסָה קוּמְט בִּזְכוּת דִי פְרוֹי, אַז מֶען רֶעדְט שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זַיין רַייךְ; זוּךְ נִישְׁט צוּ זַיין גֶערֶעכְט, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס קְרִיגְן זִיךְ טָאג און נַאכְט, עֶנְדֶערְשׁ גֶעבּ נָאךְ ווִי אֵיידֶער זַיין גֶערֶעכְט.

אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

## תתכט

### פַארְוָואס הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעלִיטְן אַזוֹיפִיל צָרוֹת?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אַסַאךְ פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז אוֹיבּ מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן הָאט מֶען אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן. פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאבּ אִיךְ אָבֶּער גֶעלֵיינְט אַ בְּרִיוו[כח] וואו דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט אִיבֶּער דִי

כח. פְרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תתב.

צָרוֹת וָואס מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעלִיטְן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן, פַארְוָואס אַזַא אֵיינֶער ווי מוֹהֲרָא"ש - וָואס אִיז גֶעוֶוען אֵיין שְׁטִיק הִתְבּוֹדְדוּת, אֵיין שְׁטִיק הֲפָצָה אוּן אֵיין שְׁטִיק פוּן אַלֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן - הָאט גֶעהַאט אַ לֶעבְּן פוּן צָרוֹת?

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר דָאס אוֹיסְקְלָארְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ז' דְּחַנוּכָּה, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מִיר** זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַז צַדִּיקִים זָאלְן לַיידְן דוּרְכְאוֹיס זֵייעֶר לֶעבְּן אַלֶע שְׁוֶוערֶע יִסּוּרִים אוּן צָרוֹת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז דָאס מַסְבִּיר בַּאֲרִיכוּת (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת תְּפִלִּין הֲלָכָה ה', אוֹת כז-כח): "יֵשׁ צַדִּיקִים גְּדוֹלִים כָּל כַּךְ שֶׁאֵין צְרִיכִין סִיּוּעַ מִלְּעֵילָא וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִתְנַהֵג עִמָּהֶם בַּתְּחִלָּה בְּמִדַּת הַדִּין וְהֵם עוֹמְדִים בְּכָל הַנִּסְיוֹנוֹת וְסוֹבְלִים כָּל מִינֵי יִסּוּרִים וְצָרוֹת הַנִּמְשָׁכִין מִמִּדַּת הַדִּין", עֶס זֶענֶען דָא גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים וָואס לַיידְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, "וְנִשְׁאָרִים עַל עָמְדָם, עַד שֶׁזּוֹכִין לְמַה שֶּׁזּוֹכִין", אוּן דִי צַדִּיקִים דֶערְהַאלְטְן זִיךְ, זֵיי בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט זֵייעֶר וֶועג בִּיז זֵיי זֶענֶען זוֹכֶה

צוּ וָואס זֵיי זֶענֶען זוֹכֶה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים יא, ה): "ה' צַדִּיק יִבְחָן", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט אוֹיס דִי צַדִּיקִים.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה לב, ג): "הַיּוֹצֵר הַזֶּה אֵינוֹ בּוֹדֵק קַנְקַנִּים מְרוֹעָעִים", דֶער טֶעפֶּער וָואס מַאכְט טֶעפּ, וֶוען עֶר ווִיל בַּאקוּקְן דִי טֶעפּ אוֹיבּ עֶס אִיז גֶענוּג שְׁטַארְק, קְלַאפְּט עֶר נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁוַואכֶע טֶעפּ, "וּמָה הוּא בּוֹדֵק, בְּקַנְקַנִּים יָפִים", עֶר קְלַאפְּט אוֹיף דִי שְׁטַארְקֶע טֶעפּ, "שֶׁאֲפִלּוּ מַקִּישׁ עֲלֵיהֶם כַּמָּה פְּעָמִים אֵינָם נִשְׁבָּרִים", ווִיפִיל עֶר קְלַאפְּט אוֹיף זֵיי צֶעבְּרֶעכְן זֵיי זִיךְ נִישְׁט, "כָּךְ אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְנַסֶּה אֶלָּא אֶת הַצַּדִּיקִים", אַזוֹי טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט דִי צַדִּיקִים, עֶר קְלַאפְּט אוֹיף זֵיי צוּ זֶען אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן. דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי יוֹסִי זָאגְט: "הַפִּשְׁתָּנִי הַזֶּה, בְּשָׁעָה שֶׁהוּא יוֹדֵעַ שֶׁהַפִּשְׁתָּן שֶׁלּוֹ יָפֶה, כָּל שֶׁהוּא כּוֹתְשָׁהּ הִיא מִשְׁתַּבַּחַת, וְכָל זְמַן שֶׁהוּא מַקִּישׁ עָלֶיהָ הִיא מִשְׁתַּמֶּנֶת", וֶוען מֶען הָאט גוּטֶע פְלַאקְס דֶערמָאלְט קֶען מֶען דָאס גוּט אוֹיסְקְלַאפְּן, וַוייל ווִי מֶער מֶען קְלַאפְּט דָאס אוֹיס - ווֶערְן זֵיי בֶּעסֶער אוּן פֶעטֶער, "וּבְשָׁעָה שֶׁהוּא יוֹדֵעַ שֶׁהַפִּשְׁתָּן שֶׁלּוֹ רָעָה, אֵינוֹ מַסְפִּיק לָקוּשׁ עָלֶיהָ אַחַת עַד שֶׁהִיא פּוֹקַעַת", וֶוען מֶען הָאט שְׁוַואכֶע סְחוֹרָה קֶען מֶען נִישְׁט קְלַאפְּן אוֹיף זֵיי, וַוייל זֵיי ווֶערְן אִינְגַאנְצְן צֶעהַאקְט, "כָּךְ אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְנַסֶּה אֶלָּא אֶת הַצַּדִּיקִים", אַזוֹי טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט צַדִּיקִים, עֶר קְלַאפְּט אוֹיף זֵיי וַוייל עֶר ווֵייסְט אַז זֵיי וֶועלְן ווֶערְן מֶער נָאנְט צוּ אִים אוּן זֵיי וֶועלְן ווֶערְן מֶער בָּטֵל צוּ אִים. נָאךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער

רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר אַ מָשָׁל צוּ אַ בַּעַל הַבַּיִת וָואס הָאט צְוֵויי קוּעֶן, אַ שְׁוַואכֶע קוּ אוּן אַ שְׁטַארְקֶע קוּ, "עַל מִי הוּא נוֹתֵן אֶת הָעֹל, לֹא עַל זֹאת שֶׁכֹּחָהּ יָפֶה", אוֹיף וֶועלְכֶע קוּ לֵייגְט דֶער בַּעַל הַבַּיִת אַרוֹיף דִי יָאךְ? זִיכֶער אוֹיף דִי שְׁטַארְקֶע קוּ, "כָּךְ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְנַסֶּה אֶת הַצַּדִּיקִים", אַזוֹי מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר נֶעמְט דִי צַדִּיקִים אוּן זֵיי פְּרוּבִּירְט עֶר אוֹיס, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים יא, ה): "ה' צַדִּיק יִבְחָן".

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קע): "כָּל אֶחָד לְפִי נִשְׁמָתוֹ וּלְפִי עֲבוֹדָתוֹ כָּךְ יֵשׁ לוֹ יִסּוּרִים", יֶעדֶער אֵיינֶער לוֹיט וִוי גְרוֹיס עֶר אִיז אוּן לוֹיט זַיין עֲבוֹדַת ה' - גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער יִסּוּרִים, "יֵשׁ שֶׁיֵּשׁ לוֹ יִסּוּרִים מִבָּנָיו וּמֵאָבִיו וּמִשָּׁכֵן", עֶס זֶענֶען דָא וָואס לַיידְן פוּן דִי קִינְדֶער, פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוּן פוּן שְׁכֵנִים, "וְיֵשׁ שֶׁהוּא בְּמַדְרֵגָה גְּדוֹלָה מִמֶּנּוּ וְיֵשׁ לוֹ יִסּוּרִים מִשְּׁכֵנִים רְחוֹקִים", נָאכְדֶעם אִיז פַארְהַאן אֵיינֶער וָואס אִיז אִין אַ גְרֶעסֶערֶע מַדְרֵגָה, עֶר לַיידְט אוֹיךְ פוּן וַוייטֶע שְׁכֵנִים, "וְיֵשׁ גָּדוֹל מִמֶּנּוּ וְיֵשׁ לוֹ יִסּוּרִים מִכָּל הָעִיר", נָאכְדֶעם אִיז דָא אַ גְרֶעסֶערֶער צַדִּיק וָואס לַיידְט פוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט, "וְיֵשׁ גָּדוֹל מְאֹד וְיֵשׁ לוֹ יִסּוּרִים מִכָּל הָעוֹלָם", נָאכְדֶעם אִיז דָא גָאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק וָואס לַיידְט פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; דָאס אִיז גֶעוֶוען מִיט מוֹהֲרָא"שׁ, אַלֶע הָאבְּן גֶעשְׁפֶּעט פוּן אִים; מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקֶענְט אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען - הָאבְּן חוֹזֵק גֶעמַאכְט אוּן גֶערֶעדְט אוֹיף אִים.

**וָואס** מִיר דַארְפְן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן דִי צַדִיקִים אִיז, אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַּאלְן אוּן צֶעשָׂאסְן וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער; דֶער צַדִיק בְּלַייבְּט שְׁטֶענְדִיג שְׁטַארְק מִיט זַיין אֱמוּנָה. דַארְפְן מִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, מוֹהֲרָא"שׁ'ס שֵׁיינְקֵייט אִיז גֶעוֶוען אַז ווִי מֶער עֶר אִיז אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע יִסוּרִים הָאט עֶר אַלְץ מֶער בַּאלוֹיכְטְן דִי וֶועלְט מִיט זַיינֶע עֵצוֹת אוּן חִזוּקִים, עֶר הָאט לִיכְטִיג גֶעמַאכְט פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

**מִיר** הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָׂגָה וָואס אַ צַדִיק אִיז, מִיר זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין אַ צַדִיק וָואס אִיז אִינְגַאנְצְן בָּטֵל וּמְבוּטָל פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; מִיר דַארְפְן זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי עֵצוֹת אוּן חִזוּקִים וָואס דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים הָאבְּן אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אוּן גֵיין אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**אַ** לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה אוּן אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

# תתל

## דַארְף אִיךְ עֶפֶּעס טוּן וֶוען אִיךְ הֶער וִוי דֶער שָׁכֵן קְרִיגְט זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אֵיינֶער הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז זַיינֶע פְרִישֶׁע שְׁכֵנִים, אַ שָׁנָה רִאשׁוֹנָה פָּארְפָאלְק - הָאבְּן זִיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן אִין זַיין בִּנְיָן, אוּן יֶעדֶע נַאכְט הֶערְט מֶען אַרוֹיס קוֹלוֹת וּבְרָקִים פוּן דָארְט, מֶען הֶערְט זֶעצְן אוּן קְלַאפְּן, אוּן מֶען הֶערְט דִי פְרוֹי וֵויינֶען זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג וִוי אַ קְלֵיין קִינְד. פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעעֶן זֵיי אוֹיס וִוי אַ נָארְמַאלֶע פָּארְפָאלְק, אָבֶּער עֶס זֶעט אוֹיס אַז עֶס טוֹיג נִישְׁט דֶער מַצָּב דָארְט.

יֶענֶער אִיז דָאס גֶעגַאנְגֶען דֶערְצֵיילְן פַארְן דַיָּן פוּן דֶעם אִינְגֶערְמַאן, וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען רֶעדְן צוּם חָתָן מַדְרִיךְ פוּנֶעם אִינְגֶערְמַאן, אָבֶּער עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען אַז דֶער אִינְגֶערְמַאן זָאגְט אַז אַלֶעס אִיז פַיין.

דַארְף מֶען נָאךְ עֶפֶּעס טוּן דֶערְצוּ? אָדֶער זָאל מֶען עֶס לָאזְן לוֹיפְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ז' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַוַדַאי דַארְפְסְטוּ טוּן, וָואס אִיז בִּכְלָל דַיין שְׁאֵלָה?!**

**נֶעם** אַ זֶעקֶל סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן עֵצוֹת אוּן חִזּוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן גֵיי דֶערְמִיט אִין דִי הַייזֶער רַאטֶעוֶועןאִידִישֶׁע קִינְדֶער; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס הֶפָּצָה אִיז אוּן וָואס מֶען רַאטֶעוֶועט אַלְץ מִיט הֶפָּצָה, וְויפִיל אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער גֵייעֶן חָרוּב וְנֶחְרָב פוּן דֶעם וָואס אִינְגֶעלַייט הָאבְּן נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט אַ וַוייבּ, אוּן מִיט אַ קוּנְטְרֵס קֶען מֶען זֵיי פָּשׁוּט אָפְּרַאטֶעוֶוען.

**אַז** עֶס אִיז דִיר אוּנְטֶערְגֶעקוּמֶען צוּ הֶערְן פוּן דֶער נָאנְט וִוי אַזוֹי עֶס זֶעט אוֹיס שְׁטִילֶערְהֵייט אִין הַייזֶער צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ וְכוּ' - אִיז דָאס וַוייל פוּן הִימְל וְויל מֶען דוּ זָאלְסְט גֵיין הֶפָּצָה; דוּ זָאלְסְט גֵיין טֵיילְן סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן סִידִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער.

**מוֹהֲרָא"ש** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעשְׁרִיבְּן וואוּנְדֶערְלִיכֶע סְפָרִים אוֹיף שְׁלוֹם בַּיִת וָואס אִיז שׁוֹין דָא הַיינְט אוֹיף אַפָּאר שְׁפְּרַאכְן. אִין לָשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ אִיז דָא: "אוֹצַר שָׁלוֹם בַּיִת", אִין אִידִישׁ אִיז דָא עֶטְלִיכֶע שֵׁיינֶע סְפָרִים: "מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ", "מְכַבֵּד זַיין דֶעם מַאן", "שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ", "זִיךְ גֶעטְ'ן אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה", אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דָא אִין עֶנְגְלִישׁ עֶטְלִיכֶע סְפָרִים; זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן גֵיין בַּיי דִי הַייזֶער - וֶועסְטוּ לִיכְטִיג מַאכְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, דִי בְּרִיוו פוּן מוֹהֲרָא"שׁ וָואס אִיז מְחַזֵּק אוּן מְעוֹדֵד יֶעדְן אֵיינֶעם. וִוי צֶעבְּרָאכְן מֶען זָאל נָאר נִישְׁט זַיין - וֶוערְט מֶען גֶעשְׁטַארְקְט

דוּרְךְ דִי בְּרִיוו; אוֹיךְ אִיז דָא אִין דִי בְּרִיוו אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן אִין שְׁטוּב אָן קַיין חוּמְרוֹת אוּן פְּרִישׁוּת. מוֹהֲרָא"שׁ פְּלֶעגְט זָאגְן אוֹיף דִי וָואס לֶערְנֶען חוּמְרוֹת אוּן פְּרִישׁוּת פַאר חֲתָנִים, אַז זֵיי זֶענֶען עָתִיד לִיתֵּן אֶת הַדִין, זֵיי זֶענֶען גּוֹרֵם מֶען זָאל זִיךְ קְרִיגְן אִין שְׁטוּב, אוּן רוֹב גִּטִּין קוּמֶען פוּן דֶעם וָואס מֶען אִיז מַדְרִיךְ מִיט פַאלְשֶׁע לִמּוּדִים, זֵיי הָאבְּן אַ תַּאֲוָה צוּ זָאגְן חוּמְרוֹת פַאר אַ צְוֵוייטְן וְכוּ'; דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר שַׁארְף (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הוֹרָאָה, סִימָן ה): "מִי שֶׁמַּחְמִיר לַאֲחֵרִים וּמֵקֵל לְעַצְמוֹ", וֶוער עֶס לֶערְנְט פַאר אַ צְוֵוייטְן חוּמְרוֹת וֶוען עֶר אַלֵיין אִיז ווַייט פוּן דֶעם אַלֶעם, "עַל יְדֵי זֶה אֵינוֹ זוֹכֶה לִרְאוֹת בְּיִפִי הַמֶּלֶךְ", וֶועט עֶר נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה כה, ח): "אַל תְּהֵא אוֹמֵר עַל מַה שֶּׁלֹּא שָׁמַעְתָּ, שָׁמַעְתִּי, וְלֹא תְהֵא אוֹסֵר לַאֲחֵרִים וּמַתִּיר לְעַצְמוֹ, אֶלָּא יִהְיוּ יוֹצְאִין מִפִּיךְ נֶאֱמָנִין כְּשֵׁם שֶׁיָּצְאוּ מִפִּי מֹשֶׁה, וַאֲנִי מַרְאֶה לְךָ יֹפִי פָּנִים אֶל פָּנִים", עַיֵּין שָׁם; ווִיפִיל אִינְגֶעלַייט פַאלְן נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אִין הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן נָאר צוּלִיבּ דִי פַאלְשֶׁע חֲתָנִים אוּן כַּלָּה טִיטְשֶׁערְס וָואס זֵיי פַארְקוּיפְן זֵייעֶרע אֵייגֶענֶע פַארְקְרוּמְטֶע וֶועגְן?! מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן זֵיי.

**אִין** זְכוּת פוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן פַאר אַנְדֶערֶע וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין אַז מָשִׁיחַ וֶועט אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָּלוּת אוּן אוּנְז פִירְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

**אַ** לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה אוּן אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

# תתלא

## אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר מִיט נִסְיוֹנוֹת, וֶועט וֶועל אִיךְ שׁוֹין חֲתֻנָּה הָאבְּן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קֹדֶם מוּז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע שִׁעוּרִים, חִזּוּק אוּן עֵצוֹת, וָואס הֶעלְפְט מִיר כְּסֵדֶר אִין לֶעבְּן. אִיךְ הַאלְט שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם בַּיים אַכְטְן מָאל מִשְׁנַיוֹת, אוּן דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שִׂמְחַת תּוֹרָה הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּם זַיין חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תוֹרָה צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אִין מַיין לֶעבְּן. אָן דִי חִזּוּק פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן פוּן מוֹהֲרַ"ן וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וִוי אַזוֹי אִיךְ וָואלְט הַיינְט אוֹיסְגֶעזֶען.

אִיךְ בִּין אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג יָאר אַלְט, אוּן אִיךְ לֶערְן אִין אַ יְשִׁיבָה פַאר עֶלְטֶערֶע בָּחוּרִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אַסַאךְ בָּחוּרִים דָארְט הָאבְּן סְמַארְטְפָאוֹנְס אָן אַ פִילְטֶער, אוּן אִיךְ הָאבּ כְּסֵדֶר אַ שְׁטַארְקֶע נִסָּיוֹן אוֹיךְ זִיךְ צוּ קוֹיפְן אַ סְמַארְטְפָאוֹנְס, וִוי אַזוֹי שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ דֶערוֹיף?

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן מַיין שִׁדּוּךְ, אִיךְ בִּין כְּסֵדֶר מִתְפַּלֵּל אוֹיף דֶעם, אִיךְ זָאג יֶעדְן טָאג דִי קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים מִיט דִי תְּפִלּוֹת פוּן מוֹהֲרַ"ן, אָבֶּער אִין דִי לֶעצְטֶע צְוֵויי יָאר הָאט מֶען מִיר נִישְׁט אָנְגֶעטְרָאגְן מֶער פוּן דְרֵיי פִיר שִׁדּוּכִים, אַנְדֶערְשׁ וִוי בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערֶע בְּרִידֶער וֶוען שַׁדְכָנִים הָאבְּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רוּפְן.

אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַאר מִיר וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען מַאכְן אַז מַיין שִׁדּוּךְ זָאל שׁוֹין אָנְקוּמֶען וִוי שְׁנֶעלֶער?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ז׳ דַּחֲנוּכָּה, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַיין הַארְץ גֵייט מִיר אוֹיס פַאר דִיר, אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אוֹיס דַיין וֵוייטָאג; דִי וֵוייטָאג פוּן בָּחוּרִים וָואס וַוארְטְן אוֹיף זֵייעֶר שִׁדּוּךְ - אִיז אֵין לְשַׁעֵר, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא וֵוייטָאג ווִי דִי וֵוייטָאג פוּן בָּחוּרִים וָואס וַוארְטְן אוּן הָאפְּן יֶעדְן טָאג, יֶעדֶע מִינוּט - מֶען זָאל זֵיי אָנְטְרָאגְן אַ שִׁדּוּךְ; זֵיי ווִילְן לֶעבְּן אַ הֵיילִיגֶע לֶעבְּן, זַיין הֵיילִיג בִּקְדֻשַּׁת הַיְסוֹד - אוּן עֶס גֵייט זֵיי נִישְׁט, זֵיי פַאלְן אַרָאפּ אָן אַ שִׁעוּר.

דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין טֵייעֶרְער בְּרוּדֶער, הָאבּ נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוּן תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט נָאכְנִישְׁט דַיין שִׁדּוּךְ; זָאלְסְט וַוייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וַוייל נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער וָואס מַאכְט שִׁדּוּכִים. דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן שִׁדּוּכִים אִיז אַ פַארְבָּארְגֶענֶער זַאךְ, עֶס אִיז פַארְהוֹילְן פוּן אַלֶעמֶען, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וֶוען, מִיט וֶועם וְכוּ׳ וְכוּ׳, דָאס לִיגְט נָאר אִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הֶענְט. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ג): ״מָצִינוּ בַּתּוֹרָה בַּנְּבִיאִים וּבַכְּתוּבִים שֶׁאֵין זִוּוּגוֹ שֶׁל אִישׁ אֶלָּא מִן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא״, מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי תּוֹרָה, אִין נְבִיאִים אוּן אִין כְּתוּבִים אַז אַ שִׁדּוּךְ הָאט נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט

(בְּרֵאשִׁית כד, נ) "וַיַּעַן לָבָן וּבְתוּאֵל, וַיֹּאמְרוּ, מֵה' יָצָא הַדָּבָר", לָבָן און בְּתוּאֵל הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר אֱלִיעֶזֶר עֶבֶד אַבְרָהָם: "מִיר קֶענֶען נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן רִבְקָה פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט יִצְחָק, וַוייל "מֵה' יָצָא הַדָּבָר", אִין נְבִיאִים שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יד, ד): "וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ כִּי מֵה' הִיא", דִי עֶלְטֶערְן פוּן שִׁמְשׁוֹן הַגִּבּוֹר הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט אַז זַיין שִׁדּוּךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אִין כְּתוּבִים שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יט, יד): "בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת, וּמֵה' אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת", אַ הויז און אַ פַארְמֶעגְן קֶען מֶען בַּאקוּמֶען בִּירוּשָּׁה פוּן דִי עֶלְטֶערְן, אָבֶּער אַ שִׁדּוּךְ קֶען מֶען נִישְׁט בַּאקוּמֶען בִּירוּשָּׁה פוּן עֶלְטֶערְן, דָאס קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין; זֶעעֶן מִיר אִיבֶּערָאל אַז אַ שִׁדּוּךְ הָאט נָאר מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק; נֶעם נִישְׁט קַיין סְמַארְטְפָאוֹן וְכַדּוֹמֶה לָזֶה, גֵיי נִישְׁט נָאךְ דִי חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן סְמַארְטְפָאוֹנְס וְכַדּוֹמֶה לָזֶה. אִין דֶעם זְכוּת וָואס דוּ וֶועסְט הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט קוּקְן קַיין עֲבֵירוֹת - וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁדּוּךְ. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן פז) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית - פַארְלִירְט עֶר זַיין שִׁדּוּךְ, און אֲפִלּוּ וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין אַ שִׁדּוּךְ, מֶען אִיז שׁוֹין חֲתֻנָּה גֶעהַאט, אוֹיבּ מֶען זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית - פַארְלִירְט מֶען דִי שִׁדּוּךְ, מֶען הוֹיבְּט זִיךְ אָן קְרִיגְן און מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שְׁלוֹם בַּיִת, ווִידֶער אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען פַארְרֶעכְט וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען - דֶעמָאלְט טְרֶעפְט מֶען דִי שִׁדּוּךְ און מֶען לֶעבְּט אַ גוּט לֶעבְּן.

**אַז** דו וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק נִישְׁט צו הָאבְּן קַיין שׁוּם כֵּלִי וָואס מֶען קֶען זֶען אוֹיף דֶעם עֶקְלְדִיגֶע בִּילְדֶער פוּן עֲבֵירוֹת - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צו חֲתֻנָּה הָאבְּן אוּן הָאבְּן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, דִי שְׁכִינָה וֶועט רוּעֶן בַּיי דִיר אִין שְׁטוּב.

**אַ** לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה אוּן אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

## תתלב

### וֶועלְכֶע שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן קְרִיאַת שְׁמַע אוּן תִּקּוּן חֲצוֹת לָאזְט מֶען אוֹיס שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁעוּרִים. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ יֶעצְט מְסַיֵּם גֶעוֶוען גַאנְץ תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי, דָאס אִיז אוֹיסֶער דִי פִילֶע שִׁעוּרִים וָואס אִיךְ לֶערְן כְּסֵדֶר אוּן דִי פִילֶע סִיּוּמִים וָואס אִיךְ מַאךְ. אִיךְ לוֹיבּ אוּן אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט מִיר אַז אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דִי נוּמֶער פוּן "קוֹל בְּרֶסְלֶב" אוּן אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן פוּן דֶעמָאלְט בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צו דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אִיבֶּער קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה שֶׁל הָאֲרִיזַ"ל אוּן תִּקּוּן חֲצוֹת, וֶועלְכֶע שְׁטִיקְלֶעךְ מֶען זָאגְט נִישְׁט אוּם שַׁבָּת, יוֹם טוֹב אוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ. אַזוֵי אוֹיךְ אוֹיבּ מֶען מֶעג זָאגְן תִּקּוּן חֲצוֹת פַאר חֲצוֹת, אוּן אוֹיבּ יָא פוּן וִויפִיל אַזֵייגֶער?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ז' דַּחֲנוּכָּה, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**מוֹהֲרָא"שׁ** פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג מְעוֹרֵר זַיין דִי תַּלְמִידִים מֶען זָאל לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה עַל פִּי נוּסַח הָאֲרִיזַ"ל אוּן זָאגְן דֶעם סֵדֶר הַוִּדּוּי, וַוייל רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, הֲלָכָה ב) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע בַּיינַאכְט פַאר עֶר גֵייט שְׁלָאפְן אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה - "אֵינוֹ זָז מִשָּׁם עַד שֶׁמּוֹחֲלִין לוֹ", אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

**אַז** מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְן שְׁלָאפְן וֵוייסְט מֶען אַז מֶען וֶועט צוּרִיק גֶעבְּן דִי נְשָׁמָה מִיט תְּשׁוּבָה, וַוייל וֶוער וֵוייסְט דֶען צִי הַיינְט אִיז דִי לֶעצְטֶע נַאכְט וָואס מֶען הָאט נָאךְ אִין לֶעבְּן, אֶפְשָׁר וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּרִיק נֶעמֶען דִי נְשָׁמָה אִינְמִיטְן שְׁלָאפְן; וֶועט זַיין אַ טוֹבָה פַאר דִי נְשָׁמָה אַז מֶען הָאט זִיךְ מִתְוַדֶּה גֶעוֶוען פַארְן שְׁלָאפְן גֵיין.

**בְּנוֹגֵעַ** זָאגְן וִדּוּי שַׁבָּת וְכוּ'; שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב זָאגְט מֶען נִישְׁט קַיין וִדּוּי, מֶען זָאגְט נָאר דִי עֶרְשְׁטֶע חֵלֶק פוּן קְרִיאַת שְׁמַע בִּיז "כִּי אַתָּה ה' מַחְסִי"; אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט בַּיי זִיךְ: 'אֶפְשָׁר אִיז הַיינְט מַיין לֶעצְטֶע טָאג?' עֶר גֵייט שְׁלָאפְן מִיט דִי מַחְשָׁבָה: 'אֶפְשָׁר גֵיי אִיךְ יֶעצְט צוּרִיק

צום אֵייבֶּערְשְׁטְן?' דֶעמָאלְט אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אַזַא אֵיינֶער קֶען זָאגְן יֶעדֶע נַאכְט וִדּוּי, נִישְׁט קַיין חִילּוּק שַׁבָּת אָדֶער אִינְדֶערְוָואכְן, און אַזוֹי הָאט זִיךְ מוֹהֲרָא"ש גֶעפִירְט, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזָאגְט וִדּוּי פַארְן גֵיין שְׁלָאפְן; וַוייל וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט אַזַא מַחְשָׁבָה אִיז נִישְׁט קַיין חִילּוּק שַׁבָּת אָדֶער אִינְדֶערְוָואכְן. וואוּיל אִיז דֶעם וָואס לֶעבְּט מִיט תַּכְלִית, עֶר וֵוייסְט און גֶעדֶענְקְט אַז אֵיין טָאג וֶועט מֶען מוּזְן צוּרִיק גֵיין צום אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**בְּנוֹגֵעַ** חֲצוֹת וְכוּ'; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן זֶענֶען רוֹב מֶענְטְשְׁן סַיי ווִי אוֹיף בַּיי דִי צַייט פוּן חֲצוֹת, הַיינְט וֶוען עֶס אִיז דָא לֶעקְטֶער הַאלְט מֶען זִיךְ אוֹיף בִּיז שְׁפֶּעט, אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים[כט] פַאר מֶען גֵייט שְׁלָאפְן.

**אַ** לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה און אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

כט. סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ב', מִכְתָּב קה:

תִּיקּוּן רָחֵל אִיז צְוֵויי קַאפִּיטְלֶעךְ: עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל (קַאפִּיטְל קלז) און מִזְמוֹר לְאָסָף (קַאפִּיטְל עט). דֶערְנָאךְ זָאגְט מֶען: זְכוֹר ה' מֶה הָיָה לָנוּ (אֵיכָה קַאפִּיטְל ה).

דֶערְנָאךְ זָאגְט מֶען תִּיקּוּן לֵאָה: לְדָוִד מִזְמוֹר (קַאפִּיטְל כד), כְּאַיָּל תַּעֲרֹג (קַאפִּיטְל מב), שָׁפְטֵנִי (קַאפִּיטְל מג), יַעַנְךָ ה' (קַאפִּיטְל כ), לַמְנַצֵּחַ בִּנְגִינוֹת (קַאפִּיטְל סז), אוֹדֶה ה' (קַאפִּיטְל קיא), בְּבֹא עָלָיו נָתָן הַנָּבִיא (קַאפִּיטְל נא) און שִׁיר הַמַּעֲלוֹת (קַאפִּיטְל קכו).

שַׁבָּת און יוֹם טוֹב און וֶוען מֶען זָאגְט נִישְׁט קַיין תַּחֲנוּן, זָאגְט מֶען נִישְׁט תִּיקּוּן רָחֵל, און נָאר זֶעקְס קַאפִּיטְלֶעךְ פוּן תִּיקּוּן לֵאָה (קַאפִּיטְל כ און נא לָאזְט מֶען אוֹיס).

# תתלג

**וָואס עֶנְטְפֶער אִיךְ פַאר מַיין זוּן וָואס פְּרֶעגְט וֶועגְן קְדֻשָּׁה?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר אַלֶע שִׁעוּרִים אוּן חִזּוּק.

מַיין זוּן אִיז צֶען יָאר אַלְט אוּן עֶר הֶערְט אַסַאךְ דִי שִׁעוּרִים, לֶעצְטְנְס פְּרֶעגְט עֶר מִיךְ וָואס עֶס מֵיינְט פְּגַם הַבְּרִית וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַסַאךְ דֶערְפוּן אַז עֶס אִיז זֵייעֶר הַארְבּ, אוּן וָואס מֵיינְט זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן נָאךְ אַזֶעלְכֶע קַשְׁיוֹת. אִיךְ הָאבּ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז וֶוען עֶר וֶועט עֶלְטֶער וֶוערְן וֶועט עֶר פַארְשְׁטֵיין, אָבֶער עֶר אִיז אַ קְלוּג אִינְגָל אוּן דִי סָארְט עֶנְטְפֶערְס בַּאפְרִידִיגְן אִים נִישְׁט; אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר זָאגְן וָואס אִיךְ קֶען אִים עֶנְטְפֶערְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג' טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דַיין פְרַאגֶע, אוּן נָאךְ מֶער ווָאונְדֶער אִיךְ זִיךְ אוֹיף דַיין עֶנְטְפֶער אַז "דָאס הָאט צוּ טוּן מִיט עֶלְטֶער וֶוערְן, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר פַארְשְׁטֵיין" - וֶוען עֶס אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ פַארְשְׁטֵיין. דָאס זֶענֶען זַאכְן וָואס אַלֶע דַארְפְן

ווִיסְן, יוּנְג אוּן אַלְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, אוּן אוֹיב מֶען רִירְט אָן וְכוּ' וְכוּ' אִיז מֶען פּוֹגֵם בִּבְרִית רַחְמָנָא לִצְלָן", אָן קַיין פַּארְוָואס אָן קַיין פַּאר וֶוען; יוּנְג אוּן אַלְט דַארְפְן ווִיסְן זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס ווִילְן זֵיי מְטַמֵא זַיין, זִיךְ הִיטְן פוּן חֲבֵרִים וָואס רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה.

**וֶ**וען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען יוּנְגֶע קִינְדֶער פְּלֶעגְן מִיר זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען יֶעדֶע מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִין דִי פַּרְשִׁיוֹת פוּן שׁוֹבָבִי"ם הֶערְן דִבְּרוֹת קוֹדֶשׁ פוּנֶעם הֵיילִיגְן סַאטְמֶערֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; מֶען הָאט גֶעהֶערְט דִי טֶעיִפְּס פוּן דִי שׁוֹבָבִי"ם תּוֹרוֹת ווִי דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְּלֶעגְט ווֵיינֶען מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין בְּמִדַת הַיְסוֹד, דָאס הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעוַואשְׁן אוּנְזֶער נְשָׁמָה אוּן אִין אוּנְז אַרַיינְגֶעלֵייגְט יִרְאַת שָׁמַיִם, זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת.

**אַ**זוֹי אוֹיךְ מַיינֶע מְלַמְדִים הָאבְּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן קְדוּשַׁת הַבְּרִית; אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִין סַאטְמֶערֶער חֵדֶר אִין בָּארָא פַּארְק, דָארְטְן רֶעדְן דִי מְלַמְדִים פוּן קְדוּשַׁת הַבְּרִית, מֶען לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶערֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהֵייסְן, אַז מֶען זָאל רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ אָפְּהִיטְן פוּן לֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיפְן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ אוּן זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן וְכוּ' וְכוּ'.

**עֶס** לִיגְט אַ חוֹב אוֹיף עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית, אָן קַיין

הֶסְבֵּרִים און אָן קַיין טַעֲמִים; מֶען לֶערְנְט דָאס פון קִינְדְוַוייז אָן. טַאטֶע מַאמֶע דַארְפְן דָאס הַאלְטְן אִין אֵיין חַזֶר'ן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ.

וֶוען מֶען וַואשְׁט דָאס קִינְד און וֶוען דָאס קִינְד גֵייט אִין בֵּית הַכִּסֵּא חַזֶר'ט מֶען דָאס מִיט אִים אַזוֹי וִוי מֶען לֶערְנְט מִיט אִים אַנְדֶערֶע הֲלָכוֹת, צוּם בֵּיישְׁפִּיל הִלְכוֹת מוּקְצֶה; דַארְף מֶען יֶעדְן שַׁבָּת נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל חַזֶר'ן מִיט דִי קִינְדֶער אַז מֶען טָאר נִישְׁט אָנְכַאפְּן קַיין מוּקְצֶה, און וֶוען מֶען זֶעט אִים אָנְכַאפְּן אַ מוּקְצֶה'דִיגֶע זַאךְ זָאגְט מֶען אִים: "שַׁבָּת", "מוּקְצֶה" - בִּיז עֶס גֵייט אַרַיין אִינֶעם קִינְד; עֶר פַארְשְׁטֵייט אַז אַ אִיד טָאר נִישְׁט אָנְכַאפְּן שַׁבָּת קַיין מוּקְצֶה'דִיגֶע זַאכְן.

אַז דַיין קִינְד וֶועט דִיךְ פְרֶעגְן: "טַאטֶע, פַארְוָואס טָאר מֶען נִישְׁט אָנְכַאפְּן מוּקְצֶה?" וֶועסְטוּ אִים עֶנְטְפֶערְן: "וֶוען דוּ וֶועסְט עֶלְטֶער וֶוערְן וֶועסְטוּ פַארְשְׁטֵיין", אָדֶער דוּ וֶועסְט אִים זָאגְן פְּרָאסְט און פָּשׁוּט: "וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט"? אַזוֹי אִיז מִיט שְׁמִירַת הַבְּרִית; וָואס מֵיינְט פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה? "אַז מֶען טָאר נִישְׁט לֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיפְן בְּרִית", וָואס מֵיינְט זַיין הֵיילִיג? "זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן", פַארְוָואס? "וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט".

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אַז דִי מְלַמְּדִים און מַגִּידֵי שִׁעוּרִים רֶעדְן דֶערְפוּן וַוייל נִישְׁט אַלֶע מְלַמְּדִים און מַגִּידֵי שִׁעוּרִים רֶעדְן פוּן דֶעם, דִי מַגִּידֵי שִׁעוּרִים און מְלַמְּדִים

וֵוייסְן נִישְׁט דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן נִישְׁט לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶערֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט נָאכְגֶעזָאגְט בַּיי דִי אֲסִיפַת מְלַמְּדִים דִי מַעֲשֶׂה וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק יח) אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט דֶערְצֵיילְט: אִיךְ בִּין אַמָאל גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע שְׁטָאט אִין בָּבֶל וואוּ אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט גֶעהַאט צְוֵויי הוּנְדֶערְט תַּלְמִידִים אִין דִי יָארְגֶענְג פוּן אַכְצְן בִּיז צְוָואנְצִיג יָאר, נָאךְ אַ יָאר בִּין אִיךְ צוּרִיקְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם שְׁטָאט אוּן אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דֶעם מְלַמֵּד, הָאט מֶען מִיר גֶעזָאגְט אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן, אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן אַלֶע תַּלְמִידִים, עֶס זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן בְּלוֹיז עֶטְלִיכֶע יוּנְגֶע תַּלְמִידִים, פַארְצֵיילְט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא - הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויינֶען, פַארְוָואס דֶער מְלַמֵּד אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן - זַיין מִשְׁפָּחָה מִיט דִי תַּלְמִידִים, פְּלוּצְלוּנְג קוּמְט צוּ מִיר אַ מַלְאָךְ פוּן הִימְל אוּן פְרֶעגְט מִיר: "אֵלִיָּהוּ, פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ?" הָאבּ אִיךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "צִי דֶען זָאל אִיךְ נִישְׁט וֵויינֶען, אַז דִי אַלֶע זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן..." וְאָמַר לִי "לֹא יָפֶה עָשִׂיתָ שֶׁאַתָּה בּוֹכֶה וּמִתְאַבֵּל וּמִתְאַנֵּחַ עֲלֵיהֶם", הָאט מִיר דֶער מַלְאָךְ גֶעזָאגְט: "וֵויין נִישְׁט אֵלִיָּהוּ", אָמַרְתִּי לוֹ "מִפְּנֵי מָה", וְאָמַר לִי: "שֶׁהֵן הָיוּ עוֹשִׂין דְּבָרִים מְכֹעָרִים וּדְבָרִים שֶׁאֵינָן רְאוּיִין, וּמְקוּלְקָלִין בְּעַצְמָם, וְהָיוּ מוֹצִיאִין שִׁכְבַת זֶרַע חִנָּם וְהֵן לֹא הָיוּ יוֹדְעִין בְּעַצְמָן שֶׁהַמִּיתָה מַשִּׂיגָתָן", זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים, זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן עֲבֵירוֹת

אֵיינֶער מִיטְן צְווייטְן; הָאט דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶערֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוֹיסְגֶעפִירְט: "זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז עֶס לִיגְט אַ חוֹב אוֹיף דִי מְלַמְדִים זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דָאס הַארְבְקֵייט פוּן פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית".

**וואוֹיל** אִיז פַאר דִי עֶלְטֶערְן וָואס גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶועלְן זֵיי זֶען אַסַאךְ נַחַת בַּיי זֵיי.

סוֹד ה' לִירֵאָיו וּבְרִיתוֹ לְהוֹדִיעָם
זֶה שְׁמוֹ נָאֶה לוֹ

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

תִּקּוּן נוֹרָא וְנִפְלָא מְאֹד מְאֹד
לִכְלָלִיּוּת הַחֲטָאִים
וְהוּא פְּגַם הַבְּרִית, רַחֲמָנָא לִיצְלַן

וּמְסֻגָּל מְאֹד גַּם לְפַרְנָסָה וּלְהַצְלָחָה
בְּכָל הָעִנְיָנִים בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת
אַשְׁרֵי מִי שֶׁיֹּאמְרֵם בְּכָל יוֹם

יִסְּדוֹ תִּקְּנוֹ וְגִלּוֹ, וְצִוָּה לְפַרְסְמוֹ לְכָל יִשְׂרָאֵל
רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא אוֹר הַגָּנוּז וְהַצָּפוּן
בּוּצִינָא קַדִּישָׁא עִלָּאָה, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב
## זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

קרן הדפסה
היכל הקודש

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

**טוב לומר זאת לפני אמירת העשרה מזמורים:**

הֲרֵינִי מְקַשֵּׁר עַצְמִי בַּאֲמִירַת הָעֲשָׂרָה מִזְמוֹרִים אֵלּוּ לְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁבְּדוֹרֵנוּ, וּלְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שׁוֹכְנֵי עָפָר, קְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה, וּבִפְרָט לְרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, רַבֵּנוּ **נַחְמָן בֶּן פֵיגָא**, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, שֶׁגִּלָּה תִּקּוּן זֶה.

לְכוּ נְרַנְּנָה לַיהֹוָה נָרִיעָה לְצוּר יִשְׁעֵנוּ: נְקַדְּמָה פָנָיו בְּתוֹדָה בִּזְמִירוֹת נָרִיעַ לוֹ: כִּי אֵל גָּדוֹל יְהֹוָה וּמֶלֶךְ גָּדוֹל עַל כָּל אֱלֹהִים:

**קודם שיתחיל תהלים יאמר זה:**

הֲרֵינִי מְזַמֵּן אֶת פִּי לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל וּלְשַׁבֵּחַ אֶת בּוֹרְאִי לְשֵׁם יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ עַל־יְדֵי הַהוּא טָמִיר וְנֶעְלָם בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל:

## טז.

**מִכְתָּם** לְדָוִד שָׁמְרֵנִי אֵל כִּי־חָסִיתִי בָךְ: אָמַרְתְּ לַיהֹוָה אֲדֹנָי אָתָּה, טוֹבָתִי בַּל־עָלֶיךָ: לִקְדוֹשִׁים אֲשֶׁר־בָּאָרֶץ הֵמָּה, וְאַדִּירֵי כָּל־חֶפְצִי־בָם: יִרְבּוּ עַצְּבוֹתָם אַחֵר מָהָרוּ, בַּל־אַסִּיךְ נִסְכֵּיהֶם מִדָּם, וּבַל־אֶשָּׂא אֶת־שְׁמוֹתָם עַל־שְׂפָתָי: יְהֹוָה מְנָת חֶלְקִי וְכוֹסִי, אַתָּה תּוֹמִיךְ גּוֹרָלִי: חֲבָלִים נָפְלוּ־לִי בַּנְּעִמִים, אַף־נַחֲלָת שָׁפְרָה עָלָי: אֲבָרֵךְ אֶת־יְהֹוָה אֲשֶׁר יְעָצָנִי, אַף לֵילוֹת יִסְּרוּנִי כִלְיוֹתָי: שִׁוִּיתִי יְהֹוָה לְנֶגְדִּי תָמִיד, כִּי מִימִינִי בַּל־אֶמּוֹט: לָכֵן שָׂמַח לִבִּי וַיָּגֶל כְּבוֹדִי, אַף־בְּשָׂרִי יִשְׁכֹּן לָבֶטַח: כִּי לֹא־תַעֲזֹב

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

נַפְשִׁי לִשְׁאוֹל, לֹא־תִתֵּן חֲסִידְךָ לִרְאוֹת שָׁחַת: תּוֹדִיעֵנִי אֹרַח חַיִּים שֹׂבַע שְׂמָחוֹת אֶת־פָּנֶיךָ נְעִמוֹת בִּימִינְךָ נֶצַח:

# לב.

לְדָוִד מַשְׂכִּיל, אַשְׁרֵי נְשׂוּי פֶּשַׁע כְּסוּי חֲטָאָה: אַשְׁרֵי־אָדָם, לֹא יַחְשֹׁב יְהֹוָה לוֹ עָוֹן, וְאֵין בְּרוּחוֹ רְמִיָּה: כִּי הֶחֱרַשְׁתִּי בָּלוּ עֲצָמָי, בְּשַׁאֲגָתִי כָּל־הַיּוֹם: כִּי יוֹמָם וָלַיְלָה תִּכְבַּד עָלַי יָדֶךָ, נֶהְפַּךְ לְשַׁדִּי בְּחַרְבֹנֵי קַיִץ סֶלָה: חַטָּאתִי אוֹדִיעֲךָ, וַעֲוֹנִי לֹא־כִסִּיתִי, אָמַרְתִּי אוֹדֶה עֲלֵי פְשָׁעַי לַיהֹוָה, וְאַתָּה נָשָׂאתָ עֲוֹן חַטָּאתִי סֶלָה: עַל זֹאת יִתְפַּלֵּל כָּל־חָסִיד אֵלֶיךָ לְעֵת מְצֹא, רַק לְשֵׁטֶף מַיִם רַבִּים אֵלָיו לֹא יַגִּיעוּ: אַתָּה סֵתֶר לִי*) מִצַּר תִּצְּרֵנִי רָנֵּי פַלֵּט תְּסוֹבְבֵנִי סֶלָה: אַשְׂכִּילְךָ וְאוֹרְךָ בְּדֶרֶךְ זוּ תֵלֵךְ אִיעֲצָה עָלֶיךָ עֵינִי: אַל תִּהְיוּ כְּסוּס כְּפֶרֶד אֵין הָבִין בְּמֶתֶג־וָרֶסֶן עֶדְיוֹ לִבְלוֹם בַּל קְרֹב אֵלֶיךָ: רַבִּים מַכְאוֹבִים לָרָשָׁע, וְהַבּוֹטֵחַ בַּיהֹוָה חֶסֶד יְסוֹבְבֶנּוּ: שִׂמְחוּ בַיהֹוָה וְגִילוּ צַדִּיקִים וְהַרְנִינוּ כָּל־יִשְׁרֵי־לֵב:

# מא.

לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד: אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל־דָּל בְּיוֹם רָעָה יְמַלְּטֵהוּ יְהֹוָה: יְהֹוָה יִשְׁמְרֵהוּ וִיחַיֵּהוּ וְאֻשַּׁר בָּאָרֶץ, וְאַל תִּתְּנֵהוּ בְּנֶפֶשׁ אֹיְבָיו: יְהֹוָה יִסְעָדֶנּוּ עַל עֶרֶשׂ דְּוָי. כָּל מִשְׁכָּבוֹ הָפַכְתָּ בְחָלְיוֹ: אֲנִי־אָמַרְתִּי יְהֹוָה חָנֵּנִי, רְפָאָה נַפְשִׁי כִּי חָטָאתִי לָךְ: אוֹיְבַי יֹאמְרוּ רַע לִי מָתַי יָמוּת וְאָבַד שְׁמוֹ: וְאִם־בָּא לִרְאוֹת,

---

*) אחר 'אתה סתר לי' - צריך להפסיק מעט (עיין בלקו"מ ח"א סי' רי"ג)

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

שָׁוְא יְדַבֵּר, לִבּוֹ יִקְבָּץ־אָוֶן לוֹ, יֵצֵא לַחוּץ יְדַבֵּר: יַחַד עָלַי יִתְלַחֲשׁוּ כָּל־שֹׂנְאָי, עָלַי יַחְשְׁבוּ רָעָה לִי: דְּבַר־בְּלִיַּעַל יָצוּק בּוֹ, וַאֲשֶׁר שָׁכַב לֹא־יוֹסִיף לָקוּם: גַּם־אִישׁ שְׁלוֹמִי אֲשֶׁר־בָּטַחְתִּי בוֹ, אוֹכֵל לַחְמִי, הִגְדִּיל עָלַי עָקֵב: וְאַתָּה יְהֹוָה חָנֵּנִי וַהֲקִימֵנִי, וַאֲשַׁלְּמָה לָהֶם: בְּזֹאת יָדַעְתִּי כִּי־חָפַצְתָּ בִּי, כִּי לֹא־יָרִיעַ אֹיְבִי עָלָי: וַאֲנִי, בְּתֻמִּי, תָּמַכְתָּ בִּי, וַתַּצִּיבֵנִי לְפָנֶיךָ לְעוֹלָם: בָּרוּךְ יְהֹוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל מֵהָעוֹלָם וְעַד הָעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן:

# מב.

לַמְנַצֵּחַ מַשְׂכִּיל לִבְנֵי קֹרַח: כְּאַיָּל תַּעֲרֹג עַל־אֲפִיקֵי־מָיִם, כֵּן נַפְשִׁי תַעֲרֹג אֵלֶיךָ אֱלֹהִים: צָמְאָה נַפְשִׁי לֵאלֹהִים לְאֵל חָי, מָתַי אָבוֹא וְאֵרָאֶה פְּנֵי אֱלֹהִים: הָיְתָה לִּי דִמְעָתִי לֶחֶם יוֹמָם וָלָיְלָה בֶּאֱמֹר אֵלַי כָּל הַיּוֹם, אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ: אֵלֶּה אֶזְכְּרָה וְאֶשְׁפְּכָה עָלַי נַפְשִׁי, כִּי אֶעֱבֹר בַּסָּךְ, אֶדַּדֵּם עַד־בֵּית אֱלֹהִים בְּקוֹל־רִנָּה וְתוֹדָה, הָמוֹן חוֹגֵג: מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וַתֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִלִי לֵאלֹהִים כִּי עוֹד אוֹדֶנּוּ יְשׁוּעוֹת פָּנָיו: אֱלֹהַי, עָלַי נַפְשִׁי תִשְׁתּוֹחָח עַל־כֵּן אֶזְכָּרְךָ מֵאֶרֶץ יַרְדֵּן, וְחֶרְמוֹנִים, מֵהַר מִצְעָר: תְּהוֹם־אֶל־תְּהוֹם קוֹרֵא לְקוֹל צִנּוֹרֶיךָ, כָּל מִשְׁבָּרֶיךָ וְגַלֶּיךָ עָלַי עָבָרוּ: יוֹמָם יְצַוֶּה יְהֹוָה חַסְדּוֹ וּבַלַּיְלָה שִׁירֹה עִמִּי, תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי: אוֹמְרָה לְאֵל סַלְעִי לָמָה שְׁכַחְתָּנִי, לָמָּה־קֹדֵר אֵלֵךְ, בְּלַחַץ אוֹיֵב: בְּרֶצַח בְּעַצְמוֹתַי חֵרְפוּנִי צוֹרְרָי, בְּאָמְרָם אֵלַי כָּל הַיּוֹם אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ: מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וּמַה־תֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִילִי לֵאלֹהִים כִּי־עוֹד אוֹדֶנּוּ, יְשׁוּעֹת פָּנַי וֵאלֹהָי:

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

## נט.

לַמְנַצֵּחַ אַל תַּשְׁחֵת לְדָוִד מִכְתָּם, בִּשְׁלֹחַ שָׁאוּל וַיִּשְׁמְרוּ
אֶת־הַבַּיִת לַהֲמִיתוֹ: הַצִּילֵנִי מֵאֹיְבַי אֱלֹהָי, מִמִּתְקוֹמְמַי
תְּשַׂגְּבֵנִי: הַצִּילֵנִי מִפֹּעֲלֵי אָוֶן וּמֵאַנְשֵׁי דָמִים הוֹשִׁיעֵנִי: כִּי הִנֵּה
אָרְבוּ לְנַפְשִׁי יָגוּרוּ עָלַי עַזִּים, לֹא־פִשְׁעִי וְלֹא־חַטָּאתִי יְהֹוָה:
בְּלִי־עָוֹן יְרֻצוּן וְיִכּוֹנָנוּ, עוּרָה לִקְרָאתִי וּרְאֵה: וְאַתָּה יְהֹוָה־אֱלֹהִים
צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל, הָקִיצָה לִפְקֹד כָּל־הַגּוֹיִם אַל־תָּחֹן כָּל־בֹּגְדֵי
אָוֶן סֶלָה: יָשׁוּבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב, וִיסוֹבְבוּ עִיר: הִנֵּה יַבִּיעוּן
בְּפִיהֶם, חֲרָבוֹת בְּשִׂפְתוֹתֵיהֶם, כִּי־מִי שֹׁמֵעַ: וְאַתָּה יְהֹוָה תִּשְׂחַק־
לָמוֹ, תִּלְעַג לְכָל־גּוֹיִם: עֻזּוֹ, אֵלֶיךָ אֶשְׁמֹרָה, כִּי אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי:
אֱלֹהֵי חַסְדִּי יְקַדְּמֵנִי אֱלֹהִים יַרְאֵנִי בְשֹׁרְרָי: אַל־תַּהַרְגֵם פֶּן־יִשְׁכְּחוּ
עַמִּי, הֲנִיעֵמוֹ בְחֵילְךָ וְהוֹרִידֵמוֹ, מָגִנֵּנוּ אֲדֹנָי: חַטַּאת־פִּימוֹ דְּבַר־
שְׂפָתֵימוֹ וְיִלָּכְדוּ בִגְאוֹנָם, וּמֵאָלָה וּמִכַּחַשׁ יְסַפֵּרוּ: כַּלֵּה בְחֵמָה,
כַּלֵּה וְאֵינֵמוֹ וְיֵדְעוּ כִּי־אֱלֹהִים מֹשֵׁל בְּיַעֲקֹב, לְאַפְסֵי הָאָרֶץ
סֶלָה: וְיָשֻׁבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב, וִיסוֹבְבוּ עִיר: הֵמָּה יְנִיעוּן
לֶאֱכֹל, אִם־לֹא יִשְׂבְּעוּ וַיָּלִינוּ: וַאֲנִי אָשִׁיר עֻזֶּךָ, וַאֲרַנֵּן לַבֹּקֶר
חַסְדֶּךָ, כִּי־הָיִיתָ מִשְׂגָּב לִי, וּמָנוֹס, בְּיוֹם צַר־לִי: עֻזִּי אֵלֶיךָ
אֲזַמֵּרָה, כִּי־אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי אֱלֹהֵי חַסְדִּי:

## עז.

לַמְנַצֵּחַ עַל־יְדוּתוּן לְאָסָף מִזְמוֹר: קוֹלִי *) אֶל־אֱלֹהִים וְאֶצְעָקָה,
קוֹלִי אֶל־אֱלֹהִים וְהַאֲזִין אֵלָי: בְּיוֹם צָרָתִי אֲדֹנָי דָּרָשְׁתִּי,

*) באמרך 'אל אלהים' תכוון המילוי כזה: אל"ף למ"ד אל"ף למ"ד ה"י יו"ד מ"ם

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

יָדִי לַיְלָה נִגְּרָה וְלֹא תָפוּג מֵאֲנָה הִנָּחֵם נַפְשִׁי: אֶזְכְּרָה אֱלֹהִים וְאֶהֱמָיָה, אָשִׂיחָה, וְתִתְעַטֵּף רוּחִי סֶלָה: אָחַזְתָּ שְׁמֻרוֹת עֵינָי, נִפְעַמְתִּי וְלֹא אֲדַבֵּר: חִשַּׁבְתִּי יָמִים מִקֶּדֶם, שְׁנוֹת עוֹלָמִים: אֶזְכְּרָה נְגִינָתִי בַּלָּיְלָה, עִם־לְבָבִי אָשִׂיחָה, וַיְחַפֵּשׂ רוּחִי: הַלְעוֹלָמִים יִזְנַח אֲדֹנָי וְלֹא־יֹסִיף לִרְצוֹת עוֹד: הֶאָפֵס לָנֶצַח חַסְדּוֹ, גָּמַר אֹמֶר לְדֹר וָדֹר: הֲשָׁכַח חַנּוֹת אֵל, אִם־קָפַץ בְּאַף רַחֲמָיו סֶלָה: וָאֹמַר חַלּוֹתִי הִיא, שְׁנוֹת יְמִין עֶלְיוֹן: אֶזְכּוֹר מַעַלְלֵי יָהּ, כִּי אֶזְכְּרָה מִקֶּדֶם פִּלְאֶךָ: וְהָגִיתִי בְכָל־פָּעֳלֶךָ וּבַעֲלִילוֹתֶיךָ אָשִׂיחָה: אֱלֹהִים בַּקֹּדֶשׁ דַּרְכֶּךָ, מִי־אֵל גָּדוֹל כֵּאלֹהִים: אַתָּה הָאֵל עֹשֵׂה פֶלֶא הוֹדַעְתָּ בָעַמִּים עֻזֶּךָ: גָּאַלְתָּ בִּזְרוֹעַ עַמֶּךָ, בְּנֵי יַעֲקֹב וְיוֹסֵף סֶלָה: רָאוּךָ מַּיִם אֱלֹהִים, רָאוּךָ מַּיִם יָחִילוּ אַף יִרְגְּזוּ תְהֹמוֹת: זֹרְמוּ מַיִם עָבוֹת קוֹל נָתְנוּ שְׁחָקִים, אַף־חֲצָצֶיךָ יִתְהַלָּכוּ: קוֹל רַעַמְךָ בַּגַּלְגַּל, הֵאִירוּ בְרָקִים תֵּבֵל, רָגְזָה וַתִּרְעַשׁ הָאָרֶץ: בַּיָּם דַּרְכֶּךָ וּשְׁבִילְךָ בְּמַיִם רַבִּים, וְעִקְּבוֹתֶיךָ לֹא נֹדָעוּ: נָחִיתָ כַצֹּאן עַמֶּךָ, בְּיַד מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן:

## צ.

**תְּפִלָּה** לְמֹשֶׁה אִישׁ הָאֱלֹהִים אֲדֹנָי מָעוֹן אַתָּה הָיִיתָ לָּנוּ בְּדֹר וָדֹר: בְּטֶרֶם הָרִים יֻלָּדוּ וַתְּחוֹלֵל אֶרֶץ וְתֵבֵל, וּמֵעוֹלָם עַד־עוֹלָם אַתָּה אֵל: תָּשֵׁב אֱנוֹשׁ עַד־דַּכָּא, וַתֹּאמֶר שׁוּבוּ בְנֵי־אָדָם: כִּי אֶלֶף שָׁנִים בְּעֵינֶיךָ כְּיוֹם אֶתְמוֹל כִּי יַעֲבֹר, וְאַשְׁמוּרָה בַלָּיְלָה: זְרַמְתָּם, שֵׁנָה יִהְיוּ, בַּבֹּקֶר כֶּחָצִיר יַחֲלֹף: בַּבֹּקֶר יָצִיץ וְחָלָף, לָעֶרֶב יְמוֹלֵל וְיָבֵשׁ: כִּי כָלִינוּ בְאַפֶּךָ, וּבַחֲמָתְךָ נִבְהָלְנוּ: שַׁתָּ עֲוֹנֹתֵינוּ לְנֶגְדֶּךָ עֲלֻמֵנוּ לִמְאוֹר פָּנֶיךָ:

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

כִּי כָל־יָמֵינוּ פָּנוּ בְעֶבְרָתֶךָ כִּלִּינוּ שָׁנֵינוּ כְמוֹ־הֶגֶה: יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה, וְאִם בִּגְבוּרֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה, וְרָהְבָּם עָמָל וָאָוֶן, כִּי גָז חִישׁ וַנָּעֻפָה: מִי יוֹדֵעַ עֹז אַפֶּךָ, וּכְיִרְאָתְךָ עֶבְרָתֶךָ: לִמְנוֹת יָמֵינוּ כֵּן הוֹדַע, וְנָבִא לְבַב חָכְמָה: שׁוּבָה יְהֹוָה עַד־מָתָי וְהִנָּחֵם עַל עֲבָדֶיךָ: שַׂבְּעֵנוּ בַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ, וּנְרַנְּנָה וְנִשְׂמְחָה בְּכָל־יָמֵינוּ: שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ, שְׁנוֹת רָאִינוּ רָעָה: יֵרָאֶה אֶל־עֲבָדֶיךָ פָעֳלֶךָ וַהֲדָרְךָ עַל בְּנֵיהֶם: וִיהִי נֹעַם אֲדֹנָי אֱלֹהֵינוּ עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנָה עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ:

# קה.

הוֹדוּ לַיהֹוָה קִרְאוּ בִּשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילוֹתָיו: שִׁירוּ לוֹ זַמְּרוּ־לוֹ שִׂיחוּ בְּכָל נִפְלְאוֹתָיו: הִתְהַלְלוּ בְּשֵׁם קָדְשׁוֹ יִשְׂמַח לֵב מְבַקְשֵׁי יְהֹוָה: דִּרְשׁוּ יְהֹוָה וְעֻזּוֹ בַּקְּשׁוּ פָנָיו תָּמִיד: זִכְרוּ נִפְלְאוֹתָיו אֲשֶׁר עָשָׂה, מֹפְתָיו וּמִשְׁפְּטֵי־פִיו: זֶרַע אַבְרָהָם עַבְדּוֹ בְּנֵי יַעֲקֹב בְּחִירָיו: הוּא יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ בְּכָל־הָאָרֶץ מִשְׁפָּטָיו: זָכַר לְעוֹלָם בְּרִיתוֹ דָּבָר צִוָּה לְאֶלֶף דּוֹר: אֲשֶׁר כָּרַת אֶת אַבְרָהָם וּשְׁבוּעָתוֹ לְיִשְׂחָק: וַיַּעֲמִידֶהָ לְיַעֲקֹב לְחֹק לְיִשְׂרָאֵל בְּרִית עוֹלָם: לֵאמֹר לְךָ אֶתֵּן אֶת אֶרֶץ כְּנָעַן חֶבֶל נַחֲלַתְכֶם: בִּהְיוֹתָם מְתֵי מִסְפָּר כִּמְעַט וְגָרִים בָּהּ: וַיִּתְהַלְּכוּ מִגּוֹי אֶל גּוֹי מִמַּמְלָכָה אֶל־עַם אַחֵר: לֹא הִנִּיחַ אָדָם לְעָשְׁקָם וַיּוֹכַח עֲלֵיהֶם מְלָכִים: אַל תִּגְּעוּ בִמְשִׁיחָי וְלִנְבִיאַי אַל תָּרֵעוּ: וַיִּקְרָא רָעָב עַל־הָאָרֶץ כָּל מַטֵּה־לֶחֶם שָׁבָר: שָׁלַח לִפְנֵיהֶם אִישׁ לְעֶבֶד נִמְכַּר יוֹסֵף: עִנּוּ בַכֶּבֶל רַגְלוֹ בַּרְזֶל בָּאָה נַפְשׁוֹ: עַד עֵת בֹּא דְבָרוֹ אִמְרַת יְהֹוָה צְרָפָתְהוּ: שָׁלַח מֶלֶךְ וַיַּתִּירֵהוּ

מֹשֵׁל עַמִּים וַיְפַתְּחֵהוּ׃ שָׂמוֹ אָדוֹן לְבֵיתוֹ וּמֹשֵׁל בְּכָל־קִנְיָנוֹ׃ לֶאְסֹר שָׂרָיו בְּנַפְשׁוֹ וּזְקֵנָיו יְחַכֵּם׃ וַיָּבֹא יִשְׂרָאֵל מִצְרָיִם וְיַעֲקֹב גָּר בְּאֶרֶץ־חָם׃ וַיֶּפֶר אֶת־עַמּוֹ מְאֹד וַיַּעֲצִמֵהוּ מִצָּרָיו׃ הָפַךְ לִבָּם לִשְׂנֹא עַמּוֹ לְהִתְנַכֵּל בַּעֲבָדָיו׃ שָׁלַח מֹשֶׁה עַבְדּוֹ אַהֲרֹן אֲשֶׁר בָּחַר בּוֹ׃ שָׂמוּ־בָם דִּבְרֵי אֹתוֹתָיו, וּמֹפְתִים בְּאֶרֶץ חָם׃ שָׁלַח חֹשֶׁךְ וַיַּחְשִׁךְ וְלֹא מָרוּ אֶת דְּבָרוֹ׃ הָפַךְ אֶת מֵימֵיהֶם לְדָם וַיָּמֶת אֶת דְּגָתָם׃ שָׁרַץ אַרְצָם צְפַרְדְּעִים בְּחַדְרֵי מַלְכֵיהֶם׃ אָמַר וַיָּבֹא עָרֹב כִּנִּים בְּכָל גְּבוּלָם׃ נָתַן גִּשְׁמֵיהֶם בָּרָד, אֵשׁ לֶהָבוֹת בְּאַרְצָם׃ וַיַּךְ גַּפְנָם וּתְאֵנָתָם, וַיְשַׁבֵּר עֵץ גְּבוּלָם׃ אָמַר וַיָּבֹא אַרְבֶּה, וְיֶלֶק וְאֵין מִסְפָּר׃ וַיֹּאכַל כָּל־עֵשֶׂב בְּאַרְצָם, וַיֹּאכַל פְּרִי אַדְמָתָם׃ וַיַּךְ כָּל בְּכוֹר בְּאַרְצָם, רֵאשִׁית לְכָל־אוֹנָם׃ וַיּוֹצִיאֵם בְּכֶסֶף וְזָהָב וְאֵין בִּשְׁבָטָיו כּוֹשֵׁל׃ שָׂמַח מִצְרַיִם בְּצֵאתָם, כִּי־נָפַל פַּחְדָּם עֲלֵיהֶם׃ פָּרַשׂ עָנָן לְמָסָךְ, וְאֵשׁ לְהָאִיר לָיְלָה׃ שָׁאַל וַיָּבֵא שְׂלָו וְלֶחֶם שָׁמַיִם יַשְׂבִּיעֵם׃ פָּתַח צוּר וַיָּזוּבוּ מָיִם, הָלְכוּ בַּצִּיּוֹת נָהָר׃ כִּי זָכַר אֶת־דְּבַר קָדְשׁוֹ, אֶת־אַבְרָהָם עַבְדּוֹ׃ וַיּוֹצִא עַמּוֹ בְשָׂשׂוֹן, בְּרִנָּה אֶת בְּחִירָיו׃ וַיִּתֵּן לָהֶם אַרְצוֹת גּוֹיִם, וַעֲמַל לְאֻמִּים יִירָשׁוּ׃ בַּעֲבוּר יִשְׁמְרוּ חֻקָּיו וְתוֹרֹתָיו יִנְצֹרוּ, הַלְלוּיָהּ׃

# קלז.

עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל שָׁם יָשַׁבְנוּ, גַּם־בָּכִינוּ בְּזָכְרֵנוּ אֶת־צִיּוֹן׃ עַל עֲרָבִים בְּתוֹכָהּ תָּלִינוּ כִּנֹּרוֹתֵינוּ׃ כִּי שָׁם שְׁאֵלוּנוּ שׁוֹבֵינוּ דִּבְרֵי־שִׁיר, וְתוֹלָלֵינוּ שִׂמְחָה, שִׁירוּ לָנוּ מִשִּׁיר צִיּוֹן׃ אֵיךְ נָשִׁיר אֶת־שִׁיר יְהֹוָה, עַל אַדְמַת נֵכָר׃ אִם־אֶשְׁכָּחֵךְ יְרוּשָׁלָיִם תִּשְׁכַּח

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

יְמִינִי: תִּדְבַּק לְשׁוֹנִי לְחִכִּי, אִם לֹא אֶזְכְּרֵכִי, אִם־לֹא אַעֲלֶה אֶת יְרוּשָׁלַיִם עַל רֹאשׁ שִׂמְחָתִי: זְכֹר יְהוָה לִבְנֵי אֱדוֹם אֵת יוֹם יְרוּשָׁלָיִם, הָאֹמְרִים עָרוּ עָרוּ עַד הַיְסוֹד בָּהּ: בַּת־בָּבֶל הַשְּׁדוּדָה, אַשְׁרֵי שֶׁיְשַׁלֶּם־לָךְ אֶת־גְּמוּלֵךְ שֶׁגָּמַלְתְּ לָנוּ: אַשְׁרֵי, שֶׁיֹּאחֵז וְנִפֵּץ אֶת־עֹלָלַיִךְ אֶל הַסָּלַע:

# קנ.

הַלְלוּיָהּ, הַלְלוּ־אֵל בְּקָדְשׁוֹ, הַלְלוּהוּ בִּרְקִיעַ עֻזּוֹ: הַלְלוּהוּ בִגְבוּרֹתָיו, הַלְלוּהוּ כְּרֹב גֻּדְלוֹ: הַלְלוּהוּ בְּתֵקַע שׁוֹפָר הַלְלוּהוּ בְּנֵבֶל וְכִנּוֹר: הַלְלוּהוּ בְּתֹף וּמָחוֹל, הַלְלוּהוּ בְּמִנִּים וְעֻגָב: הַלְלוּהוּ בְצִלְצְלֵי־שָׁמַע, הַלְלוּהוּ בְּצִלְצְלֵי תְרוּעָה: כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ, הַלְלוּיָהּ:

**אחר שסיים תהלים, יאמר שלשה פסוקים אלו:**

מִי יִתֵּן מִצִּיּוֹן יְשׁוּעַת יִשְׂרָאֵל בְּשׁוּב יְהוָה שְׁבוּת עַמּוֹ יָגֵל יַעֲקֹב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל: וּתְשׁוּעַת צַדִּיקִים מֵיְהוָה מָעוּזָּם בְּעֵת צָרָה: וַיַּעְזְרֵם יְהוָה וַיְפַלְּטֵם, יְפַלְּטֵם מֵרְשָׁעִים וְיוֹשִׁיעֵם כִּי חָסוּ בוֹ:

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

יעקב יוחנן איידליס
וזוגתו
רבקה מירל
ובתם
חי' אסתר

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

ישעי' אכסנדר איידליס
וזוגתו
מרים ראציל
ובתם
לאה, נחמן נתן, רייזל, חי' פריידא, ישראל דוד

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

אברהם יצחק אייזנער
וזוגתו
בילא
ובנם
יואל

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

שמואל אייכנשטיין
וזוגתו
מירל פראדל

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יקותיאל יהודה איינהארן**

וזוגתו

**אידל לאה**

וילדיהם

**חנני' יום טוב ליפא, חי' גנעסא, רחל, ישראל דוד**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אשר דוב אינדארסקי**

וזוגתו

**טויבא רבקה**

וילדיהם

**אליעזר שלמה, שמעון, אדל, חי' דבורה**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**העניך יצחק אינדיג**

וזוגתו

**רוזה רבקה**

וילדיהם

**ליבא רחל, נחמן נתן, אליעזר שלמה, הלל מרדכי, שרה אסתר**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

רפואה שלימה

עבור

**יואל** בן **דבורה אסתר**

הקדוש ברוך הוא ישלח לו
רפואה שלימה לכל רמ"ח
איבריו ושס"ה גידיו,
ויאריך ימים בבריאות השלמה
בטוב ובנעימים.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מנשה איצקאוויטש
וזוגתו **חיה שבע**
וילדיהם **שמואל דוד, ישראל יוסף,**
**רויזא בלומא, פיגא, צבי דוב**
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.
יזכור אלקים את נשמת אבי מורי
ר' צבי דוב בן ר' אברהם משה הלוי
**תהא נשמתו צרורה**
**בצרור החיים**

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**ראובן בירנבוים**
וזוגתו
**חיה חמשה**
וילדיהם
**מלכה, אליעזר שלמה,**
**שמואל, נחמן חיים, צפורה,**
**יואל, רייכל**
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**ישראל חיים ברוין**
וזוגתו
**שרה אסתר**
וילדיהם
**בנציון, אפרים פישל,**
**דוד, חוה**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**שלמה זאב בריסק**
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון.

לעילוי נשמת

ר' **שאול** בן ר' **שלמה**

**אלטע עטיע** בת ר' **נתן נטע**

**ת.נ.צ.ב.ה.**

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

נחמי' דייטש
וזוגתו חי' זעלדא
וילדיהם ליבא, בנימין זאב

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מרדכי אהרן חיים
היילפרין
וזוגתו
יוטא פערל
וילדיהם
נתנאל, יחזקאל שרגא,
חי' אסתר, נחמן נתן

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני
רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מאטי היימליך
וזוגתו
מרים
וילדיהם
חיה שיינדל, יהושע,
אדל, אסתר

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני
רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

ישעי' יוסף
וויזל

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון.

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**בנימין יעקב ברוך**

**ויילדי**

וזוגתו

**באשא**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני
רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**יצחק אהרן וויינבערג**

וזוגתו

**אסתר**

וילדיהם

**נחמן נתן, רחל לאה, שושנה**

**פיגא, פרידא מלכה, שרה**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני
רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**הלל וויס**

וזוגתו

**שרה רבקה**

וילדיהם

**סאביל, נחמן נתן,**

**אליעזר שלמה**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**יהודה ארי' וויס**

וזוגתו

**שפרה פריידא,**

ובתם

**קיילא בלימא**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**נח צבי ווייס**

וזוגתו

**רחל לאה**

ובנם

**נחמן נתן**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אברהם אליהו**
**זעלקאוויטש**

וזוגתו

**ריסא**

ובתם

**אדל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יעקב יאקאבאוויטש**

וזוגתו

**ברכה פיגא**

וילדיהם

**חי' אסתר, הינדא רחל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**נחמן שמואל**
**יאקאבאוויטש**

וזוגתו

**אסתר**

וילדיהם

**שלום, חיים מאיר, לאה, מלכה,**
**פיגא, הינדא רחל, אברהם**
**יהודה, אידל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**שלמה יאקאבאוויטש**

וזוגתו

**רבקה**

וילדיהם

**יששכר דוב, אסתר,**
**גרשון פרץ, נחמן יואל,**
**אברהם בכור**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**יהודה ארי' לייב**
**ליבערמאן**

וזוגתו

**אסתר דאבה**

וילדיהם

**מלכה רבקה, משה טובי', עמנואל**
**צבי אלימלך, שמחה בונים.**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**הרוצה בעילום שמו**

הקדוש ברוך הוא ימלא
כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון.

**יקותיאל יהודה בן חי' שרה**
**הודיא ומשפחתו,**
**לזכות הילד**
**חנינה נפתלי צבי**

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**יואל משה מייזעלס**

וזוגתו

**שרה**

וילדיהם

**שלום אליהו, מאיר**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יחזקאל סאמעט**
וזוגתו
**הענדיל,**
וילדיהם
**נחמן נתן, אדל מלכה,**
**שרה, בילא**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**זאב סרולאוויטש**
וזוגתו
**מרים**
וילדיהם
**חנה חי', מרדכי**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**רפאל פורסט**
וזוגתו
**מרים זיסל,**
וילדיהם
**חי' צירל, אסתר מלכה, חנה,**
**אברהם מנחם מענדל, נחמן**
**נתן, פיגא, רבקה רוזא.**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**נתנאל פארקאש**
וזוגתו
**מרים העניא זיסל**
ובנם
**יחזקאל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

משולם נחמן פינטער

וזוגתו

תמר,

וילדיהם

פיגא, אסתר, אדל

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

אהרן ישראל פיש

וזוגתו

חנה זיסל

וילדיהם

אליעזר שלמה, ישעי'

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

יעקב שאול פיש

וזוגתו

שרה

וילדיהם

אליעזר שלמה, מירל

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

אפרים פעלדמאן

וזוגתו

טשארנא מלכה

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יצחק פעלדמאן**

וזוגתו

**רחל**

ובתם

**אדל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אליהו פערל**

וזוגתו

**רייזל**

וילדיהם

**אדל, רבקה**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אברהם שרגא מנחם**

וזוגתו

**אסתר חיה,**

וילדיהם

**אלתר אהרן, חנה פעסל, רחל**
**מלכה, יוסף חיים, גענענדל חוה.**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**ברוך משולם זושא**
**פריעדמאן**

וזוגתו

**חי' שרה**

וילדיהם

**אלעזר ישעי', שלום יעקב**
**יהושע, ישראל מנחם**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**שאול יחזקאל שרגא**

**פריעדמאן**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אברהם אליהו פריעדריך**

וזוגתו

**שרה הענטשא**

וילדיהם

**ישראל, יוסף, חי' פיגא,**
**נחמן נתן**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אליהו ציג**

וזוגתו

**מלכה**

וילדיהם

**יכט, יוסף, שרה פיגא**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אברהם אליהו קנאלל**

וזוגתו

**פיגא**

וילדיהם

**מלכה, ישראל, אליעזר שלמה**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**נחמן נתן קרויס**
וזוגתו
**מרים חי'**
וילדיהם
**אליעזר שלמה, אברהם**
**מאיר, פיגא, נעכא**
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**חיים יוסף** בן **מרים בריינדל**
וזוגתו
**אסתר** בת **צארטל חנה**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**ישראל מנחם**
**ראזענבערג**
וזוגתו
**לאה**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יואל שרגא פייבל**
**ראזענוואסער**
וזוגתו
**רבקה**
וילדיהם
**יוסף, משה, אלטר ישעי'**
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**מרדכי ישראל משה**
**ראזענפעלד**
וזוגתו
**רויזא רבקה**
וילדיהם
**יוסף אשר, חנה, יקותיאל**
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יהודה ארי' ראטה**
וזוגתו
**רחל**
ובנם
**יוסף**
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אלחנן חיים רוטה**
וזוגתו
**נחמה אסתר**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל
משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון בבני חיי
ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת
דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**שלמה רוטה**
וזוגתו
**פריידא הענדל גיטל**
וילדיהם
**נחמן נתן, מלכה**
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יצחק משה מתתיהו**
**רייך**
וזוגתו
**מלכה לאה**
וילדיהם
**פערל, אשר, אברהם, שפרה**
**ליבא, אסתר פריידא, אליעזר**
**שלמה, פראדל**
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אהרן שלמה שווארץ**
וזוגתו
**מרים ברכה**
וילדיהם
**אלכסנדר, שרה לאה**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יוחנן שור**
וזוגתו
**הינדא,**
וילדיהם
**משה, דוד, סימה, חוה ברכה,**
**דבורה רחל, יפה שיינדל,**
**בלומה, ברוך צבי**
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**מנחם שטיינבערג**
וזוגתו
**חי'**
וילדיהם
**אדל, אליעזר שלמה, יוטא,**
**שרה, יהושע**
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אברהם שטערן**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון.

לזכות הוריו וכל משפחתו,
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**מנחם זאב שטערן**

וזוגתו
**עטל**
וילדיהם
**מלכה, שמואל מרדכי, יכט,**
**חיים יושע, אסתר פראדל,**
**פייגא, חי' דבורה, שלמה אליהו**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אליעזר שטרויס**
וזוגתו
**מרים פראדל**
וילדיהם
**לאה, ישראל שמעון, יואל זאב**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**מנחם זאב שטרול**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מנחם מנדל
שימשאוויטש
וזוגתו
לטיפא אידל שרה
וילדיהם
ישעי', יוסף, פרומט, פיגא
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון.
לזכות רפואה שלימה בעבור
יואל משה יצחק בן רות נעמי

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

אליעזר שמן
וזוגתו
חנה פרומט
וילדיהם
יואל, צירל
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

אלעזר צבי שניצלער
וזוגתו
מלכה הינדא
וילדיהם
נחמן נתן, יואל, יוטא, בת שבע
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

יואל מנחם גרשון
שניצלער
וזוגתו
מלכה מאטל מינדל
וילדיהם
שרה גיטל, גאלדא
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.